STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05688

# DI NESHOME FUN DER RUSISHER REVOLUTSYE

Moissaye J. Olgin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. אָלגין.

# די נשמה פון דער רוסישער רעוואָלוציע

ערשטער באַנד.

פון ענגלישען איבערזעצט
פון מ. אשעראָוויטש.

מ. גורעוויטש'ס פערלאַג.
1921

Copyright 1921
By M. Gurewitch

# אינהאַלטס־פאַרצייכניס.

## ערשטער טייל.


זייטע

1טער קאַפּיטעל: אינדוסטריע — — — — — — — — — — — 7

2טער קאַפּיטעל: ארבייט — — — — — — — — — — — — 19

3טער קאַפּיטעל: די דאָרפישע רוסלאַנד — — — — — — — 39

4טער קאַפּיטעל: דער רעוואָלטירענדער פויער — — — — — — 56

5טער קאַפּיטעל: די „אינטעליגענציע" — — — — — — — — 67

6טער קאַפּיטעל: קאַפּיטאַל — אַבסאָלוטיזם אין דער טעאָריע — 84

7טער קאַפּיטעל: אַבסאָלוטיזם אין דער פּראַקטיק — — — — —


## צווייטער טייל.

### די גרויסע דראַמע אין 1905־06.


8טער קאַפּיטעל: דער פּראָלאָג — — — — — — — — — — 119

9טער קאַפּיטעל: אונטער'ן שאָטען פון דער מלחמה — — — — 132

10טער קאַפּיטעל: דער ערשטער אַקט: דער 9טער יאַנואַר — 144

11טער קאַפּיטעל: אַ כאָר פון אַ סך שטימען — — — — — — 160

12טער קאַפּיטעל: דער כאָר פון אַ סך שטימען (פאָרטזעצונג) — 171

13טער קאַפּיטעל: דער צווייטער אַקט: דער 17טער אָקטאָבער — 182

14טער קאַפּיטעל: דער באַזיגטער קעניג — — — — — — — 195

15טער קאַפּיטעל: דער דריטער אַקט: מאָסקווע אין פלאַמען — 211

16טער קאַפּיטעל: דער פיערטער אַקט: די גאָסודאַרסטווענע דומא 227

17טער קאַפּיטעל: דער פינפטער אַקט: די מהומה — — — — 240

18טער קאַפּיטעל: „איך בין דיין צאַר און דיין גאָט" — — — — 251

זייטע

19טער קאַפּיטעל: דריי פוהרלאַך מיט ריטער — — — — — — 267

20טער קאַפּיטעל: דער אַדמיניסטראַטאָר אונטער אַ האָגעל פון
קוילען — — — — — — — — — — — — — — — — 277

# די נשמה פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

## ערשטער קאַפּיטעל

# אינדוסטריע

אַריינפאָהרענדיג אין אַ גרויסער רוסישער שטאָדט מיט צוואַנ־ציג יאָהר צוריק, האָט אַ רייזענדער געדאַרפט אויפשטעלען מויל און אויערען און זיך חידוש'ען זעהענדיג פאַר זיך אַזוי פיעל זאַכען, וואָס פּאַסען זיך ניט איינס צום אַנדערן. ער האָט געקענט זעהן ווי גרויס־אַרטיגע מאָדערנע אַפּאַרטמענט הייזער שיינען אַרויס פון צווישען איינגעפאַלענע קליינע, נידעריגע שטיבעלעך, וואָס זיינען האַלב-פאַר־זונקען אין דער ערד. ער האָט אין אַ גאַנץ באַקוועמען עלעקטרישען טראַמוואַי געקענט פאָהרען איבער אומגעברוקירטע גאַסען, וואָס זיי־נען פול מיט שמוץ און בלאָטיגע לוזשעס. ער האָט אין די הויפּט־גאַסען געקענט באַגעגענען רייך־אויסגעפּוצטע דאַמען און הערען, אָנגעטאָן נאָך דער לעצטער פּאַריזשער מאָדע, זייט ביי זייט מיט באָרפוסע פּויערים, מענער און פרויען, וועלכע טראָגען זומער און ווינטער דיזעלבע שווערע פּעלצען. ער האָט געקענט איינשטעהן אין אַ גרויסאַרטיג שעהנעם האָטעל מיט די אַלע היינטיגע באַקוועמ־ליכקייטען, און אין דערזעלבער צייט געוואָהר ווערען, אַז אין שטאָדט איז קיין וואַסערלייטונג ניטאָ. ער האָט געקענט אויס־פיהרען צו קלאַפּען אַ טעלעגראַמע קיין פּאַריז אָדער לאָנדאָן, אָדער אַ דעפּעשע קיין סאַן־פראַנציסקאָ, און אין דערזעלבער צייט אָבער ניט געקענט אויספיהרען זיך צו שטעלען אין אַ פאַרבינדונג מיט אַ שטעדטעל, וואָס איז דוקא ניט ווייט פון דאַנען. וואָרום עס האָט געקענט פּאַסירען אַזאַ זאַך, אַז עס זאָל גראַדע ניט זיין קיין טע־לעגראַף־סטאַנציע און קיין פּאָסט־קאָנטאָר.

און ווען דער רייזענדער האָט זיך אַביסעל מעהר צוגעקוקט צו די דאָזיגע ווידערשפּרוכען, האָט ער געקענט זעהן, אַז זיי זיינען

זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם רוסישען לעבען בכלל. אז לעבען קליינע דערפלעך, צו וועלכע די ציוויליזאַציע האָט זיך נאָך אפילו ניט צוגעריהרט און וואו אלט־פרענקישע מנהגים האָבען ווי מיט א שפּינוועבס באַדעקט די מוחות פון מענשען, האָט מען געקענט זעהן געוואַלדיג גרויסע שטאָל־פאַבריקען, אָדער פּאַפּיר־זאַוואָדען אָדער באַוועל־ווערקשטאַטען. אייזענבאַהן־רעלסען האָבען זיך געצויגען איבער פעלדער און וועלדער, וואָס זיינען נאָך אלץ בעאַרבייט געוואָרען אויף דעם אלטען פאַרשימעלטען שטייגער. דער אָפּקלאַנג פון די ווייטע־ווייטע וועלטען האָט קוים געגרייכט די האַלב־ווילדע דאָרפישע פּויערים, צווישען וועלכע עס זיינען געווען גוטע אכציג פּראָצענט אַזעלכע, וואָס האָבען ניט געקענט לעזען און שרייבען.

דאָס איז געווען דאַן ווען רוסלאַנד האָט זיך גענומען ענדערען און באַקומען אַנ'אַנדער פּנים שנעל, האַסטיג, כמעט פיבעריש. א נייער מעכטיגער הערשער האָט זיך מיט אימפּעט א לאָז געטאָן איבער די ברייטע פעלדער פון דער מדינה, און ער האָט אויסגעטשובעט דאָס פאָלק פון די פוילע חלומות, געמאַכט א תל פון די אלטע, פאַרשימעלטע איינפיהרונגען, און געשאַפען א שפּאָגעל נייע לעבען אין שטילע, פאַרוואָרפענע ווינקלעך — א לעבען, וואָס האָט געמאַכט א גערודער, צוגעגעבען מוט און ווי מיט א מאַגנעט געצויגען צו זיך. דאָס איז געווען דער גייסט פון קאַפּיטאַליזם. דאָס איז געווען די נייע אינדוסטריעלע ענטוויקלונג, וועלכע האָט אויף זיך גענומען די עובדא צוצובערעכען די ווענט צווישען רוסלאַנד און דער מערב וועלט און פּטור ווערען פון די אלטע געטשקעס.

דער הויפּט פּונקט פון געזעלשאַפטליכער וויכטיגקייט האָט זיך פון דער דאָרפישער רוסלאַנד פאַרקליבען אין די שטעדט, פון די פּאַלאַצען פון די געבילדעטע פּריצים — אין די אינדוסטריעלע צענטערען. די שטאָדטישע באַפעלקערונג האָט האַסטיג גענומען וואַקסען, ספּעציעל אין מערב און אין דרום. די שטאָדט יעקאַטערינאָסלאַוו האָט אין 1867 געהאַט א באַפעלקערונג פון 19,908 נפשות; מיט דרייסיג יאָהר שפּעטער איז שוין די באַפעלקערונג באַשטאַנען פון 121,216 נפשות. אין 1867 איז די באַפעלקערונג

פון לאָדז באַשטאַנען פון 32,437 נפשות; אין 1897 איז שוין די באַפעלקערונג געווען פון 315,209 נפשות, דאָס הייסט, אַ צו־וואוקס פון 872 פּראָצענט. באַקו האָט אין 1867 געהאַט 13,992 איינוואוינער; אין 1897 האָט די צאָהל אַ שפּרונג געטאָן ביז 112,253 איינוואוינער. איניגע שטעדט זיינען געוואַקסען אויף אַן עכט אַמעריקאַנער שטייגער. איוואַנאָווא-וואָזנעסענסק איז אין 1876 געווען אַ קליין שטעדטעל מיט אַ באַפעלקערונג פון 1,350 נפשות; און נאָכדעם ווי זי איז געוואָרען אַ צענטר פון דער וועב־אינדוסטריע, האָט זי אין 1897 שוין געצעהלט אַ באַפעלקערונג פון 53,949 נפשות, דאָס הייסט, אַ צו־וואוקס פון איבער 3,896 פּראָ־צענט. אין 1867 זיינען בלויז געווען צוועלף שטעדט, וואו די באַפעלקערונג האָט זיך געצעהלט פון 50,000 ביז 100,000 נפשות; און אין 1897 זיינען שוין געווען זיבען און דרייסיג אַזוינע שטעדט; די באַפעלקערונג פון די דאָזיגע שטעדט האָט זיך צעוואַקסען פון 839,000 נפשות ביז 2,401,000 נפשות.

די דאָרפישע רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבען איבערפּעקלען פון די דערפלעך אין דער גרויסער שטאָדט, ווייל דאָ האָט מען געהאַט מעהר געלעגענהייט צו פאַרדינען. די אינדוסטריע און דער האַנדעל זיינען געוואַקסען ווי אויף הייוועז. „די אינדוסט־ריעלער גייסט האָט אריינגעדרונגען אין אַלע קלאַסען פון דער באַ־פעלקערונג אין דרום רוסלאַנד", ווערט געזאָגט אין'ם אָפיציעלען „פינאַנץ קוריער" אין 1897. אַלע אַנדערע אינטערעסען זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרען אין דער צווייטער שורה. דער וואוקס פון דער אינדוסטריע מערקט זיך, ניט אין אַ משך פון צעהנדליגער יאָהרען, נאָר אין אַ משך פון צוויי—דריי יאָהר. אין די לעצטע צוויי יאָהר האָט זיך דאָס געשטאַלט פון דרום רוסלאַנד אינגאַנצען געביטען".

אייזען און שטאָל זיינען דער יסוד פון'ם אינדוסטריעלען סיסטעם אויף דער גאַנצער וועלט. דער וואוקס פון דער אינדו־סטריע פון אייזען און שטאָל אין רוסלאַנד, באַווייזט די ריזיגע ענטוויקלונג פון'ם גאַנצען אינדוסטריעלען בנין. צווישען 1850

און 1877 האָט מען ארויסגעגעבען 6,500 טאָן אייזען יעדען יאָהר; צווישען 1887 און 1897 האָט מען שוין אין דורכשניט ארויסגע־געבען 125,000 טאָן אייזען א יאָהר. דעם שנעלען וואוקס פון דער שטאָל און אייזען אינדוסטריע צווישען 1887 און 1897 קען מען זעהן פון פאָלגענדער טאַבעלע:

## דער סך הכל פון דער פראָדוקציע פון שטאָל און אייזען אין רוסלאַד

| יאָה־רען | געגאָסענע אייזען: טאָן | געגאָסענע אייזען: די ווערט אין רובעלס | אייזען: טאָן | אייזען: די ווערט אין רובעלס | שטאָל (אין פראָדוקטען): טאָן | שטאָל (אין פראָדוקטען): די ווערט אין רובעלס |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 1887 | 594,000 | 25,405,000 | 362,000 | 35,338,000 | 157,000 | 22,094,000 |
| 1897 | 1,848,000 | 77,731,000 | 499,000 | 50,033,000 | 920,000 | 125,942,000 |
| 1898 | 2,199,000 | 93,969,000 | 488,000 | 48 930,900 | 1,145,000 | 156,742,000 |

די ווערטה פון דעם שמעלץ־אייזען, וואָס איז פראָדוצירט גע־וואָרען אין 1898 איז געווען כמעט 3.75 מאָל גרעסער ווי די ווערטה וואָס מען האָט ארויסגעגעבען אין 1887. די ווערטה פון שטאָל פראָדוקטען, וואָס מען האָט געמאַכט אין רוסלאַנד האָט גע־וואַקסען אויף מעהר ווי זיעבען מאָל אזוי פיעל. אין׳ם משך פון די יאָהרען האָט דער בוי פון מאַשינען געמאַכט א גאַנץ באַדייטענדען פאָרטשריט. מען האָט אין רוסלאַנד אָנגעהויבען מאַכען דאַמפף־קעסלען, דאַמפף־מאַשינען, וואַסער־רעדער, קעראָסין־מאָ־טאָרס, וועב־שטולען, בראַנפען־ברויזען (גראַלניעס) און ביער־ברוי־זען. די קאָנסטרוקציע פון דינאַמאָ־עלעקטרישע מאַשינען, עלעקט־רישע מאָטאָרס און טעלעגראַפישע מאַשינען האָט זיך אויך גאַנץ שנעל ענטוויקעלט.

די הויפט קונים פון אייזען און שטאָל־פראָדוקטען זיינען גע־ווען די אייזענבאַהנען. קיין זאַך שטרייכט אזוי ניט אונטער דעם איבערגאַנג פון׳ם אַלטען „נאַטירליכען שטייגער" צו דער נייער צייט פון גרויסע אונטערנעמונגען און געוואַלדיגע ענדערונגען ווי

דאָס בויען פון אייזענבאהנען. אין יענע צייטען האָט גאָר קיין רעדע ניט געקענט זיין וועגען אַן אייזענבאהן-סיסטעם, אָדער וועגען אַן אייזענבאַהן־נעץ אין רוסלאַנד. בלויז דאָ און דאָרט האָבען זיך געצויגען געצעהלטע רעלסען און אויף זיי האָבען זיך פּאַמעלאַך געשלעפּט וואַגאָנטשיקלעך, וואָס זיינען געפאָהרען אין עפּעס אַזעלכע פאַרשלאָפענע, פאַרוואָרפענע ווינקלען, וואָן קיינער האָט זיך ניט געאיילט, און וואו מען האָט געגלויבט אין דעם ווערטעל, אַז „אַרבייט איז ניט קיין וואָלף און וועט אין וואַלד אריין ניט אַנטלויפען". אָבער וואָס אמאָל האָבען זיך די רעלסען גענומען פאַרשפּרייטען אַלץ ווייטער און ווייטער, מיט אַ באַזונדער מין עקשנות האָבען זיי זיך איבער פעלדער און וועלדער אויסגעקרייצט. באַזונדערס גרויס איז געוואָרען דאָס מזל ברכה אויף אייזענבאַהנען אינ'ם לעצטען צעהנדליג פונ'ם נייןצעהנטען יאָהרהונדערט.

## נייע ליניעס אויסגעבויט אין רוסלאַנד 1901—1892

| | |
|---|---|
| 1892 | 453 |
| 1893 | 1,584 |
| 1894 | 1,825 |
| 1895 | 1,886 |
| 1896 | 2,801 |
| 1897 | 1,937 |
| 1898 | 2,892 |
| 1899 | 4,914 |
| 1900 | 2,756 |
| 1901 | 3,338 |

דער שטח פון די רוסישע אייזענבאַהן-ליניען איז פאַרדאָפּעלט געוואָרען צווישען 1890 און 1897. די צאָהל פון לאָקאָמאָטיוועז, פּאַסאַזשיר און פראַכט וואַגאָנען איז פאַרגרעסערט געוואָרען. אויך דער פאַרקעהר אויפ'ן וואַסער האָט זיך געהאַלטען אין איין ענטוויקלען. צווישען 1890 און 1895 האָט מען אויסגעבויט 715 דאַמפּף־שיפען פאַר די טייכען און אָזערעס; צווישען 1896 און 1899 האָט מען אויסגעבויט 631 דאַמפּף־שיפען. און „דאָס, צו-

זאַמען מיט דער שנעלער קאָנסטרוקציע פון דער פלאָטע, האָט גע־שאַפען אַ גרויסע נאָכפראַגע אויף פּראָדוקטען פון דער אייזען־אינדוסטריע, און די דאָזיגע נאָכפראַגע האָט זיך אָפּגערופען אויף די שאַכטען, וואו מען גראָבט אייזען־הרודעס און קויהלען. צו די אַלטע מאַשינען און אינסטרומענטען, צו די אַלטע שמעלץ־אויוונס האָט מען אָנגעהויבען צו בויען נייע. דער געהילץ־האַנדעל, די פּראָדוקציאָן פון ציגעל, צעמענט, גלאָז האָט זיך שנעל ענטוויקעלט. חוץ דעם האָט האַסטיג אַ וואַקס געטאָן די אויל־אינדוסטריע און דערגרייכט אַזאַ שטופע, אַז זי האָט שוין געקענט פאַרזאָרגען מיט אויל ניט נאָר דעם מאַרק אין לאַנד גופא, נאָר אויך אין אויסלאַנד, און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די בוי־אינדוסטריע זאָל ווערען גרעסער. מען האָט זיך אַ נעם געטאָן מאַכען אויל־קוואַלען, אויל־פאַבריקען; אויפ'ן קאַספּישען ים האָט מען אויסגעבויט אַ גאַנץ היבשע פלאָטע פון אויל־פיהרער; אויך אויף דער וואָלגאַ האָבען זיך גענומען ווייזען די אויל־שיפלאַך. די מעכאַנישע און כעמישע מאַשינען, וואָס זיינען געווען נויטיג פאַר דער אויל־אינדוסטריע, האָט מען פאַרגרעסערט אָדער אויף ס'ניי איבערגעבויט. איבער דעם וואָס אין די גרויסע שטעדט, באַזונדערס אין דעם דרום טייל פון רוסלאַנד, זיינען צוגעקומען אַזוי פיעל מענשען, האָט מען גע־מוזט אויסבויען אַ סך נייע הייזער און איבערבויען די אַלטע; מען האָט אויסגעבויט טראַמוואַיען, מען האָט איינגעפיהרט טעלע־פאָנען און עלעקטרישע באַלייכטונג, מען האָט אויך איינגעפיהרט אַ וואַסערלייטונג. איבער דעם וואָס מען האָט זיך מיט אַזאַ אימ־פּעט אַ נעם געטאָן בויען, האָט זיך די ענטוויקלונג פון די פּראָדוק־ציאָנס־מיטלען אויך אַ יאָג געטאָן שנעל. און אין דערזעלבער צייט האָט די פּראָדוקציאָן פון סחורה אויך געמאַכט אַ גאַנץ באַ־דייטענדען פאָרטשריט".*)

דער „שוואַרצער דימענט" האָט זיך אין זיין זיעג־וועגעלע אַ

*) אַ. פינן־יענאָטאַיעווסקי, „דאָס עקאָנאָמישע לעבען פון דער מאָדערנער רוסלאַנד", זייטען 49—50.

לאַז געטאָן איבער א לאַנד, וואָס איז אויף מיילען און מיילען באַדעקט מיט וועלדער. דאָ האָט איהר איינינע ציפערען, וואָס באַווייזען ווי שנעל עס האָט זיך ענטוויקעלט דער אריבערפיהר פון קויהלען.

## וויפיעל קויהלען מען האָט אין רוסלאַנד אַרויסגעגעבען.

| יאָהרען | טאָן | די ווערט אין רובעלס |
|---|---|---|
| 1887 . . . | 4,534,000 | 13,839,000 |
| 1897 . . . | 11,203,000 | 38,945,000 |
| 1898 . . . | 12,219,000 | 44,760,000 |

דער דורכשניטליכער צו־וואוקס אין דער קויהלען־פּראָדוקציאָן צווישען 1855 און 1877 איז געווען אַן ערך 74,00 טאָן; צווישען 1887 און 1897 איז שוין דער צו־וואוקס געווען 667,000 טאָן. אָבער עס איז אַלץ געווען ווענינ, די נאָכפראגע אויף קויהלען איז געווען א סך גרעסער, און מען האָט געמוזט אָנהויבען באַציהען קויהלען פון אַנדערע לענדער. אין 1887 האָט מען קיין רוסלאַנד אימפּאָרטירט 1,638,000 טאָן קויהלען, אין 1897 האָט מען קיין רוסלאַנד אריינגעפיהרט 2,719,000 טאָן קויהלען, און דאָס איז געווען עטוואָס ווענינער ווי 25 פּראָצענט פון די קויהלען, וואָס מען האָט ארויסגעקראָגען אין רוסלאנד גופא.

א עהנליכע ענטוויקלונג איז פאָרגעקומען אין דער אויל־אינדוסטריע.

## אויל וואָס רוסלאנד האָט אַרויסגעגעבען.

| יאָהרען | טאָן | די ווערט אין רובעלס |
|---|---|---|
| 1887 . . . | 2,733,000 | 5,006,000 |
| 1897 . . . | 7,831,000 | 36,558,000 |
| 1898 . . . | 8,304,000 | 49,686,000 |

אויך אין דער וועב־אינדוסטריע געפינען מיר א גאַנץ באַדייטענדען פאָרטשריט, ספּעציעל אין דער פּראָדוקציאָן פון באַוועל־

שטאָף. צווישען 1887 און 1897 האָט זיך די פּראָדוקציאָן פון באוועל־שטאָף אין רוסלאנד א הויב געטאָן פון 231.7 מיליאָן רובעל ביז 430.2 מיליאָן רובעל. און ניט נאָר אין דער קוואליטעט (איכות) איז די ענטוויקלונג פאָרגעקומען, נאָר אויך אין דער קוואנטיטעט (כמות). די רוסישע שפּין-פאבריקען זיינען שוין אזוי גוט איינגעאָרדענט, אז זיי קענען אָרויסגעבען גאַנץ פיינע פעדים אין באוועל און מיט ערפאָלג אָנפיהרען א קאָנקורענץ מיט די ענג־לישע פאבריקאנטען. רוסלאנד האָט שוין זאָגאר אָנגעהויבען עקס־פּאָרטירען באוועל־שטאָף פאר איהרע אזיאטישע שכנים. אָבער דער הויפּט מארק פאר דעם מין סחורה איז דאָס רוסישע דאָרף, וואו דער פויער בייט גערן אוים זיין קאָלירטע רויהע וואָל און לייוונט פאר ביליגער „באיקע“ (אזא באוועל שטאָף, וואָס איז גלאט ווי סאמעט) און פאר ציץ.

ווען מיר באטראכטען גוט אלע צווייגען פון דער רוסישער אינדוסטריע קענען מיר זיך שאפען א מיינונג וועגען די געוואלדיג־גרויסע ענדערונגען, וואָס זיינען אין איהר פאָרגעקומען אין סוף פון׳ם נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט. אין 1887 איז די פּראָדוקציאָן פון דער רוסישער אינדוסטריע און מינען־ארבייטען צוגעפיהרט געוואָרען צו א סך הכל פון 1.3 ביליאָן רובעל; אין 1897 איז שוין דער סך הכל געווען 2.8 ביליאָן רובעל. דער דורכשניטליכער יעהרליכער צו־וואוקס צווישען 1887 און 1890 איז געווען 56 מי־ליאָן, צווישען 1893 און 1897 איז שוין דער דורכשניטליכער יעהרליכער צו־וואוקס געווען 276 מיליאָן רובעל. אין פארגלייך מיט ענגלאנד אָדער אמעריקא קען דאָס אויסקומען ניט אזוי גרויס. אָבער פאר רוסלאנד איז דאָס געווען א ריעזיג גרויסער שפּאָן פאָר־אויס. דאָס זיינען געווען רעוואָלוציאָנערע צייטען אין׳ם רוסישען עקאָנאָמישען לעבען. אין אנדערע לענדער האָט דאַן געשטראָמט א כוואליע פון ענערגיע, און דער גייסט פון געוואגטע אונטערנע־מונגען האָט קיין מינוט ניט גערוהט. פון אלע זייטען, פון דייטש־לאנד, בעלגיען און אנדערע לענדער האָט זיך דער קאפּיטאל א לאָז געטאָן אין איילענים אפּצולעקען א ביינדעל. אין דער אינדוסטריע

פון מעטאַל־שמעלצונג איז געווען אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך צו מאַכען הונדערט פּראָצענט ריוח. אַקציען־געזעלשאַפטען האָבען גאַנץ אָפט געצאָהלט אַזוי גרויס ווי 70 פּראָצענט אין דיווידענדס. אונטערנעמער־ספּעקולאַנטען האָבען ווי די ביהגען געאַרבייט אַרומעדום, פון דער צפון־פאַרכמורעטער פּעטערבורג ביז דער הייסער זון־געקושטער אָדעס. די ענטוויקלונג פון דער דאָזיגער אונטערנעמונגס־פאָרמע קען מען זעהן פון דער טאַבעלע, וואָס מיר גיבען דאָ.

## אַקציען־געזעלשאַפטען אין רוסלאַנד.

| יאָהרען | די צאָהל פון נייע געזעלשאַפטען | קאַפּיטאַל אַקציעס (אין מיליאָן רובעלס) |
|---|---|---|
| 1893 . . . . . | 55 | 56.6 |
| 1894 . . . . . | 64 | 57.6 |
| 1895 . . . . . | 78 | 77.6 |
| 1896 . . . . . | 127 | 180.7 |
| 1897 . . . . . | 136 | 187.5 |
| 1898 . . . . . | 204 | 236.1 |
| 1899 . . . . . | 305 | 341.4 |

די צאָהל פון אַקציען־געזעלשאַפטען, איינגעשלאָסען די אייזענבאַהנען, איז אין 1900 געווען 1,700, און אַלע צוזאַמען האָבען פאַרמאָגט אַ קאַפּיטאַל פון 2.1 ביליאָן רובעל; פון די דאָזיגע קאָמפּאַניעס האָבען זיך 1,450 אָפּגעגעבען מיט אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און 250 מיט האַנדעל, באַנק־געשעפטען, פאַרזיכערונג (אינשורענס) און טראַנספּאָרטאַציע.

און איצט, לאָמיר איבערגייסען אונזער איבערבליק אויף די עקאָנאָמישע ענטוויקלונגען — אַן איבערבליק, וואָס איז אָנגעוואָרפען געוואָרען אין קורצע שטריכען און ניט פאָלשטענדיג — און זיך אליין שטעלען די פראַגע, וואָס אָט דאָס אַלעס האָט געמיינט פאַר דעם סאָציאַלען בנין פון׳ם רוסישען פאָלק. „אינדוסטריע“, „מינען־אַרבייטען“, „האַנדעל“, „באַנק־געשעפטען“, — דאָס

זיינען דאָך ניט בלויז אַבסטראַקטע באַגריפען. דאָס זיינען דאָך ניט קיין הימעל־זאַכען. מענשען זיינען דאָך אין זיי פאַרטאָן. אָט די אַלע אויסגערעכענטע זאַכען שאַפען באַציהונגען צווישען מענש און מענש. זיי האָבען אַ ווירקונג אויפ׳ן כאַראַקטער פון אַ מענשען און אויף זיינע אידעען. זיי זיינען די כוחות, וואָס גיבען דער געזעלשאַפט אַ געוויסען געשטאַלט.

דער וואוקס פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד האָט געמוזט ברענגען דערצו, אַז עס זאָלען אויסוואַקסען נייע סאָציאַלע גרופּען. דער מאָדערנער גרויסער געשעפטסמאַן, דער היינט־וועלטיגער באַנקיר, דער גרויסער ספּעקולאַנט־אונטערנעהמער, דער אייזענבאַהן מאַגנאַט האָט אָנגעהויבען שפּיעלען גאָר אַ וואַזשנע ראָלע אינ׳ם רוסישען לעבען. אין די פאַבריקען און זאַוואָדען האָט מען געדאַרפט האָבען אינזשעניערען, מעכאַניקער, פאַרוואַלטער, בוכהאַלטערס און נאָך און אָהן אַ שיעור פּראָפעסיאָנעלע מענשען, וועלכע האָבען זיך געפונען לרוב אין די שטעדט. אין דער קאָמעריץ האָט זיך דער נייער געשעפטסמאַן, וועלכער איז פעהיג אין האַנדעלס־מעטאָדען, זוכענדיג גרויסע מאַרקען, גאַנץ פעסט איינגעפונדעוועט. אָט די אַלע גרופּען האָבען שוין אויפ׳ן לעבען מיט גאָר אַנדערע אויגען געקוקט, זיי זיינען שוין געווען פון אַן אַנדער גייסט באַהערשט, זיי האָבען זיך פאַרלאָזט אויף זייערע אייגענע כחות און זיך געהאַלטען מיט אַזאַ זעלבסט־ווירדע, וואָס די געשעפטסלייט פון די אַלטע צייטען האָבען גאָר קיין אַהנונג ניט געהאַט. דער אַמאָליגער סוחר אָדער פאַבריקאַנט איז זיך געווען אַ גאַנץ באַשיידען מענשעל. ער האָט ביי זיך גע׳פועל׳ט, אַז דער גרויסער פּריץ און דער טשינאָווניק דאַרפען שטעהן העכער פון איהם. גאָר אַנדערש אָבער איז דער היינטוועלטיגער קאַפּיטאַליסט, וואָס פיהרט די גרויסע געשעפטען; ער איז שוין דוקא ניט קיין באַשיידען מענשעל, און עס איז ביי איהם גאָר קיין ספק ניט, אַז ער איז די זאַלץ פון דער ערד, דאָס אויבערשטע פונ׳ם שטויסעל. דער קלאַסען־באַוואוסטזיין הויבט אָן פאַראייניגען די יחידים פון די פאַרשידענע קאַפּיטאַליסטישע

גרופּען. ביי׳ם היינטוועלטיגען געשעפטסמאַן איז דער רייכער פּאַמעשטשיק שוין ניט אַזאַ גרויסער פּריץ, און ער איז ביי זיך פּונקט אַזאַ יחסן ווי יענער. דער שיין פון מיליאָנען איז אין זיינע אויגען אַ סך חשוב׳ער פון דעם גלאַנץ פון אַן אַלטען טיטול. די אַדמיניסטראַטיווע מאַשין איז ביי איהם ניט קיין סוף אַן און פאַר זיך, נור בלויז אַ מיטעל אויף אָנצוהאַלטען דאָס געזעץ און די אָרדנונג, כדי דאָס עקאָנאָמישע לעבען זאָל זיך קענען ענט־וויקלען. דער היינטיגער געשעפטסמאַן איז זאָגאַר גענויגט צו דענקען, אַז ע ר איז די הויפּט פיגור אין לעבען, אַז אויף איהם שטעהט די וועלט. ער זאַמעלט אָן עשירות; ער שאַפט מעגליכ־קייטען פאַר מיליאָנען; ער דערהויבט אַ לאַנד צו דער העכסטער מדרגה צווישען פעלקער. איהם דאַרף מען העלפען, איהם קומט כבוד, איהם קומט אַלעס.

דורך די נייע סאָציאַלע גרופּען האָט רוסלאַנד אויפגעהערט צו זיין פּראָווינציעל. וואָרים דער גרויסער געשעפטסמאַן איז אַ וועלטסמענש, און ער קוקט שוין אויף דער וועלט מיט גאָר אַנדערע אויגען. דער באַראָמעטער פון דער בערזע אין פּעטערבורג אָדער מאָסקווא לאָזט זיך גאַנץ שטאַרק פיהלען אין קאַווקאַז, אין קרים און אויף די אוראַלער בערג. די פּאָליטישע שטרייט־פראַגען, איננ־לענדישע און אינטערנאַציאָנאַלע, וואָס פאַראורזאַכען אַ וואַקלעניש אין דעם באַראָמעטער פון דער בערזע, זיינען איהם שטאַרק נוגע. דער געשעפטסמאַן באַטראַכט דאָס גאַנצע לאַנד אַלס זיין מאַרק, אַלס אַ פאַרמעגען, וואָס געהערט אָדער וועט געהערען צו איהם. אין דעם איבערשטייגט ער דעם לאַנדבאַזיצער, וואָס איז נויט־װענדיגערווייזע צוגעבונדען צו איין פּלאַץ און וועמעס האָריזאָנט איז באַגרעניצט.

עס האָט געמוזט קומען דערצו, אַז דער אינדוסטריעלער קלאַס זאָל פריהער אָדער שפּעטער קומען אין אַ צוזאַמענשטויס מיט דער אַלטער פּאָליטישער אָרדנונג. די אינדוסטריע האָט זיך צו־וואַקסען, זיך פאַרשפּרייט. די אינדוסטריע האָט געמוזט האָבען „פּלאַץ, פּלאַץ זיך אויסצוקירעווען, צו אָטהעמען און זיין פריי.”

און אונטער׳ן אַלטען רעזשים האָט זי אַזאַ פּלאַץ ניט געקענט האָ־בען. די אינדוסטריע האָט געוואָלט, אַז די געשעפטען זאָלען געהן גלאַט, און די שטרענגע ביוראָקראַטישע מאַשין האָט דערצו קיין מעגליכקייט ניט געגעבען.

און דאָס איז איינע פון די אורזאַכען פון דער גרויסער רע־וואָלוציע.

## צווייטער קאַפּיטעל

# אַרבייט.

אין די פאַלבען פון דער נייער עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע האָט געגומען אויסוואַקסען א נייער קלאַס, וואָס האָט זיך ביסלעכ־ווייז אָנגעהויבען פאַרשפּרייטען אַלץ ווייטער און ווייטער; און פּונקט ווי נאָך א מענשען געהט נאָך א שאָטען, אזוי האָבען זיך נאָך דעם דאָזיגען קלאַס נאָכגעשלעפּט בונטען און סאָציאַלע אומ־רוהען. דאָס איז געווען דער קלאַס פון אינדוסטריעלע אַרבייטער. אין די פריהערדיגע צעהנדליג־יאָהרען איז דער פאַבריק אַרבייטער אין רוסלאַנד געווען א האַלבער לוין־אַרבייטער און א האַלבער זעלבסטשטענדיגער פּויער, וואָס איז צוגעבונדען צו זיין שטיקעל נחלה און צום דאָרף, וואו זיינע עלטערען זיינען געבאָרען. אין דער נייער צייט אָבער האָט מען שוין געקענט זעהן ווי א סך פּויערים זיינען אינגאַנצען אָפּגעריסען געוואָרען פון דער ערד, וואוינענדיג אין די שטעדט, וואו זיי האָבען זייער חיונה געצויגען בלויז פון אינדוסטריעלער אַרבייט. אייניגע פון זיי האָבען נאָך אפילו אַלץ געהאַט די געוואוינהייט צו פאַרלאָזען די פאַבריקען ווען דער זומער קומט און געהן אין דאָרף אריין אַרבייטען אויף די פעלדער. אָבער דאָס האָט פּשוט געהייסען אויסבייטען איין סאָרט געדונגענע אַרבייט אויף אַן אַנדער סאָרט. אין עיקר האָ־בען די אַרבייטער זיך אַליין באַטראַכט אַלס שטאָדט־מענשען, זיי האָבען שנעל איבערגענומען די שטאָדטישע מנהגים און נאָר גע־פיהלט א מין פאַראַכטונג צו'ם „סיערי מוזשיק״.

לויט דעם צענזוס פון 1897 זיינען 3,000,000 אַרבייטער געווען באַשעפטיגט אין אינדוסטריע, מינען־אַרבייטען און טראַנס־פּאָרטאַציע. מיט א פּאָר יאָהר שפּעטער איז שוין די צאָהל געווען

א סך גרעסער. די קאָנצענטראַציע פון ארבייט אין דער אינ־דוסטריע איז אָנגעגאנגען זעהר שנעל. אין 1890 זיינען אין רוס־לאנד געווען ניט מעהר ווי 108 פאבריקען, וואו עס האָבען, אין יעדער איינער פון זיי, געארבייט 1,000 ארבייטער אָדער מעהר, מיט א סך הכל פון 226,200 ארבייטער. ריעזיגע זאוואָדען, וואו עס זיינען באשעפטיגט 10,000 ארבייטער זיינען שוין אין רוס־לאנד איצט קיין זעלטענהייט ניט. פון דעם שניט זיינען געווען די יוזאָווער און פאסטוכאָוו'ס שטאָהל־זאוואָדען און אנדערע אין דעם דאָנעצער ראַיאָן, און אייניגע וועב מאנופאקטורען. אין 1879 איז געווען בלויז איין וועב־מאנופעקטור, וואו עס זיינען געווען באשעפטיגט איבער 5,000 ארבייטער; אין 1894 זיינען שוין געווען 8 אזעלכע מאנופאקטורען.

אין פעטערבורג, מאָסקווא, יעקאטערינאָסלאוו, איוואנאָוואָ־וואָזנעסענסק, לאָדז איז דער נייער טיפּ ספעציאליזירטער ארביי־טער געוואָרען א וויכטיגע טייל פון דער שטאָדטישער באפעל־קערונג. ער האָט שוין געדארפט האָבען א סך מעהר פאר דעם פרימיטיווען פויער, זיינע באדירפניסע זיינען שוין געווען גרעסער. זיינע אנשויאונגען זיינען שטארק בעאיינפלוסט געוואָרען פון דעם גייסט, וואָס האָט אין דער גרויסער שטאָדט געהערשט. ער האָט שוין געהאט גרעסערע השגות און געוואָלט לעבען שעהנער. ער האָט שוין פארמאָגט אזא זאך ווי זעלבסטווירדע — און דאָס איז אפשר געווען דער וויכטיגסטער פארמעגען זיינער. ער האָט שוין געקענט לעזען און שרייבען — און אויב ער האָט דאָס נאָך ניט געקענט, האָט ער זיך געלערענט צו קענען. ער האָט געהאט א פארלאנג זיך אָנצוטאָן שעהנער און אויסקוקען „לייטיש". ער האָט געהאט דעם וואונש צו פארברענגען זיין פרייע צייט אין א ריינער און געזונטער סביבה. אָבער אָט די אלע השגות און פארלאנגען זיינען געווען פונקט דער היפוך פון די באדינגונגען, אין וועלכע ער האָט געארבייט, און די שכירות, וואָס ער האָט פאר זיין שווע־רער ארבייט געקראָגען, איז פשוט געווען א חוזק פון זיינע טרוימען וועגען א בכבוד'ען לעבען.

אין דעם יאָהר 1900—1901 האָבען פאַבריק אינספעקטאָרס געזאַמעלט פאַקטען וועגען דעם לעבען פון 1,275,102 אַרבייטער, וועלכע זיינען געווען אָנגעשטעלט אין 12,702 אינדוסטריעלע פאַבריקען, און אין די גאַנגעזאַמעלטע פאַקטען ווערט באַוויעזען, אַז אין דורכשניט האָט יעדער דערוואַקסענער מאַן־אַרבייטער פאַרדיענט ניט מעהר ווי 242 רובעל אַ יאָהר, אָדער 20 רובעל אַ חודש, — קוים $2.50 אַ וואָך. די דאָזיגע געזאַמעלטע פאַקטען ווייזען, אַז אפילו די אַריסטאָקראַטיע פונ׳ם אַרבייטער־קלאַס, די מעטאַל אַרבייטער און די מאַשיניסטען האָבען געקראָגען ניט מעהר ווי 342 רובעל אַ יאָהר, אָדער $3.30 אַ וואָך, און אַן ערך 600,000 אַרבייטער אין דער וועב־אינדוסטריע קריגען פון 140 ביז 180 רובעל אַ יאָהר, אָדער פון $1.35 ביז $1.73 אַ וואָך. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס, עס איז פאַראַן נאָך ערגערס. אינ׳ם באַריכט פון די פאַבריק־אינספעקטאָרס ווערט דערצעהלט, אַז מיידלאַך אַרבייטען אין גילזען־פאַבריקען פאַר 2 און 4 רובעל אַ חודש, אָדער אין טאַבאַק־פאַבריקען פאַר 2 רובעל מיט 5 קאָפּיקעס אַ חודש. לויט דעם דאָזיגען באַריכט זיינען די שכירות פון אַ פּאַפּיראָסניק קיינמאָל ניט געווען גרעסער ווי 9 רובעל אַ חודש, אָדער $1.10 אַ וואָך.

דאָס איז געווען דער עקאָנאָמישער פונדאַמענט פון דעם אַרבייטער׳ס לעבען. און ווען מיר וואַרפען אַ בליק אויף זיין געזעצליכער לאַגע, זעהען מיר, אַז זי איז אויך זעהר אַ שלימע. קאָלעקטיווע פאַרהאַנדלונגען זיינען לויט׳ן געזעץ געווען פאַרבאָטען. סטרייקען האָט מען ניט געטאָרט, דאָס איז געווען אַ פאַרברעכען. פאַר אַנטייל נעמען אין אַ סטרייק האָט מען געקענט באַשטראָפט ווערען מיט צוויי אָדער פיער חדשים טורמע; פאַר אָנפיהרען אַן אַגיטאַציע פאַר אַ סטרייק האָט מען געקענט אַריינכאַפּען פון פיער ביז אַכט חדשים טורמע. אויב אַן אַרבייטער האָט געבראָכען אַ קאָנטראַקט, האָט מען איהם דערפאַר געקענט אַריינזעצען אויף אַ חודש אין טורמע, בעת ווען אַ בעל הבית האָט געבראָכען אַ קאָנטראַקט מיט אַן אַרבייטער, איז ער אָפּגעקומען מיט אַ קליינער

געלדשטראַף. דאָס געזעץ פונ'ם 2טען יוני, 1897, האָט דעם אַר־בייטס־טאָג פאַר דערוואַקסענע מענער־ארבייטער באַשרענקט אויף 11 און א האַלב שטונדען, אָבער עס איז געווען ערלויבט צו אַר־בייטען עקסטרא נאָך דער באַשטימטער צייט. דאָס געזעץ איז ניט געווען פעסט געגוג, און דער ארבייטס־טאָג איז געווען צוועלף שטונדען, אויב ניט מעהר. די אָנגעשטעלטע האָבען אפילו געהאַט דאָס רעכט צו ברענגען קלאַגעס פאַר די פאַבריק־אינספעקטאָרס. אָבער די קלאַגעס האָבען קיין ווערט ניט געהאַט, מחמת די אינ־ספעקטאָרס אליין זיינען דאָך געווען טשינאָווניקעס, וועלכע קימע־רען זיך ווענינ וואָס פאַר די ארבייטער, און די ארבייטער האָבען זיך ניט געקענט העלפען, ווייל זיי האָבען ניט געהאַט קיין פאַר־טרעטענדע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל פעסט באַשטעהן אויף זייערע פאָדערונגען. און חוץ דעם איז גלאַט געווען ריזיקאַליש פאַר אַן ארבייטער צו ברענגען א קלאַגע, וואָרים אַזוי שנעל ווי ער האָט געבראַכט א קלאַגע, האָט מען איהם אָפּגעזאָגט פון דער ארבייט, און אַבי מען האָט איהם אָפּגעזאָגט איבער אַזאַ חטא, האָט ער שוין געהאַט ווענינ האָפנונג צו געפינען ארבייט ערגיץ אַנדערש.

דאָס לעבען אין די פאַבריקען איז געווען שרעקליך. די סאַ־ניטאַרע באַדינגונגען זיינען, מילד גערעדט, געווען זעהר צרה'דיגע. לויט'ן געזעץ האָט דער בעל הבית דעם ארבייטער געמוזט פאַר־זאָרגען מיט מעדיצינישער הילף, און דאָס איז געווען זעהר וויכטיג אין די פאַבריקען, וואָס זיינען געשטאַנען ווייט פון שטאָדט. אָבער דער באַריכט פון 1899 באַווייזט, אַז פון 19,292 פאַבריקען, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער'ן קאָנטראָל פון פאַבריק אינספעקציע, האָבען 15,804 פאַבריקען קיין מעדיצינישע הילף לחלוטין ניט געהאַט, און די איבעריגע 3,488 פאַבריקען, וועלכע האָבען יאָ געהאַלטען באַרמהערציגע שוועסטער (נוירסעס) אָדער דאָקטוירים, האָבען אויך פאַר די ארבייטער כמעט גאָר ניט געטאָן. און וואָס שייך געזונדס־פאַרזיכערונג אָדער א ספּעציעלען געזעץ צו באַ־לוינען די ארבייטער ווען זיי ווערען געשעדיגט, האָט מען אין רוסלאַנד וועגען דעם גאָר ניט געוואוסט.

אויב דער געזעצליכער מצב פון די אַרבייטער איז געווען שלעכט, איז זייער פּראַקטישער צושטאַנד געווען שלים. אין יענע צייטען איז אין דער רוסישער פאַבריק געווען אַן אמת׳ע שקלאַ־פעריי. מיט אַ צוואַנציג יאָהר צוריק איז מיר אַליין אויסגעקומען זיך צוצוקוקען צו דעם לעבען פון די אַרבייטער אין די פּאַפּיער־זאַוואָדען, פּאָרצעלאַי־זאַוואָדען, צוקער־זאַוואָדען און אויך גלאָז־פאַבריקען אין דעם דרום־מערב טייל פון רוסלאַנד. די בעלי בתים האָבען געקוקט אויף זייערע אַרבייטער פּונקט ווי אַ בעל־צדקה קוקט אויף אַ קבצן, ווען ער שענקט אַ נדבה. די אַרבייטער האָט מען באַטראַכט ווי בעטלער, וועלכע דאַרפען דאַנקען דער־פאַר וואָס מען גיט זיי. יעדער פּריצ׳על האָט מיט אַן אַרבייטער גערעדט שטרענג, גראָב, באַליידיגענד. אויספּאַטשען אַן אַרבייטער איז ניט געווען קיין זעלטענהייט; און עס איז געווען אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך צו באַזוכען די אַרבייטער אין די קעשענעס איידער זיי געהען אַרויס פון דער פאַבריק, כאָטש דאָס איז געווען פאַר־באָטען לויט׳ן געזעץ. אין יענע צייטען האָבען זיך די בעלי בתים מיט׳ן געזעץ ווייניג וואָס גערעכענט. זיי האָבען געטאָן, וואָס זיי האָבען געוואָלט. אַז די לאָקאַלע פּאָליציי און די לאָקאַלע טשי־נאָווניקעס זיינען מיט די בעלי בתים אַלע מאָל געווען חבר־לאַפּ, און זיי האָבען זיך ניט אַזוי געאיילט איינצופיהרען אַזעלכע גע־זעצען, וואָס לוינען זיך ניט פאַר די בעלי־בתים.

ס׳פאַרשטעהט זיך, אַז מען מוז דאָ האָבען אין זינען איין זאַך: די פּרייזען אויף לעבענס־מיטעל זיינען פאַרהעלטניסמעסיג געווען זעהר ניעדעריג און די באַדירפניסען פון די רוסישע אַרביי־טער זיינען אָהן צווייפעל געווען ווייט ניט אַזעלכע ווי די באַדירפ־ניסען פון די ענגלישע אָדער אַמעריקאַנער אַרבייטער. אָבער אפילו פונ׳ם שטאַנדפּונקט פון דעם רוסישען לוין־אַרבייטער איז די לאַגע געווען ממש אונערטרעגליך. לויט אָפיציעלע ציפערען זיינען אינ׳ם יאָהר 1900 אין רוסלאַנד געווען 715,497 מינען־אַרבייטער. אין קיין איינער פון די מינעס האָט מען ווייניגער ווי צוועלף שטונדען אַ טאָג ניט געאַרבייט, און די סאַניטאַרע באַדינגונגען זיינען געווען

שרעקליך. קיין לייטישע ווענטילאַציע, קיין ריכטיגע וואַסער־פּאָמפּעס און קיין איינריכטונג צו טריקענען די קליידער פון די אַרבייטער. דורכגעווייקט ביז'ן ביין, פאַרטשאַדעט פונ'ם רויך פון די קעראָסין־לעמפּלאַך און פון די אונטעראַרדישע גאַזען, האָבען די מינען־אַרבייטער מיט'ן בלוטיגען שווייס געפּראַצעוועט פאַר גראָשענדיגע שכירות. רעטונגס־מיטלען זיינען כמעט ניט געווען. אין אַ סך אוראַלער מינעס זיינען אפילו קיין „עלעווייטאָרס" ניט געווען, און די אַרבייטער האָבען געמוזט קלעטערען אויף לייטערס. היינט די דירות, וואו די מינען־אַרבייטער האָבען פאַרבראַכט זייערע פרייע שטונדען! זיי האָבען קוים פאַרדיענט דעם נאָמען וואָס מען האָט זיי געגעבען.

פאַרשאָלטען זאָל זיין דאָס לעבען פון די מינען־אַרבייטער!
מיר האָרעווען און ליידען בייטאָג און ביינאַכט,
פונקט ווי פאַרברעכער אין תפיסה.
מיר טראָגען דעם טויט אויף אונזערע פּלייצעס,
און דאָס לעמפּעל טשאַדעט אונז טשאַדעט בייטאָג און ביינאַכט".

דאָס איז אַ טייל פון אַ ליעדעל, וואָס איז שטאַרק פאַרשפּרייט צווישען די מינען־אַרבייטער אין דרום.

לעבען די פאַבריקען, וואָס שטעהען אויסער דער שטאָדט, און אפילו לעבען די פאַבריקען, וואָס זיינען אין שטאָדט, געפינען זיך אַזוינע באַראַקען, וואָס מען האָט אויסגעבויט ספּעציעל פאַר די אַרבייטער. אין 1903 איז מיר אויסגעקומען צו באַזוכען די באַראַקען פונ'ם אויל־זאַוואָד פון די ברידער נאָבעל אין באַקו, קאַווקאַז. דער דירעקטאָר פונ'ם זאַוואָד איז געווען שטאָלץ מיט די דאָזיגע באַראַקען, ווי זיי ווערען געהאַלטען ריין און אין אָרדנונג. אין דער אמת'ען אָבער איז געווען אַ שרעק אָנצוקוקען וואָס איינוועניג טוט זיך. דונקעלע חושך'ע צימערלאַך מיט נידעריגע סטעליעס, הילצערנע „נאַרעס" אָנשטאָט בעטען; הויכע גרויע ווענט, באַדעקט מיט סאַזשע פון די קעראָסין־לעמפּלאַך, וואָס האַלטען אין איין טשאַדען; די לופט פאַרדומפּעו. די פּאַדלאָגעס שמוציג, אויף די נאַרעס קויטיגע קישעלאַך, און אין דער נאָז אַריין האָט

געזעצט אָן אונערטרעגליכער גערוך פון די פארשווייסיגטע און שמוציגע וואַש־קעסלען, — אָט דאָס זיינען געווען די „מוסטער באַראַקען" פון אַ גרויסען מאָדערנעם זאַוואָד. אין אַנדערע פּלעצער זיינען די באַדינגונגען געווען נאָך ערגער.

„די סאַניטאַרישע און היגיענישע באַדינגונגען פון די רוסישע פאַבריקען זיינען שוידערליך", זאָגט פּראָפעסאָר טוגאַן באַראַנאָווסקי. „בלויז אַ פּאָר פאַבריקען האָבען שלאָף־צימערען פאַר זייערע אַרבייטער. און וואָס פאַר שלאָף־צימערען! מענער, פרויען און קינדער שלאָפען זייט ביי זייט אויף הילצערנע נאַרעס אין פאַרשטיקטע, דושנע און געפּאַקטע באַראַקען, אַמאָל אין די קעלערס און זעהר אָפט אין צימערען אָהן פענסטער. די מעהרסטע פאַבריקען האָבען אינגאַנצען ניט קיין שלאָף־פּלעצער פאַר די אַרבייטער. נאָך אַ שווערען טאָג אַרבייט פון צוועלף, דרייצעהן אָדער פיערצעהן שטונדען, לעגען זיך די אַרבייטער אוועק שלאָפען אין דער פאַבריק אויף וואָס עס מאַכט זיך נור — אויף די ווערקשטאַט, אויף די בענק, אויף דער פּאָדלאָגע, און צוקאָפּענס לעגען זיי אונטער שמאַטעס. דאָס קומט פּאָר גאַנץ אָפט זאָגאַר אין אַזעלכע פאַבריקען, וואו מען געברויכט אַזוינע פאַרבען און כעמישע שטאָפען, וואָס שאַדען אָן אַרבייטער צום געזונד אפילו אין דער צייט ווען ער אַרבייט." *)

די אַרבייטער, וועלכע האָבען געוואוינט אין די באַראַקען אָדער אין די זאַוואָדען, זיינען געווען מעהר אָפּהענגיג אָן זייערע בעלי בתים ווי די אַרבייטער, וועלכע האָבען געקענט אויספיהרען צו וואוינען אין באַזונדערע צימערען אָדער דירות. זייערע שכירות האָבען זיי ניט געקראָגען אין געלד, נור זיי האָבען דאָס אָפּגענומען אין דעם קלייטעל און אין דער יאַטקע, וואָס האָט אויך באַלאַנגט צום בעל הבית. און אויב דער בעל הבית האָט אויף

---

*) מ. טוגאַן־באַראַנאָווסקי, „די רוסישע פאַבריק", דריטע אויפלאַגע, זייט 407.

זיי געווארפען אן אום חן, האט ער זיי גאנץ לייכט געקענט ארויסווארפען פון די וואוינונגס־פלעצער.

אבער אפילו די ארבייטער, וועלכע האבען געוואוינט אויסער די גרעניצען פון די פאבריקען, האבען אויך קיין האניג ניט געלעקט, זייערע וואוינונגען זיינען געוועזען זעהר ווייט פון באקוועמליכקייט. אין 1899 האט די מאסקווער שטאדט־אדמיניסטראציע געזאמעלט פאקטען וועגען 15,922 דירות אין דעם ארבייטער־קווארטאל פון שטאדט, וואו מען פארדינגט צימערען צו שכנים און אויך „ווינקלען” פון צימערען צו מיט־שכנים. די באפעלקערונג פון די דאזיגע דירות האט דערגרייכט די צאהל פון 174,622 נפשות, אדער 11 נפשות אין א דירה, בעת 12,650 פון די דאזיגע דירות אומשטיינס געזאגט זיינען באשטאנען פון ניט מעהר ווי איין צימער! די שכנים האבען פארדונגען „ווינקלען”, דאס הייסט, טיילען פון דעם צימער, וואס מען האט אפגעזונדערט מיט א פארהאנג אדער מיט אזא ווענטעל, וואס האט אפילו ניט געגרייכט ביז דער סטעליע; זיי האבען פארדונגען „ווינקלען”, איינציגע בעטלאך און גלאט יעדער שטיקעל פלאץ, וואו מען האט נור ווי עס איז געקענט דעם קאפ צושפארען. פאר א „ווינקעל” האט מען אין דורכשניט געצאהלט 5 רובעל מיט 93 קאפיקעס א חודש; און פאר א בעטעל האט מען אין דורכשניט געצאהלט 2 רובעל מיט 22 קאפיקעס א חודש. פון די באמערקונגען פון די אונטערזוכער קענען מיר זיך שאפען א לעבעדיגע בילד ווי די „דירות” האבען אויסגעקוקט. „די לופט איז דארטען הייס און פארשטיקט”, לעזען מיר אין איין באריכט, „די צימערען זיינען שרעקליך געפאקט. די דירה איז פייכט און שרעקליך שמוציג. צוויי צימערען זיינען אינגאנצען פינסטערע. די סטעליע איז זעהר נידעריג; א הויכער מענש קען זיך דארטען קוים אוועקשטעלען. דער גערוך שטיקט...” „עס איז א שרעק צו קוקען אויף דער וואוינונג”, שרייבט א צווייטער אונטערזוכער; די ליים איז אפגעלישעט, די ווענט זיינען פול מיט לעכער און פארשטאפט מיט שמאטעס. אלעס איז שמוציג, שטויביג. דער אויווען קוקט אויס

ווי אַ חורבה. טאַראַקאַנעס און וואַנצען — גאַנצע לעגיאָנען. עס איז קאַלט. אין די וואַש־פּלעצער איז אַ סכנה אַריינצוגעהן, און קינדער לאָזט מען אַהין ניט אַריין. און אַזוי זיינען אַלע דירות פון׳ם גאַנצען הויז"... „די לופט איז דאָרטען אַזוי פאַרשטיקט, אַז מען קען דעם אָטעם ניט כאַפּען", שרייבט אַ דריטער אונטער־זוכער. „די לופט איז פול מיט מענשען־שוויים און דער ריח פון געפּאַרעטער וועש זעצט אין דער נאָז אַריין. די ווענט זיינען נאַס. קאַלטע צוגלופטען בלאָזען פון אַלע זייטען. און ווען עס געהט אַ רעגען, רינט אַריין אַזוי פיעל וואַסער, אַז אויף דער פּאַד־לאָגע איז זי צוויי אינטשעס די טיעף". *)

אין אַט די דירות האָבען ניט געוואוינט קיין אויסוואורפען, קיין בראָדיאַגעס, קיין בעטלער, נור מענשען, וועלכע האָבען געהאַט אַ שטענדיגע באַשעפטיגונג; אָט די דירות האָבען זיי געדונגען אַלס זייערע געצעלטען אויף אַ שטיקעל צייט, כדי צו האָבען אַ ווינקעלע, וואו די מיעדע ביינער אויסצורוהען. אין אָט די דירות האָבען דאָס געוואוינט אַרבייטער, קליינע סוחרים׳לאַך, פּריקאַז־שטשיקעס, הויז־דיענער, אייזענבאַהן־אָנגעשטעלטע און די פאַמי־ליעס פון אָט די אַלע מענשען. אין אָט די געפּאַקטע דירות האָבען ניט געוואוינט קיין פוסט און פּאַסניקעס. דאָרטען האָבען גע־וואוינט פלייסיגע, אַרבייטסזאַמע מענשען, וועלכע זיינען געווען גרייט צו האָרעווען מיט׳ן בלוטיגען שוויים טרוימענדיג וועגען אַ באַקוועמען „לייטישען" לעבען.

אָבער ווי האָבען זייערע טרוימען געקענט פאַרווירקליכט ווע־רען קריגענדיג אין דורכשניט 20 רובעל אַ חודש און צאָהלענדיג 5 רובעל מיט 93 קאָפּיקעס דירה געלד פאַר אַ פינסטערער „קאַ־נורע"?

---

*) בולעטין פון׳ם מאָסקווער שטאָדט־ראַט, אָקטאָבער 1902. צו־נויפגעשטעלט פון פּאַשיטקאָוו, „דער אַרבייטער קלאַס אין רוסלאַנד", זייטען 127—130.

די אינדוסטריעלע ארבייטער זיינען געווען אומרוהיג.

טראָץ די געזעצליכע שטראָפען, טראָץ די שטרענגע פארפאָלגונגען, האָבען זיך די ארבייטער גאנץ אָפט דאָך געבונטעוועט. אמאָל האָבען די בונטען אָנגענומען דעם כאראקטער פון ווילדע אויסברוכען פון א ווילדען המון. די צובונטעוועטע ארבייטער פלעגען אמאָל אויסקלאפּען די שויבען פון דער פאבריק, אָדער כאפּען דעם אויפפאסער, וועמען אלע האָבען פיינט געהאט, איהם אריינוואַרפען אין א „טאטשקע" און אונטער א „הורא" איהם ארויספיהרען פון דער פאבריק. אמאָל זיינען זיי געגאנגען אזוי ווייט, אז זיי האָבען צובראָכען די מאשינען פון דער פאבריק. אָבער דאָס איז פארהעלטניסמעסיג געווען א זעלטענע ערשיינונג. דער געוועהנליכער אויסדרוק פון אומצופריעדענהייט איז געווען א פריעדליכער סטרייק.

עס איז א גרויסער ספק צי די לאגע פון די ארבייטער וואָלט זיך ראדיקאל געענדערט ווען זיי וואָלטען יאָ געהאט פּאָליטישע פרייהייט און דאָס רעכט זיך צו אָרגאניזירען. וואָרים דער נידעריגער מצב, אויף וועלכען זיי זיינען געשטאנען, איז געווען א רעזולטאט פון די צוריקגעשטאנענע באדינגונגען פון לאנד, פון דער אומענטוויקעלטער אינדוסטריע, פון דער פּרימיטיוויקייט פון דעם לעבען אין די דאָרפישע געגענדען, פון וואנען די אינדוסטריעלע ארבייטער האָבען געשטאמט. עס איז אויך א גרויסער ספק צי די ארבייטער אין די נייינציגער יאָהרען האָבען געהאט א קלאָרען באגריף וועגען דער שייכות פון זייער לאגע מיט דער פּאָליטישער אָרדנונג פון לאנד. עס איז אָבער קיין שום ספק ניט אין דעם, אז די ארבייטער זיינען געווען אומצופריעדען, אז זיי האָבען דאָך ווידער אמאָל און אָבער אמאָל געסטרייקט, און אז די דאָזיגע סטרייקס, ווי שלעכט זיי זיינען ניט געווען אָרגאניזירט, האָבען דער רוסישער אדמיניסטראציע זעהר ניט געשמעקט.

ווי ניט אָרגאניזירט די סטרייקס זיינען געווען, האָבען זיי דאָך געבראַכט דערצו, אז די רעגיערונג זאָל אָפט מאָל איינ־

פיהרען ארבייטער־געזעצען און זעהר באשרענקען די הפקר־מאכט פון די בעלי בתים. אין 1886 האָבען אויסגעבראָכען סטרייקס אין די פּראָווינצען פון מאָסקווא און וולאדימיר. דער מיניסטער פון אינלענדישע ענינים, גראף טאָלסטאָי, האָט אויף זיך דאן גע־נומען די איניציאטיווע אוועקצושטעלען קאָנטראקט־באציהונגען צווישען די בעלי בתים און זייערע ארבייטער. אין א מעמאָראנ־דום, וואָס ער האָט צוגעשטעלט צום פינאנץ מיניסטער, זאָגט ער אזוי: „די אונטערזוכונג וואָס די לאָקאלע אדמיניסטראציע האָט געמאכט וועגען די אורזאכען פון די אויבענדערמאָנטע סטרייקס, באווייזט אז ס'איז דאָ א געפאהר דאָס זיי זאָלען אָננעמען דעם כאראקטער פון גאנץ ערנסטע אויסברוכען, און אז זיי קומען פאָר הויפּטזעכליך איבער דעם וואָס אין אונזער געזעצגעבונג פעהלען אלגעמיינע כללים וועגען געמיינזאמע באציהונגען צווישען בעלי בתים און ארבייטער. דער דאָזיגער לאָך אין אונזער געזעצגעבונג, איבער וואָס עס פעהלען גלייכע ארבייטס־כללים אין די פאבריקען, גיט די בעלי בתים די מעגליכקייט איינצופיהרען אזעלכע הפקר־כללים, וואָס זיינען א רעה פאר די ארבייטער, און דאָס שטעלט אוועק די לעצטע אין זעהר ניט קיין גינסטיגער לאגע".

אויסגעפילט דעם „לאָך" האָט מען דורך די געזעצען, וואָס מען האָט ארויסגעגעבען דעם 3טען יוני, 1886, אוועקשטעלענדיג דאָס רעכט צו שליסען און איבעררייסען א קאָנטראקט, באשטי־מענדיג טעג ווען צו צאָהלען די שכירות א. אז. וו. אָבער די געזעצען זיינען געבליבען אויף'ן פאפיער, דורכגעפיהרט האָט מען זיי ניט, און די ארבייטער האָבען זיך ניט געקענט העלפען. זיי האָבען ווידער געמוזט סטרייקען.

אין 1896 האָט א כוואַליע פון סטרייקס א פלייץ געטאָן איבער פעטערבורג. די גרעסטע וועב־מאנופאקטורען, וואו עס האָבען געארבייט איבער 30,000 ארבייטער, האָבען זיך געשלאָסען. דער סטרייק איז, ביז א געוויסען גראד, געווען אָרגאניזירט. הונדערט סטרייק־פיהרער האָבען אין געהיים אָפּגעהאלטען א מיטינג און אויסגעארבייט פאָדערונגען, וועלכע זיינען צוגעשטעלט געוואָ־

רען צו די בעלי בתים. נאָך א קאמפף פון דריי וואָכען האָט מען דעם סטרייק פארלאָרען, אָבער די רעגיערונג איז דאָך געוואָרען זעהר אומרוהיג. די ארבייטער פון פעטערבורג און פון אנדערע אינדוסטריעלע צענטרען זיינען שוין געוואָרען מעהר זיכער אין זייערע כחות און אין זייער באוואוסטזיין. זיי האָבען איינגעזעהן, אז נאָך אלעמען זיינען זיי דאָך א מאכט און זיי האָבען אָנגעהויבען אָפּשאצען די ווערט פון א קאָנצענטרירטער האנדלונג. זיי האָבען זיך שוין מיט מעהר חשק אָנגעהויבען צוצוהערען צו די רעדעס פון די סאָציאל־דעמאָקראטישע אגיטאטאָרס, זיי האָבען שוין מעהר אויפמערקזאמקייט אָנגעהויבען שענקען דער פּאָרפּאגאנדע פון די גרופּעס און קרוזשאָקען, וועלכע האָבען אין רוסלאנד פלייסיג גע־ארבייט זינט די אכציגער יאָהרען. אין 1898 האָבען זיך די פּאר־שיעדענעערליי גרופּעס פאראייניגט אונטער'ן נאָמען „די רוסישע סאציאל־דעמאָקראטישע ארבייטער פּארטיי", וועלכע האָט ארויס־געגעבען א גאנץ היבש ביסעל ליטעראטור אין געהיים און וואָס אמאָל געוואונען אלץ מעהר איינפלוס איבער די ארבייטער.

דער אדמיניסטראציע האָט זעהר ניט געשמעקט די פּאר־אייניגונג פון דער ארבייטער־באוועגונג מיט דער סאָציאל־דעמאָ־קראטישער פּראָפּאגאנדע. דעם 2טען יוני, 1897, האָט די רע־גיערונג ארויסגעגעבען א נייעם אוקאז, וואָס האָט געלויטעט, אז מעהר ווי 11 און א האלב שטונדען א טאָג טאָר מען ניט ארבייטען, אָבער ניט קוקענדיג דארויף האָט מען נאָך מעהר אָנגעהויבען סטרייקען. די כונה פון דער אדמיניסטראציע איז געווען צו מאַ־כען דעם אָנשטעל פאר די ארבייטער, אז זי שפּיעלט די ראָלע פון א באשיצערין, דאָס הייסט, אז זי באשיצט די ארבייטער געגען דער עקספּלואטאציע פון די בעלי בתים. אָבער עס איז געווען זעהר שווער צו שפּיעלען אזא ראָלע און אין דער זעלבער צייט זיין קוצעניר־מוצעניו מיט די בעלי בתים און ניט לאָזען די ארבייטער מאכען דעם מינדסטען פּארזוך זיך צו אָרגאניזירען. דער נייער אוקאז האָט ניט קלענער געמאכט די אומרוהיגקייט פון די אר־בייטער.

דעם 10טען יוני, 1903, האָט די רעגיערונג ערלויבט די אַר־בייטער צו האָבען זייערע אייגענע פאָרשטעהער אין די פאַבריקען. די דאָזיגע פאָרשטעהער האָט מען גערופען „אויפפאַסער" און זייער עובדא איז געווען צו האַנדלען מיט די בעלי בתים. די מאָטיווען פאַר דעם דאָזיגען נייעם געזעץ ווערען קלאָר אויסגעדריקט אין דעם באַריכט פונ'ם קייזערליכען ראַט פאַר 1902־03. עס ווערט אין דעם באַריכט געזאָגט אַזוי: „ווייל די ארבייטער האָבען ניט קיין רעכט פאַר געמיינזאַמער האַנדלונג, האָבען זיי אויסגעפונען, אַז קיין געזעצליכען וועג אויסצודריקען זייערע נויטען האָבען זיי ניט. און דאַריבער איז דאָס טאַקי ניט מעהר ווי נאַטירליך, אַז ווען דער שלום ווערט געשטערט איבער אָט די נויטען, ווי למשל די גרויס פון די שכירות אָדער די לענג פונ'ם ארבייטס־טאָג, טרע־טען ארויס אין פאָדערגרונד די פערזאָנען, וועלכע זיינען אַם מעהר־סטען אויפגערודערט, און די פּאָליטישע אַגיטאַציע באַנוצט זיך דערוויילע מיט דער געלעגענהייט פאַר איהרע אייגענע צוועקען. נעמענדיג אין אַכט די דאָזיגע פאַקטען, האָט דאָס פינאַנץ מיניס־טעריום באַשלאָסען צו גרינדען אַ פאַרטרעטערשאַפט פון אַרביי־טער אין דער פּערזאָן פון ספּעציעלע אויפפאַסערס."

אָבער די פאַרטרעטערשאַפט האָט זיך געווענדעט אָן דער הסכמה פונ'ם בעל הבית. די אַרבייטער האָבען געהאַט אַ רעכט צו ערוועהלען אויפפאַסער בלויז אין אַזעלכע פאַבריקען, וואו דער בעל הבית האָט גאָר ניט געהאַט געגען דעם. מען האָט דעם אויס־דערוועהלטען אויפפאַסער געקענט אַרויסוואַרפען פון דער פאַבריק פונקט אַזוי גוט ווי אַן אַרבייטער, וועלכער האָט איהם ערוועהלט, און פאַרזאַמלונגען פון יוניאָנס און אַרבייטער זיינען נאָך אַלץ געווען פאַרבאָטען, אפשר נאָך מעהר ווי אין די פריהערדיגע יאָהרען.

די רעגיערונג האָט געפרואווט איינצונעמען די אַרביי־טער, זיי איינשטילען, אָבער די מיטלען, וואָס זי האָט דערביי אָנ־געווענדעט, זיינען ניט געווען געמיינט מיט'ן גאַנצען הארצען און דערפאַר האָט מען דורך זיי קיינמאָל ניט געקענט געווינען דעם צוטרויען פון די אַרבייטער. די מיטלען האָבען אויסגעזעהן גאַנץ

ליטיש — אויף פּאַפּיר; אין אייניגע הינזיכטען איז די אַרביי־טער געזעצגעבונג אין רוסלאַנד געווען אַ סך מעהר פּאָרטגעשריטען פאַר דער אַרבייטער געזעצגעבונג אין מערב אייראָפּאַ — אָבער אַלץ אויף פּאַפּיר. די אַרבייטער האָבען אָבער ניט געוואוסט וואָס אין פּסוק שטעהט און וואָס רש"י מאַכט, דערפאַר האָבען זיי אָבער געוואוסט וואָס עס קומט אין דער ווירקליכקייט פאָר. און די ווירקליכקייט איז געווען, אַז דער בעל הבית האָט געקענט טאָן וואָס ער וויל און דער אַרבייטער איז געווען געפּענטעט און זיך ניט געקענט אַ ריהר טאָן.

עס האָט זיך גערודערט אין די אינדוסטריעלע קרייזען. און דערווייל זיינען זיך די סאָציאַליסטען ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זייער אונטערערדישער אַרבייט, און אויף אַזאַ'ן אופן געקומען אין אַ נאָהענטער באַריהרונג מיט אַ גרויסער צאָהל אַרבייטער, אָרגאַניזירענדיג רעוואָלוציאָנערע קרייזען, רופענדיג געהיימע פאַר־זאַמלונגען, פאַרשפּרייטענדיג בראָשורען און פּראָקלאַמאַציעס און באַנוצענדיג וויעדער אַמאָל און אָבער אַמאָל די ווירקליכע באַדינ־גונגען פון די פאַבריקען אַלס דעם שלאַגענדסטען פּונקט צו ענט־וויקלען זייערע אַבסטראַקטע אידעעס. די געהיים פּאָליציי האָט געאַרבייט מעשים, אָבער מיט אונטערדריקונגס־מיטלען האָט מען די אַגיטאַציע ניט געקענט אָפּשטעלען.

אינ'ם יאָהר 1898 איז אַ רוסישער אַדמיניסטראַטאָר גע־פאַלען אויף אַן אויסגעצייכענטען שכל. פאַר וואָס ניט פּראָוווען אוועקשלעפּען די עקאָנאָמישע באַוועגונג פון די אַרבייטער אָן אַ זייט און זעהן, אַז זי זאָל זיך מיט פּאָליטיק גאָר ניט אָנקעהרען? פאַר וואָס ניט פּראָוווען קאָנקורירען מיט די רעוואָלוציאָנערע גרו־פּען און אָרגאַניזירען די אַרבייטער אויף דעם יסוד פון די טאָג־טעגליכע נויטען?

דעם 8טען אַפּריל, 1898, האָט טרעפּאָוו, דער מאָסקווער פּאָ־ליצמייסטער, אין אַ מעמאָראַנדום, וואָס ער האָט צוגעשטעלט צום הויפּט פון פּאָליציי־דעפּאַרטמענט, געצווינגען די אויפמערקזאַמקייט דאַרויף וואָס דער איינפלוס פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען אויף די

ארבייטער ווערט וואָס אמאָל גרעסער און שטארקער. „דאָס איז דערפאר, — האָט ער צוגעגעבען — ווייל די סאָציאַל־דעמאָקראטען האָבען אָנגעריהרט די סאמע לעבעדיגסטע פונקטען אין דעם לעבען פון די ארבייטער, — די באלדיגע נויטען און פאָדערונגען. „פאר וואָס זשע, — פרעגט ער, — זאָל די רעגיערונג אזא גוטען וואפען ניט ארויסרייסען ביי די רעוואָלוציאָנערען פון די הענד און אליין נעמען אויף זיך דורכצופיהרען די זעלבע אויפגאַבע? כל זמן די רעוואלוציאנערען פרעדיגען בלויז סאָציאַליזם קענען מיר זיך מיט זיי ספראווען דורך אונטערדריקונגס מיטלען; אָבער ווען מען הויבט שוין אָן מאכען א נוץ פון די קליינע חסרונות אין דער עקזיסטירענדער געזעצליכער אָרדנונג, זיינען שוין אונטערדריי־קונגס־מיטלען אליין ניט גענוג; ביי זיי, ביי די רעוואָלוציאָנערען, מוז מען ארויסנעמען דעם סאמע פונדאמענט, אויף וועלכען זיי שטעהען". *)

וואָס זשע טוט מען? זאָל די רעגירונג, דורך איהרע געהיים אגענטען, צוקומען נעהענטער צו די ארבייטער מאסען און זיי אָרגאניזירען אין לאָיאלע גרופען און פאראיינען. „די רעגירונג דארף ווייזען די ארבייטער א געזעצליכען וועג ווי ארום ארויס־צוגעהן פון די שווערינקייטען פון זייער לאגע", זאָגט דאָרטען טרעפאָוו. „דאן וועט דער סאָציאַליסטישער אגיטאטאָר קענען ארייַנשלעפען בלויז דעם אינגסטען און ענערגישסטען טייל פון דעם המון, אָבער דער דורכשניטליכער ארבייטער וועט זיך געהן אויף א געזעצליכען און מעהר זיכערען וועג אפילו ווען עס איז ניט גאָר גלענצענד".

דער דאָזיגער „געזעצליכער וועג" איז אָבער דאָך ניט גע־גאנגען אזוי וויים, אז מען זאָל די ארבייטער ערלויבען צו סטרייקען און זיי געבען די פרייהייט פון ארבייטער יוניאָנס. ניין. דער „געזעצליכער וועג" האָט געמיינט, אז די אדמיניסטראציע זאָל

*) וו. סוויאטלאָווסקי, „די ארבייטער באַוועגונג אין רוסלאַנד", זייט 75.

זיין אזוי גנעדיג און „סאָאיזוואָליען״ געוויסע פריוועלעגיעס די לאָיאַלע ארבייטער פאראיינען. דער „געזעצליכער וועג״ גופא איז געווען אומגעזעצליך.

סערגעי זובאטאָוו, דער הויפט פון דער געהיים פּאָליציי אין מאָסקווא, איז געווען דער ערשטער דורכצופיהרען אין דער פראקטיק די דאָזיגע טעאָריע. אונטער זיין אויפזיכט איז אין 1901 אין מאָסקווא געגרינדעט געוואָרען דער ארבייטער סאָוויעט אין די מעכאַנישע פאבען. דער סאָוויעט האָט געדארפט אכטונג געבען אויף די אינטערעסען פון די ארבייטער, און אין דער זעלבער צייט זיין זעהר פאָרזיכטיג און למען השם זיך ניט אינטערעסירען מיט דער עקזיסטירענדער פּאָליטישער אָרדנונג. דער סאָוויעט האָט געזאָלט זיין א מין פעסטונג ניט צוצולאָזען צו די ארבייטער דעם גייסט פון אומצופריעדענהייט. פארבעסערונגען אין די באדינ־גונגען פון די ארבייטער האָט מען געזאָלט קריגען ניט דורך געזעצ־ליכע מיטלען, נור דורך דעם „גוטען הארץ״ פון דער אדמיני־סטראציע (עהנליכע אָרגאַניזאציעס האָט דער זעלבער זובאטאָוו געגרינדעט אין מינסק און אין א פּאָר אנדערע צענטרען).

די רעזולטאטען זיינען געווען איבערראשענד. מאסען אר־בייטער האָבען זיך א לאָז געטאָן אין די רייהען פון דער נייער אָרגאַניזאציע. זיי האָבען ניט געוואוסט ווער עס שטיצט די אָר־גאַניזאציע און ווער עס איז איהר טאטע. זיי האָבען בלויז גע־וואוסט, אז דאָ האָבען זיי א פּלאַץ, וואו זיי קענען דיסקוטירען וועגען זייערע נויטען, וואו זיי קענען אויסארבייטען זייערע פאָדע־רונגען און וואו זיי זיינען זיכער פון אן אָנפאַל מצד דער פּאָליציי. זיי האָבען דעם סאָוויעט געגעבען אזא כאראקטער, וואָס האָט לחלוטין גאָר ניט געהאט צו טאָן מיט די אידעעס פון זיין באשע־פער. „דער רעזולטאט דערפון וואָס מען האָט די נייע אָרגאַ־ניזאציע געגרינדעט, שרייבען די פאבריק אינספעקטאָרס, איז גע־ווען א גאנצע רייהע סטרייקס, נאָך א סך גרעסער אין צאָהל ווי פריהער, און דערצו איז נאָך צוגעקומען דער ריעזיג גרויסער שטראָם פון קלאַגעס״.

דער פארזוך איז דורכגעפאלען. די ארבייטער זיינען רוהיגער ניט געוואָרען.

די „לאָיאַלע פאראיינען" האָבען די ארבייטער געהאָלפען פונקט אזוי פיעל ווי אַפּשפּרעכען אַ גוט אויג העלפט צו אַ מכה. מען האָט דורך זיי גאָר ניט געקענט קריגען, אויסער פריינדליכע ווערטער פון אגענטען־פּראָוואָקאטאָרס. זוואָליאנסקי, דער הויפּט פונ'ם פּאָליציי דעפּארטמענט, האָט זיך דארויף ביטער געקלאָגט אזוי: „דאָס מיניסטעריום פון אינערליכע אנגעלעגענהייטען האָט ערלויבט צו גרינדען די דאָזיגע אָרגאניזאציאָנען כדי אָפּצוציהען די ארבייטער פון דער פּראָפּאגאנדע, וואָס ווערט אָנגעפיהרט געגען דער רעגירונג... אָבער שפּעטער האָט זיך גאָר ארויסגעוויזען, אז די מאָסקווער אדמיניסטראציע האָט ניט גענוג כחות די באוועגונג אָפּצושטעלען; זי האָט זיך ניט געקענט באוואָרענען אזוי פיעל, אז זייטיגע מענשען זאָלען ניט נעמען קיין אנטייל אין די סטרייקס, וואָס ווערען אָנגעפיהרט אין די פארשידענערליי פאבריקען און זאוואָדען. פּלעהווע, דער מיניסטער פון אינלענדישע אנגעלעגענהייטען, האָט אנערקענט די דאָזיגע אָרגאניזאציאָנען אלס אומגעזעצליכע, אָבער עס מוז דאָ געזאָגט ווערען, אז אָפּשאפען זיי איז שוין איצטער אוממעגליך". *)

אָט דאָס הייסט „בור כרה ויחפרהו ויפול בשחת יפעל", אויסגעגראָבען אַ גרוב און איז אליין אריינגעפאלען. די אלע פּראָבעס, וואָס מען האָט געמאכט צוצושטוקעווען דעם ארבייטער־קלאס צו דער עקזיסטירענדער אָרדנונג זיינען דורכגעפאלען. די ארבייטער זיינען געווען אויפגערעגט און אומרוהיג; די ארבייטער האָבען ניט געהאט וואָס צו פארלירען, ווייל זיי האָבען גאָר ניט געהאט, ניט קיין געגרינדעטע אָרגאניזאציאָנען, ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען, ניט קיין פאָנדען און ניט קיין אויסבעסערונגען, וואָס מען האָט געזאָלט מורא האָבען צו שטעלען אין קאָן. אין רוס־

*) ט. פּ. אוזעראָוו, „פּאָליטיק אין דער ארבייטער פראגע", זייט 237.

לאַנד האָבען זיך די אַרבייטער גיכער געקענט פאַרגינען צו ער־קלערען אַ סטרייק איידער אין מערב אייראָפּאַ, מחמת די רוסישע אַרבייטער זיינען געווען „פריי"; זיי האָבען ניט געהאַט וואָס איינצושטעלען.

ווען די אינדוסטריע האָט זיך שוין געהאַט מעהר ענטוויקעלט, האָבען זיך אָנגעהויבען פיהלען קריזיסען איןביידע צדדים — אי אין קאַפּיטאַל, אי אין אַרבייט. באַזונדערס ערנסט איז געווען דער קריזיס פון 1899—1900. דאָ האָט איהר אַ בריעף פון לאָדז, וואָס איז געווען געדרוקט אין „סין אָטיעטשעסטוואַ" אין די ער־שטע מאָנאַטען פונ'ם יאָהר 1900:

„ווי אַ שרעקליכער שטורם־ווינט האָט זיך דער קריזיס אַ טראָג געטאָן איבער לאָדז. ער האָט קיינעם ניט געשאָנעוועט און קיינעם ניט אויסגעלאָזט. אייניגע זיינען בלויז לייכט געטראָפען געוואָרען פונ'ם גרויסען אומגליק, און זייערע צרות זיינען ניט אַזוי גרויס, אייניגע זיינען איינפאַך בדיל הדל געוואָרען און אַ סך זיינען חרוב ונחרב געוואָרען און ליגען ווי די הרוגים אונטער די חורבות. עס איז אַ גרויס שלאַכטפעלד נאָך דער שלאַכט. ווען איהר געהט איבער דער פּעטראָקאָווער גאַס, באַגעגענט איהר אַלץ אַזעלכע פאַר־אומערטע, פאַר'מרה־שחורה'טע פּנים'ער. גאַנצע מחנות קרבנות זעהט מען דאָרטען. אָט די אַלע פאַרזאָרגטע און נידערגעשלאָגענע מענשען, פון וועמעס אויגען עס קוקט אַרויס דער יאוש אַליין, האָבען נור וואָס פאַרמאַכט אָדער האַלטען ביים פאַרמאַכען זייערע פאַבריקען און ווערקשטאַטען. ווי די שאָטענס שלעפּען זיי זיך אַרום איבער די גאַסען, און קוים וואָס זיי האַלטען זיך אויף די פיס פון דעם שרעקליכען קלאַפּ, וואָס זיי האָבען געקראָגען. און וואָס איז געוואָרען פון די אַרבייטער פון די געשלאָסענע פאַב־ריקען? גאָר ניט; זיי געפינט מען אויך אין דיזעלבע גאַסען, אויף שריט און טריט באַגעגענט מען זיי, שלינג און שלאַנג בלאָנקען זיי זיך אַרום און ווייסען ניט וואָס מען טוט און וואָס מען הויבט אָן צו טאָן".

**דער קריזיס פון 1899—1900 איז געווען פול און פול מיט**

צרות און אומגליקען פאַר דער אינדוסטריע און ארבייט אין וואַרשאַ, איוואַנאָוואָ־וואָזנעסענסק, ניזשני־נאָווגאָראָד, טולאַ, באַקו, פאַר דעם דאָנעצער געגענד, פאַר די קיעווער צוקער־פאַבריקען, אויף דער וואָלגאַ, א. אַז. וו. און ווייל די אַרבייטער האָבען ניט געהאַט קיין יוניאָנס, קיין אַרבייטסלאָזיגקייט פאַרזיכערונג, קיין הילף פון דער שטאָדט־אַדמיניסטראַציע, זיינען זיי אין דער צייט פון אַ קריזיס געבליבען ווי אויפ'ן וואַסער, לחלוטין ניט באַשיצט. און דאָס האָט זיי נאָך מעהר אויפגערייצט און פאַרביטערט געגען דער פאָליטישער אָרדנונג. ביסלעכווייז האָבען די אַרבייטער אָנגעהויבען פאַרשטעהן, אַז דער אַבסאָלוטיזם איז די אורזאַכע פון די אַלע צרות זייערע, די אורזאַכע פון די אַלע אָנשיקענישען און פורעניות'ען.

כאָטש עס איז לויט'ן געזעץ געווען פאַרבאָטען צו סטרייקען, האָט מען דאָך געסטרייקט טאָג איין טאָג אויס. דאָ האָט איהר אַ טאַבעלע, אין וועלכער עס ווערט אָנגעגעבען די צאָהל פון סטרייקס און סטרייקער אין רוסלאַנד אין פאַרגלייך מיט אַנדערע לענדער.

### די צאָהל פון סטרייקס אין אַ משך פון צעהן יאָהר (1895—1904) *

| לענדער | צאָל סטרייקס | צאָל סטרייקער | צאָל פאַרלאָרענע טעג<br>(אין מיליאָנען) |
| --- | --- | --- | --- |
| ענגלאַנד — — — | 4,533 | 1,270,864 | 43.5 |
| פראַנקרייך — — | 1,998 | 301,456 | 4.3 |
| עסטרייך — — — | 1,187 | 240,072 | 2.9 |
| איטאַליען — — — | 982 | 294,519 | 3.0 |
| רוסלאַנד — — — | 1,765 | 431.254 | 2.1 |

די דורכשניטליכע צאָהל אַרבייטער, וועלכע האָבען זיך באַטייליגט אין יעדער סטרייק, איז אין רוסלאַנד געווען קלענער ווי אין ענגלאַנד אָדער אין איטאַליען און די דורכשניטליכע צייט פון

*) וואַרסאַר, „סטאַטיסטיק וועגען סטרייקס", זייטען 1—4.

א סטרייק איז געווען קירצער ווי אין וועלכען ס' ניט איז אנדער לאנד. אבער וואס שייך אפטע אויסברוכען פון סטרייקס האט רוסלאנד איבערגעשטיגען אלע לענדער, חוץ ענגלאנד.

דאס פאליטישע לעבען אין רוסלאנד איז געווען אזא, אז יעדער סטרייק פאר א העכערונג אין די שכירות און פאר בעסערע באדינגונגען אין דער ארבייט, האט זיך געמוזט פארוואנדלען אין א פאליטישען סטרייק. די רעגירונג האט יעדער געזעלשאפטליכע באוועגונג, יעדען אויסדרוק פון אויפרודערונג באטראכט ווי א סכנה וואס רוקט זיך אן צו צוטרייסלען די יסודות פון איהר מאכט. זי האט געפרואווט אונטערקויפען די ארבייטער, זי האט געפרואווט זיך צו חנפה'נען צו זיי, זי האט אפילו געפרואווט זיי צו „ארגאַניזירען"; אבער הינטער די חניפות, הינטער דער מאסקע פון פריינדשאפט האט זיך באהאלטען דאס פארכמורעטע פנים פון דער אויטאקראַטיע, וואס צאפעלט זיך און שרעקט זיך ווען עס דערזעהט ווי עס וואקסט אוים א נייע מאכט, איבער וועלכער מען קען קיין שליטה ניט האבען. דער דורכשניטליכער ארבייטער האט טאקי ניט געהאט קיין קלארען באגריף וועגען דעם, אבער זיין הארץ איז געווען פול מיט פראטעסט און מיט רעוואלוציאנערען גייסט, און ווייל די ווירקליכקייט איז געווען אזוי, אז די שטרענגע בליקען האבען אויף איהם אויף שריט און טריט פון אלע זייטען געלויערט, האט מען איהם ניט געקענט נארען.

ארבייט איז געווען איינע פון די הויפט־אורזאכען פון דער גרויסער רעוואלוציע.

## קאַפּיטעל 3.

# די דאָרפישע רוסלאַנד.

איצט וועלען מיר איבערלאָזען די רוישיגע שטעדט מיט זייערע געפּאַקטע גאַסען, דעם רויך פון זייערע פאַבריקען, דעם טאַראַראַם פון לויפענדע טראַמווייען און די משוגע'נערוויז נערוועזע אָנגעשטרענגטקייט פון דעם מאָדערנעם אינדוסטריעלען לעבען. איצט וועלען מיר זיך לאָזען געהן אין איינעם פון יענע שטילע פּאָעטישע דערפלאַך, וואָס ליגט פאַרוואַרפען ערגיץ א פּאָר הונדערט מייל ווייט פון דער גובערניע־שטאָדט, דרעמלענדיג ביי א וואונדערבאַר־שעהנער אָזערא אָדער באָדענדיג זיך אין זונענשיין ביי די ברעגעס פון א טייך, וואו די וואַסער פּאַליעט זיך און רינצעלט זיך אַזוי געמיטליך און שטיל. נאָך אַלעמען איז רוסלאַנד געווען, און איז נאָך איצט אויך, אין גרונד א לאַנד פון ערד ארבייט; אַכטציג פּראָצענט פון איהר באַפעלקערונג האָבען געצויגען זייער חיונה פון ערד־ארבייט. און אויב אדעס אָדער באַקו אָדער איוואַנאָוואָ־וואָזנעסענסק זיינען געווען די סימבאָלען פון דעם וואָס *וועט זיין*, די צייכענס פון א נייער ענטוויקלונג, וואָס האָט זיך אונטערגענומען צו געבען דער הייליגער רוסלאַנד א ניי פּנים, זיינען די קליינע דערפלאַך אונטער די שטרויענע אָדער שינדעלנע דעכער געווען דער סימבאָל פון דעם וואָס *ס'איז* איצט, די יסודות פון דעם גאַנצען עקאָנאָמישען בנין.

עס קומט ניט אָן אַזוי גרינג איידער מען שלאָגט זיך צו צו א דערפעל. נאָכדעם ווי מען פאָהרט אָפּ עטליכע שטונדען מיט'ן באַהן קומען מיר אָן אויף א סטאַנציעלע, וואָס איז פאַרוואָרפען ערגיץ אויף א פוסטען סטעפּ. ארום דעם וואָקזאַל און אויפ'ן וואָקזאַל קוקט אַלעס אויס אַזוי פאַרשלאָפען. און עס קומט אונז אָן

גאַנץ שווערליך ביז מיר פועל'ען ביי אַ פויער, ער זאָל איינשפּאַנען די פערדלאַך און אונז אָפּפיהרען אין דעם דאָרף, וואו מיר ווילען זיך אָפּשטעלען. דער וועג איז ניט געברוקירט. בלאָטיגע לוזשעס און גליטשיגע בערגלאַך מאַכען דעם וועג זעהר ניט באַקוועם אין אַ רעגענדיגען וועטער; גאַנצע וואָלקענס שטויב באַדעקען דאָס פּוהרעל ווען עס געהט ניט קיין רעגען און דאָס וועטער איז שעהן.

עס געהט אַוועק אַ שטונדע. נאָך אַ שטונדע און נאָך אַ שטונדע. מיר האָבען גענוג צייט צו קוקען אַרום און אַרום. וואָס פאַר אַ טרויעריג בילד! מאָגערע פעלדער, דינינקע גרעזעלאַך, איינגע־האַרטע און איינגעקוואַרטע ביימלאַך, שוואַרצע אָדער גרויע נאַקעטע בערגלאַך, וואָס שטאַרען אַרויס פון צווישען די זאַנגען. וואו מען גיט נור אַ וואָרף מיט'ן אויג — מרה שחורה'דיג, חושך, רחמנות'דיג און עפּעס פול מיט נעבאָך. און דאָך קוקט די ערד אויס צו זיין רייך און פרוכטבאַר; עס וואָלטען גאַנץ לייכט פון איהר געקענט אַרויסשפּראָצען פאַרשידענערליי געוויקסען; און אַרום און אַרום, ביז העט ווייט, וואוהין דאָס אויג קען קוים גרייכען, וואָלט אודאי געקענט זיין אַ הערליכער געמיש פון קאָליערען.

און אָט איז ענדליך דאָס דאָרף. ווען מיר קומען צו גאָר נאָהענט קוקט עס שוין ניט אויס אַזוי פּאַטעטיש ווי פון דערוויי־טענס. די קליינינקע הילצערנע כאַטקעס קוקען אויס אויף דער נאַקעטער ערד ווי הויפענס שטויב. אַרום און אַרום פּיהלט זיך פון אַלעם דער שימעל. מאָגערע פּנים'ער, איינגעפאַלענע חורבות, איינגעבויגענע רוקענס, אומגעלומפּערטע פיגורען, אויסגעטראָגענע, צוריסענע און צופּיצעלטע קליידער, בלאָטע, שמוץ, נאַסע ווענט...

און זאָל ניט בלייבען דער איינדרוק, אַז מיר האָבען אַ פאָר־אורטייל געגען דעם דאָרפישען לעבען. מיר וועלען דאָ ציטירען אַ שרייבער, וועלכער איז אַ סך יאָהרען געווען אַ זייל פון'ם אַלטען רעזשים און וועמען מען קען בשום אופן ניט חושד זיין אין דעם, אַז ער איז מגזם ווען ער באַשרייבט דאָס רוסישע דאָרף. „לאָמיר אריינקומען אין אַ דאָרף, — שרייבט ער, — און עס באַטראַכטען מיט די אויגען פון אַ הייגטוועלטיגען ציוויליזירטען מענשען. אויף

די וועגען איז די בלאָטע אזוי טיף, אז אָפט מאָל איז דאָרטען פשוט אוממעגליך דורכצוגעהן. לעבען די הייזער זעהט מען ניט קיין בוימעל, קיין קוסטעס, אויף וואָס דאָס אויג זאָל זיך קענען אָפּרוהען. דער שטאָהל פון די בהמות איז לעבען דעם ברונעם, פון וואַנען מען טרינקט וואסער, און די שמוציגע פליסיגקייט פון די בהמות פליסט אהין אריין. אויף דער „פּאַדוווירע" (הויף) איז אלעס שמוציג און דער געשטאַנק איז אונערטרעגליך. די בהמות אין די שטאַהלען שטעהן ביז די קניע אין שמוץ. אין פאַרהויז און אויך אין שטיבעל, וואו מען וואוינט, איז א חשכות, אלעס איז דאָרטען אָפּגעלאָזט, בלאָטיג און אויף דער ערד וואלגערט זיך דער קויט פון עופות. ווען עס קומט דער ווינטער לאָזט מען אריין אין דער באַטע די חזרים, די שעפּעלאך, די גענז; אמאָל נעמט מען נאָך אריין די קוה אויך, כדי זי זאָל ניט דערפראָרען ווערען אין דרויסען (אן ענגלישער רייזענדער האָט באוואונדערט די קליינע השגות פון דער רוסישער קוה, וואָס קען ביי זיך פועל'ען צו לעבען אין אזא ענגשאפט). און דאָס איז נאָך גוט, וואָרים די פויערים, וועלכע האָבען אייגענע בהמות זיינען נאָך ניט אזוי אָרים. אין דעם זעלבען שטיבעל קריכט ארום א קינד אויף דער ערד מיט א קארטאָפלע אין די הענד. טאַראַקאַנעס, וואנצען, פליי פּרובּפּערען זיך און מעהרען זיך אין די מאַסען, און די קעפּ, די בערד, די וואנצעס און אפילו די ברעמען פון דערוואקסענע מאנסבילען זיינען פול און פול מיט שרעקליכע אינזעקטען. אָבער — „עטאָ ניטשעוואָ"... (דאָס איז גאָר ניט). אלעס איז אזוי שמוציג, אז עס איז פשוט נישטאָ קיין איין שטיקעלע פלאַץ, וואו זיך אוועקצולעגען... דער צייכען פון שלעכטען געשמאַק און באַרבאַריזם איז אָפּגעשטעמפּעלט אויף אלעס, אויף דער הויז ווירטשאַפט, אויף דער אָפּגעלאָזטער נאַטור ארום און אַרום".*)

מענשיקאָוו איז צו שטרענג באשולדיגענדיג אין דעם דעם

---

*) מ. מענשיקאָוו, „בריעף צו מיינע שכנים", נאָוועמבער, 1905, זייטען 521-22.

רוסישען פויער, אָבער די בילד, וואָס ער מאָהלט איז ריכטיג. ניט דער פויער איז געווען שולדיג אין דעם וואָס אויף זיין לעבען איז געלעגען דער שטעמפעל פון בארבאריזם און שלעכטען געשמאק און אין דעם וואָס די נאטור אדום און אדום איז אזוי אָפּגעלאָזט און חרוב, נור די אָ ר י מ ק י י ט איז אין דעם געווען שולדיג.

אָבער ווי איז דאָס פּאָרט געווען מעגליך? ווי איז דאָס פּאָרט געקומען דערצו, אז האָרעפּאשנע מענשען מיט קליינע השגות זאָלען לעבען אויף אזא פּרוכטבארען באָדען און דאָך זיין אזוי אויף צרות און אזוי אָרים? אורזאכען זיינען פאראַן א סך, און זיי פיהרען אונז אוועק ווייט צוריק ביז'ן יאָהר 1861, ווען מען האָט אָפּגעשאפט די „פּאנשטשינע".

פאר'ן יאָהר 1861 האָבען די פויערשע „אָבשטשינעס" ניט געהאט קיין אייגענע ערד. געזעצליך האָט די ערד באלאנגט צום פּריץ, ביי וועמען די פויערים אליין זיינען געווען פאררעכענט אלס זיין פּריוואט אייגענטום. יעדער גוט (אימעניע) איז געווען צו־טיילט אין צוויי ניט גלייכע חלקים, איין חלק איז געווען דעם פּריץ'ס פּריוואט אייגענטום, דער צווייטער חלק איז געווען דער מקור פון חיונה פאר דער פויערשער „אָבשטשינע". די פויערים האָבען באארבייט ביידע חלקים, און געהייסען האָט עס, אז דערפאר וואָס זיי באארבייטען דעם ערשטען חלק ערד, קריגען זיי די רעכט צו באַזי־צען דעם צווייטען חלק ערד. אויף אזא'ן אופן איז אויסגעקומען, אז די פויערים האָבען געדארפט ארבייטען דריי טעג אין וואָך פאר זיך און דריי טעג פאר'ן פּריץ, און אמאָל פיער טעג פאר'ן פּריץ און צוויי טעג פאר זיך. די פויערים זיינען ניט געווען ביי זיך אין די הענד; זיי האָבען ניט געקענט פארלאָזען דאָס דאָרף אָדער בייטען דעם פּריץ אָדער זיך ענטזאגען צו פאָלגען דעם פּריץ. אבער דער פּריץ אליין איז אויך ניט געווען פריי: ער האָט זיינע פויערים ניט געקענט איבערלאָזען אויף הפקר, ער האָט זיי געדארפט פארזאָרגען מיט ערד, זיי זאָלען כאָטש ווי עס איז קענען מאכען א לעבען פאר זיך, און זיי לאָזען אויסגעהן פון הונגער האָט ער ניט געקענט, ווייל דאָס איז געווען געגען זיינע אייגענע

אינטערעסען. ניט אומזיסט איז צווישען די פּויערים אין יענער צייט אַרומגעגאַנגען אַ ווערטעל, וואָס האָט זיך זעהר געפּאַסט צו די באַציהונגען צווישען דעם שקלאַף און דעם פּריץ; דאָס ווערטעל איז געווען: „מיר זיינען דיינע און דו ביזט אונזערער".

ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די אַלטע פאַרשימעלטע פאָרמע פון דער „פּאַנשטשינע" שטימט ניט מיט דער צוקינפטיגער ענטוויקלונג פון'ם רוסישען עקאָנאָמישען לעבען, און די רעגירונג האָט איינגעזעהן, אַז עס איז גלייכער זיך אונטערצוגעבען דער געזעלשאפטליכער מיינונג, וואָס פאָדערט, אַז מען זאָל די „פּאַנשטשינע" אָפּשאַפען (אַ פאָדערונג, וואָס איז געשטיצט געוואָרען דורך אַ סך בונטען פון די פּויערים אַליין, און דאָס האָט באַוויזען ווי אמת עס זיינען געווען די ווערטער פון איינעם אַ רוסישען שטאַאַטסמאַן, וועלכער האָט געזאָגט „לאָמיר באַפרייען די פּויערים פון אויבען, און אויב ניט וועלען זיי זיך אַליין באפרייען פון אונטען") — ערשט דאַן איז אַרויפגעשוואומען די פראַגע, אויף וואָס פאַר אַן עקאָנאָמישען יסוד מען זאָל אַוועקשטעלען די באַפרייטע פּויערים. צי זאָל די גאַנצע ערד בלייבען אין דעם באַזיץ פון'ם פּריץ, און דער פּויער זאָל ווערען „פריי ווי דער ווינט", ניט פאַרמאָגען קיין ערד נור בלויז כאַטקעס, ווי דער עקסטרעם רעאַקציאָנערער פליגעל פון די נאָבעללייט האָט געוואָלט? צי זאָלען די פּויערים ווייטער אָנהאַלטען דעם חלק ערד, וואָס זיי האָבען אָנגעהאַלטען אונטער דער „פּאַנשטשינע", ווי די מעהר ליבעראַלע עלעמענטען האָבען געדענקט? אָדער צי זאָל דער חלק ערד פון די פּויערשע אָבשטשינעס פ א ר ג ר ע ס ע ר ט ווערען, ווי די עקסטרעם לינקע גרופּען האָבען געפאָדערט? אין'ם לעצטען פאַל, צי זאָלען די פּויערים קריגען זייער חלק ערד אין גאַנצען פריי, אָדער צי זיי זאָלען באַצאָהלען די פּריצים פאַר יעדער שטיקעל ערד, וואָס מען וועט איבערגעבען אין די הענד פון די געוועזענע שקלאַפען?

די רעגירונג האָט אויסגעאַרבייט אַ גאַנצע רייהע מיטלען, וואָס זיינען פאַר די פּריצים געווען אַ סך אַ גרעסערע טובה ווי פאַר די פּויערים. דאָס געזעץ פון'ם 19טען פעברואַר, 1919, לויט

וועלכען עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרען די פּערזענליכע אָפּהענגיגקייט פון די פּויערים אָן די פּריצים, האָט געבראַכט דערצו, אַז זיי, די פּויערים, זאָלען האָבען צוויי מאָל אַזוי פיעל צרות וויפיעל זיי האָבען פריהער געהאַט: אַ טייל פון דער ע״ד, וואָס די פּויערים האָבען פריהער אָנגעהאַלטען, האָט מען צוריק אָפּגעגעבען צו די פּריצים; און פאַר דעם איבעריגען חלק ערד האָבען זיי געדאַרפט באַצאָהלען געוואַלדיג גרויסע פּרייזען.

די חלקים ע״ד וואָס די פּויערים האָבען געהאַלטען ביז׳ן יאָהר 1861 זיינען ניט געווען קיין גאָר גרויסע. דער אמת איז געווען, אַז אונטער די פריהערדיגע אומשטענדען זיינען זיי קוים מיט צרות אויסגעקומען. צונעהמען ביי זיי דאָס ביסעל ערד, וואָס זיי האָבען געהאַט, האָט פּשוט געהייסען אוועקנעהמען פון אונטער זייערע פיס דעם סאַמע פונדאַמענט, אויף וואָס זיי האָבען זיך אַזוי אויך קוים מיט צרות געהאַלטען, און זיי לאָזען הענגען אין דער לופטען. און דאָך האָט מען איין און צוואַנציג פון זעקס און דרייסיג גובער־ניעס אין צענטראַל־רוסלאַנד אָפּגעגעבען צוריק צו די פּריצים 26.2 פּראָצענט פון דעם שטח ערד, וואָס די פּויערים האָבען פריהער גע־האַלטען; אין אין אַ סך אַנדערע גובערניעס, וואו די ערד איז געווען באַזונדערס פּרוכטבאַר, האָט מען ביי די פּויערים צוגענומען נאָך אַ סך אַ גרעסערען פּראָצענט פון דעם שטח ערד, וואָס זיי האָבען געהאַלטען, און עס אוועקגעגעבען צוריק צו די פּריצים. אין פּאָל־טאַווער און יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניעס האָט מען ביי זיי צו־גענומען 40 פּראָצענט פון דער ע״ד, אין סאַראַטאָווער גובערניע 41 פּראָצענט, אין סאַמאַרער גובערניע 44 פּראָצענט. מיט אַנדערע ווערטער, אויב דער פּויער פון פּאָלטאַווער גובערניע האָט פריהער אַלס שקלאַף, געלעבט אויף צעהן אַקער לאַנד, האָט ער איצטער, אַלס פרייער מענש, געדאַרפט לעבען בלויז אויף זעקס אַקער לאַנד. אין די אַנדערע פּופצעהן גובערניעס, וואו די ערד איז ניט געווען אַזוי פּרוכטבאַר און די אינדוסטריע האָט שוין דאָרטען געשפּיעלט אַ גרעסערע ראָלע, האָט מען ביי די פּויערים צוגענומען 9.9 פּראָ־צענט פון דעם חלק ערד, וואָס זיי האָבען פריהער געהאַלטען.

דאָס איז געווען איינער פון די בולט'ע שטריכען פון דער רע־פאָרמע, וואָס איז אין דער אמת'ן גאָר געווען א סכנה פאַר דעם וואוילזיין פון די צוויי און פופציג מיליאָן באַפרייטע פויערים. און די זעלבע צרה איז געווען מיט דעם „אויסקויף".

מען האָט די פּריצים געדארפט באַלוינען פאַר די שקלאַפען וואָס זיי פאַרלירען איבער דער רעפאָרמע פון 1861. די קוואָטערס פון דער דאָזיגער רעפאָרמע האָבען געגלויבט, אז די פּריצים וועלען ניט קענען אָנגעהען ווייטער מיט זייער עקאָנאָמישער טעטיגקייט אָהן הילף און שטיצע. אָט די מיינונג איז אפשר ניט געווען אָהן א גרונד; אָבער פון די פאַרשידענערליי מיטלען, וואָס מען האָט געקענט אויסקלייבען ארויסצוהעלפען די פּריצים ווייטער אָנצו־געהן מיט זייער עקאָנאָמישער טהעטיגקייט, האָט די רעגירונג אויס־געקליבען דעם מיטעל, וואָס איז אמשווערסטען געווען פאַר די פויערים: זי האָט זיי געמאכט צו צאָהלען א הויכע פּרייז פאַר דער ערד וואָס איז געבליבען אין זייער באַזיץ. און די פּרייז, דער „אויסקויף", איז געווען א סך מעהר ווי די ערד האָט באַטראָפען. דער סך הכּל פון דעם אויסקויף, וואָס האָט געמוזט באַצאָהלט ווערען אין ניין און פערציג יעהרליכע אויסצאָהלונגען, האָט דער־גרייכט די סומע פון 1.5 ביליאָן רובעל.

מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט א. ע. לאַסיצקי, א באַקאַנטער אויטאָריטעט אין אַגראַר פראַגען, געמאכט א פאַרגלייך צווישען דער ווירקליכער ווערטה פון דער ערד בעת מען האָט די רעפאָרמע איינגעפיהרט און דער פּרייז, וואָס די פויערים האָבען באַצאָהלט אויסקויף־געלט. לויט זיין אָפּשאַצונג האָבען 9,841,000 דעסיאַטין ערד אין'ם טשאַרני־זיאָם געגענד די ווערטה געהאט 219 מיליאָן רובעל אין 1854—58; און 284 מיליאָן רובעל אין 1863—72. פאַר דעם זעלבען שטח ערד האָבען די פויערים געדאַרפט באַצאָהלען 342 מיליאָן רובעל. אין די אַנדערע געגענדען האָבען זיי פאַר א שטח ערד וואָס איז אין די יאָהרען 1863—72 די ווערטה געהאט 180 מיליאָן רובעל, געדארפט באַצאָהלען אזוי פיעל ווי 342 מיליאָן רובעל. די פויערים זיינען געווען פריי, אָבער דער אויסזיכט

זייערער איז געווען מעהר ווי טרויעריג. זיי זיינען געווען אויף גרויסע צרות.

ניקאָלאַי טשערנישעווסקי, אַ צייט גענאָסע פון דער רעפאָרמע פון 1861, אַ מאַן מיט אַ טיעפען וויסען אין עקאָנאָמישע פראַגען און גרינדליך באַקאַנט מיט די רוסישע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, האָט אין'ם יאָהר 1859 אויסגערעכענט וויפיעל די פויערים וואָלטען געדאַרפט באַצאָהלען פאַר זייער ערד. ער איז דאַן געקומען צום שלום, אַז ווען מען וואָלט זייערע נחלות פאַרגרעסערט מיט נאָך אַ דריטעל, וואָלטען זיי אָרום און אַרום, אונטער נאָרמאַלע אומשטענדען, געדאַרפט באַצאָהלען אַן ערך פון 531 מיליאָן רובעל. עס איז געווען טשערנישעווסקי'ס מיינונג, אַז די סומע פון אָנדערט־האַלבען ביליאָן פון וואָס מען האָט אין יענער צייט גערעדט, איז אַ בייזער שרעקליכער גייסט, וואָס די שונאים פון דער רעפאָרמע האָ־בען געשאַפען כדי אַרויבצעוואַרפען אַ פחד אויפ'ן עולם. „מיר האָבען זיך געסטאַרעט — שרייבט ער — זיך צו האַלטען נאָהענט צו די ווירקליכע אומשטענדען אויף ווי ווייט עס איז נור מעגליך געווען. מיר האָבען באַגרינדעט אונזערע רעכענונגען אויף געווי־סענהאַפט אונטערזוכטע פאַקטען וועגען אַ האַלבען מיליאָן לייב־אייגענע, בעת די מענשען, וועלכע שרעקען אונז מיט ביליאָנען האָ־בען בכלל קיין באַגרינדונג ניט.*)

דער בייזער גייסט איז געוואָרען אַ ווירקליכקייט. די „פרייע זיהן פון דער ערד" האָבען אָנגעהויבען זייער פרייע אַרבייט אונטער אַ אונטרעגליכען דרוק. און דאָך וואָלטען זיי זיך אפשר פון די אַלע צרות געווען אַרויסגעדרעהט, ווען מען וואָלט זיי נור געווען געלאָזט אָנגעהן מיט זייער אַרבייט אומגעשטערט. אָבער די צרה איז געווען וואָס מען האָט די אַלע מיליאָנען באַפרייטע שקלאַפען געפענטעט הענד און פיס און געשאַפען פאַר זיי אַזעלכע באַשרענ־

*) „סאָווערעמעניק", 1859. „איז דער אויסקויף שווער?" (ווערק, באַנד 4, זייט 347).

קונגען, אַז ס׳איז לחלוטין אוממעגליך געווען פאַר דער אַגריקולטור זיך צו ענטוויקלען.

איינע פון די באַשרענקונגס־מיטלען איז געווען די כלומר׳שט קאָמוניסטישע אייגענטום פון ערד.

דער איינציגער פויער האָט ניט באַקומען זיין חלק ערד אַלס זיין פּריוואַט אייגענטום. די ערד האָט געהערט צו דער דאָרפישער „אָבשטשינאַ“, וועלכע האָט זי פאַנאַנדערגעטיילט צווישען די מיטגליעדער לויט דער גרויס פון זייערע פאַמיליעס און לויט זייער פאַסיגקייט צו אַרבייטען. יעדע צעהן אָדער פופצעהן יאָהר האָט די „אָבשטשינאַ“ איבער אַ נייעס איינגעטיילט די נחלות לויט די ענדערונגען אין דער פאַמיליע פונ׳ם פויער. פאַרקויפען זיין חלק אָבשטשי..א־ערד האָט דער פויער ניט געקענט. ער האָט זיך אויך ניט געטאָרט ענטזאַגען צו נעהמען דעם חלק ערד, וואָס די אָבשטשינאַ האָט פאַר איהם באַשטימט, אפילו זיך אָפּזאָגען פון דער אָבשטשינאַ און ניט זיין דאָרטען קיין מיטגליעד האָט ער אויך ניט געטאָרט; צי ער האָט יאַ געוואָלט, צי ער האָט ניט געוואָלט — אַ מיטגליעד אין דער אָבשטשינאַ האָט ער געמוזט זיין. די אויסקויף־צאָהלונגען זיינען ניט געווען קיין אינדיווידועלע. די אָבשטשינאַ האָט מען געהאַלטען פאַראַנטוואָרטליך פאַר די חובות פון יעדען איינציגען פויער, און דאַריבער האָט זי באַטראַכט דאָס לאַנד־אייגענטום אַלס אַ פליכט און ניט אַלס אַ רעכט. עס איז אויסגעקומען אַזוי, אַז ניט איין פויער איז געווען צופריעדען מוחל זיין דעם חלק ערד וואָס מען גיט איהם אַבי ניט צו האָבען אויף זיך אַ „כלאָפּאָט“. אָבער אפילו דאָס האָט ער אויך ניט געטאָרט, ווייל עס איז געווען געגען די אינטערעסען פון דער אָבשטשינאַ.

ביים פאַנאַנדערטיילען די חלקים ערד האָט די אָבשטשינאַ אָנגעווענדעט אַ גאַנץ אייגענאַרטיגען מין גערעכטיגקייט. זי האָט דעם פויער ניט געגעבען איין שטיק לאַנד, וואָס ער וואָלט געקענט באַאַרבייטען לויט זיינע מעגליכקייטען און פעהיגקייטען, נור עטליכע שמאָלע שטיקלאַך לאַנד אין פאַרשידענע טהיילען — דאָ אַ שטיקעל און דאָרט אַ ברעקעל. כדי דער לעזער זאָל דאָס מעהר

פאַרשטעהן, ווילען מיר דאָס געבען צו פאַרשטעהן קלאָרער: לאָמיר זאָגען, אַז אַ „אָבשטשינאַ" פאַרמאָגט 800 אַקער לאַנד וואָס זי דאַרף צוטיילען גלייך אויף גלייך צווישען 100 פאַמיליעס. יעדער פאַמיליע דאַרף קריגען 8 אַקער. לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז די 800 אַקער לאַנד זיינען ניט אַלע גלייך אין פּרוכטבאַרקייט, נור זיי באַשטעהן פון בערג, טהאָלען, זומפּען, ניט־פּרוכטבאַרען באָדען, וועלדער, פּאַשע־לאָנקעס און דעסטגלייכען — צעהנערליי פאַרשידענע סאָרטען לאַנד. עס פאַרשטעהט זיך, אַז די גערעכטיגקייט פון דער אָבשטשינאַ פאָדערט, אַז יעדער פאַמיליע פון די הונדערט זאָל האָבען אַ חלק אין יעדער סאָרט לאַנד. אויף אַזאַ'ן אופן קומט אויס, אַז יעדער פאַמיליע קריגט אַכט אַקער שטיקלאַך לאַנד, וואָס זיינען צעוואָרפען און ווייט איינס פון ס'אַנדערע, די שטיקלאַך לאַנד זיינען געוועהנליך לאַנגע און שמאָלע, אָפטמאָל ניט מעהר ווי אַ פּאָר אַרשין די ברייט.

דער פּויער האָט דעריבער קיין חשק ניט געהאַט צו פאַרבעסערען זיין חלק ערד, און ווען ער וואָלט אפילו יאָ געהאַט חשק, האָט ער די מעגליכקייט ניט געהאַט. עס האָט זיך איהם פּשוט ניט געלוינט אריינצוברעקען געלד אויף אויסצובעסערען אַזאַ נחלה, וואָס וועט אין עטליכע יאָהר אַרום איבערגעהן אין די הענד פון זיין שכן לויט דעם באַפעהל פון דער אָבשטשינע. וועגען אַנגעהן מיט זיין אַרבייט אויפ'ן פעלד אויף אַ גרעסערען מאַסשטאַב האָט דאָ קיין רעדע ניט געקענט זיין, ווייל דער פּויער האָט פאַרמאָגט זעהר קליינע שטיקלאַך לאַנד און דערצו האָט ער נאָך געמוזט נאָכטהאָן די שכנים. ער האָט ניט געקענט פאַרזייהען קיין קלעווער בעת זיין שכן אויפ'ן צווייטען שטיקעל לאַנד האָט גאָר פאַרזייהט ווייץ אָדער גרופּען. ער האָט ניט געקענט פאַרזייהען קיין פלאַקס בעת די אַנדערע שטיקער לאַנד זיינען געלעגען איינגאַנצען ניט קיין צואַקערטע און געדיענט אַלס פּאַשע־לאָנקעס פאַר די בהמות פונ'ם דאָרף. ער האָט געדאַרפט אַקערען און זייהען און שניידען גלייך מיט אַלע שכנים זיינע, אין איין צייט. די אומשטענדען זיינען געווען אַזוינע, אַז אויף קיין אייגענער המצאה האָט ער ניט געקענט פאַלען

און וועגען אויפטהאָן עפּעס אַ נייעס האָט קיין רעדע ניט געקענט זיין. אמת טאַקי, ער האָט געקענט דינגען אַ שטיקעל לאַנד ביים פּריץ און דאָרטען האָבען מעהר פרייהייט עפּעס צו טהאָן, אָבער די געדונגענע לאַנד איז געווען נויטיג בלויז אַלס אַ צוגאָב צו דעם חלק לאַנד וואָס ער האָט ביי דער אָבשטשינע געקראָגען, און חוץ דעם האָט עס געקאָסט זעהר טייער און וואָס אַ יאָהר איז עס געוואָרען נאָך טייערער.

אויף אַזאַ'ן אופן איז אויסגעקומען, אַז דורך די געזעצען, וואָס זיינען געשאַפען געוואָרען כדי צו רעגולירען דעם באַזיץ פון לאַנד האָט מען דעם אַגריקולטורעלען פּראָגרעס ניט געלאָזט וואַקסען פון סאַמע אָנפאַנג אָן. געהייסען האָט עס, אַז מיט די דאָזיגע געזעצען איז מען אויסען אָפּצוהיטען די גלייכהייט אין'ם דאָרפס־לעבען און באַשיצען די אָרימע פּויערים, אַז זיי זאָלען קיין לוין־אַרבייטער ניט דאַרפען ווערען. אין דער אמת'ן אָבער האָבען זיי צוגעבונדען דעם פּויער צו דער ערד און איהם געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל האָרעווען ווי אַ רוח און גאָר ניט האָבען אין דער צייט ווען ער וואָלט אַלס אַ פרייער אַרבייטער געקענט פאַרדיענען אַ סך מעהר. זיי האָבען דעם פּויער אונטערוואָרפען דעם קאַפּריז פון דעם אָבשטשינאַ־ראַטה, וואָס האָט געהאַט אַ רעכט ניט צו לאָזען דעם פּויער אַרויספאָהרען פון'ם דאָרף און זיך באַזעצען אין אַ אינדוס־טריעלער שטאָדט, וואו ער וואָלט געקענט קריגען אַרבייט. הונ־דערטער טויזענדער פּויערים, וועלכע האָבען שוין מעהר קיין האָפנונגען ניט געהאַט זיך צוצושלאָגען צו עפּעס אַ לייטישע נחלה, האָבען פאַרלאָזט קנין מיט מנין, און מוחל געווען די יאָהרען שווערע פּראַצע, וואָס זיי האָבען אין די פעלדער אַריינגעלעגט און זייגען אַוועק וואוהין די אויגען האָבען זיי געטראָגען, און דערנאָך האָבען זיי ערשט יעדער יאָהר געמוזט צאָהלען דעם „פּאָדאַט" (שטייער) וואָס איז אויסגעפאַלען אויף זייער חלק אין דער אָבשטשינע, אַנ־דערש האָט מען זיי ניט געגעבען קיין ערלויבניש צו פאַרלאָזען דאָס דאָרף.

מיר האָבען דאָ איבערגעגעבען בקיצור די צרות פון דעם רוסי־

שען דאָרף. דער סך הכל איז אזוי: 1) די פויערים האָבען ניט געהאט גענוג ערד; 2) פאַר די חלקים ערד וואָס מען האָט זיי געגעבען, האָבען זיי געמוזט באַצאָהלען א צו גרויסע סומע אויס־קויף־געלד; 3) אפילו די ערד וואָס מען האָט זיי שוין יא געגע־בען האָט ניט געקענט באטראכט ווערען אלס זייער פריוואט־אייגענטום, און דערפאַר האָט קיין רעדע ניט געקענט זיין וועגען המצאות אויף צו פארבעסערען און פארפאָלקאָמען די נחלות; 4) דער פויער האָט קיין פערזענליכע פרייהייט לחלוטין ניט גע־האט. און דאָ מוז מען נאָך צוגעבען: א שווערען לאנד שטייער, א קאָפּ שטייער און נאָך און נאָך שטייערען חוץ דעם אויסקויף־געלד; דערצו נאָך — א מאנגעל אין בילדונג; א מאנגעל און וויסען עפּעס וועגען די מאָדערנע מעטאָדען פון אגריקולטור; א מאנגעל אין ביליגע קרעדיטען; א מאנגעל אין געזעצען וואָס זאָלען באשיצען דעם אָרימען פויער געגען דער עקספּלואטאציע פון דעם רייכען. אָט די אַלע זאכען, אויף דעם הינטערגרונד פון דער געמיינער און ברוטאלער פּאָליטישער אָרדנונג, שטעלען פאַר אונז פאַר א קלאָרע בילד פון די מעהרסטע דאָרפישע אָבשטשינעס אין רוסלאַנד מיט צוואַנציג יאָהר צוריק.

די רעזולטאטען דערפון קען מען זעהן פון פאָלגענדע ציפערען: צווישען 1870 און 1900 איז די פויערים־באַפעלקערונג גרעסער גע־וואָרען אויף 56,9 פּראָצענט און די צאָהל פון פאמיליעס אויף 57,8 פּראָצענט, בעת דער אַלגעמיינער שטח פון דעם לאַנד, וואָס איז גע־ווען אין באזיץ ביי די פויערים (אי די אָבשטשינא־לאַנד, אי די פּריוואטע) איז גרעסער געוואָרען בלויז אויף 20.5 פּראָצענט, און דער אַלגעמיינער שטח פון לאנד, וואָס די פויערים האָבען באַ־ארבייט (איינגעשלאָסען די לאַנד, וואָס זיי האָבען געדונגען ביי די פּריצים) איז גרעסער געוואָרען אויף 40.5 פּראָצענט. די צאָהל פון די בהמות, וואָס די פויערים האָבען פאַרמאָגט איז גרעסער געוואָרען בלויז אויף 9.5 פּראָצענט. מיט אַנדערע ווערטער, דער צו־וואוקס אין לאַנד באזיץ איז געווען 2.8 מאָל קלענער ווי דער צו־וואוקס פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג; דער צווואוקס פון

דעם באַארבייטעטן שטח ערד איז געווען 1.5 מאָל קלענער, און דער צו־וואוקס אין דער צאָהל בהמות זעקס מאָל קלענער ווי דער צו־וואוקס פון דער באַפעלקערונג.*)

דער וואוקס פון דעם באַארבייטעטן שטח ערד מוז ניט דוקא זיך אויסגלייכען מיט דעם וואוקס פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג, סיידען די פּרודוקטיוויטעט פון לאַנד ווערט גרעסער. די ציפערען וועגען די בהמות באַווייזען אָבער, אַז דער פּויער האָט ניט פאַר־בעסערט זיינע מעטאָדען פון ערד־ארבייט. מיט דיזעלבע מעטאָ־דען וואָס מען האָט זיך באַנוצט אין׳ם יאָהר 1850, האָט מען זיך אויך באַנוצט אין׳ם יאָהר 1900. די ערד ארבייטס אינסטרומענ־טען זיינען געווען פּרימיטיוו. וועגען אַזאַ זאַך ווי מאַכען די ערד פּרודוקטיווער דורך אונגאַטירליכע מיטלען האָבען די רוסישע פּויערים קיין אַהנונג ניט געהאַט. די ערד איז געוואָרען אַלץ אָרימער און אָרימער איבער דעם וואָס מען האָט זי ניט באַארבייט ווי עס באַדאַרף צו זיין. און אַז די ערד איז געווען אָרים איז די תבואה געווען צרה׳דיג; און אַז די תבואה איז געווען צרה׳דיג האָט דער פּויער ניט געהאַט וואָס צו עסען און עס איז איהם געווען ביטער און פינסטער.

די פּויערים האָבען געמוזט דינגען ערד. און דאָס האָט גע־קאָסט שרעקליך טייער. ביים אָנפאַנג פון׳ם צוואַנציגסטען יאָהר־הונדערט האָט מען אין זיבען און צוואַנציג גובערניעס אין דעם אייראָפּעאישען טהייל פון רוסלאַנד פאַר געדונגענער ערד געדאַרפט באַצאָהלען אַזוי גרויס ווי 81.1 פּראָצענט פון דער ריינער הכנסה וואָס די ערד האָט אַריינגעבראַכט. גאַנץ אָפט האָט מען פאַר געדונגענער ערד באַצאָהלט ניט קיין געלד, נור ארבייט — דער פּויער האָט געארבייט ביים פּריץ אויפ׳ן פעלד, און אויף אַזאַ׳ן אופן אויסגעצאָהלט פאַר דער געדונגענער ערד. און דאָס האָט

*) א. פין־יענאָטאַיעווסקי, „דאָס עקאָנאָמישע לעבען פון דער מאָ־דערנער רוסלאַנד", זייט 113.

געמיינט נאָך מעהר שינדען די הויט פון'ם אָרימען פויער און איהם נאָך מעהר האַלטען שטענדיג אין די הענד.

די לאַנדווירטשאַפט פון דעם דורכשניטליכען פויער איז געווען אַזוי צרה'דיג, אַז עס האָט פשוט ביים הארצען געריסען. אַרום דער קליינער נחלה, וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער געהאָרעוועט שווער און ביטער, קיין זאַך האָט ער זיך ניט געקענט פאַרגינען, און כאָטש ער האָט זיך געפיהרט לויט דעם כלל, אַז מען דאַרף שטרעקען נאָך די עקען, האָט ער דאָך קיינמאָל ניט געקענט אויסקומען און איז אַלע מאָל געווען אויף גרויסע צרות. מיט בענקענים האָט ער געדענקט וועגען יענע גוטע צייטען ווען די תבואה איז הויפענסווייז געלעגען אין שייער ביז דער שניט־צייט פון'ם צווייטען יאָהר, ווען מען האָט אליין אין דער היים געשפונען לייווענט און וואָל אויף קליידער פאַר דער פאַמיליע, ווען מען האָט געדאַרפט געלד בלויז אויף זאַלץ און אייזען און ווען דאָס לעבען איז געווען באַוואָרענט. דער אָרימער פויער האָט שוין איצט געמוזט אַרבייטען כדי ער זאָל האָבען וואָס אויסצובייטען. ער האָט געדאַרפט האָבען געלד. ער האָט געמוזט צאָהלען די שטייערען, ער האָט געמוזט באַצאָהלען אויסקויף־געלד אין צייט, ער האָט שוין געמוזט קויפען לייוועגט און באַוועל פאַר זיך און פאַר זיין פאַמיליע, ער האָט געדאַרפט קויפען קעראָסין צו באַלייכטען זיין כאַטקע, ער האָט אַמאָל געדאַרפט קויפען אַ פערד אָדער אַ קוה, ער האָט געדאַרפט קויפען האָלץ צו הייצען דעם אויוועז. זאַמלען תבואה אין שייער פון איין שניט־צייט צום צווייטען האָט ער שוין ניט געקענט. וועגען אַזאַ זאַך האָט גאָר קיין רעדע ניט געקענט זיין, ווייל עס איז פאַר איהם אוממעגליך געווען צו וואַרטען. ער האָט געמוזט פאַרקויפען זיין קאָרן און זיין ווייץ און זיין האָבער אַזוי שנעל ווי ער האָט עס פון די פעלדער אַראָפּגענומען. ער האָט עס געמוזט פאַרקויפען פאַר אַזאַ מקח ווי מען האָט איהם געגעבען. דער ביטרער מעקלער האָט שוין אויף איהם געוואַרט פונקט ווי אַ חיה לויערט אויף איהר אומשולדיגען קרבן. דער ביטרער מעקלער האָט דעם פויער גאַנץ אָפט געליהען געלד פאָראויס, אויף דעם

חשבון פון דער תבואה וואָס ער וועט שפּעטער פון די פעלדער אראָפּנעהמען. און אַזוי שנעל ווי מען האָט די תבואה אָפּגע־שניטען האָט מען זי גלייך אוועקגענומען פאַר זעהר אַ קליינעם פּרייז, פאַר אַ שבוש. און דערנאָך, ווען דער ווינטער איז געקומען האָט דער פּויער אַליין געמוזט קויפען קאָרן און האָבער און באַ־צאָהלען דערפאַר אַ סך טייערער ווי מען האָט איהם פאַר דיזעלבע ארטיקלען באַצאָהלט. און ווען דער פריהלינג איז געקומען האָט ער ניט געהאַט קיין געלד, קיין זריעה, קיין זאַפּאַסען. וואָס זשע האָט ער נעבאַך געקענט טהאָן? וואָס פאַר אַן עצה האָט ער זיך געזאָלט געבען? דאָס איינציגע וואָס ס'איז פאַר איהם געבליבען צו טהאָן איז — זיך פאַרדינגען אַלס אַן אַרבייטער ביים פּריץ אויף דער אימעניע. און אַזוי פלעגט טאַקע אַן אָרימער פּויער טהאָן: זיין שטיקעל נחלה איבערגעלאָזט פאַר דער ווייב און קינדער צו באַארבייטען, און אַליין אוועק אַרבייטען ביים פּריץ אויף די פעלדער. די ווייב און די קינדער האָבען די ע״ד ניט געקענט באַארבייטען ווי עס באַדאַרף צו זיין, איז די ערד וואָס אַמאָל געוואָרען אַלץ ערגער און ערגער, און די אָרימקייט איז געוואָרען אַלץ גרעסער און גרעסער.

מיט די געזעצען וועגען דער דאָרפישער אָבשטשינאַ איז מען אויסען געווען ניט צו דערלאָזען קיין אָרימקייט צווישען די פּויערים. אַזוי האָט עס געהייסען. אין דער אמת'ן אָבער האָט די אָרימקייט אַנגענומען אַ זאָנדערבאַרע פאָרמע. דער פּויער איז געווען אַ פאָל־שטענדיגער מיטגליעד אין זיין אָבשטשינע; ער האָט געהאַט אַ רעכט אויף לאַנד; ער האָט ניט געטאָרט פאַרקויפען זיין חלק לאַנד; עס האָט אויסגעקוקט, אַז ער איז באַשיצט און באַוואָ־רענט דורך לייטישע געזעצען. אָבער קיין געזעץ איז ניט געווען בכח צו זעהן, אַז דער אָרימער פּויער זאָל ניט ווערען נאָך אָרימער אָדער אַז די רייכע זאָלען ניט צוקריגען נאָך און נאָך לאַנד. דער פּויער האָט טאַקע קיין רעכט ניט געהאַט צו פאַרקויפען זיין חלק לאַנה, אָבער פאַרדינגען זיין חלק לאַנד צו זיין שכן און ווערען אַ

לוין־ארבייטער ביי יענעם — דאָס האָט ער יא געקענט. און דאָס האָט אין די רוסישע דערפער פאסירט זעהר אָפט.

פון פאקטען וואָס מען האָט אין די נײנציגער יאָהרען געזאַמעלט אין סאמארער גובערניע וועגען 28,276 דאָרפס־ווירטשאַפטען מיט א באפעלקערונג פון 164,146 מענער, פרויען און קינדער, באקומען מיר פאָלגענדע בילד פון דער צוטיילונג פון לאנד צווישען די פארשידענע קלאסען. 37.2 פראָצענט פון די הויז־ווירטשאפטען, אין וועלכע עס געהען אריין די אָרימסטע קלאסען פון די פויערים, האָבען געהאט 8 פראָצענט פון דעם לאנד; 38.2 פראָצענט פון דער באפעלקערונג, אין וועלכע עס איז אריינגעגאנגען די מיטעל־קלאסע, האָבען באזיצט 28.6 פראָצענט פון דעם לאנד, בעת 7.6 פראצענט פון די הויזווירטשאפטען, אין וועלכע עס זיינען אריינגעגאנגען די פארמעגליכסטע פויערים, האָבען אָנגעהאלטען אזוי פיעל ווי 36.5 פראָצענט פון דעם לאנד. די דאָזיגע 7.6 פראָצענט פון די הויזווירטשאפטען, וואָס האָבען באלאנגט צו די רייכסטע און שטארקסטע אין דאָרף, האָבען געהאט 75.4 פראָצענט פון די הויזווירטשאפטען, וואָס האָבען געהערט צו די פויערים, וועלכע האָבען ניט געהאט קיין מזל צו זיין פארמעגליך *) עהנליכע ציפערען געפינט מען אין אלע אנדערע סטאטיסטישע אונטערזוכונגען וועגען דער לאגע פון די פויערים. אין טאווריגער גובערניע האָבען 40.2 פראָצענט פון די פויערים אין דריי אויעזדען געהאלטען 12.1 פראָצענט פון דעם לאנד, אין דער צייט ווען 3.7 פראָצענט פון די פויערים האָבען געהאלטען 16 פראָצענט פון דעם לאנד: א הויפּעלע רייכע פויערים האָט פארמאָגט מעהר לאנד פון כמעט א העלפט פון דער גאנצער דאָרפישער באפעלקערונג!

לפנים האָט די ערד באלאנגט צו דער דאָרפישער אָבשטשינע און צו יעדען איינעם פון איהרע מיטגליעדער. אין דער אמת'ען אָבער איז א טהייל פון דער ערד איבערגעגאנגען פון האנד צו האנד — פון די שוואכערע צו די שטארקערע. צוגעגאנגען איז

*) וו. איליו, „די ענטוויקלונג פון קאפיטאליזם אין רוסלאנד".

דאָס פּאַמעלאַך און שווערלאַך, אַ דאַנק די געזעצליכע באַגרענציצונ־גען. די גרעסטע מאַיאָריטעט פון די פּויערים האָט זיך מיט אַלע כוחות אָנגעהאַלטען אָן ביסעלע ערד, וואָס זיי האָבען פאַרמאָגט, און וואָס אַמאָל זיינען זיי געוואָרען אַלץ אָרימער און אָרימער; צייטענווייז האָבען זיי פּשוט ניט געהאַט מיט וואָס אַ טאָג איבער־צוקומען, און די פאַרצווייפלונג זייערע איז געווען זעהר גרויס.

## קאַפּיטעל 4.

# דער רעוואָלטירענדער פּויער.

מיר ווילען ערד!

דאָס איז געווען דאָס געשריי פון די פּויערים אין אַלע ווינקעלאַך פון דער גרויסער אימפּעריע. דאָס איז געווען די שפּראַך וואָס איז געווען פאַרשטענדליך פאַר אַלע פּויערים אין אַלע גובערניעס, אין מזרח און אין מערב, אין צפון און אין דרום. דאָס איז געווען דער לאָזונג וואָס אַלע פּויערים האָבען פאַרשטאַנען.

און האָט איהר געמעגט קומען צום פּויער און טענה'ן פון היינט ביז מאָרגען, אַז אַ שטיקעל לאַנד איז נאָך ניט אַלץ; אַז אויב ער וועט אַפּילו שוין יאַ באַקומען נאָך דריי אַקער לאַנד, חוץ די דריי אַקער וואָס ער פאַרמאָגט איצט, וועט דאָס פאַרבעסערען זיין לאַגע בלויז אויף אַ ווײַלע; אַז אַפּילו אַזאַ זאַך ווי לאַנד האָט אויך אַ מאָס און מוז זיך סוף כל סוף אויסנעמען, ווי גרויס עס זאָל ניט זיין; אַז דורך דעם וואָס מען וועט אויף אַ בעסערען שטייגער אָנגעהן מיט דער ארבייט אויף די פעלדער, באַנוצען וויסענשאַפטליכע מעטאָדען, פאַרבעסערען די קוואַליטעט פון דער אַרויסגעגעבענער תבואה און דערצו נאָך צוגעבען אַביסעל האַנדעלסטעטיגקייט און די הילף פון די פּויערשע קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציאָנען, וועט מען ברענגען דערצו, אַז אַפּילו איצט זאָלען די פּויערים ציהען זייער חיונה פון דעם ביסעלע ערד וואָס זיי האָבען — פון היינט ביז מאָרגען האָט איהר געמעגט טענה'ן און אויסברייען, אַז איהר זייט גערעכט, אָבער די טענות האָבען זיך צו די פּויערים געקלעפּט ווי אַן ארבעס צו דער וואַנט. וואָרים די פּויערים האָבען אַזעלכע זאַכען גאָר ניט געקענט פאַרשטעהן, ווייל זיי זיינען נאָך ניט געווען צוגעגרייט דערצו. פאַר זיי איז דאָס געווען צו

הויך, זיי האָבען דאָס ניט געקענט תופס זיין, זיי האָבען דאָס ניט געקענט באַגרייפען. און חוץ דעם האָט מען צו אָט די אַלע זאַכען גערדאַרפט האָבען געלד און צייט, און דער פויער איז געווען אָרים און אומגעדולדיג.

דער פויער האָט קיין געדולד ניט געהאַט צו וואַרטען, און עס איז ביי איהם אויסגעקומען, אַז די איינציגע רפואה צו אַלע זיינע צרות איז — שוין קריגען אַביסעל מעהר לאַנד.

לאַנד איז געווען. אָבער דער בעל הבית פון דעם איז געווען דער פּריץ. אַ טהייל דערפון האָט דער פויער אַליין געהאַט אָדער זיין פאָטער נאָך פון דער פאַנשטשינע. אַ טהייל האָבען די פויערים געדונגען. דער פּריץ אַליין האָט ניט געאַרבייט. ער האָט געדונגען די דאָרפסלייט, זיי זאָלען אַרבייטען פאַר איהם מיט זייערע פערד, מיט זייערע פרויען און קינדער, און אָנגעשטעלט ספּעציעלע פאַרוואַלטער אויפצופּאַסען אויף זיי. דער פּריץ אַליין האָט גאָר ניט געוואוינט אין דאָרף און זיך גאָר ניט אָנגעקעהרט מיט די פויערים. אַ סך פּריצים האָבען פאַרמאָגט ריעזיג גרויסע אימעניעס, וואָס זיינען באַשטאַנען פון הונדערטער טויזענדער אַקער לאַנד. אויף זייערע אימעניעס איז די ערד גוט באַאַרבייט געוואָרען; זייערע בהמות האָבען געהאַט גענוג פּאַשע; זאַפּאַסען האָבען זיי אויך געהאַט גענוג; זיי האָט קיין זאַך ניט אויסגעפעהלט. די פויערים האָבען דעם פּריץ מקנא געווען, און מיט'ן פּשוט'ען שכל האָבען זיי פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַן אומרעכט. וואָס שייך זיין אייגען לעבען איז דער פויער געווען ווייט פון קאָמוניסטישע אידעען. פאַרקעהרט, אין זיינע באַציהונגען מיט די אַנדערע דאָרפסלייט האָט ער דוקא ארויסגעוויזען אַ שאַרפע נייגונג צו פּריוואַט אייגענטום. אָבער די ערד, די „זעמליא" האָט איהם געצויגען ווי אַ מאַגנעט. דאָס איז ביי איהם געווען דער עיקר פון אַלע עיקרים. דאָס איז ביי איהם געווען דאָס העכסטע און דאָס בעסטע. און פאַרשטאַנען האָט ער איין זאַך: די ערד באַלאַנגט צו גאָט און צום פאָלק. דאָס איז געווען זיין „אני מאמין". דאָס איז געווען זיין גלויבען.

יאָהרען און יאָהרען איז אין די דערפער ארומגעגאַנגען אַ

לעגענדע, און וועלכער אַלע פּויערים האָבען געגלויבט באמונה שלמה. די לעגענדע איז געווען אַזוי: די פּריצים האָבען אָפּגענאַרט אי די פּויע־ים, אי דעם צאַר באַטיושקאַ. דער צאַר, הייסט עס, האָט געוואָלט אַוועקגעבען די פּויערים די גאַנצע ערד, אָבער די פּריצים, די שווינדלער, האָבען דעם צאַר'ס מאַניפעסט באהאַלטען און אַנ־שטאַט אַוועקצוגעבען די פּויערים די גאַנצע ערד האָבען זיי אַוועק־געגעבען בלויז אַ טהייל. און ווייטער האָט די לעגענדע זיך גע־וועבט, אַז דער צאַר אַליין וויל, אַז די פּויערים זאָלען זיך צובונטע־ווען און אַליין פאַרטיידיגען זייע־ע רעכט.

די פּויערים פון די דערפער האָבען אַלץ געוואַרט אויף אַ נס, און עס איז ביי זיי גאָר קיין ספק ניט געווען, אַז סוף כל סוף וועט טאַקי געשעהן אַ נס און מען וועט זיי אַוועקגעבען די גאַנצע ערד.

אין די יאָהרען 1873 און 1874 האָבען אַ סך אידעאַליסטישע יונגע לייט זיך אַ לאָז געטאָן איבער די דערפער מיט'ן צוועק אָנצופיהרען אַ רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדאַ צווישען די פּויערים. זיי האָבען זיך אַליין פאַרשטעלט אַלס פּויערים, בעלי מלאכות אָדער גייסטליכע; זיי האָבען געלעבט מיט די פּויערים, געאַרבייט צוזאַמען מיט זיי אויף די פעלדער, געשלאָפען מיט זיי אין די שייערס, און די גאַנצע צייט אַלץ געפּרואווט צו פאַרשפּרייטען רע־וואָלוציאָנע־ע אָרגאַניזאַציעס. די פּראָבע איז אָבער דורכגעפאַלען. די מוזשיקעס זיינען נאָך ניט געווען צוגעפּאַסט צו געהיימע אָרגאַ־ניזאַציעס. זיי האָבען נאָך קיין רעוואָלוציאָנערע אידעען ניט גע־קענט תופס זיין. זיי האָבען בלויז פאַרשטאַנען, אַז די ערד דאַ־ף געהערען צום „נאַראָד", צום פאָלק און אַז אַ שלעכטער אוריאַדניק איז אַ צרה. אין 1876 האָבען צוויי רעוואָלוציאָנערען, סטעפּאַנאָ־וויטש און לעוו דייטש, געפּ־וואווט אָרגאַניזירען די פּויערים פון טשיגירינער אויעזד, קיעווער גובערניע, אויף אַן אַנדער שטייגער, און עס האָט זיך זיי איינגעגעבען. סטעפּאַנאָוויטש און דייטש האָבען זיך באַנוצט דערמיט וואָס די פּויערים האָבען אַזוי פיעל צוטרויען צום צאַר. זיי זיינען געקומען צו די פּויערים אַלס געהיי־מע שלוחים פון'ם צאַר און זיי איינגעשמועסט, אַז דער צאַר אַליין

האט זיי געשיקט אנריידען די פויערים צו מאכען אן אויפשטאנד געגען די פריצים, וועלכע האבען פארכאפט די גאנצע ערד. זיי האבען די פויערים געוויזען דעם „גאלדענעם מאניפעסט“, וואס דער צאר האט אונטערגעשריבען און אין וועלכען עס איז געשטאנען, אז די פויערים זאלען זיך ארגאניזירען אין געהיימע פאראיינען און זיך צוגרייטען פאר דער גרויסער איבערקערעניש, וואס וועט מאכען א סוף צו דער ממשלה פון די פריצים. די פויערים האבען געגלויבט און געטאן וואס מען האט זיי געהייסען. זיי האבען זיך אלע פאראייניגט אין אזעלכע ספעציעלע קרוזשאקען, און געשווארען, אז זיי וועלען אלעס דורכפיהרען ווי עס באדארף צו זיין. זיי האבען אויסגעבויט א גאנצע היראַרכיע מיט פארטרעטער און פארשטעהער. יעדער פויער האט זיך פארזארגט מיט א שפיעז און איז געווען גרייט פאר דעם טאג פון נקמה. דער אנהויב איז געמאכט געווארען אין 1876, און פארשפרייט האט זיך די באוועגונג מיט אזא שנעלקייט, אז ווען עס איז געקומען דער זומער פון דעם זעלבען יאהר האט שוין די געהיימע ארגאניזאציע געהאט היבשע עטליכע הונדערט מיטגליעדער. שפעטער איז די פאליציי געפאלען אויף א סליאד און א סך פויערים זיינען באשטראפט געווארען, אבער אויף דער פסיכאלאגיע פון די רוסישע פויערים האט עס דאך געווארפען א מערקווירדיגע ליכט. די פויערים האבען געגלויבט אין צאר, אבער אין דערזעלבער צייט האבען זיי אויך געגלויבט, אז דער צאר וויל, אז די גאנצע ערד זאל געהערען צו זיי. ביי זיי איז אויסגעקומען, אז דער צאר אליין איז א מענש מיט א גאלדען הארץ, נאר די פריצים זיינען שלעכטע מענשען. עס איז ביי זיי גאר קיין ספק ניט געווען, אז דער צאר איז פול און פול מיט רחמנות, נור די אוריאדניקעס און די פריסטאוועס זיינען רוצחים. און דאריבער האבען זיי געגלויבט, אז זיך שטעלען אקעגען דער „נאטשאלסטווא“ איז ניט קיין פארברעכען, און באראבעווען דעם פריץ איז ניט קיין חטא.

און דערמיט ערקלערט זיך די אורזאכע פון די פויערשע בונטען, וואס זיינען געווארען אלץ ערנסטער און אפטער פון'ם אנפאנג פון די זיבעציגער יאהרען אן. אלס דעם סאמע טיפישסטען קען

מען דאַ דערמאָנען דעם בונט וואָס איז פאָרגעקומען אינ׳ם יאָהר 1874 אין וואָלויסקער אויעזד, וואָראָניעזשער גובערניע. צווישען דער „אָבשטשינע" און דער „קאַזנאַטשעיסטוואַ" איז פאָרגעקומען עפּעס אַ סכסוך, אַ מיספאַרשטענדניס איבער אַ שטיק וואַלד. די פּויערים האָבען גע׳טענה׳ט, אַז דאָס שטיק וואַלד איז זייערס, און דאָס געריכט האָט גאָר גע׳פסק׳ענט, אַז דאָס שטיק וואַלד געהערט צו דער „קאַזנאַ". די פּויערים האָבען אָבער דעם פסק פון׳ם געריכט געהערט ווי דער פאַר־אַ־יאָהריגען שנעע, זיי האָבען די מינדסטע אויפמערקזאַמקייט דערצו ניט געשענקט, און ווי מען וואָלט גאָר זיי ניט געמיינט האָבען זיי ווייטער געהאַקט די ביימער און גע־פּאַשעט זייערע בהמות אין וואַלד. האָבען די סטראַזשניקעס פאַר־נומען די בהמות און געפאָדערט אויסקויף־געלד ביי די פּויערים. זיינען צוויי הונדערט פּויערים, מענער, פרויען און זאָגאַר קינדער, אַוועק אין וואַלד אריין מיט׳ן ציעל צו טרייבען די בהמות צוריק אַהיים. אַ פּויערטע האָט דערלאַנגט איין סטראַזשניק מיט אַ שטע־קען איבער׳ן קאָפּ, האָט אַ צווייטער סטראַזשניק ארויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער און דערשאָסען די פּויערטע אויף טויט. איז געוואָרען אַ סומאַטאָכע, אַ געשלעג, און געענדיגט האָט זיך דאָס געשלעג דער־מיט וואָס פינף פּויערים און צוויי סטראַזשניקעס זיינען דער׳הרג׳ט געוואָרען אויף טויט.

דער בונט האָט די פּויערים געקאָסט זעהר טייער. מען האָט גלייך אריינגעשיקט אין דאָרף אַ ראָטע סאָלדאַטען. באַוואָפענט פון׳ קאָפּ ביז די פיס, יעדער סאָלדאַט האָט ביי זיך געהאַט אכט און דרייסיג קוילען. דער הויפּט פון דער עקספּעדיציע איז געוועזן אַ ספּעציעלער סענאַטאָר, געשיקט פון׳ם צאַר אַליין. צוויי פוהרען מיט ריטער האָט מען אין דאָרף אריין געבראַכט, און מען האָט זיך אַ נעהם געטאָן „איינשטילען" די פּויערים. פופציג פּויערים האָ־בען געקראָגען שמיץ און פינף האָט מען פאַרשיקט קיין סיביר; די סאָלדאַטען, וועלכע האָבען די פּויערים געשמיסען, זיינען איינגע־שטאַנען ביי די פּויערים אין די הייזער, און די פּויערים האָבען נאָך געמוזט צאָהלען זעכציג קאָפּיקעס אַ טאָג אויף אויסצוהאַלטען די

סאָלדאַטען. די דאָרפישע בעאַמטע האָט מען ענטזאָגט און אויף זייער פּלאַץ האָט מען באַשטימט רעזערווגע אונטער־אָפיצערען. נאָכדעם האָבען די צייטונגען געדרוקט דעם צאַר'ס „קעניגליכען דאַנק צו סענאַטאָר קלושין דערפאַר וואָס ער האָט אַזוי אויסגעציי־כענט גוט דורכגעפיהרט זיין באַפעהל."

אין דעם זעלבען יאָהר איז אין ווילנער גובערניע אויך געוועזען א בונט. די פּויערים האָבען גע'טענה'ט, אַז א געוויסע שטיק לאַנד וואָס דער פּריץ האַלט פאַר זיין אייגענס, באַלאַנגט גאָר אין דער אמת'ען צו זיי. זיינען זיי אַוועק אַהין מיט שטעקענס און שנייד־מעסערס און ניט געלאָזט דעם „זעמליעמער" (פעלד־מעסטער) פאַר־מעסטען דאָס שטיק לאַנד, וואָס זיי האָבען געהאַלטען אַלס זייער אייגענס. און ניט נור די פּויערים אַליין זיינען אַהין אַוועק מיט שטעקענס און שניידמעסערס, נור אויך זייערע פרויען און קינדער. אָבער „נאַטשאַלסטווא" האָט אַרויסגעשיקט א ראָטע סאָלדאַטען, אַרעסטירט די בונטאָווששיקעס און זיי אַריינגעזעצט אין טורמע.

כמעט אַלע יאָהרען זיינען פאָרגעקומען אַזעלכע בונטען אין פאַרשיעדענע טיילען פון לאַנד. די פּויערים האָבען אויסגעהאַקט די וועלדער, געפּאַשעט זייערע בהמות אויף די פּריצישע פעלדער, באַ־ראַבעוועט די פּריצישע אימעניעס (גיטער), אונטערגעצונדען זייערע הייזער, זיך געשטעלט געגען די סטראַזשניקעס, געכאַפּט קלעפּ, שרעקליך געליטען, און דערביי איז זיי אַפילו ניט איינגעפאַלען די מינדסטע מחשבה, אַז דערמיט וואָס זיי שטעלען זיך געגען „נאַ־טשאַלסטווא" באַגעהן זיי א פאַרברעכען.

די רייכע פּויערים, וועלכע האָבען פאַרמאָגט א היבש ביסעל לאַנד האָט מען דוקא ניט געטשעפּעט. וואָרים דער רייכער פּויער איז געוועזען אַן אייגענער מענש; ער איז געוועזען א מיטגליעד אין דער „אָבשטשינאַ"; ער האָט גערעדט דיזעלבע שפּראַך וואָס אַלע פּויערים האָבען גערעדט און זיך געפיהרט אַזוי ווי זיי האָבען זיך געפיהרט. זיי האָבען איהם טאַקי אפשר פיינט געהאַט, אָבער זיין פאַרמעגען האָבען זיי ניט געטשעפּעט. דער פּריץ אָבער איז געוועזען גאָר עפּעס אַנדערש. אויף איהם האָבען זיי ניט געקוקט

ווי אויף אַן אייגענעם מענשען, נור ווי אויף אַ פרעמדען. ער איז געווען פון אַן אַנדער קלאַס. ער האָט גאָר מעהרסטענטיילס גערעדט פראַנצויזיש און האָט פיינט געהאַט דעם מוזשיק בתכלית השנאה און געקוקט קרום אויף זיינע מנהגים. ביי זיי, ביי די פויערים איז אויסגעקומען, אַז דער פּריץ איז געווען דער בעל הבית בלויז ביז'ן יאָהר 1861, און אַזוי ווי דער צאַר האָט שוין באפרייט ד'נם „נאַראָד“ פון דער פּאַנשטשינע, איז שוין דער פּריץ במילא אויס בעל הבית. נו, וואָס זשע פאר אַן עולה איז דאָ ווען מען נ'המט צו ביי איהם לאַנד? דאָס איז דאָך ניט מעהר ווי אַ יושר!

כאַראַקטעריסטיש איז אָט וואס: צוואַנציג יאָהר נאָכדעם ווי די פּאַנשטשינע איז שוין געווען אָפּגעשאַפט, האָבען די פויערים פאַרפיהרט פּראָצעסען געגען זייערע געוועזענע בעלי בתים, האָבענ־דיג טענות, אַז די ערד איז ניט ריכטיג צוטיילט געוואָרען. בעת מען האָט די פּאַנשטשינע אָפּגעשאַפט זיינען די פויערים געווען צופריעדען, אָבער דערנאָך, ווען זיי האָבען זיך איבערצייגט, אַז זיי זיינען נאָך אַלץ אויף צרות און האָבען ניט גענוג ערד, האָבען זיי זיך אָנגעהויבען בונטעווען. די ענטשיידונג פון געריכט צו גונסטען די פּריצים האָט אויף די פויערים ניט געווירקט. זיי האָבען די ענטשיידונג געהערט ווי דעם פאַר־אַ־יאָהריגען שנעע, ווייל עס איז פאַר זיי געווען קלאָר, אַז דאָס געריכט באַלאַנגט אויך צו די פּריצים, אַז דער ריכטער אַליין איז אויך אַ „פּאַן“, און דערפאַר מוז ער שוין במילא זיין געגען די אינטערעסען פון די פויערים.

און מען מוז נאָך האָבען אין זינען, אַז גאַנץ אָפט האָבען די פּריצים אַרויסגערופען בונטען דורך דעם וואָס זיי האָבען זעהר שלעכט באַהאַנדעלט די דאָרפישע אָבשטשינעס. גאַנץ אָפט איז אויסגעקומען אַזוי, אַז דעם פּריץ'עס ערד איז געווען אַרום דעם דאָרף, און דער פּריץ האָט ביי די פויערים געפאָדערט אַ סך געלד פאַר אַן ערלויבניש זיי צו לאָזען אַ וועג אַריינצופאָהרען אָדער אַריינצוגעהן אין דאָרף אַריין. די פּריצים האָבען זעהר אָפט פאַר־באָטען די פויערים זיך צו באַנוצען מיט דעם וואסער פונ'ם טייך. אַ פּריץ האָט זיך געקענט פאַרגינען אַרויפצולעגען אַ שווערע שטראָף

אויף א פויער אויב ער האָט געפונען דעם פויער׳ס א קוה פאַשענדיג זיך אויף זיינע פעלדער. אפילו די בעאַמטע אַליין האָבען צוגע־געבען, אַז די פריצים אַליין ברענגען די פויערים דערצו, אַז זיי זאָלען זיך בונטעווען. אין א בריעף צו מאַדאַם שקליאַריאָווא, א לאַנדבאַזיצערין אין קיעווער גובערניע, האָט דער גובערנאַטאָר, אין 1902, געשריבען אַזוי: „די רעזולטאַטען פון דער אָפיציעלער אונטערזוכונג האָב איך צוגעשטעלט צום גענעראל גובערנאַטאָר, און ער איז געקומען צום שלוס, אַז איהר אַליין זייט שולדיג אין די בונטען וואָס זיינען פאָרגעקומען אין׳ם דאָרף גאַלוביאַטינאַ, ווייל איהר האָט געוואָלט באַשרענקען די געזעצליכע רעכט פון די פויערים אויף דער פאַשע־לאַנקע. דער גענעראל גובערנאַטאָר האָט מיך דערפאַר באַאויפטראַגט אייך אויפצופאָדערען, אַז איהר זאָלט מעהר ניט באַשרענקען דאָס געזעצליכע רעכט וואָס די פויערים האָבען אויף דער פאַשע־לאַנקע, און אייך דערמאָנען, אַז אויב עס וועלען ווידער אַמאָל אויסברעכען בונטען, וועט דאָס זיין א רעה פאַר אייך אַליין“.

עס איז איבריג צו זאָגען, אַז זעהר וועניג פריצים האָבען זיך גערעכענט מיט אַזא זאַך ווי יושר און שכל.

וואָס א יאָהר איז די לאַגע פון די דאָרפישע געמיינדעס געוואָ־רען אַלץ ערגער און ערגער. זייער ווידערשטאַנדס קראַפט איז אָפּ־געשוואַכט געוואָרען. וואָס אַמאָל זיינען זיי געוואָרען אָרימער. די ערד האָט אָנגעהויבען ארויסגעבען אַלץ וועניגער און וועניגער תבואה. דער עקאָנאָמישער דרוק איז פון יאָהר צו יאָהר געוואָרען שווערער און שטרענגער. די באַדיפרניסען זיינען געוואָרען גרעסער. צאָהלען די פארשידענערליי שטייערען האָט מען געמוזט. די חובות זיינען געוואָרען אַזוי גרויס, אַז עס איז פשוט געווען אומ־מעגליך זיי צו צאָהלען. דער פויער האָט זיך ממש ביז צו דער ערד געבויגען אונטער דער שווערער משא פון חובות און נויטען. אַזעלכע אויפריכטיגע אונטערזוכער ווי י. ע. יאַנסאָן אין די זיבעציגער יאָהרען און ק. ד. קאַוועלין אין די אכציגער יאָהרען, האָ־בען געצויגען די אויפמערקזאַמקייט דאַרויף וואָס אין די דערפער

איז די לאַגע ניט קיין זיכערע און אַז מען קען דאָרטען ערוואַרטען אַן אויסברוך. אָבער קיינער האָט זיך צו זיי ניט צוגעהערט, און מען האָט קיין זאַך ניט געטאָן אויף צו פאַרבעסערען די לאַגע פון די פויערים. ערשט אין'ם יאָהר 1881 האָט מען דאָס אויסקויף־געלד געמאַכט אַביסעל קלענער; צווישען די יאָהרען 1883 און 1887 האָט מען דעם קאָפּ־שטייער איינגאַנצען אָפּגעשאַפט; אָבער אין דערזעלבער צייט האָט מען געמאַכט גרעסער דעם ערד־שטייער און נאָך אַ סך אַנדערע אומדירעקטע שטייערען.

אין די דערפער האָט דאָס גלייכגעוויכט זיך געהאַלטען אויף אַ האָר, און עס האָט געהאַלטען דערביי, אַז אָט־אָט זאָל עס איינגאַנצען געבען אַ ציה אַרונטער. און דער אומגליק איז געקומען; עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ הונגער. אַלע מאָל האָט דער הונגער פאַרכאַפּט אַן אַנדער געגענד אין לאַנד. אין'ם יאָהר 1891 האָט אין דעם מזרח טייל פון רוסלאַנד אויסגעבראָכען דער ערשטער גרויסער הונגער, אין 1898—99 — דער צווייטער. די פויערים האָבען פּשוט ניט געהאַט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען, זיי האָבען ממש קיין שטיקעל ברויט ניט געהאַט, און ווי געוועהנליך אין אַזאַ צייט, האָט נאָך אויסגעבראָכען אַ מגפה אויך. מענער, פרויען און קינדער זיינען געלעגען אין די כאַטקעס הונגעריגע, פאַרשמאַכטע, און אַזוי זיינען זיי דאָרטען אויסגעגאַנגען פאַמעלאַך, ניט האָבענדיג מעהר קיין כח די נשמות אין זיך צו דערהאַלטען. די פעלדער זיינען געבליבען ניט באַאַקערט; עס איז ניט געווען קיין כח צו אַרבייטען און עס איז ניט געווען קיין זריעה צו פאַרזייהען. די פערד און די קיה האָט מען פאַרקויפט פאַר אַ שבוש, און די גאַנצע בעל הבית'ישקייט איז געגאַנגען צו גרונד. אין דעם הונגער פון 1899 זיינען בלויז אין דריי גובערניעס, סאַמאַרער, קאַזאַנער און סימבירסקער, אַן ערך 100,000 פויערים קראַנק געוואָרען אויף סקאָרבוט, אַזאַ חולאת וואָס די יאַסלעס ווערען געשוואָלען, די צייהן הייבען זיך אָן שאָקלען און דער גאַנצער קערפּער איז אָפּגעלאָזען און שוואַך. עס זיינען געווען דערפער, וואו מען האָט געקענט געפינען צוויי אָדער דריי הונדערט חולאים אין יעדער

דאָרף. אין'ם יאָהר 1899 האָט מען אין נורלאַטי אַליין, אַ דאָרף אין סאַמאַרער גובערניע, פאַרצייכענט 887 אַזעלכע חולאים. אַ קוק צו טאָן אויף זיי איז געווען שרעקליך: געשוואָלען, דער גאַנצער קערפּער מיט וואונדען און די פּנים'ער בלאַס ווי דער טויט.

דאָ האָט איהר אַ שילדערונג פון אַ דאָרף, וואָס איז געטראָפען געוואָרען פון הונגער:

„איינגעפאַלענע כאַטקעס, ווינטער איז דאָרט קאַלט, און זומער איז דאָרטען אונערטרעגליך הייס, שטענדיג איז דאָרטען נאַס, און ווי מען קומט נאָר אריין אהין, גיט אין דער נאָז אַ זעץ אַזאַ מיאוסער גערוך, אַז מען קען דעם אטהעם ניט כאַפּען. אין אַ סך כאַטקעס איז פאַראַן בלויז איין פענסטער, די כאַטקעס אַליין זיינען ווי איינגעזונקען אין דער ערד. פון אַ סך דעכער איז שוין קיין געדעכטניש ניט געבליבען, אַפּילו קיין קראָקוועס זיינען שוין אויף זיי נישטאָ: די שטרוי האָבען די בהמות אויפגעגעסען און די קראָקוועס האָט מען אויסגעהייצט. אין אייניגע כאַטקעס ליגען פאַרשימעלטע בינטלאַך היי. דאָס היי איז געבליבען, וויל אַפּילו די הונגעריגע בהמות האָבען עס ניט געוואָלט עסען. אָפט מאָל זעהט מען ווי אַ באַטקע שטעהט זיך אין אַ זייט, אָפּגעזונדערט פון די אנדערע, און עס איז פּשוט מיט נסים וואָס זי פאַלט ניט איין. קיין בוים, קיין פלויט, קיין שטאַל און קיין „פּאָדוורע" קען מען לעבען די דאָזיגע כאַטקעס ניט זעהן. ווארים אויב עס איז פריהער יאָ עפּעס געווען, האָט מען עס פאַרקויפט, אויסגעהאַקט און אויסגעהייצט".*)

אַזוי איז געווען ביי די ברעגען פון דער שעהנער וואָלגאַ, אין דעם פרוכטבאַרסטען געגענד פון לאַנד, אין אַ גובערניע וואָס ווערט אָנגערופען „דער שייער פון רוסלאַנד", אין אַ אויעזד, וואו די ערד איז שוואַרץ, טיעף און רייך, דער קלימאַט געזונט, די לופט ריין און אָנגעזאַפּט מיט דעם ריח פון אָהן אַ שיעור ווילדע בלימעלאַך, און די מענשען זיינען בכלל געזונטע, פּשוטע און האָראָפּאַשנע.

מען האָט קיין סך ניט געדאַרפט אַרויסצורופען די אומצופריע־

*) א. ס. פּרוגאַווין. „די הונגעריגע רוסלאַנד", זייטען 60־59.

דענהייט פון די מיליאָנען אויסגעהונגערטע פויערים. ווייל וואָס האָבען זיי געהאט צו פארלירען? זייער אונצופרידענהייט האָט געמיינט די גרעסטע אומאָרדנונג איבער׳ן גאנצען לאנד.

דעם אלטען רעזשים איז די אומצופרידענהייט פון די פויערים געשטאנען ווי ז. ביין אין האלז, און דיזעלבע אומצופרידענהייט איז געווען איינע פון די אורזאכען פון דער גרויסער רעוואָלוציע.

## פינפטער קאפיטעל.

# די „אינטעליגענציע."

די אינטערעסען פון עקאנאמישער ענטוויקלונג זיינען געווען דער אלגעמיינער גרונד פון דער רוסישער רעוואלוציע. די ארביי־טער און פויערים זיינען געווען דער חומר, דער קערפער פון דער רוסישער רעוואלוציע; די אינטעליגענטען זיינען געווען איהר גייסט, איהר נשמה.

עס איז א פיינליכער פארגעניגען אין א קוואל פון ריהרענדער באגייסטערונג נאכצופאלגען דער געשיכטע פון די אינטעליגענטע גרופען אין רוסלאנד. זיי שטעהן פאר אונז ווי אן עמוד האש אין דער מדבר. זייערע שטימען קלינגען ווי די וואונדערבארסטע מוזיק אין א תפיסה. זייערע אויגען האבען שוין געזעהן א זונען־אויפ־גאנג דאן ווען עס איז ארום און ארום נאך געווען פינסטער וואל־קענדיג און א שלאגס־רעגען האט געגאסען. זייער רוף האט אריינ־געדרונגען טיעף אין די יונגע נשמות ווען אלעס ארום איז נאך געווען אזוי חושך'דיג און כמורנע.

פאר די רוסישע אינטעליגענטען איז געווען אן אומגליק וואס זיי זיינען געבארען געווארען אין אזא לאנד, וואס האט זיך צו שפעט דערמאנט, אז אין אייראפא איז מען שוין מיט דער ענטוויק־לונג אוועק גאנץ ווייט. ווען ס'האט אין פראנקרייך אויסגעבראכ־בען די ערשטע רעוואלוציע, איז רוסלאנד נאך געווען א בארבארישע מדינה. ווען עס האבען זיך אין אייראפא צופלאקערט די רעווא־לוציעס פון 1848, האט מען נאך אין רוסלאנד אפילו ניט געקלערט וועגען אפשאפען די פאנשטשינע. ווען ענגלאנד און פראנקרייך האבען געמאכט פארטשריט גרינדענדיג דעמאקראטישע אינסטיטו־

ציעס, האט רוסלאנד נאך אלץ געקרעכצעט אונטער'ן קנוט פון דעם שרעקליכען אבסאלוטיזם. ווען אין אלע מאדערנע קאנסטיטוציאנעלע לענדער איז בילדינג שוין געווען א חוב, האט די גרעסטע צאהל פון'ם רוסישען פאלק נאך אפילו ניט געקענט לעזען און שרייבען.

דער רוסישער אבסאלוטיזם האט אבער דאך ניט געקענט צומאכען די טהיר און לאדען, דורך וועלכע מען האט געקענט כאפען א קוק אין מערב אייראפא. אין'ם 18טען יאהרהונדערט האט די רוסישע רעגירונג געקוקט מיט חשד אויף יעדען מענשען, וואס איז געפאהרען קיין אויסלאנד. פאהרען קיין „זאגראניצע" איז באטראכט געווארען ווי עפעס א ניט כשר'ער עסק. מען האט אבער דאך ניט געקענט שטער'ען די פארבינדונג צווישען אייראפא און רוסלאנד, באזונדערס שווער איז געווען צו שטערען די פארבינדונג פון די מערב אייראפעאישע אידעען מיט די עמפפאנגליכע מחות פון די רוסישע אינטעליגענטען. די רוסישע יונגווארג איז געפאהרען קיין פראנקרייך און קיין דייטשלאנד, דארטען צו טרינקען פון'ם קוואל פון וויסענשאפט. די רוסישע דענקער זיינען געווען באאיינפלוסט פון די נייעסטע אידעען, פון די נייעסטע תורות או באגריפען, וואס זיינען געקומען פון דער מערב־וועלט. און אזוי ווי דאס ווירקליכע לעבען אין רוסלאנד האט נאך דאן קיין פלאץ ניט געהאט פאר אזעלכע תורות און אידעען, האט דער רוסישער אינטעליגענט נויטוועדיגערווייזע געמוזט ווערען א טרוימער. ער האט פיינט געהאט די עקזיסטירענדע ארדנונג אין זיין לאנד, ער האט קלאר געזעהן די שלעכטע ווירקונג פון שקלאפעריי און פאליטישער אונטערדריקונג, אבער איבער דעם וואס די באדינגונגען פון'ם לעבען זיינען געווען געגען איהם, האט ער זיך ניט געקענט אוועקשטעלען אין פראנט און ווערען א פיהרער פון מענשען און אן אקטיווער קעמפער פאר זיינע אידעען. דאס איינציגע וואס ער האט יא געקענט טהאן איז — בענקען, טרוימען. אזוי זיינען אוועק יאהרען און יאהרען, דורות און דורות. די אינטעליגענטען אליין זיינען אויך געווארען אנדערע. אבער א ברוטאלע מאכט

האָט זיי אַלע אוועקגעריסען פון די לעבענסקוואַלען, און די יאָהרען זייערע האָבען געמוזט אוועק אין טרוימען, חלומות און ענטוישטע געפיהלען. די בעסטע דאָליע האָבען געהאַט די שרייבער. זיי האָבען לכל הפּחות געקענט אויסדריקען זייערע געפיהלען און געדאַנ־קען אויף'ן פּאַפּיער; זיי האָבען דאָס אַפילו געטאָן פאַרשטעלט, מיט רמזים און מיט פינטעלאך, אָבער דאָך ווי עס איז אויסגעדריקט די געפיהלען, און דערפאַר האָט מען זיי טאַקע ניט איינמאָל שווער באַשטראָפט פאַר וואָס זיי באַאיינפלוסען די לעזער. אַ סך גרויסע מענשען, מיט וועמען דאָס רוסישע פאָלק מעג זיך איבער־נעמען, וועלכע וועלען אויך אין די צוקינפטיגע דורות זיין דער שטאָלץ פון'ם רוסישען פאָלק, האָט מען פאַרשיקט קיין סיביר און אין די טורמעס פאַרייגעזעצט. אַזוי איז געווען דער גורל פון ראַדי־שטשעוו'ן, פושקין'ען, לערמאָנטאָוו'ן, טשערנישעווסקי'ן, הערצען'ען, פּיסאַרעוו'ן, דאָסטאָיעווסקין און צעהנדליגער אַנדערע עדעלע נשמות. און ניט קוקענדיג אויף די אַלע ענוים קשים וואָס מען האָט די שרייבער אָנגעטאָן, האָבען זיי זיך דאָך אָפּגעגעבען מיט געזעלשאַפטליכער ארבייט. צווישען די אינטעליגענטען זיינען זיי געווען דער איינציגער אַקטיווער קלאַס. כמעט אַ גאַנץ יאָהר־הונדערט זיינען די שרייבער געווען די איינציגע פיהרער פון דער יונגער רוסלאַנד. אין דער ליטעראַטור האָט געפונען אַן ערלייזונג און אַ קיום אַלעס וואָס איז געווען אידעאַליסטיש, אַלעס וואָס האָט געאָטהעמט מיט ליעבע און פרייהייט, אַלעס וואָס איז געווען באַזעעלט מיט איבערגעבענהייט צום פאָלק און געריהרט פון דעם טרוים וועגען אַ שעהנערער צוקונפט.

אָבער ליטעראַטור אַליין האָט ניט געקענט באַפרידיגען אין גאַנצען. ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל האָבען די רוסישע אינ־טעליגענטען זיך אָרגאַניזירט און געפּרואווט אָנווענדען זייערע אידעען אין דער פּראַקטיק. אָבער די אַלע אָרגאַניזאַציעס האָבען קיין קיום ניט געהאַט. ווייל זיי זיינען געווען צוגעשניטען לויט דעם מוסטער פון אויסלאַנד און האָבען זיך ניט געקענט צופּאַסען צו די סאָציאַלע און פּאָליטישע באַדינגונגען וואָס האָבען דאָן עקזיס־

טירט אין רוסלאַנד. אזוי איז געווען מיט דער דעצעמבער רעוואָ־לוציע פון 1825, ווען אָפיצירען און אַנדערע אינטעליגענטען האָבען געפּרואווט אָנווענדען אין רוסלאַנד די אידעען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. אזוי איז געווען מיט דער ענטוזיאסטישער באַוועגונג פון די „נאַראָדניקעס" אין די זיבעציגער יאָהרען, ווען הונדערטער הויכגעבילדעטע, באַגייסטערטע יונגע לייט און פרויען האָבען געפּרואווט צוצופּאַסען דעם סאָציאַליזם צו דער רוסישער דאָרפישער אָבשטשינע. אזוי איז געווען מיט דער באַוועגונג פון די טעראָריסטען, ועמען עס האָט זיך דעם 1טען מארטש, 1881, איינגעגעבען צו דערהרג'ענען דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם 2טען, און וועלכע האָבען זיך באַלד נאָך דעם איינגעשטילט און זיך אונ־טערגעבען דער אויבערשטער מאַכט פון דער עקזיסטירענדער אָרדנונג. אזוי איז געווען מיט אַ סך אַנדערע רעוואָלוציאָנערע און ראַדיקאַלע גרופּעס און אָרגאַניזאַציעס. די אַלע אָרגאַניזאַציעס האָבען זיך געטראָגען אויף די כוואַליעס פון דער העכסטער און שעהנסטער באַגייסטערונג; זיי האָבען אין זיך געהאַט די בעסטע מענשען, די שטאַרקסטע גייסטער, אָבער זיי זיינען געקומען פ א ר דער צייט. די אַלע אָרגאַניזאַציעס זיינען געגרינדעט געוואָרען אין רוסלאַנד, ניט ווייל זיי זיינען געווען צוגעפּאַסט צום רוסישען לעבען, נור ווייל אין אויסלאַנד זיינען אויך געווען אַזעלכע, און ווייל די רוסישע אינטעליגענטען האָבען אַלץ גענומען מערב אייראָפּא אַלס דעם מוסטער. אָבער רוסלאַנד גופא איז נאָך ניט געווען רייף גענוג דערפאַר.

דער רוסישער אינטעליגענט, קען מען זאָגען, איז געווען מיט די פיס אין דעם צוריקגעשטאַנענעם מזרח און מיט'ן קאָפּ אין דעם פּראָגרעסיוועו מערב — און דאָס האָט איהם צוגעגעבען אַ ספּעצי־פישע אייגענשאַפט. דאָס דאַרף נעמען אין אכט יעדער מענש, וועלכער שטודירט די רוסישע רעוואָלוציע. מיר ווייסען טאַקי גאַנץ גוט ווי שווער עס איז אָנצוציכענען די כאַראַקטעריסטישע שטרי־כען און אייגענשאַפטען פון אַ גאַנצער סאָציאַלער גרופּע, וועלכע איז ניט אַלע מאָל איינאַרטיג און בייט זיך פון דור צו דור צוזאַמען

מיט די אעמשטענדען פון'ם לעבען. מיר געבען אויך צו, אז ס'קען זעהר זיין דאָס די פערזענליכע איינדריקע און אנזיכטען פון דעם שרייבער זאָלען אין דעם פרט ניט שטימען מיט דער אָביעקטיווער וויסענשאַפטליכער פינקטליכקייט. אָבער אזוי ווי דער כאַראַקטער פון דעם רוסישען אינטעליגענט איז פאַר א סך מענשען ניט אינגאַנצען קלאָר אין דער געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וועלכע קען אנדערש ניט ערקלערט ווערען, וועלען מיר דאָ פּרואווען געבען א קורצען איבערבליק פון דעם דאָזיגען כאַראַקטער, און דערביי ניט האָבען קיין פּרעטענזיעס צו מאַכען אן אַלזייטיגע אונ־טערזוכונג וועגע דעם.

דער רוסישער אינטעליגענט איז פריהער פון אלץ געווען א ביכער מענש. ביי איהם איז די טעאָריע שטענדיג געווען א סך וויכטיגער ווי דאָס ווירקליכע לעבען. אויב די פאַקטען האָבען ניט געשטימט מיט זיין טעאָרעטישען בנין, האָט ער זיך געגעבען אן עצה און האָט אינגאַנצען אָפּגעלייקענט זייער עקזיסטענץ, אָדער ער האָט זיי אוועקגעמאַכט אונטער דער האנד, אָדער ער האָט זיי גלאַט צודרעהט און שלעכט אויסגעטייטשט. אבי ניט בייטען די טעאָריע. עס איז געווען אמאָל א צייט ווען די רוסישע רעוואָלו־ציאָנערען האָבען געגלויבט, אז די רוסישע עקאָנאָמישע ענטוויקלונג האָט זיך איהר אייגענעם וועג; זי דאַרף ניט געהן אויף דעם וועג פון אינדוסטריעלען קאַפּיטאַליזם און קעהרט זיך ניט אָן מיט דעם כלל וועגען דער אויבערמאַכט פון די שטעדט אויפ'ן דאָרפישען לעבען. אָט די טעאָריע האָבע זיי זיך צונויפגעשטעלט גלויבענדיג באמונה שלמה, אז די דאָרפישע אבטשטינא מיט איהר קאָמונאַלער לאַנד אייגענטום איז דער גרונדשטיין פון א סאָציאַליסטישער אָרדנונג, וואָס וועט ראַטעווען רוסלאַנד פון די אלע צרות פונ'ם קאַפּיטאַליזם און פון די אלע שוועריגקייטען פון דעם קלאַסען־קאַמף. יאָהרען זיינען אוועק; רוסלאַנד איז געוואָרען מעהר אינדוסטריאַליזירט; איבער די סטעפּעס פון דער הייליגער רוס־לאַנד האָבען זיך אויף מיילען און מיילען געצויגען שפּרייטען אייזענ־באַהנען; עס האָבען זיך געיאָוועט בענק, אקציאָן־געזעלשאַפטען

און פאַבריקען. און די „נאַראָדניקעס" און זייערע חסידים האָבען זיך נאָך אַלץ געהאַלטען ביי זייער מיינונג, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז ניט מעהר ווי אַ קראַנקע מכה אויף דעם געזונטען קערפּער פון דער דאָרפישער רוסלאַנד, און אַז דער אמת'ער באַשעפער פון אַ נייער סאָציאַלער אָרדנונג אין רוסלאַנד איז דער מוזשיק, דער פּויער. און כדי דאָס צו באַווייזען האָט מען צוגעטראַכט ארגומענ־טען, צוגעטשעפּעט ווּיסענשאַפטליכע מעטאָדען, געבראַכט ציפערן און אָנגעוואָרפען גאַנצע בערג מיט עקאָנאָמישע און פילאָזאָפישע טעאָריעס.

ביים רוסישען אינטעליגענט האָבען די דיסקוסיעס פאַר־נומען דאָס פּלאַץ פון טהאָטען. דעבאַטירען וועגען פּראָבלעמען, אויסאַרבייטען פּראָגראַמען, דיסקוטירענדיג וועגען טעאָריעס און ריכטונגען — אַט די אַלע זאַכען זיינען ביי איהם ניט געווען קיין מיטעל צום ציעל, נאָר טאַקי דער ציעל גופא. נאָך מעהר, ער האָט געמיינט, אַז ער קען קיין זאַך ניט טהאָן איידער ער אַרבייט ניט אויס אַ קלאָרע פּראָגראַמע מיט אַלע חוקים און דקדוקים. אין דער געשיכטע פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען און זייערע רייסערייען וועגען אַזעלכע חוקים און דקדוקים, וואָס האָבען מיט'ן ווירקליכען לעבען אַבסאָלוט קיין שייכות ניט, קען מען געפינען גענוג ביישפּיעלען דאָס צו באַשטעטיגען.

דער רוסישער אינטעליגענט איז אין אַלע צייטען געווען גרייט זיך אָנצוכאַפּען אָן די נייעסטע אידעען. און ווייל ער איז געווען אַרויסגעשטויסען פון דעם קאָנסטרוקטיווען סאָציאַלען לעבען אין זיין אייגען לאַנד, ווייל ער האָט ניט געהאַט די מעגליכ־קייט צו פאַרמירען דעם פּאָליטישען גורל פון זיין אייגען פאָלק, האָט ער ניט געקענט האָבען די געלעגענהייט צוצופּאַסען זיינע פּלענער צו די באַדינגונגען, האָט ער ניט געקענט זעהן קיין זאַכען אין זייער ריכטיגען געשטאַלט. ער האָט ניט געוואוסט קיין גרענעץ אין זיינע פּראָיעקטען וועגען סאָציאַלע רעפאָרמען. און דעריבער איז דאָס געווען מעגליך, אַז אין די פערציגער יאָהרען זאָלען פוריע'ס תלמידים אין רוסלאַנד פּלאַנעווען צו רעאָרגאַניזירען זייער לאַנד

לויט דער תורה פון זייער רבי'ן; אז אין א לאַנד וואָס האָט זיך אָקאָרשט באַפרייט פון שקלאַפעריי און קוים מיט צרות געגומען אונטערהינקען נאָך אייראָפּאַ אויף דעם וועג פון מאָדערנער עקאָ־נאָמישער ענטוויקלונג, זאָלען זיך אין די זעכציגער יאָהרען שטאַרק פאַרשפּרייטען די אידעען פון סאָציאַליזם; אַז אין די זיבעציגע־יאָהרען זאָלען די „נאַראָדניקעס“ גלויבען, אַז רוסלאַנד וועט זיך איינגעבען א שפּרונג צו טהאָן פון דעם עקסטרעמען אבסאָלוטיזם גלייך אין אַ אָרדנונג פון אַן אויסגעצייכענטער סאָציאַלער גערעכ־טיגקייט. דאַריבער איז דאָס געווען מעגליך, אַז מען זאָל אין די יאָהרען 1905 און 1906 האָבען אזוי פיעל טעותים געמאַכט. וואָרים דער רוסישער אינטעליגענט איז געווען אַ מאַדים בלויז אין אידעען: און ווייל ער האָט קיין פּראַקטיק ניט געהאַט, האָט ער ניט אויס־געקליבען דעם וועג, אויף וועלכען מען קען געהן, נור דעם וועג, אויף וועלכען מען דאַרף זיך איינשטעלען צו געהן. אָדער בעסער גע־זאָגט, ער האָט ניט געקוקט אויף דער ערד, נור אויפ'ן הימעל.

דער רוסישער אינטעליגענט האָט געהאַט אַ טבע זיך צו גריבלען אין דער אייגענער נשמה און זיך אַליין פּלאָגען. די ערשטע רוסישע אינטעליגענטען האָבען געשטאַמט פון די דוואָריאַנעס, פון די פּריצים. זייערע טאַטעס זיינען געווען שקלאַ־פען־אייגענטימער און שטיצער פון די דעספּאָטישע הערשער. און די זיהן זייערע האָבען געגלויבט, אַז די זינד פון די טאַטעס פאַלט אויף זיי אויך און אַז זיי זיינען דערפאַר דעם פאָלק שולדיג אַזאַ חוב וואָס זיי וועלען קיינמאָל ניט קענען אָפּצאָהלען. און דער־פאַר זיינען זיי אַלע געווען אזוי פאַרצווייפעלט און מרה־שחורה'דיג, זיי האָבען זיך אַליין געמוטשעט און זייער געוויסען האָט זיי געהאַלטען אין איין פּלאָגען פאַר פאַרברעכענס, וועלכע זיי האָבען קיינמאָל ניט באַגאַנגען. זיי האָבען זיך געשלאָגען "חטאתי" פאַר די עבירות פון זייער קלאַס, פון וועלכען זיי האָבען זיך אינ־גאַנצען דערווייטערט, מיט וועלכען זיי האָבען שוין מעהר קיין מגע ומשא ניט געהאַט. שפּעטער זיינען שוין צוגעקומען נייע אינטעליגענטען, אנדערע, וועלכע האָבען שוין געשטאַמט פון די

פויערים. די נייע אינטעליגענטען זיינען שוין געווען געזונטערע מענשען, זיי האָבען מעהר אין זייערע כוחות געגלויבט, אָבער זיי זיינען געווען ווייניגער געבילדעט. און כאָטש זיי האָבען געשטאמט פון פויערים, כאָטש זייערע עלטערען האָבען ניט געקריוודעט קיין אָרימע און אונטערדריקטע, האָבען זיי דאָך געפיהלט, אז זיי זיינען דעם פאָלק עפּעס שולדיג און אז ס'איז זייער פליכט דעם פאָלק צו העלפען.

דער רוסישער אינטעליגענט האָט זיך מקריב געווען. ער האָט פיינט געהאַט בתכלית השנאה די מענשען, וועלכע האָבען זיך „אוסטראָיעט" (זיך איינגעאָרדענט), וועלכע האָבען גע'פּועל'ט ביי זיך, אז אזוי איז דאָס און אַנדערש קען עס ניט זיין און זיינען געוואָרען „סאָלידע" „לייטישע" בעל־הבית'לאך. זיין אידעאַל איז געווען דער שטענדיג־ברענענדיגער באַגעהר, דאָס אייביגע שטרע־בען נאָך שעהנקייט, נאָך אמת און יושר; זיין אידעאַל איז געווען דער שטענדיגער פּראָטעסט געגען א לעבען וואָס ליגט ווי א שטיין און ווערט איבערגעצויגען מיט שימעל. זיין וועג איז געווען דער שט׳ינערנער וועג פון זעלבסטפארלייקנונג, פון מקריב זיין דאָס בלוט פון זיין הארץ און עס ניט פאררעכענען פאר אן העלדענטאַט, אוועקגעבען די בעסטע יאָהרען פון זיין לעבען און ניט ערווארטען קיין לוין דערפאַר. אויף די פינסטערע בלעטער פו דער רוסישער געשיכטע איז דאָס לעבען פון'ם רוסישען אינטעליגענט באמת פארשריבען מיט דעם רויטסטען בלוט און מיט די גינגאָלדענע טרוימען.

דער רוסישער אינטעליגענט האָט געהאט די טיעפּסטע אַכטונג צום פּשוט'ען פאָלק. מיט וואָס פאר א קלאַפּענדער הארץ און מיט וואָס פאר א ווארימער האָפנונג ער האָט דאָס א׳ויסגעקוקט אויף דער גליקליכער צייט ווען עס וועט ערוואַכען דער געהיימער ריעז — דער „נאַראָד"! צעהנדליגער יאָהרען האָט דער רוסישער אינטעליגענט געבויט פּלענער, געשאפען טעאָריעס, געקעמפּט, געבראכט קרבנות און געליטען די ערגסטע צרות און יסורים — אלץ פאר'ן „נאַראָד", פאר'ן פאָלק, מיט דער האָפנונג,

אז סוף כל סוף וועט דאָך קומען דער טאָג ווען די מאסען וועלען נעמען זייער שיקזאל אין זייערע אייגענע הענט. ער האָט געמוזט וואַרטען לאַנג, זעהר לאַנג און זעהר געדולדיג, איידער די סאָציאַלע איבערקערעניש אין לאַנד האָט געבראַכט דערצו, אז די מאסען זאָלען ערוואַכען. דער רוסישער אינטעליגענט איז געשטאַנען ביים וויעגעלע פון דער רוסישער מאסען־באַוועגונג, ער האָט נאָכגעפאָלגט יעדען ריהר איהרען, ער האָט באַגריסט יעדען סימן פון לעבען, ער האָט פאַר דעם נייגעבאָרענעם עופה׳לע צוגעגרייט א העמדעלע פון אידעען און א מאַנטעלע פון פּראָגראַמען. נאָך איידער די אַרבייטער באַוועגונג האָט אָנגענומען א מאסען־כאַראַקטער, האָבען שוין די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אינטעליגענטען אויסגעאַרבייט א פּראָגראַם פון עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פאָדערונגען און שוין אָנגעצייכענט פּלענער פאַר דער קומענדער רעוואָלוציע. נאָך איי־דער די פויערים מאסען האָבען אָנגעהויבען צו פּראָטעסטירען געגען אָרימקייט און אונטערדריקונג, האָבען שוין די „נאַראָדניקעס“ אָר־גאַניזירט די פּאַרטיי פון סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען מיט א פאַרטיג אויסגעאַרבייטעטער פּראָגראַם וועגען פונדאַמענטאַלע אַגראַר־רעפאָרמען. און דאָך, ווען דער לאַנג־ערוואַרטעטער מאָמענט איז סוף כל סוף געקומען און די רוסישע מאסען האָבען זיך א נעהם געטאָן צו דער אַרבייט אויף זייער אייגענעם שטייגער, האָבען זיך די אינטעליגענטען פאַרלאָרען און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. זיי האָבען קיין ערפאַהרונג ניט געהאַט. זיי האָבען ניט געוואוסט וואָס מען דאַרף טהאָן אין אַזא פאַל. די מאסען־באַוועגונג האָט זיך צעוואַקסען שנ״ל און האַסטיג, און איבערגעקעהרט א סך טעאָרע־טישע בנינים מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. עס איז אויסגעקומען אַזוי אַז די מאסען האָבען געטאָן דוקא ניט דאָס וואָס אין פּסוק שטעהט.

דער רוסישער אינטעליגענט איז ניט געווען קיין מענש פון פּראַקטישער אַרבייט. אפשר איז דאָס געווען דערפאַר וואָס ער איז געווען צו אידעאַליסטיש, צו געוויסענהאַפט, און ניט אויף אַזוי פיעל איבערגעשפּיצט, אז ער זאָל זיך רעכענען מיט די

שוואַרצע זייטען פון דעם טאָג־טעגליכען לעבען. אפשר איז דאָס געווען דערפאַר וואָס, ווי די מעהרסטע טרוימער, האָט ער די ווירקליכקייט ניט געזעהן. ער איז ניט געווען צוגעוועהנט צו פאַראַנטוואָרטליכער סאָציאַלער און פּאָליטישער ארבייט, ווייל ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין געלעגענהייט אַזאַ ארבייט צו טאָן. אַזוי אָדער אַזוי — דער פאַקט בלייבט אַ פאַקט, אַז ווען עס איז געקומען די צייט עפּעס צו טאָן, האָט מען מעהר גערעדט ווי געטאָן.

אויסער די אינטעליגענטע סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע טהוער דאַרף מען דאָ דערמאָנען באַזונדער די אינטעליגענטע כלל טהוער פון דער זעמסטווא. געגרינדעט געוואָרען איז די זעמסטווא אין'ם יאָהר 1864, אין דער ליבעראַלער תקופה, אין די ערשטע יאָהרען פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען. די זעמסטוואָס זיינען ערוועהלט געוואָרען הויפּטזעכליך פון די לאָקאַלע פּריצים און פּויערים. די זעמסטוואָס זיינען געווען פּאָפּולערע אַגענטורען פון דער צענטראַלער רעגירונג, און געשאַפען געוואָרען זיינען זיי אויפצופּאַסען אויף די עקאָנאָמישע און קולטורעלע באַדערפנישען פון דער באַפעלקערונג. די פאַרטרעטער פון יעדען אויעזד האָבען צונויפגעשטעלט אַ אויעזדנע זעמסטוואָ. די זעמסטוואָס, די אויעזדנע ווי אויך די גובערנסקע, האָבען זיך הויפּטזעכליך אָפּגעגעבען מיט די באַדערפנישען פון דער אַגראַרישער באַפעלקערונג. זיי האָבען אויסגעהאַלטען מוסטער־אימעניעס און אָנגעשטעלט אינסטראָקטאָרס, וועלכע זיינען געווען ספּעציאַליסטען אין די מאָדערנע מעטאָדען פון ערד ארבייט, גערטנעריי, פּיה־צוכט און ביהנען־פּלאָדען, כדי אויסצולערנען די פּויערים ווי אַזוי זיך צו באַנוצען מיט דיזעלבע מעטאָדען אויף זייער אייגענער ערד. זיי האָבען פאַרזאָרגט די באַפעלקערונג מיט ביליגער קרעדיט, מיט ערד ארבייטס אינסטרומענטען פאַר ביליגע פּרייזען, מיט גוטער זריעה אויף צו פאַרזייהען די פעלדער. זיי האָבען געבויט וועגען און שלאַג־בוימער, אַוועקגעשטעלט פּאָסטקאַנטאָרען און טעלעגראַף־סטאַנציעס, אויסגעהאַלטען ביכער־קראָמען און ביבליאָטהעקען. זיי האָבען אויסגעהאַלטען שפּיטאָלען, וואו דאָקטוירים האָבען געהיילט די פּויערים אומזיסט. זיי האָ־

בען אויך אויפגעטאָן א סך צו בילדען דאָס פּאָלק. א סך זעמסטוואָס האָבען ארויסגעגעבען אייגענע צייטונגען און זשורנאלען. א סך זעמסטוואָס האָבען אָנגעפיהרט סטאטיסטישע אונטערזוכונגען וועגען די עקאָנאָמישע באדינגונגען פון דער באפעלקערונג, — און עס איז א פאקט, אז די ערשטע ריכטיגע סטאטיסטישע אונטערזוכונג, וואָס איז אין רוסלאנד געמאכט געוואָרען אויף א וויסענשאפטליכען יסוד, איז געקומען פון די זעמסטוואָס.

די זעמסטוואָס האָבען אין רוסלאנד אָפּגעטאָן א סך ארבייט, כאָטש די אלע ארבייטען זייערע האָבען ניט געטראָגען קיין פּאָליטישען כאראקטער. מיט אזא ארבייט ווי מאכען געזעצען אָדער קריטיקירען געזעצען האָבען זיך די זעמסטוואָס ניט אָפּגעגעבען, דאָס האָבען זיי פאָרזיכטיג אויסגעמיידעט. קאָנסטיטוציאָנעל האָבען זיי זיך געהאלטען בלויז ביי לאָקאלע אנגעלעגענהייטען; זייער אויפגאבע איז ניט געווען צו שטעלען פראגען, נאָר צו טהאָן פּראקטישע ארבייט אין די גרעניצען וואָס דאָס געזעץ האָט געשאפען. זיי האָבען זיך ניט געטאָרט „מישען אין אזוינע אנגעלעגענהייטען וואָס געהער׳ען צו דער יורידיקציע פון דער צענטראלער רעגירונג און איהרע אנשטאלטען“. די זעמסטוואָס האָבען אפילו ניט געטאָרט קריטיקירען די געזעצען, וועלכע זיינען שטארק נוגע זייער טעטיגקייט. וועגען ריין פּאָליטישע פראגען איז שוין אָפּגערעדט; דאָס האָט מען אפילו אויפ׳ן מויל ניט געטאָרט ברענגען.

און ניט קוקענדיג אויף אָט די אלע זאכען האָבען די זעמסטוואָס דאָך בשום אופן ניט געקענט בלייבען לאָיאל צו דער אבסאָלוטער אָרדנונג. די זעמסטוואָס זיינען אין רוסלאנד געווען די איינציגע פארטרעטענדע קערפּערשאפטען, וואָס די באפעלקערונג האָט ערוועהלט. די זעמסטוואָ־שטים־רעכט איז געווען ווייט ניט דעמאָקראטיש; לויט דעם וואהל־געזעץ איז אויסגעקומען אזוי, אז די פּריצים זיינען שטענדיג געווען זיכער מיט א מאיאָריטעט געגען די פּארטײ־עטער פון די פּויערים, און דאָך זיינען די זעמסטוואָס געווען ליבעראל, דאָך זיינען זיי געווען געגען דער צענטראלער רעגירונג און איהרע אגענטען. די אורזאכע דערפון איז געווען א

גאַנץ פשוט׳ע: די מעהרסטע רעאַקציאָנערע עלעמענטען צווישען די פריצים זיינען געווען די גראָבע יונגען, די בורמילעס, און זיי האָבען זיך מיט׳ן געזעלשאַפטליכען לעבען ניט אינטערעסירט. און די פּאָליטיש אויפגעקלערטע און הויך־געבילדעטע פריצים, וועלכע זיינען יא געווען אַקטיוו אין די זעמסטוואָס, זיינען בכלל געווען אנהענגער פון א ליבעראַלער קאָנסטיטוציע פאַר דער רוסישער אימ־פעריע. זיי זיינען אין רוסלאַנד געווען די איינציגע לעגאַלע אָפּאָזיציע.

די טעטיגקייט פון דער זעמסטוואָ האָט געבראַכט דערצו, אַז דער עולם זאָל אָנהויבען דענקען פּאָליטיש און אויך דערצו, אַז עס זאָל זיך ענטוויקלען א פּאָליטישע אָפּאָזיציע. די ענטשיידונגען פון די זעמסטוואָס האָבען געדאַרפט גוט געהייסען ווערען פון דעם גובערנאַטאָר, און עס איז אַלע מאָל אויסגעקומען אזוי, אַז דער גובערנאַטאָר האָט זיך באַנוצט מיט זיין מאַכט און געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט. די ענטשיידונגען פון די זעמסטוואָס האָבען געדאַרפט דורכגעפיהרט ווערען פון דער אָרטיגער פּאָליציי, אָבער עס איז אַלע מאָל אויסגעקומען אזוי, אַז די פּאָליציי האָט קיין חשק ניט געהאַט צו פאָלגען די זעמסטוואָ־באַאמטע, וועלכע האָבען ביי איהר קיין אַנדער נאָמען ניט געהאַט ווי „פּלאַפּלערס“. די זעמסטוואָס האָבען אויך ניט געטאָרט צונויפרופען קיין קאָנפערענ־צען און זיך ניט געטאָרט מישען אין קיין פראַגע וואָס האָט א שייכות מיט דער רעגיערונג, אָדער וואָס קען באַגרעניצען די יוריס־דיקציע פון די רעגירונגס אָרגאַנען. די באַריכטען פון די זעמ־סטוואָ־זיצונגען האָט מען ניט געטאָרט פאַרעפענטליכען אין דרוק איידער די לאָקאַלע באַאמטע האָבען זיי צענזורירט. איבער דעם האָבען זיך די זעמסטוואָס ניט געקענט א ריהר טהאָן, איבער דעם האָבען זיי ניט געקענט אָנגעהן מיט זייער ארבייט. און איבער דעם איז אַלץ אויסגעקומען אזוי, אַז די רעגיערונג האָט זיך מיט די זעמסטוואָס געהאַלטען אין איין אָרומרייסען.

די רעגיערונג האָט די זעמסטוואָס געהאַסט און אין דער על־בער צייט מורא געהאַט פאַר זיי. איינגאַנצען זיי אָפּשאַפען האָט

זי קיין מוט ניט געהאַט אפילו אין די פינסטערסטע טעג פון דער רעאַקציע, אָבער געשטערט זייער ארבייט האָט זי אויף טריט און שריט, מיט אַלע מעגליכקייטען האָט זי זיך געסטאַרעט, אַז די זעמסטוואָס זאָלען קיין קאָפּ ניט קענען אויפהויבען. די זעמסטוואָס האָבען ניט געטאָרט קאָנטראָלירען דעם למוד אין די שוהלעס וואָס זיי האָבען אַליין אויסגעהאַלטען; זיי האָבען קיין רעכט ניט געהאַט צו פאַרזאָרגען די פויערים מיט שפּייז אין דער צייט פון אַ הונגער; דעם בודזשעט פון די זעמסטוואָס האָט די רעגיערונג באַשרענקט; און ווען זיי האָבען נור אָנגענומען עפּעס אַ גוטע ענטשיידונג האָט די רעגיערונג זי צוריקגעוויזען. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די רעגיערונג האָט זאָגאַר אויפגעלעזט אויף אַ צייט געוויסע איינצעלנע זעמסטוואָס. די רעגירונג האָט זיך אויך ניט געשעהמט צו שיקען סענאַטאָרען מאַכען אַן אונטערזוכונג וועגען דער טהעטיגקייט פון די מעהר „רעוואָלוציאָנערע" זעמסטוואָס, און נאָך די אונטערזוכונגען איז אַלע מאָל אויסגעקומען אַזוי, אַז מען האָט די זעמסטוואָ־פּרעזידענטען אויסגע'מוסר'ט און גאַנץ אָפט האָט מען די זעמסטוואָ באַאַמטע אָפּגעזאָגט פון זייערע שטעלעס.

עס איז אָבער דאָך אוממעגליך געווען איינצוצוימען די זעמסטוואָס. די זעמסטוואָ־באַאַמטע זיינען ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנערען; קיין גוואַלד־טהאַטען האָבען זיי ניט געפּרעדיגט, אין קיין הע־שאַפט פון דעם המון האָבען זיי ניט געגלויבט; זיי זיינען געווע פרידליכע, בעל הבית'ישע, רייכע און געבילדעטע מענשען. זיי זיינען אָבער געווען געגען אבסאָלוטיזם. זיי האָבען געזעהן ווי דער אַלטער רעזשים איז פאַרפוילט און צרה'דיג, זיי האָבען געזעהן די געמיינהייטיגן פון'ם אַלטען רעזשים, און דערפאַר האָבען זיי געפאָדערט אַ קאָנסטיטוציע.

איין גוטע פריוועלעגיע האָבען די זעמסטוואָס יאָ געהאַט, און דאָס איז געווען די פריוועלעגיע אריינצושיקען פּעטיציעס. האָבען זיך די זעמסטוואָ באַאַמטע טאַקע באַנוצט מיט דער דאָזיגער פריוועלעגיע און האָבען געהאַלטען אין איין אריינשיקען פּעטיציעס

צו דער רעגיערונג. זיי האבען די רעגיערונג איינפאך באמבאר־דירט מיט פראשעניעס. אמאל האבען זיי געפאדערט לאקאלע רעפארמען, פארבעסערונגען אין די געזעצען וואס באציהען זיך אויף זייער יוריסדיקציע. אפט מאל האבען זיי געבעטען די רעגירונג צו „קרוינען די געביידע“, דאס הייסט, צו שאפען א צענטראלע זעמ־סטווא, וואס זאל זיין די פארטרעטענדע קערפערשאפט פון דער גאנצער באפעלקערונג. וואס פאר א כאראקטער אט די „פראשע־ניעס“ האבען געטראגען קען מען זעהן פון פאלגענדען צושריפט, וואס די זעמסטווא פון טווערער גובערניע האט אין׳ם יאהר 1878 צוגעשיקט צו אלעקסאנדער דעם צווייטען:

„נעמענדיג אין אכט דעם גורל פון דעם בולגארישען פאלק, וואס איז באפרייט געווארען פון׳ם טערקישען יאך, האט זיין מאיעס־טעט דער קיסר אנערקענט די נויטיגקייט צו פארזיכערען דאס בולגארישע פאלק מיט אמת׳ען זעלבסט־רעגיערען, מיט זעלבסט־שטענדיגע געריכטען, מיט פרעסע פרייהייט און מיט דער אונבא־ריהרבארקייט פון פער־זענליכע רעכט. די זעמסטווא פון טווערער גובערניע וואגט צו האפען, אז דאס רוסישע פאלק, וואס האט אריבערגעטראגען די אלע שוועריגקייטען פון דער רוסיש־טערקישער קריעג מיט אזוי פיעל מוטה, מיט אזא טיעפער איבערגעבענהייט צום צאר, דעם „באפרייער“, וועט אויך קריגען די רעכט צו געני־סען פון דיזעלבע פריוועלעגיעס, וועלכע קענען אונזער פאלק געבען די מעגליכקייט ארויפצוטרעטען אויף דעם וועג פון שטופענווייזער, פרידליכער און געזעצליכער ענטוויקלונג“.

אין דעם זעלבען יאהר האבען אנדערע זעמסטוואס אויך צוגע־שיקט עהנליכע צושריפטען. צוגעשיקט די האזיגע צושריפטען האט מען נאכדעם ווי דער צאר האט אין א רעדע אויפגעפאדערט די לאיאלע פריצים און די אנדערע פרידליכע בירגער, אז זיי זאלען זעהן דאס די רעוואלוציאנערע עלעמענטען זאלען קומען צום שכל („צו ראטעווען אונזער פארפיהרטע יונגווארג פון דעם שעדליכען וועג, אויף וועלכען זיי זיינען פארנארט געווארען פון געוויסענלאזע פער־זאנען“).

די אַלע בקשות און צושריפטען זיינען פאַר דער רעגיערונג געווען ווי אַ דאָרן אין די אויגען. אָבער זעמסטוואָס האָבען זיך דערמיט ניט גערעכענט און אַלץ געהאַלטען אין איין שיקען פּראָשעניעס אויף פּראָשעניעס, צושריפטען אויף צושריפטען, ווייל אויף אַזאַ'ן אופן האָבען זיי געהאַט די געלעגענהייט אָנצופיהרען אַ פּאָליטישע אַגיטאַציע. מיט זייערע בעל הבית'ישע פּראָשעניעס און פאָדערונגען האָבען זיי צורודערט אַביסעל די מוחות פון די פאַרשלאָפענע רוסען. אונטערדריקען די זעמסטוואָס מיט דער זעלבער גרויזאַמקייט ווי מען האָט אונטערדריקט די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, האָט מען ניט געקענט, ווייל זייערע האַנדלונגען זיינען ניט געווען געגען געזעץ. און דערפאַר האָבען די שומרים פון דער „פעסטער אָרדנונג" אַזוי געציטערט פאַר זיי.

ווען ניקאָלאַי דער צווייטער איז אין 1894 אַרויף אויפ'ן טראָהן, איז אַ דעלעגאַציע פון זעמסטוואָ-פיהרער, אַלע אָנגעזעהענע און באַריהמטע מענשען, געקומען צו איהם בעטען, אַז ער זאָל געבען אַ קאָנסטיטוציע. גערעדט האָבען זיי צו איהם זעהר איינגעהאַלטען, ווי עס פּאַסט פאַר סאָלידע, לייטישע מענשען, און זייער פּלאַן פאַר אַ קאָנסטיטוציע איז געווען ווייט פון אמת'ער דעמאָקראַטיע. דער יונגער צאַר האָט זיי אָבער געגעבען אַן עצה, אַז זיי זאָלען „אויפגעבען די פּוסטע חלומות".

אַ דאַנק דער אומצופרידענהייט וואָס האָט זיך וואָס אַמאָל אַלץ מעהר און מעהר צעוואַקסען צווישען די מאַסען און אַ דאַנק דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג וואָס האָט זיך וואָס אַמאָל אַלץ מעהר פאַרשפּרייט צווישען די אַרבייטער און פּויערים איז די אָפּאָזיציע פון די זעמסטוואָס אין ניינצעהנטען יאָהרהונדערט געוואָרען שטאַרקער. די צייטונגען און זשורנאַלען וואָס די זעמסטוואָס האָבען אַרויסגעגעבען האָבען אָנגעהויבען שרייבען שאַרפער, דרייסטער. אין די ענטשיידונגען פון די זעמסטוואָ פאַרטרעטער האָט זיך גענומען פיהלען מעהר קריטיציזם. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבען באַשלאָסען צונויפצורופען אַ געהיימען צוזאַמענפאָהר פון די פאַרטרעטער פון אַלע זעמסטוואָס, און דער

געהיימער צוזאַמענפאָהר האָט אויסגעאַרבייט אַ פּראָגראַם און אַן איינהייטליכע טאַקטיק פאַר אַלע זעמסטוואָס. דאָס איז געווען זייער ערשטער אומגעזעצליכער שריט, און דערנאָך זיינען שוין די לייטישע, בעל הבית'ישע, בכבוד'ע הערדען פון די זעמסטוואַס ווייטער אַוועק אויף דעם זעלבען וועג. אין'ם יאָהר 1902 האָבען זיי אין שטוטגאַרט, דייטשלאַנד, אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען אַ זשורנאַל „אָסוואָבאָזשדעניע", רעדאַגירט פון פּעטער סטרואווע. אין רוסלאַנד איז דער דאָזיגער זשורנאַל געווען פאַרבאָטען און מען האָט איהם גערדאַרפט אַריבערשמוגלען קיין רוסלאַנד אומלעגאַל, פּונקט ווי מען פלעגט אַריבערשמוגלען רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור. אין די ליבעראַלע קרייזען האָט מען דעם זשורנאַל אַ סך געלעזען, און אין אַלגעמיין קען מען זאָגען, אַז ער האָט אַ סך מיטגעהאָלפען אין דעם, אַז קאָנסטיטוציאָנעלע אידעען זאָלען זיך פאַרשפּרייטען צווישען די מעסיגע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט.

פאַרבינדען מיט די זעמסטוואָס און טיילווייז באַאיינפלוסט פון זיי איז געווען דער „דריטער עלעמענט". דאָס הייסט, די אינטע־ליגענטען, וועלכע האָבען געאַרבייט אין די זעמסטוואָס. זיי זיינען אין דער אָפּאָזיציע געגען דער רעגירונג געווען זעהר אַקטיוו, ווייל אַ גאַנץ היבשע צאָהל פון זיי, עקאָנאָמען, דאָקטוירים, וועטערינאַ־רען, באַרמהערציגע שוועסטער, אינסטראַקטערס, סטאַטיסטיקער, אינזשענירען, פאַרזיכערונגס־באַאַמטע, און בימליאָטעקערס, וועלכע האָבען געאַרבייט פאַר די זעמסטוואָס, זיינען געשטאַנען אין נאָ־הענטער באַריהרונג מיט־די מאַסען, האָבען געוואוסט ווי זיי ליידען און פאַרשטאַנען זייער פּסיכאָלאָגיע. זיי האָבען דאָס געמוזט ווי־סען, ווייל חוץ דעם וואָס זיי האָבען די צרות מיט זייערע אייגענע אויגען געזעהן, האָבען זיך די אָרימע פאַר זיי פאַרטרויט. זיי, די אָנגעשטעלטע פון די זעמסטוואָס זיינען געווען ראַדיקאַל און רעוואָלוציאָנער געזאָנען, אַ סך מעהר פאַר די זעמסטוואָ־פיהרער. און מען קען זאָגען, אַז ווען די זעמסטוואָס האָבען געמאַכט אַ רע־וואָלוציאָנערען שריט, איז דאָס געווען זיי צו פאַרדאַנקען; מען קען אויך זאָגען, אַז אַ דאַנק זייער שטענדיגער אַגיטאַציע האָט זיך

דער רעוואָלוציאָנערער גייסט צווישע די פויערים פאַרשפּרייט ווי אַן אַנשטעקענדע קראַנקהייט. דער „דריטער עלעמענט" איז געווען אַ טיעפער קוואַל פון רעוואָלוציאָנערער ענערגיע, וואָס האָט זיך אַזוי לייכט ניט געקענט אויסשעפּען. פאָרמעל זיינען די זעמסטוואָ־אָנגעשטעלטע ניט געווען פאַרבונדען מיט קיין רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי; זיי האָט מען ניט געטאָרט שטרענג פאַרפאָלגען געזעצליך אַזוי ווי מען האָט פאַרפאָלגט די פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערען. אין דער ווירקליכקייט זיינען זיי דאַריבער געווען אַ שטענדיגע הילף און אַ גרויסע באַקוועמליכקייט פאַר די אַלע פּאַרטייען, וועלכע האָבען באַקעמפּט־דעם אַבסאָלוטיזם.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אינטעליגענטען; די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענטען; די „אָסוואָבאָזשדעניע" אינטעליגענטען; די „דריטע עלעמענט" אינטעליגענטען, — אָט די אַלע גרופּען האָבען זיך אונטערשיידעט איינע פון דער אַנדערער, און דערצו האָבען זיי זיך נאָך געהאַלטען אין איין אַרומרייסען, איין גרופּע האָט מיט די שאַרפסטע ווערטער קריטיקירט די פּראָגראַם פו דער אַנדערער גרופּע. אָבער ניט קוקענדיג דאַרויף זיינען זיי אַלע געווען געגען דעם אַלטען רעזשים, ניט קוקענדיג דאַרויף זיינען זיי אַלע געווען גרייט צו קעמפען פאַר אַ פרייער, דעמאָקראַטישער רוסלאַנד.

די אינטעליגענטען זיינען אַלזאָ געווען איינע פון די שטורמדיגסטע קוואַלען, פון וואַנען די גרויסע רעוואָלוציע האָט אַרויסגעשטראָמט.

## זעקסטער קאפיטעל.

# אבסאָלוטיזם אין דער טעאָריע.

קאפיטאל, אינדוסטריע, ארבייט, לאנד, האנדעלס־פראָבלעמען, פינאנציעלע פראגען, ארבייטער־פראגען, ערד־פראגען, אינדוסטריעלע ארגאניזאציעס, ארבייטער ארגאניזאציעס, סטרייקס, קלאסען־שטרייטיגקייטען, פויערים־בונטען, פראָטעסטען פון דער אינטעליגענץ, אלגעמיינע אונרוהען, אויפהעצענדע ליטעראטור, אונטערערדישע ארבייט... א מיש־מאש פון פאקטען, כוחות און טהאטען; א גאנצער כאָר פון שטימען, אומגעדולדיגע, שארף־קלינגענדע און באפעהלענדע. מען האָט געזעהן בחוש ווי פון'ם שטויביגען שימעל הויבט זיך אויף אַ גרויסע, נייע וועלט. דאָס איז געווען פון איין זייט. און פון דער צווייטער זייט — די רוסישע „סאמאָדערזשאוויע".

די רוסישע הערשער האָבען זיך געהאט זייער אייגענעם באגריף וועגען א רעגירונג. א גאנץ פשוט'ן באגריף: עס איז פאראן איין גאָט אין הימעל און איין צאר אויף דער ערד. דער צאר, דער „סאמאָדערזשעץ", האָט די גאנצע מאכט אין זיינע הענט, און וואָס ער טהוט איז רעכט; ער גיט אַרויס געזעצען פאר זיינע אונטערטאנען, אליין אָדער דורך זיינע דיענער, וועלכע פאָלגען אוים זיינע באפעהלען; ער ארבייט אוים כללים, באשטימט ריכטער, באשטראָפט די אונגעהאָרכזאמע; ער האָט אונטער זיין קאָמאנדע א שטאב פון אָפיצירען, מיניסטערס, אדמיניסטראטאָרס, אָנפאנגענדיג פון'ם העכסטען ראטהגעבער פון זיין מאיעסטעט ביז'ן קלענסטען סטראזשניק ערגיץ אין א פארוואָרפען דערפעל. אלע זיינען פאראנטוואָרטליך צו איהם; די גאנצע מאשינעריי פון דער

רעגירונג באַשטעהט פון איין גרויסער נעץ, פון וואַנען אַלע פעדים זיינען פאַראייניגט אין איין גרויסען קנופ, וואָס געפינט זיך אין די הענט פונ'ם „סאמאַדערזשעץ". ווען ער גיט אַ ציה דעם קנופ, גיט זיך די גאַנצע נעץ א טרייסעל; ווען ער גיט אַרויס א באַפעהל גיבען זיך מיליאָנען מענשען אַ לאָז הענדום־פענדום, גרייט צו ערפילען זיין וואונש. ער איז דער אַלמעכטיגער, ער ווייסט אַלעס, זעהט אַלעס, זאָרגט זיך פאַר אַלעמען, האָט נאָר אין זינען די טובות פונ'ם כלל, און קיינער קען ניט אַן פאַרשטעהט ניט אַזוי גוט ווי ער.

מיר ווילען דאָ ברענגען אַן אויסצוג פון אַן אַרטיקעל וואָס איז געווען געדרוקט אין דער צייטונג „מאָסקאָווסקיא וויעדאָמאָסטי" פון דעם באַריהמטען רוסישען פובליציסט קאַטקאָוו. און קאַטקאָוו, דאַרפט איהר וויסען, איז געווען איינער פון די שטאַרקסטע אנהענגער פון מאָנאַרכיזם אין רוסלאַנד.

„אַ רעגירונג אין רוסלאַנד, — שרייבט ער, — מיינט אַבסאָלוט ניט דאָס וואָס מען פאַרשטעהט געוועהנליך אין אַנדערע לענדער, ביי וועמען מיר האָבען געבאָרגט איינִיגע פון אונזערע אינסטיטוציעס ניט זייענדיג אימשטאַנד זיי צוצופאַסען צו אונזערע באַגריפען. אין אַנדערע לענדער, אין ענגלאַנד למשל, פאַרשטעהט מען אונטער'ן וואָרט רעגיערונג אַן אַדמיניסטראַציע פון איינער פון די צוויי נאַציאָנאַלע פאַרטייען בעת די צווייטע פאַרטיי איז אין דער אָפּאָזיציע. מיר האָבען ניט קיין פאַרטיי־רעגירונג, און עס איז פּשוט אַן אבסורד צו באַטראַכטען אונזערע עסקים פון אַזאַ שטאַנדפונקט. אין רוסלאַנד איז די רעגירונג, אינ'ם העכסטען זינען פון וואָרט, *די העכסטע מאכט ביי דער אַרבייט*; און דאַריבער קען מען אויף דער רוסישער רעגירונג ניט קוקען פון דעם שטאַנדפונקט וואָס מען קוקט אויף פאַרטייען. אין רוסלאַנד איז די רעגירונג העכער פון אַלץ און קיין אָרגאַניזאַציאָן קען ניט זיין אונאָפּהענגיג. אין אונזער לאַנד איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר דעם אויסגעטראַכטען פּזמון אַז „דער קעניג הערשט, אָבער ער רעגיערט ניט". דער רוסישער „סאַמאָדערזשעץ" טהוט ביידע זאַכען — אי ער הערשט, אי ער רעגיערט, זיין מאַכט איז ניט

באשרענקט און ער קען טהאן וואס ער וויל. דאס איז ניט בלויז א חקירה אדער א מיינונג, פון א געוויסען קרייז מענשען, נור דאס פונדאמענטאלע געזעץ, אויף וועלכען די רוסישע אימפעריע איז נעגירנדעט געווארען; דאס איז דער סאמע קאנקרעטער פאקט.*)

די טעארעטיקער פון'ם רוסישען אבסאלוטיזם האבען אויס־געברייעט, אז דער צאר איז ניט נור דער זעלבסטהערשער, וואס קען טהאן וואס ער וויל, נור נאך מעהר ווי דאס. „די גאנצע מאכט קומט פון גאט, — שרייבט קאטקאוו, — אבער דעם רוסישען צאר האט גאט אליין געגעבען א באזונדער וויכטיגקייט, וואס אונטערשיידעט איהם פון אלע אנדערע הערשער אין דער וועלט. ער איז ניט נור דער צאר פון זיין לאנד און דער הערשער איבער זיין פאלק, נור דער אויסדערוועהלטער פון גאט אליין צו זיין דער שומר און דער באשיצער פון דער אטאדאקסישער קירכע. דער רוסישער צאר איז מעהר ווי א יורש, וואס האט גע'ירשן'ט דעם טהראן פון זיינע עלטערען, ער איז דער נאכפאלגער פון די צעזארם פון דער מזרח אימפעריע, וועלכע האבען געגרינדעט די קירכע אין איהרע קארדי־נאלען־קאלעגיומס, וועלכע האבען אוועקגעלעגט דעם יסוד פאר דער קריסטליכער אמונה. נאכדעם ווי ביזאנטיום איז געפאלען, איז מאסקווא אויפגעשטאנען און רוסלאנד'ס גרויסקייט האט זיך אנגע־הויבען. און דא ליגט דער סוד פון דעם גרויסען אונטערשיעד צווישען רוסלאנד און די אנדערע פעלקער פון דער וועלט.**)

לויט דער מיינונג פון די מענשען, וועלכע האבען די סאמא־דערזשאוויע געלויבט אין טאג אריין, איז אויסגעקומען, אז דער צאר און זיין אבסאלוטע מאכט זיינען דעם רוסישען פאלק אייגע; אז אפטיילען דאס רוסישע פאלק פונ'ם רוסישען „סאמאדערזשעץ" איז אוממעגליך. אזוי האט קאטקאוו געשריבען. „ווער עס איז נור געטריי און איבערגעגעבען דעם רוסישען מאנארך, מוז שוין נויט־ווענדיגערווייזע זיין איבערגעגעבען דעם רוסישען פאלק. די בא־

*) מאסקאווסקיא וויעדאמאסטי, 8טען נאוועמבער, 1882.
**) זעה „מאסקאווסקיא וויעדאמאסטי", סעפטעמבער 7, 1882.

דייטונג און דער כאַראַקטער פון דעם רוסישען נאַציאָנאַלען פיהלען ווערט איבערצייגענד אונטערגעשטראָכען פון דער גאַנצער געשיכטע פון רוסלאַנד. דאָס איז ניט דאָס פיהלען פון א געדונגענעם, פון אַן אָנגעשטעלטען, וועלכער ערפילט זיינע פליכטען דערפאַר וואָס מען באַצאָהלט איהם; דאָס איז א נאַציאָנאַלע מאכט, א משפחה געפיהל, וואָס איז געשאַפען געוואָרען דורך אונזער געשיכטע, וואָס האָט זיך גענומען פון אונזער קירכע, א מאכט וואָס אונזער פאָלק קען ניט אויפגעבען, סאַידען עס זאָל אויפהערען צו עקזיסטירען, אויפהערען צו זיין דאָס וואָס עס איז.*)

דער צאַר איז דער איינציגער הערשער. ער איז קלוג און גוט און הייליג. און וואָס איז מכח דעם פאָלק? מוז דאָס פאָלק האָבען בלויז פליכטען אָדער רעכטע אויך? דאַרויף איילט זיך ניט דער אבסאָלוטיזם צו געבען אַן ענטפער. קאַטקאָוו'ס באַגריף וועגען דער רוסישער קאָנסטיטוציע איז א גאַנץ אָריגינעלער. „אונזערע לופטיגע פאַרטייען, — שרייבט ער, — אונזערע ליבעראַלען און קאָנסערוואַטאָרס, קאָנסערוואַטאָרס און ליבעראַלען, האַלטען זיך אין איין ברעכען די קעפ וועגען עפּעס א „געזעצליכער אָרדנונג", ווי זיי רופען דאָס אָן אויף זייער זשאַרגאָן. זיי ווילען אונז, רוסישע אונטערטהאַנען, מכבד זיין מיט אזא זאך ווי פּאָליטישע רעכט. איז דאָס ניט קיין אַרויסגעוואָרפענע ארבייט? מיר, רוסישע אונ־טערטהאַנען, האָבען שוין דאָס, וואָס זיי ווילען אונז געבען; מיר האָבען נאָך מעהר ווי דאָס וואָס זיי ווילען אונז געבען. זיי ווילען אונז געבען פּאָליטישע רעכט אין דער צייט ווען מיר האָבען פּאָ־ליטישע פליכטען, וואָס זיינען א סך וויכטיגער און א סך מעהר ווי פּאָליטישע רעכט. אין אונזערע פליכטען זיינען אונזערע רעכט שוין במילא איינגעשלאָסען, אונזערע פליכטען געהן האַנד אין האַנד מיט אונזערע רעכט. מיר האָבען א רעכט צו טהאָן אַלעס וואָס מיר זיינען פאַרפליכטעט צו טהאָן. מיר דאַר־פען ניט האָבען קיין קאָנסטיטוציע; אונזער קאָנסטיטוציע איז

*) „מאָסק. וויעדאָמאָסטי", אפּריל 22, 1867.

די שבועה וואָס פאַרפּליכטעט אונז, רוסישע אונטערטהאַנען, צו זאָרגען פאַר'ן גליק פון צאַר און פון דער נאַציאָן. עס איז אונזער פליכט דאָס צו ווינשען מיט'ן גאַנצען הארצען און זעהן ווי ווייט עס איז נור מעגליך, אַז דעם צאַר און דער נאַציאָן זאָל קיין שלעכטס ניט געשעהן: די מענשען, וועלכע האַנדלען אַנדערש זיינען, לויט אונזער „געזעצליכער אָרדנונג", פאַרברעכער און פאַררעטער. אַלזאָ, אויב יעדער איינער פון אונז האָט אַ פליכט צו דיענען דעם צאַר און דעם פאַטערלאַנד, האָט ער דאָך שוין במילא אַ רעכט דאָס צו טהאָן.*)

אָט די זאָנדערבאַרע טעאָריע וועגען „אַ רעכט צו טהאָן די פליכט, איז געווען דער פונדאַמענטאַלער ענטפער צו יענע אַלע מענשען, וועלכע האָבען געהערט וועגען דער „מאַגנאַ קאַרטאַ" (די ערשטע קאָנסטיטוציאָנעלע פרייהייט וואָס איז געגעבען געוואָרען אין ענגלאַנד), און וועגען אַ רעגירונג פון פאָלק פאַר'ן פאָלק.

פּאַרלאַמענטען, פּאַרטיי הערשאַפט, וואַהלען און די אַלע אַנדערע פּאָליטישע טהעטיגקייטען פון פאָלק האָבען די טעאָרעטיקער פון'ם אבסאָלוטיזם געשילדערט, אַלס געפעהרליכע, שעדליכע און איינגענזיכטיגע זאַכען. „לאָזען אַז המון טהאָן די געזעצגעבענדע, געריכטליכע און אַדמיניסטראַטיווע אַרבייט, — שרייבט קאַטקאָוו, — וואָלט דאָך איינפאַך געמיינט איבערגעבען אָט די אַלע זאַכען צו דעם הפקר ווילען פון אַ פּשוט'ער מאַכט. דער המון איז ניט קיין יחיד, דער המון האָט ניט קיין געוויסען. דער המון געהט ווען אימיצער גיט איהם פון דרויסען אַ שטופּ. ווען עס פעהלט אַן אַנערקענטער פיהרער, וואָס איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיינע מעשים לאָזט זיך דער המון פיהרען פון אַן אונפאַראַנטוואָרטליכען אַנטרייבער. זאָל אונז גאָט אויסהיטען פון אַ מאַסען־הערשאַפט און פון אונפאַראַנטוואָרטליכע אַנטרייבער". **)

ביי די פאַרביסענע אַנהענגער פון דעם אבסאָלוטיזם איז גאָר

*) „מאָסקאָווסקיאַ וויעדאָמאָסטי", מאַי 11, 1882.

**) „מאָסקאָווסקיאַ וויעדאָמאָסטי", סעפּט. 1882.

קיין ספק ניט געווען, אַז די גרעסטע צרה אין רוסלאַנד באַשטעהט אין דעם וואָס די מאַכט איז ניט גענוג קאָנצענטרירט אין די הענד פון דער אַדמיניסטראַציע. זיי האָבען אַלץ גע'טענה'ט, אַז די רעגירונג איז צו ווייך, צו מילד; זי דערלאָזט צופיעל, אַז גאַנץ וויכטיגע אָפּטיילונגען פון דער אַדמיניסטראַטיווער ארבייט זאָלען זיך אַרויסגליטשען פון איהרע הענט. זיי האָבען אָנגעוויזען, אַז די גערינכטען, די געזעלשאַפטליכע בילדונג, די צייטונגען זיינען פון זעהר גרויסער וויכטיגקייט, און דערפאַר טאָר מען ניט דערלאָזען, אַז קהל'שע קאָרפּאָראַציעס זאָלען זיי פאַרוואַלטען. קאַטקאָוו און זיינע תלמידים זיינען דערפאַר געווען די פאַרביסענסטע געגנער פון אַ געריכט מיט געשוואָרענע (דזשורי), זיי זיינען אויך געווען געגען אויטאָנאָמיע פאַר אוניווערסיטעטען און געגען אונאַפּהענגיגקייט פון צייטונגס אויסגאַבען. דער פאַקט אַליין וואָס אַזעלכע אינסטיטוציעס עקזיסטירען גאָר איז שוין פאַר קאַטקאָוו'ן און זיין געזינדעל געווען ווי אַ דאָרן אין די אויגען.

דער שטאַרקסטער פאַרטיידיגען פון דער סאַמאָדערזשאַוויע איז געווען ק. פּ. פּאָבעדאָנאָסצעוו, דער פּראָפּעסאָר און דער לעהרער פון צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטען. אין דעם אופן ווי אַזוי ער האָט פאַרטיידיגט די סאַמאָדערזשאַוויע האָט זיך קיינער מיט איהם ניט געקענט פאַרגלייכען. פאַרטיידיגענדיג די סאַמאָדערזשאַוויע האָט ער באַנוצט די שעהנסטע שפּראַך, דערצו איז ער נאָך געווען אָנגעלאָדען מיט טיעפע קענטניסע, דערצו איז ער נאָך געווען אַזוי באַגאַבט און טאַקע עלעגאַנט אויך אין זיין שרייבען. זיינע ווערק זייגען זיכער די טיעפסטע און טאַלענטפולסטע אָבהאַנדלונגען וועגען די אידעען פון אַבסאָלוטיזם. נאָך מעהר, עס שיינט, אַז פּאָבעדאָנאָסצעוו איז געווען אויפריכטיג אין זיינע באַגריעפען און אַז זיין שנאה צו אַלעם וואָס האָט געשמעקט מיט נייעס איז געווען אַ טייל פון זיין נשמה.

עפּעס אַ באַזונדער מין דיקער שלייער פון פינסטערניס איז פאַרשפּרייט איבער די ווערק פון אָט דעם העכסט אינטערעסאַנטען, פיעלזייטיגען דענקער, אַ פינסטערניש פון אַלטערטימליכע קלויס־

טערס, א פייערליכע מעלאנכאָליע פון בית־דין'ס, אָן אָנגעכמורעט־קייט פון אַלטע פּאַטריאַרכען וועלכע זעהן ווי א ניי לעבען ברעכט זיך אריין און צושמעטערט די אלטע מנהגים און פארשימעלטע כּללים. און אָט די פינסטערניש איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די אַלע פארטיידיגער פון דער אלטער אָרדנונג.

וואָס איז א פּאַרלאַמענט? — פרעגט פּאָבעדאָנאָסצעוו, און ענטפערט אַזוי: א פאַרלאַמענט איז „דער גרעסטער שווינדעל פון היינטיגער צייט". „איינער פון די פאַלשסטע פּאָליטישע פּרינ־ציפּען איז דער פּרינציפּ פון א פאָלקס־רעגירונג. די אידעע, וואָס איז נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אומגליקליכערווייזע פעסט־געשטעלט געוואָרען, אַז יעדער מאַכט האָט איהר שורש אין דעם פאָלק און האַלט זיך אויף דעם ווילען פון פאָלק".*)

„א פּאַרלאַמענט איז א אינסטיטוציע וואָס באַפרידיגט די פּער־זענליכע אַמביציעס, דעם פּערזענליכען עהרגייץ און די פּערזענליכע אינטערעסען פון די דעפּוטאַטען,**) „טעאָרעטיש דאַרף דער ער־וועהלטער דעפּוטאַט זיין דער ליעבלינג פון דער מאַיאָריטעט, אין דער אמת'ען אָבער ווערט ער גאָר ערוועהלט פון דער מינאָריטעט, גאַנץ אָפט פון זעהר א קליינער מינאָריטעט, בלויז דערפאַר וואָס די מינאָריטעט פאַרטרעט אַן אָרגאַניזירטע מאַכט, בעת די מאַיאָריטעט האָט קיין ממשות ניט, איז ניט אָרגאַניזירט און איז ניט אימשטאַנד זיך צו שטעלען אַקעגען דעם אָרגאַניזירטען קרייז אָדער דער אָרגאַ־ניזירטער פּאַרטיי.***) „די גרעסטע צרה פון א קאָנסטיטוציאָנעלער אָרדנונג איז דאָס וואָס מען שטעלט צונויף א מיניסטעריום אויף א פּאַרלאַמענטאַרישען אָדער אויף א פּאַרטייאישען באַזיס".****) „אַנשטאָט דער אונבאַשרענקטער מאַכט פון דעם מאָנאַרך האָבען מיר די אונבאַשרענקטע מאַכט פון דעם פּאַרלאַמענט; דער אונ־

*) „די מאָסקווער קאָלעקציע", זייט 31.

**) זעה דאָרטען, זייט 34.

***) זעה דאָרטען, זייט 38.

****) זעה דאָרטען, זייט 47.

טערשיעד איז אָבער, וואָס בעת דער מאָנאַרך קען באַטראַכט ווערען אַלס די פאַרקערפערונג פון דער איינינקייט פון דעם אינטעליגענטען ווילען, קען דער פּאַרלאַמענט אַזוי ניט באַטראַכט ווערען, ווייל ער איז אָפּהענגיג אין דעם ווילען פון דער מאַיאָריטעט, אין וועמעס לאַסקע ער נויטיגט זיך בשעת די וואַהלען" *)

„וואָס הייסט געזעץ ? פרעגט פּאָבעדאָנאָסצעוו. געזעץ איז אַ שטערונג אויף דעם וועג פון אַ אינטעליגענטער עקזעקוטיווע, — ענטפערט ער. „די פיעלפאַכקייט און די פאַרוויקלונג" פון די געזעצען אין פּאַרלאַמענטאַרישע שטאַאַטען „ווערען אַ שטערונג ניט נור פאַר די בירגער, נור אויך — און דאָס איז נאָך וויכטיגער — פאַר די אַדמיניסטראַטאָרס, וועמעס אויפגאַבע ס'איז צו זעהן, אַז די געזעצען זאָלען דורכגעפיהרט ווערען". אונטער אַזעלכע אומשטענדען קענען זיך די אַדמיניסטראַטאָרס קיין ריהר ניט טאָן בעת זיי ווילען האנדלען מיט'ן אמת און פאַר דער טובה פון'ם פאָלק. „ווען אַ מענש, וועמעס אויפגאַבע ס'איז צו ט אָ ן, באַגעגענט גאָר אויף שריט און טריט שטערונגען מצד דעם געזעץ גופא און מצד די פאַרשידענערליי געקינצעלטע דקדוקים פון'ם געזעץ, ווען ער דאַרף שטענדיג זיין אין דער מורא, ער זאָל נאָך חלילה וחס ניט איבערטרעטען איינע פון די פּיטשעוועס פון דעם געזעץ, דאַן פאַרליערט ער זיך אינגאַנצען, דאַן ווייסט ער אליין ניט וואָס ער זאָל טהאָן, און עס קומט אויס אַזוי, אַז די זעלבע זאַך, וואָס האָט איהם געזאָלט באַוואָרענען מיט מאַכט, באַוואָרענט איהם גאָר מיט אונמאַכט."**)

וואָס איז פרייהייט, ברידערליכקייט, גלייכהייט ? אַ לאַקאָמקע אָפּצונאַרען די מאַסען, זאָגט פּאָבעדאָנאָסצעוו. אָט די אַלע דריי זאַכען, זאָגט ער, זיינען אַ געפעהרליכער סם וואָס האָט אַריינגעשטראָמט אין דעם בלוט פון דער מאָדערנער איירָאָפּאַ, און ברענגט דערצו, אַז עס זאָלען אויסברעכען פּאָליטישע אומרוהען און עס זאָל

*) זעה דאָרטען, זייט 48.

**) „מאָסקווער קאָלעקציע", זייטען 90-91.

זיך טומלען. פרייהייט איז א משוגעת אויב עס פעהלט דערביי דער זינן פון פליכטען. אבער די מאסען פארשטעהן דאס ניט. „די מאסען זיינען ניט צופריעדען, אויפגעבראכט, אומרוהיג און פול מיט פראטעסט. זייווארפען ארונטער אינסטיטוציעס און רעגירונגען, וועלכע האבען ניט געהאלטען קיין ווארט, וועלכע האבען ניט פאר־ווירקליכט די האפנונגען, וואס האבען זיך גענומען פון די פאנ־טאסטישע אידעען; זיי שאפען נייע אינסטיטוציעס און צושטע־רען זיי ווידער, זיי לאזען זיך געהן נאך נייע הערשער, וועלכע פאר־נארען זיי מיט דיזעלבע אפנארערישע ווערטער, און דערנאך, ווען זיי זעהן, אז די נייע הערשער האלטען אויך קיין ווארט ניט, ווארפען זיי זיי ווידער ארונטער. אין די געזעלשאפטליכע אינסטיטו־ציעס הערשט שטענדיג א כאאס, אן איבערקערעניש: די כוואליעס פון ליידענשאפט און צארן שוימען און ברויזען איבעראל; אלע מאל נעמט מען איין דאס פאלק מיט דעם צויבערקלאנג פון די ווערטער פרייהייט, גלייכהייט, עפענטליכקייט, פאלקס רעגירונג, און ווער עס ווייסט נור די קונץ ווען צו געברויכען די דאזיגע ווער־טער ווערט דער הערשער פון פאלק".*)

פאבעדאנאסצעוו'ס מיינונג איז געווען, אז א געריכט מיט געשווארענע (דזשורי) איז אי אן אבסורד, אי א געפעהרליכע אינ־סטיטוציע; אז אפילו אין ענגלאנד, וואו א געריכט מיט געשווא־רענע איז טיעף איינגעווארצעלט אין דער געשיכטע פון די דעמא־קראטישע אינסטיטוציעס און וואו עס האט זיך שטופענווייז ענט־וויקעלט, איז דאס אויך געווען א דורכפאל. און עס איז ביי איהם גאר קיין ספק ניט געווען, אז א געריכט מיט געשווארענע אין רוס־לאנד איז א פרעמדע פלאנצונג, וואס איז לחלוטין ניט צוגעפאסט צום כאראקטער פון דעם רוסישען פאלק און זיינע אינסטיטוציעס. „אין רוסלאנד, — זאגט פאבעדאנאסצעוו, — איז ניט פאראן קיין פעסטער געריכטליכער אויטאריטעט אין דער צייט ווען עס האט זיך מיט אמאל געיאוועט א גאנצע מחנה אדוואקאטען; אין רוסלאנד

*) די „מאסקווער קאלעקציע", זייט 106.

ווערען די פארשידענע געשוואָרענע צונויפגעשטעלט אָדער דורך אַ בלינדען, צופעליגען אופן, אָדער זיי ווערען אויף אַ קינסטליכען אופן אויסגעקליבען פון די מאסען, וועלכע האָבען ניט דעם מינדסטען באגריף וועגען דעם וואָס פאר פליכטען אַ ריכטער האָט, און ניט די פעהיגקייט זיך פאנאנדערצוקלייבען אין דער גאנצער מאַסע פאקטען, וואָס מען דארף לאָגיש אנאליזירען. אין רוסלאנד איז פשוט פאראן אַ געמישטער עולם פון באָאָבאכטער, וואָס קומט אין געריכט פונקט ווי מען קומט צו אַ פאָרשטעלונג זיך אמוזירען ווען עס איז לאנגווייליג און מען האָט זיך ניט וואו אהינצוטאָן. איז דען אַ וואונדער וואָס אין אזא סביבה געהן די געשוואָרענע בלינ־דערהייט נאָך דעם אדוואָקאט, וועלכען ס'גיט זיך איין צו מאכען דעם שטארקסטען איינדרוק?"*)

פאר פאָבעדאָנאָסצעוו'ן איז געוועזען קלאָר ווי דער טאָג, אז די פרעסע אין איין גרויסער שווינדעל. „זינט די מענשהייט איז געפאלען האָט זיך די פאלשקייט איינגעפונדעוועט אין דער וועלט אין מענשליכע ווערטער, טהאטען, באציהונגען און אינסטיטוציעס. אָבער נאָך קיינמאָל האָט דער פאטער פון פאלשקייט ניט ערפונדען אזא פלאָנטער פון ליגענס און פאלשקייט ווי מיר זעהן אין אונזערע שטורמדיגע צייטען ווען מען זאָגט ארוים אזוי פיעל פ א ל ש ע ווערטער וועגען דעם א מ ת. וואָס מעהר דאָס געזעלשאפטליכע לעבען ווערט פארפלאָנטערט, קאָמפליצירט, אלץ מעהר פאלשע באַ־ציהונגען ענטוויקלען זיך אין אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען דורך און דורכגעדרונגען מיט פאלשקייט, שפּריינגען ארוים אין לעבען." איינע פון די אינסטיטוציעס איז די פרעסע. „מען וויל אונז איינ־ריידען, — שרייבט פאָבעדאָנאָסצעוו, — אז די שטימע פון די זשור־נאלען און צייטונגען, אָדער ווי מען רופט עס אנדערש, די פרעסע, איז דער אויסדרוק פון דער געזעלשאפטליכער מיינונג. גאָט מיינער, דאָס איז דאָך אַ גרויסער ליגען. די פרעסע איז איינע פון די פאלשסטע אינסטיטוציעס פון אונזער צייט". „דער ערגסטער

*) מאָסקוווער קאָלעקציע, זייט 56.

זשוליק, דער גרעסטער פלוידערזאק פון דעם מין ניט אנערקענטע גאונים, דער ערגסטער מענש וואס האט ניט א ברעקעל געוויסען און איז זשעדנע צו מאכען אלץ מעהר און מעהר געלד, קען, מיט איי־גענע אדער פרעמדע געלד, גרינדען א צייטונג, א גרויסע צייטונג, מיט איין פייף צונויפנעהמען א פאר צעהנדליג שרייבארעס און פעליעטאן־מאכערס, וועלכע וועלען האלטען מיט איהם און זיין גרייט צו שרייבען וועגען אלץ אין דער וועלט; ער קען אנשטעלען א גאנצען עסקאדראן רעפארטערס צוצושמירען ניט געשטויגענע און ניט געפלויגענע מעשיות און קלאנגען; זיין שטאב איז פאר־טיג, און מארגען ווערט ער שוין א גאנצער בעל־דעה, אורטהיילט אלץ און אלעמען, איבט אויס זיין איינפלוס אויף מיניסטארען און הערשער, קונסט און ליטעראטור, די בירזשע און די אינדוסטריע". *) דער זשורנאליסט איז, לויט פאבעדאנאס־צעוו'ס מיינונג, דער אונפאראנטוואָרטליכסטער, מערדערליכסטער ריכטער אין דער וועלט. „און אט די ריכטערליכע מאכט האט ער זיך אליין גענומען, קיין העכערער בעאמטער האט איהם דארויף קיין סמיכה ניט געגעבען, ער אליין האט מיט גאר ניט באוויזען, אז ער קאן ווירקליך זיין א ריכטער, ער אליין האט קיינעם ניט איבערצייגט אין דעם, אז מען קען זיך אויף איהם ווירקליך פארלאזען, אז ער איז פעהיג צו זיין אונפארטייאיש; זיינע אור־טיילען זיינען ניט באשרענקט, און די פאראורטיילטע האבען אפילו ניט די מעגליכקייט צו אפעלירען אין א העכערען געריכט.**)

אפילו אזא זאך ווי געזעלשאפטליכע בילדונג איז ביי פאבעדא־נאסצעוו'ן געווען א טריפה זאך. זיין מיינונג איז געווען, אז אין א שולע דארף מען די שילער און שילערינס בלויז לערנען לעזען און שרייבען און רעכענען און מורא האבען פאר גאט און זיין געטריי דעם קיסר. די אלע אנדערע לימודים זיינען ניט נור איבעריגע זא־כען, נור אויך געפעהרליכע זאכען. דאס פאלק קען זיך באגעהן

---

* די „מאסקווער קאלעקציע", זייטען 60־61.

**) זעה דארטען, זייט 63.

אָהן דער ענציקלאָפּעדיע פון וויסענשאַפט אין די שולעס; דאָס פאָלק קאָן זיך באַגעהן אָהן „פיזיאָלאָגיע, כעמיע, אַגריקולטור, מעדיצין".*) פּאָבעדאָנאָסצעוו׳ס מיינונג איז געווען, אַז באַקעמפען אַבערגלויבען דאַרף מען ניט. אַבערגלויבען איז „דער נאַטירליכער, עלעמענטאַרער כח פון אינערציע, דאָס איז איינע פון די וויכטיגסטע זאַכען וואָס מען מוז האָבען. פּונקט ווי א משא האַלט די שיף אין איהר גלייכגעוויכט, אַזוי האַלט דער אַבערגלויבען דאָס פאָלק אין א פעסטען שטאַנד אין׳ם לויף פון זיין געשיכטע. צושטערען דעם אַבערגלויבען מיינט צושטערען די געזעלשאַפטליכע פעסטקייט וואָס איז אַלע מאָל נויטיג אַלס אַן אַנפאַנג פאַר ווייטערדיגער באַוועגונג".**) מיט א באַזונדער מין טיעפען טרויער רעדט פּאָבעדאָנאָסצעוו וועגען די היינטיגע לעהרער, וועלכע זיינען געקומען פאַרשפּרייטען צווישען פאָלק וויסענשאַפט און באַקעמפען דעם אַבערגלויבען. זיי זיינען, זאָגט ער, ניט קיין לעהרער, נור משרתים פון׳ם בייזען גייסט. „נאָהענט און וויט וואַנדערט אַרום דער בייזער גייסט צווישען די פּשוט׳ע און געהאַרכזאַמע מענשען פון אונזער פאָלק; דער בייזער גייסט פאַרנאַרט די שעפּעלאך פון דער טשערעדע, ער מאַכט דעם אָנשטעל פון א לעהרער, און פאַרפיהרט זיי גאָר דער רוח ווייסט וואוהין און פאַרטרייבט זיי אין דער מדבר.***)

פּאָבעדאָנאָסצעוו איז געווען א מענש מיט ברייטען וויסען און דערצו נאָך מיט א שאַרף אויג פון א גוטען באָאָבאַכטער, און דערפאַר איז אוממעגליך געווען, אַז ער זאָל ניט באַמערקען די סימנים פון מאָדערנער סאָציאַלער ענטוויקלונג אין רוסלאַנד. די דאָזיגע סימנים האָבען איהם ניט געלאָזט רוהען. ער האָט געהאַסט די נייע פאָרמען פון לעבען, ער האָט געזעהן בחוש ווי עס רוקט זיך אָן א גרויסער אומגליק. „אונזער לעבען, — שרייבט ער, — איז געוואָ־

*) זעה האָרטען, זייט 71.

**) זעה דאָרטען, זייט 72.

***) זעה דאָרטען, זייט 76.

רען שרעקליך מיאוס, משוגע און פאלש, ווייל אין אונזער ענטוויקלונג איז מעהר נישטאָ די נויטיגע אָרדנונג און די פעסטקייט, ווייל עס האָט ביי אונז אָנגעהויבען אויספעהלען די דיסציפלין פון געדאנק, געפיהל און מאָראל. אין געזעלשאפטליכען ווי אויך אין פאמיליען־לעבען האָבען זיך אַ טרייסעל געטאָן און עס זיינען געפאלען די אלע פשוט'ע, אָרגאַנישע באַציהונגען, און זייער פלאַץ האָבען פארנומען אַזעלכע איינריכטונגען וואָס האָבען זיך מיט געוואלד אריינגעריסען אין אַזעלכע אבסטראַקטע פרינציפען וואָס זיינען מעהרסטענטיילס פאלש אָדער זיי ווערען פאלש אָנגעווענדעט אין לעבען.״ *)

פּאָבעדאָנאָסצעוו איז געווען אויסגעהאַלטען. ער האָט געלעבט אין אַ וועלט, וואָס איז געווען ווייט פון דער ווירקליכקייט. ער האָט געטרוימט וועגען „פשוט'ע, אָרגאַנישע״ באַציהונגען צווישען מענשען. ער האָט זיך געשראָקען פאר דער נייער „משוגענער״ ענטוויקלונג. בתכלות השנאה האָט ער פיינט געהאט געזעצען און „אינסטיטוציעס״, ווייל אין זיי האָט ער געזעהן אַ באַגרעניצונג פאר דעם פרייען ווילען פון דער העכסטער מאכט. ער האָט געפיהלט אַ טיעפע, כמעט מיסטישע אַכטונג צו מאכט, צו רעגירונגס מאכט. לויט זיין באַגריף איז אויסגעקומען, אַז גאָט, דער קיסר און דאָס פאָלק זיינען איינס. גאָט איז דער מקור פון דער גאנצער חכמה און פון'ם גאנצען פאָלק; דער קיסר איז גאָט'ס פארטרעטער אויף דער ערד; דאָס פאָלק דארף געפיהרט ווערען פון דער העכסטער מאכט פון'ם קיסר, דארף באהאנדעלט ווערען ווי קינדער, וועלכע האָבען ניט קיין אייגענעם ווילען און קיין אייגענעם פארשטאַנד. „די אויפגאַבע פון דער מאכט איז גרויס און הייליג. אַן אמת'ע מאכט וואָס פארדיענט ווירקליך דעם נאָמען, גיט דעם פאָלק אונטער מוטה און טשעפעט צו פליגלען צו זיינע טהאטען. אָט אַזא מאכט צו זעהן, פון אַזא מאכט צו פיהלען דעם ערמוטיגענדען איינ־

---

*) זעה דאָרטען, זייט 96.

פלוס איז אַ גרויסער פאַרגעניגען פאַר יעדען איינעם, וועלכער האָט ליעב דעם אמת, וועלכער זוכט ליכט און גוטע מדות".*)

פּאָבעדאָנאָסצעוו איז געווען אויסגעהאַלטען. דאָס לעבען איז געווען געגען איהם, און ער האָט זיך פאַרמאָסטען געגען לעבען. די געזעלשאַפטליכע ענטוויקלונג האָט אונטערגעגראָבען זיינע באַליעבטע אינסטיטוציעס, און דערפאַר האָט ער געהאַסט די געזעלשאַפטליכע ענטוויקלונג. ער איז געווען פונקט ווי אַ סטאַטוע פון שוואַרצען מאַרמאָר, וואָס מען האָט אויסגעגראָבען פון אונטער די חורבות פון מיטעלאַלטער. אָבער זיין טעאָרעטישען בנין איז געווען אַ גאַנצער.

ווייט ניט אַזוי אויסגעהאַלטען זיינען געווען זיינע קאָלעגען פון דער רוסישער אַדמיניסטראַציע, וועלכע האָבען זיך מיט אַלע מעגליכקייטען געסטאַרעט צו „צוטרייסלען די פשוט'ע, אָרגאַנישע באַציהונגען", צו מאַכען דאָס לעבען „מיאוס און משוגע", איינצופיהרען מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם און מאָדערנע געזעלשאַפטליכע קלאַסען אין דעם רוסישען לעבען, און וועלכע האָבען, טראָץ די אַלע זאַכען, זיך דאָך געהאַלטען שטאָל און אייזען אָן די אַלטע רעגירונגס פאָרמען און אַלץ געגלויבט, אַז מען קען זיי צופּאַסען מיט די נייע סאָציאַלע אומשטענדען. איינער פון די אָנגעזעהענסטע אַדמיניסטראַטאָרס פון דעם מין איז געווען סערגעי וויטע, וועלכער איז אַ לענגערע צייט געווען פינאַנץ־מיניסטער און אין 1905 דער ערשטער פּרעמיער מיניסטער אונטער דער נייער האַלב־קאָנסטיטוציאָנעלער אָרדנונג. וויטע האָט זעהר געוואָלט מאַכען האַסטיגער די ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד, בויען אייזענבאַהנען, גרינדען בענק, פאַרגרעסערען דעם רוסישען אימפּאָרט און עקספּאָרט, קורץ, אוועקשטעלען דעם סאָציאַלען בנין פון רוסלאַנד אויף אַזאַ מדרגה ווי דער סאָציאַלער בנין איז אוועקגעשטעלט געוואָרען אין מערב אייראָפּאַ. און אין דערזעלבער צייט האָט ער געגלויבט, אָדער געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער גלויבט, דאָס דער וואוקס פון די סאָ־

*) זעה דאָרטען, זייט 258.

ציאַלע כוחות און די סאַמאָדערזשאַוונע רעגירונגס פאָרמע זיינען זיך ניט סותר איינע די אַנדערע.

אין׳ם יאָהר 1899 האָט וויטע געשריבען, אַז די ענטוויקלונג פון די סאָציאַלע כוחות איז ניט נור ניט אין געגענזאַץ צו א סאַמאָדערזשאַוויע, נור פארקערט, עס מאַכט נאָך די סאַמאָדערזשאַוויע מעכטיגער.

„אין דערזעלבער צייט וואָס די רעגירונג שטימט מיט די ענטוויקלונגען פון די געזעלשאַפטליכע טהעטיגקייטען, אין דערזעלבער צייט וואָס זי הערט זיך איין ווי דער געזעלשאַפטליכער דופק קלאַפּט, געהט זי דאָך ניט איבער צו דער געזעלשאַפט, נור זי פארבלייבט א פארשטענדיגע מאַכט און אַן אייגענע, אויסגעהאַלטענע הערשאַפט, וואָס ווייסט אַלע מאָל איהרע ציעלען און עס איז פאר איהר קלאָר די ריכטונג וואוהין זי שטרעבט.

„אַזאַ רעגירונג האָט קיין מורא ניט, אַז איהרע מיטלען, וועלכע שטימען ניט מיט דער פאַרגאַנגענהייט און פּאַסען זיך ניט צום כאַראַקטער פון׳ם פאָלק, זאָלען זיך ניט צופּאַסען צו דער סאָציאַלער מדרגה, וואָס די געזעלשאַבט וועט ענטוויקלען אָהן איהר און אויסער איהר, אַז די רעגירונג וועט אויפהערען צו זיין די העכסטע פיהרערין פון די אַלע סאָציאַלע באַוועגונגען.

„אונטער אַזאַ רעגירונג קען די טהעטיגקייט פון די סאָציאַלע כוחות זיין אַסך ניצליכער און פראָדוקטיווער פאר׳ן לאַנד און פאר׳ן פאָלק, איידער אונטער א אָרדנונג, וואו פראָפעסיאָנעלע פּאָליטיקער פיהרען אָן א געזעלשאַפטליכע אגיטאַציע, וואו איינצעלנע מענשען יאָגען זיך זשעדנע נאָך דער מאַכט און נאָך גוט־באַצאָהלטע שטעלעס, וואו א פּאָליטישער קאַמף צייכענט אָן די טהעטיגקייט אי פון׳ם פּאַרלאַמענט, אי פון די לאָקאַלע קערפּערשאַפטען. ניין און נײַנציג פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג האָבען מיט דעם דאָזיגען קאַמף גאָר ניט וואָס צו טהאָן: זיי האָבען קיין צייט ניט דערפאַר, זיי אינטערעסירען זיך גאָר ניט דערמיט, און חוץ דעם האָבען זיי גאָר קיין רעכט ניט זיך צו באַטייליגען אין אַזוינע קאָנקורענצען". *)

*) ס. יו. וויטע, „אבסאָלוטיזם און די זעמסטווא", זייטען 209-10.

מיר האָבען דאָ איבערגעגעבען בקיצור די אנזיכטען פון די פארשידענע טעאָרעטיקער, וועלכע האָבען פארטיידיגט די סאמאָדערזשאוויע. מיר האָבען געזעהן, אז די אנזיכטען פון די דאָזיגע טעאָרעטיקער האָבען זיך גענומען דערפון וואָס זיי האָבען געשפרונגען „קדוש" פאר דער אלטער פאטריארכאלער אָרדנונג, וואָס זיי האָבען פאראכטעט די מאָדערנע סאָציאלע טהעטיגקייטען, שוין אריינגערעכענט די פרעסע און די געזעלשאפטליכע בילדונג. אָט די אלע טעאָרעטיקער האָבען צום פאָלק קיין צוטרויען ניט געהאט; אין זייערע מוחות איז געווען איינגעוואָרצעלט דער געדאנק, אז דער „המון" האָט ניט קיין באגריף וועגען גערעכטיגקייט, פארשטעהט ניט זיינע אייגענע אינטערעסען און ווייסט ניט דעם אונטערשיעד פון גוטס ביז שלעכטס. אפילו אזא מאן ווי וויטע, וועלכער איז אין רוסלאנד שוין געווען פאררעכענט אלס א „פראָגרעסיווער" און „אייראָפּעאישער" אדמיניסטראטאָר — אפילו ער האָט ביי זיך ניט געקענט מועל'ן אז דאָס פאָלק קען אויף זיך אויפפאסען אָהן א סאמאָדערזשעץ. אָט די אלע טעאָרעטיקער האָבען געגלויבט, אז א מענש מיט „קנעפלאך", א טשינאָווניק אין א יוניפאָרמע, איז דער פארשטענדיגסטער און טיכטיגסטער אין געזעלשאפטליכע אנגעלעגענהייטען; עס איז ביי זיי גאָר קיין ספק ניט געווען, אז געוועהלטע קערפערשאפטען פון א קאָנסטיטוציאָנעלער רעגירונג זיינען אויסען בלויז אייגענזיכטיגע מאָטיווען בעת אַן אויטאָקראטישע רעגירונג, א סאמאָדערזשאוויע, איז העכער פון פארטייען, דריין פון פערזענליכע אמביציעס און כשר אָהן פאָליטישע אינטריגעס. דער פסיכאָלאָגישער פונדאמענט פון אָט די אלע באגריפען איז איינפאך געווען דער וואונש נאָך פשוט'קייט, רוהיגקייט און גלאטקייט. קיין זאַך האָט דער רוסישער אדמיניסטראטאָר ניט אזוי פיינט געהאט ווי אויפרודערונג, צוטרייסלונג, תרעומות, פאָדערונגען, דאָס שטייגען און דאָס פאלען פון פיהרער און אינסטיטוציעס. און מען דאַרף ניט דענקען, אז די אלע אלטע אדמיניסטראטאָרס אָדער זייערע ליטעראַרישע פארטיידיגער זיינען אויסען געווען עגאָאיסטישע צוועקען. צווישען זיי האָט מען געקענט געפינען א סך אזעלכע, וועלכע

האָבען באמת געהאט דעם גרעסטען עגמת נפש זעהענדיג פאר זיך א אייראָפּא מיט קאָנסטיטוציעס. צווישען זיי זיינען געווען א סך אזעלכע, וואָס האָבען טאקי פשוט געהאט דעם גרעסטען דרך ארץ און די טיעפסטע אכטונג פאר אַן אויטאָקראטישער מאכט. ביי די מעהרסטע רוסישע אדמיניסטראטאָרס, וועלכע זיינען דאָס רוב געווען פריצ'ישע זיהן אָדער פריצ'ישע קרובים, האָט זיך אין די הערצער נאָך אלץ ארומגעבלאנקעט דער שאָטען פון דער אלטער פאנטשטשינע. „מיר זיינען דיינע" — אזוי פלעגען די פויערים זאָגען צו די פריצים איידער מען האָט אין 1861 די פאָנשטשינע אָפּגעשאפט. „מיר זיינען דיינע" — אזוי האָט דאָס פאָלק געזאָגט צו'ם הערשער. „מיר זיינען דיינע", — אָט די ווערטער זיינען געווען דער אידעאל פון די אלע אנהענגער פון דער אלטער רוסלאנד. ביי זיי איז אויסגעקומען, אז דאָס גאנצע לאנד איז ניט מעהר ווי דעם צאר'ס א אימעניע. די העכערע ביוראָקראטען און דער קלאס וואו זיי זיינען געבאָרען געוואָרען, זיינען דעם קיסר'ס ראטהגעבער און די דורכפיהרונג פון זיין ווילען. דאָס „פאָלק" איז ניט מעהר ווי א טשערעדע נידריגע נפשות, וועלכע מעגען אין זינען האָבען זייערע געשעפטען, מעגען אפילו רייך ווערען, אָבער דערפאר טאָרען זיי ניט קריטיקירען און מוזען פאָלגען ווען מען הייסט. אלעם האָט געדארפט זיין שטיל און רוהיג אין דער הייליגער רוסלאנד. אלע האָבען זיך געדארפט לאָזען פיהרען פון איין צענטער. אלעם האָט געדארפט זיין „פאָ זאקאָנו".

## זיבעטער קאַפּיטעל.

# אבסאלוטיזם אין דער פּראַקטיק.

אין דער טעאָריע איז דער אבסאָלוטיזם געווען שלעכט, אין דער פּראַקטיק איז ער געווען ערגער. די רוסישע ווירקליכקייט האָט אָפּגעשפּיגעלט די „עכט רוסישע" טעאָריע פּונקט ווי אַ שלעכ־טער, צובראָכענער שפּיגעל גיט איבער אַ מיאוסען פּרצוף.

אין דעם אופן ווי דער רוסישער טשינאָווניק האָט זיך פאַר־האַלטען צו מענשען איז געווען עפּעס אַ מאָדנע, אומפאַרשטענדליכע זאַך. אזוי איז ער דאָכט זיך געווען אַ מענש ווי אַלע מענשען; אין פּריוואַטען לעבען, אין זיינע באַציהונגען צו זיינע מיטמענשען איז ער געווען גאַנץ פריינדליך, זעהר העפליך, מענשליך. אָבער אין „קאַנצעלאַריע" האָט ער גאָר אַן אנדער הויט אויף זיך ארויפגעצוי־גען; אין זיינע באַציהונגען צו זיינע „אונטערטהאַנען" אָדער צו די מענשען, וועלכע האָבען געדאַרפט אָנקומען צו איהם, איז ער געווען שרעקליך; ער האָט אינגאַנצען דעם צלם אלהים פאַרלאָרען און פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ בעסטיע, אַ חיה, אָהן אַ הארץ, אָהן געפיהלען און פול מיט שנאה.

מעגליך, אז דאָס איז געווען איבער דעם וואָס די רוסישע ביוראָ־קראַטישע מאַשין איז געווען אַ קאָפּיע פון דער פּרייסישער, איבער דעם וואָס דער פּרייסישער שטייגער איז נאָכגעפאָלגט געוואָרען ניט בלויז אין די נעמען פון די פּאָסטענס און די מונדירען פון די באַאמטע, נור אויך אין אַ שטרענג אויטאָמאַטישער דיסציפּלין; איבער דעם וואָס די מעהרסטע רוסישע אדמיניסטראַטאָרס, די גאַנצע מאַכערס, זיינען גאָר געווען דייטשען, וועלכע האָבען געשטאַמט פון'ם דייטשען אדעל פון די באַלטישע פּראָווינצען און זיינען געווען

דורך און דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון דייטשע יונקערס. די אלע פאן פלעהוועס, רענענקאמפפס, שטעקעלבערגס, פאן וואהלס און אנדערע זיינען געווען איבערגעגעבענע קנעכט פון דער רוסישער סאמאדערזשאוויע און פארביסענע שונאים פון דעם רוסישען פאלק.

דעם 15טען דעצעמבער, 1905, האט פאלקאווניק מיען, דער קאמאנדיר פון'ם סעמיאנאווסקע גווארדייסקע פאלק, ארויסגעגעבען א באפעהל צו פאלקאווניג ריעמאן צו אונטערדריקען די רעוואלוציאנערע באוועגונג, וואס האט זיך פארשפרייט איבער דער מאסקוואקאזאנער אייזענבאהן ליניע. אין'ם באפעהל ווערט געזאגט, אז מען זאל „קיין געפאנגענע ניט נעמען, נור זיך באגעהן מיט די „פארברעכער" אהן רחמנות".

איהר לעזט דעם באפעהל און שטוינט. א ד י י ט ש ע ר קאמאנדיר פון א קייזערליכען לייב - גווארדייסקע פאלק שיקט א ד י י ט ש ע ן פאלקאווניק „ניט צו נעמען קיין געפאנגענע, נור זיך צו באגעהן אהן רחמנות", באקעמפענדיג דאס ר ו ס י ש ע פאלק מיט דער הילף פון ד י י ט ש ע אפיצירען, וועלכע הייסען פאן־סיווערס, פאן־וואגט, שארנהארסט, פאן־שימראט, פאן־קרוסענסטערן, פאן־מינינג און מאיער! אזוי איז געווען אוועקגעשטעלט דער גאנצער בנין פון דער רוסישער ביוראקראטיע. און דאס איז אפשר געווען איינע פון די אורזאכען פאר וואס די „שטראף עקספעדיציע" מיט פאלקאווניק ריעמאן אן דער שפיצע האט מיט איהרע בלוטיגע רציחות און געמיינהייטען איבערגעשטיגען די אלע אנדערע „שטראף עקספעדיציעס". און עס קען זיין, אז די שנאה פון דעם רוסישען טשינאווניק צום רוסישען פאלק האט זיך אויך גענומען דערפון וואס דער דייטשער עלעמענט איז געווען דער הערשענדער אין דער רוסישער אדמיניסטראציע.

דער גרויסער אלעקסאנדער הערצען האט נאך מיט קנאפע פופציג יאהר פאר דער רעוואלוציע געזאגט, אז די רוסישע ביוראקראטיע באשטעהט פון דייטשען, וואס שאלטעווען און וואלטעווען איבער'ן רוסישען פאלק. „פונקט ווי זאקסען האט זיך איהר אייגענע קליינע שווייץ — האט הערצען געשריבען — אזוי האבען מיר

אונזער אייגענע, ווייט ניט קיין קליינע, דייטשלאַנד. איהר צענטער איז פּעטערבורג, אָבער איהר קרייז איז ניט באַשרענקט און מען געפינט זי אומעדום, וואו עס איז נור פאַראַן אַן אָנגעקראַכמאַלעטער קאַלנער פון אַ געקנעפּעלטען בעאַמטען, אין אַלע קאַנצעלאַריעס און אין אַלע אַדמיניסטראַציעס. די אמת'ע דייטשען זיינען די זויער־טעג, דאָס אויבערשטע פון'ם שטויסעל; די מאַיאָריטעט באַשטעהט פון כל המינים סלאַוואָנישע אָרטאָדאָקסישע רוסען, מיט אונזערע טראַדיציאָנעלע ברייטע נעז און מאָנגאָלישע קינבאַקען, געלערנטע, ניט קיין געלערנטע, קאָמאַנדירען פון עסקאַדראָנען, זשורנאַליסטען און פּאַרוואַלטער פון דעפּאַרטאַמענטען. פון די אַלע רעגירענדע דייטשען, זיינען די רוסישע דייטשען, נאַטירליך, די ערגסטע. דער דייטשער דייטש איז אין דער רעגירונגס מאַשין צייטענווייז נאַאיוו, צייטענווייז נאַריש, ער קען זיך אַמאָל אַרונטערלאָזען צו די מענשען, וועלכע זיינען נידעריגער פון איהם און וועלכע ער וויל אויס־מענשלען. דער רוסישער דייטש אָבער איז אַ שמאָל־קעפּיגער מענשעל און קוקט אויפ'ן פאָלק מיט גדלות, בלאָזענדיג פון זיך, פּונקט ווי אַ רייכער קרוב קוקט פון אויבען אַראָפּ אויף זיינע אָרימע קרובים. אי דער רוסישער דייטש, אי דער דייטשער דייטש קוקען אויפ'ן פאָלק פון אויבען אַראָפּ, זיי פאַראַכטען ביידע אַלעם וואָס עס איז רוסיש און זיינען איבערצייגט, אַז אונז רוסען דאַרף מען באַהאַנדלען בלויז מיט אַ שטעקען. דער דייטשער דייטש ווייזט דאָס אָבער ניט שטענדיג אַרויס, כאָטש ער האַלט אונז אין איין שלאָגען; דער רוסישער דייטש ווידער האַלט אונז אין איין שלאָגען און אין דערזועלבער צייט הערט ער זיך ניט אויף צו באַריהמען.*)

אָבער די הויפּט אורזאַכע פאַר וואָס דער רוסישער טשינאָווניק האָט זיך באַצויגען מיט אַזוי פיעל פאַראַכטונג צום רוסישען פאָלק איז געוועזן דער סאָציאַלער בוי פון דער ביוראָקראַטיע. ווי מיר האָבען שוין פריהער אָנגעוויזען איז די רוסישע אַדמיניסטראַציע דאָס

---

*) אַ. הערצען, „רעגיערונגס דייטשען", קאָלאָקאָל (דער גלאָק). נומ. 53, אָקטאָבער 1859.

רוב באַשטאַנען פון פּריצים, וועלכע זיינען אַלע יאָהרען געוועזן פּאַ־מיעשטשיקעס, דער הערשענדער קאַלס. אין די ערשטע יאָהרען פון'ם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט האָט דער דורכשניטליכער רוסי־שער אַדמיניסטראַטאָר געקענט זאָגען, אַז די טאַטעס פון דעם אומ־רוהיגען „המון" זיינען געוועזן זיין פאַטער'ס שקלאַפען מיט פופציג יאָהר צוריק און אַז די טאַטעס פון אַ סך אינטעליגענטען זיינען גע־וועזן געהאָרכזאַמע האָראָפאַשניקעס אָדער סוחרים'לאַך, וועלכע האָ־בען פאַר'ן פּריץ געציטערט אימת מות. פון אָט דער גרעניץ־ליניע האָט זיך געפיהלט דער גייסט פון אָפּגעזונדערטקייט, העזה און ברוטאַליטעט. דער רוסישער אַדמיניסטראַטאָר האָט געקוקט אויפ'ן לאַנד ווי אויף זיין אייגענעם גוט. דאָס פאָלק דאַרף צאָהלען און לאָזען הערשעוועןן איבער זיך; די אַרמע עקזיסטירט צוליעב דעם, אַז זיינע זיהן, ווי אויך די זיהן פון זיינע קרובים, זאָלען קענען ווערען אָפיצירען; דאָס עקאָנאָמישע לעבען עקזיסטירט צוליעב דעם, אַז ער, דער אַדמיניסטראַטאָר, זאָל האָבען נייע מעגליכקייטען פאַר רעגירונגס־עקספּערימענטען, זאָל קענען קריגען אַ גוטע שטעלע און האָבען אַ גוטען איינקונפט. און עס פאַרשטעהט זיך, אַז יעדער איינער דאַרף זיין געהאָרכזאַם, פאָלגען די באַפעהלען און מיט'ן גאַנצען האַרצען זיין איבערגעגעבען צו זיינע הערשער.

די רוסישע אַדמיניסטראַטאָרס האָבען זיך באַצויגען צו רוס־לאַנד פונקט אַזוי ווי אַ פרעמדע אַרמעע באַציהט זיך צו דעם לאַנד, וואוהין זי דרינגט אריין. אַן אריינדרינגער איז ניט מחויב צו קענען דאָס אָקופּירטע לאַנד. עס געהט איהם ניט אין לעבען זיך צוצופּאַסען צו די אָרטיגע אומשטענדען. דער שיקזאַל פון דער באַפעלערונג געהט איהם ניט אָן. די באַפעהלען ווי צו האַנדלען און וואָס צו טהאָן קריגט ער פון ערגיץ אַ פאַרוואָרפּע־נעם צענטער. זיין הויפּטציעל באַשטעהט אין דעם אויסצונעהמען שטאַרק ביי די פּערזאָנען, וועלכע האָבען איהם געשיקט אין דעם פיינדליכען לאַנד. קיין אַנדערע זאַכען געהן איהם ניט אָן. „אויב דער „סטאַרשי" (עלטסטער) וועט הייסען, וועל איך ווערען אפילו אַן אַקושאָרקע", — אַזוי פלעגען זאָגען די רוסישע טשינאָווניקעס.

ער, דער רוסישער טשינאָווניק, ווייסט ניט און דאַרף ניט וויסען די נויטען פון לעבעדיגע מענשען. ער ווייסט אָבער אויסגעצייכענט גוט די אַלע קאַפּריזען פון זיינע עלטסטע. עס קימערט איהם אָבער די פאָרמעלע זייט פון זיינע פליכטען. אפילו דער קאָנסערוואַטיווער מענשיקאָוו האָט וועגען דעם געשריבען, אַז „דער דאָזיגער גייסט טויטעט אָפּ אַלץ מיט וואָס ער קומט נור אין באַריהרונג. דער דאָזיגער גייסט לאָזט זיך אייך קיין ריהר ניט טהאָן, ווייל איהר זיינט ניט דער בעל הבית פון אייער ארבייט, נור אַ געדונגענער; איהר זיינט שטענדיג אונטער אַ העכערער קאָנטראָלע, איהר האָט ניט קיין פאַראַנטוואָרטליכקייט, איהר דאַרפט זיך קיינמאָל ניט איילען און קיינמאָל ניט זיין פאַראינטערעסירט אין דער ארבייט וואָס איהר טהוט, — מיט איינעם וואָרט, איהר דאַרפט קיין זאַך ניט ווען איהר זיינט אַ טשינאָווניק, איינער פון אונזערע רוסישע טשינאָווניקעס. דער פּאַפּיערענער גייסט וואָס ברענגט דערצו, אַז אונזערע ביוראָקראַטען זאָלען זיין אַזוי פאַרשלאָפען איז פונקט ווי אַ טשאַד; מען קען דעם אַטהעם ניט כאַפּען.״ *)

די רוסישע ביוראָקראַטיע איז געווען אַ צענטראַליזירטע מאַשין, אָבער בעת אַנדערע אַזעלכע מאַשינעריען זיינען בלויז אַ מיטעל צום ציעל, איז די רוסישע ביוראָקראַטישע מאַשין געווען דער ציעל גופא פאַר די מענשען, וועלכע האָבען ביי איהר געאַרבייט. אין׳ם יאָהר 1903 איז פּרינץ סערגעי אורוסאָוו באַשטימט געוואָרען אַלס גובערנאַטאָר פון בעסאַראַביער גובערניע. אין זיינע „מעמוארען פון אַ רוסישען גובערנאַטאָר״ שרייבט ער אַזוי: „איך האָב דאַן וועגען בעסאַראַביע געוואוסט אַזוי פיעל ווי וועגען ניי־זעעלאַנד, און אפשר נאָך וועניגער. וועגען קישינעוו האָב איך בלויז געוואוסט, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ שטאָדט וואָס הייסט קישינעוו, און אַז פון׳ם 7טען ביז׳ן 9טען אַפּריל, אין 1903, איז דאָר־

*) מ. א. מענשיקאָוו, „בריעף צו מיינע שכנים״, פּעב. 1905, זייט 57.

טען געווען א פאגראם אויף אידען. ווען מען האט מיך באַ־שטימט אלס גובערנאטאר פון בעסאראביע, האב איך מעהר ווי פון אלעם געקלערט וועגען דער אויסערליכער זייט פון מיין נייעם אמט, ווי אזוי איך וועל אהין אנקומען, ווי איך וועל אויפנעמען די געסט, וועלכע וועלען קומען צו מיין קבלת פנים, ווי צו ווערען באקענט מיט מיינע בעאמטע און צו וועמען איך זאל אליין אפ־שטאטען א וויזיט. אט די און עהנליכע פראגען וועגען עטיקעט האבען מיך באאומרוהיגט א סך מעהר ווי די שוועריגקייטען צו זיין א גובערנאטאר אין א גובערניע, וואס איך קען ניט און וויים ניט". *)

אורוסאָוו דערצעהלט ווייטער א פאקט וועגען דעם פריהער־דיגען גובערנאטאר ראאבען. ראאבען האט ארויסגעגעבען א באַ־פעהל, אז די סאלדאטען זאלען געהן אויף די פלעצער וואו דער פאגראם קומט פאר, ער האט אבער ניט אנגעזאגט וואס די סאלדא־טען זאלען דארטען טאן, איבערלאזענדיג די גאנצע פאראנט־ווארטליכקייט אויפ'ן קאמאנדיר פון דער דיוויזיע. דאס איז גע־ווען געגען געזעץ און איינע פון די אורזאכען פאר וואס מען האט ראאבען'ען געמאכט פאר אוים גובערנאטאר אין בעסאראביע. אין די צייטונגען, ווי אויך אין די געזעלשאפטליכע קרייזען האט מען איהם דאן שטארק קריטיקירט דערפאר. נאכדעם ווי ער האט באקומען די ידיעה, אז ער ווערט אוים גובערנאטאר אין בעסארא־ביע, האט ער אריינגערופען זיין וויצע־גובערנאטאר און מיט כעס א זאג געטהאן אזוי: „אום גאטעס ווילען, קענט איהר מיר גאר ניט ווייזען די געזעצען וועגען סאלדאטען וואס מען שיקט ארויס־העלפען די ציווילע בעאמטע? מען פארקלאפט דאך מיר דעם קאפ דערמיט!" ראאבען האט געדארפט וויסען די געזעצען אי אלס גובערנאטאר, אי אלס געוועזענער פאלקאווניק און קאמאנדיר פון א דיוויזיע. געדארפט — אבער ניט געוואוסט. דערזעלבער

*) פרינץ ס. ד. אורוסאוו, „מעמוארען פון א גובערנאטאר", זייטען 1-2.

ראַאבען האָט אורוסאָוו׳ן געזאָגט: „עס טהוט מיר זעהר לייד צו פאַרלאָזען די גובערניע איצט, ווען איך הויב אָן באַקאַנט ווערען מיט דער לאַגע“. דאָס האָט ער געזאָגט נאָכדעם ווי ער איז שוין פיער יאָהר געווען גובערנאַטאָר אין בעסאַראַביע. *)

עס איז געווען איינגעפיהרט, אַז דער אַדמיניסטראַטאָר זאָל זיך מיט דער באַפעלקערונג ניט אָנקעהרען. עס איז געווען איינגעפיהרט, אַז די סאָלדאַטען, וואָס מען נעמט אין דער אַרמיי, זאָלען פאַרשיקט ווערען דער רוח ווייסט וואוהין, כדי זיי זאָלען זיין פרעמד דער באַפעלקערונג פון דעם געגענד, וואו זיי דיענען. עס איז געווען איינגעפיהרט, אַז מען זאָל די ציווילע בעאַמטע אַלע מאָל איבערפיהרען פון איין אָרט אויפ׳ן אַנדערען. קיין שווערינגקייטען זיינען דערביי ניט געווען, ווייל אומעדום זיינען געווען דיזעלבע געזעצען און דיזעלבע כללים. מען האָט ניט דערלאָזט, אַז אַ באַאַמטער זאָל לאַנג זיין אויף איין פלאַץ, כדי עס זאָל איהם נאָך חלילה ניט איינפאַלען קיין שלעכטער געדאַנק, אַז ער אַליין איז אויך אַ טהייל פון דער געמיינדע.

אין דער טעאָריע איז די אַדמיניסטראַטיווע מאַשין געווען צענטראַליזירט. אין דער פראַקטיק אָבער איז געווען פונקט דער היפוך. יעדער גובערנאַטאָר איז געווען אַ גאַנצער הערשער. יעדער טשינאָווניק האָט געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט, ווי זיין קאַפריז האָט איהם געהייסען. „איך בין אייער גאָט און אייער צאַר“, — אַזוי פלעגט יעדער אַדמיניסטראַטאָר זאָגען צו די מענשען, וועלכע זיינען געקומען צו איהם מיט קלאַגעס. דער אַדמיניסטראַטאָר האָט געהאַנדעלט לויט׳ן געזעץ בלויז דאַן ווען עס האָט זיך איהם געלוינט. איבער דעם האָט פאַקטיש שטענדיג געהערשט אַ מין אַנאַרכיע, אַן אונאָרדנונג און אַ מיש־מאַש אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. דאָס איז ניט געווען קיין צענטראַליזאַציע, נור אַ דעצענטראַליזאַציע פון׳ם ערגסטען סאָרט.

בלויז אין איין פרט איז דער רוסישער בעאַמטער געווען

---

*) זעה דאָרטען, זייט 33.

זעהר פלינק, זעהר פלייסיג און ענערגיש — אין דעם פּרט צו אונטערדריקען דעם רעבעלירענדען גייסט. דער גאַנצער רעגירונגס אַפּאַראַט איז מיט לייב און לעבען געווען פּאַרטאָן אין אַט דער אַרבייט. ביים סוף פון דעם ניינצעהנטען און אין אָנפאַנג פון דעם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט איז די רעגירונג הויפּטזעכליך געווען פאַרטהאָן אין דער אַרבייט צו זוכען רעוואָלוציאָנערען און אונטעראירדישע געהיימע פאַרזאַמלונגען און געהיימע אָרגאַניזאַציעס. מיט אַנדערע אַרבייטען האָט זי זיך וועניג וואָס אָפּגעגעבען. מיט אַלעם איז מען אויסען געווען צו פּאַקען רעוואָלוציאָנערען, און דער געדאַנק פון יעדען טשינאָווניקעל האָט זיך געדרעהט אַרום דעם. אַ רוסישער בעאַמטער האָט געמעגט זיין אַ גראָבער יונג, אַ כאַמולע און ניט וויסען פון דאַנען אַהין, ער האָט אַפילו געמעגט זיין פאַרברעכעריש אין זיינע האַנדלונגען — אָבער אַבי ער האָט זיך נור אויסגעצייכענט אויף דעם געביעט פון פאַרפאָלגען „בונטאָווטשיקעס", איז שוין אַלעס געווען גוט. עס האָט זיך אַ בעאַמטען פּשוט געלוינט צו פאַרפאָלגען רעוואָלוציאָנערען, וויל דאָס האָט די רעגיערונג אָפּגעשעצט, דורך דעם האָט ער געקראָגען אַ נאָמען און איז געוואָרען אַ גאַנצער מאַכער. און די רוסישע אַדמיניסטראַטאָרס האָבען איינער דעם אַנדערן איבערגעשטיגען אין דער אַרבייט צו שפּיאָנעווען נאָך רעוואָלוציאָנערען און אונטערדריקען בונטען.

אין אַ דיקער נעץ פון געזעצען און פאַראָרדנונגען איז דער רוסישער בירגער געווען איינגעהילט אין אָנהויב פון'ם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט. די צייטונגען האָבען ניט געטאָרט דרוקען קיין איין וואָרט איידער דער צענזאָר האָט געגעבען זיין הסכמה דאַרויף. דער צענזאָר האָט פאַרבאָטען צו דרוקען ניט נור אַזעלכע זאַכען וואָס האָבען געהאַט אַ שייכות מיט דער פּאָליטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד, ניט נור אַזעלכע אַרטיקלען, וואו מען האָט זיך ערלויבט צו קריטיקירען די רעגיערונג, נור אויך אַזעלכע אַרטיקלען, וואָס זיינען איהם פערזענליך ניט געפעלען. ער האָט פאַרווערט צו דרוקען אַזעלכע ערצעהלונגען, וואָס מען האָט געקענט

אויסטייטשען אַלס א לויבגעזאַנג פאַר פרייהייט און אַ פאַראַכטונג צו דער אונטערדריקונג. ער האָט אוועקגע׳הרג׳עט פּאָפּולערע אַרטיקלען וועגען געשיכטע, ליטעראַטור, געאָגראַפיע אָדער נאַטור־געשיכטע, וואו ער האָט דערשמעקט אַ „פרייען גייסט". ער האָט אויסגעמעקט שורות אָדער איינציגע ווערטער אין די אַרטיקלען וואָס ער האָט יאָ ערלויבט צו דרוקען, אָדער ער האָט גאָר צוגע־שטעלט אייגענע שורות. ער האָט גאַנץ אָפט ניט געלאָזט דרוי־קען קיין קריטיק אויף אַ בוך, אויב די קריטיק האָט ניט געשטימט מיט זיין געשמאַק, ער האָט געקענט פאַרווערען צו דרוקען אַ טעאַ־טער־רעצענזיע, וואו מען האָט גראַדע אַרונטערגעריסען זיינע אַ באַקאַנטע אַקטריסע. ער האָט אונטערדריקט נייעס, אויב עס איז אין זיי נור געווען עפּעס אַזוינס, וואָס איז ניט שמייכעלהאַפט פאַר די פּני פון דער שטאָדט, פאַר די רייכע. די שרייבער, רע־דאַקטערע און צרויס־עבער האָבען ניט געקענט אָטהעמען פריי. די צייטונגען האָבען געקרעכצט אונטער די שעדליכע און קליינליכע קאַפּריזען פון אונפאַראַנטוואָרטליכע, גראָבע אָפיציעלע שומרים, אין 1899 האָט מען אויף דריי מאָנאַטען פאַרווערט די ראַדיקאַלע מאָנאַטשריפט „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ" דערפאַר וואָס זי האָט וואָרט אין וואָרט איבערגעדרוקט אַן אָפיציעלען דאָקומענט, אַ פאָר־אָרדנונג פון׳ם פינלענדישען גענעראַל־גובערנאַטאָר. נאָך מעהר, דער צענזאָר האָט גאָר דעם נומער דורכגעלאָזט, און דערנאָך האָט מען דעם זשורנאַל פאַרמאַכט אויף דריי מאָנאַטען.

די גרעסטע טהייל פון לאַנד האָט מען שטענדיג געהאַלטען אונטער „אַ ש ט אַ ר ק ע ר ו ו אַ ך". (אוסיליענאַיאַ אָכראַנאַ). און דאָס איז כמעט דאָס זעלבע ווי קריעגס־צושטאַנד. מען האָט געמאַכט אָביסקעס ווען מען האָט געוואָלט און אַרעס־טירט וועמען מען האָט געוואָלט. צו דער שטענדיגער פּאָליציי האָט מען נאָך צוגעגעבען די זשאַנדאַרמעריע און די „אָכראַנקע", וואָס איז געווען פול און פול מיט שפּיאָנען און אַגענטען־פּראָ־וואָקאַטאָרס.

אָהן אַ פּאַספּאָרט האָט מען זיך ניט געקענט אַ ריהר טאָן

פון דאנען אהין. וואוהין מען איז געקומען האט מען זיך געדארפט פארשרייבען. אויב די צייט פון'ם פאספארט איז אויסגעגאנגען און מען האט קיין נייעם ניט ארויסגענומען, האט מען זיך „פּאָע־טאפּאו" צופוס געמוזט שלעפּען פון שטאדט צו שטאדט און פון דארף צו דארף מאנאטען לאנג ביז מען איז געקומען אין דער שטאדט, וואו מען האט דעם פאספארט ארויסגענומען. ניט אומזיסט איז אין רוסלאנד ארומגעגאנגען א ווערטעל, אז „א מענש אהן א פאספארט איז פונקט ווי אהן א נשמה".

אהן א ציינגנים, אז מען איז פאליטיש כשר („פאליטיטשעסקאיא בלאגאנאדיאזשנאסט") האט מען זיך ניט געקענט א ריהר טאן. די „אכראנקע" האט געהאלטען אן אויג אויף יעדען איינעם, און אויב א מאן אדער א פרוי איז געווען ליבעראל אדער ראדיקאל געזאנען, האט שוין ניט געטויגט, ווייל מען איז שוין פארצייכענט געווארען אלס „ניט כשר". כדי צו פארנעמען א געזעלשאפטליכע אדער האלב געזעלשאפטליכע שטעלע האט מען געמוזט צושטעלען פון'ם גובערנאטאר א צייגנים, אז מען איז פאליטיש כשר. אזעלכע צייגנישען פון פאליטישער כשר'קייט האט מען געפאדערט ביי סטודענטען ווען זיי זיינען אריין אין אוניווערזיטעט און אויך ווען זיי האבען דעם אוניווערזיטעט געענדיגט און שוין געדארפט ארויסקריגען זייערע דיפלאמען, ביי דאקטוירים, אדוואקאטען, דאנטיסטען, לעהרער, פארלעגער און רעדאקטערע פון צייטונגען, ביי ביכער־פארקויפער און ביבליאטעקערס, ביי וועטערינארען, בארמהערציגע שוועסטער און אנדערע פראפעסיאנעלע מענשען, וועלכע זיינען געווען אנגעשטעלט אין די זעמסטוואס אדער אין דער שטאדטישער אדמיניסטראציע. אהן א צייגניש פון פאליטישער כשר'קייט האט מען קיין שטעלע ניט געקענט קריגען. און עס איז ניט שווער זיך פארצושטעלען וויפיעל די רוסישע אינטעליגענץ האט דערפון געליטען.

די איינציגע ישועה איז געווען — כאבאר. א דאנק דעם וואס די רוסישע בעאמטע האבען גענומען כאבאר האט מען זיך דאך ווי עס איז געקענט געבען אן עצה און זיך אויסדרעהען פון די

קליינליכע און נארישע געזעצען, וואָס זיינען געלעגען ווי א בארג אויפ'ן קאָפּ. אין די אלטע פאראָנדקעס, וואס זיינען אין רוסלאנד געווען איינגעפיהרט איז די כאבאר־אינסטיטוציע געווען א ישועה. דער אומבאהאָלפענער רוסישער בירגער, וואָס האָט זיך ניט געקענט א קעהר טהאָן פון דאנען אהין, האָט גערן געגעבען כאבאר, אז מען זאָל איהם ניט טשעפּען. און ווער ווייסט ניט, אז די רוסישע אדמיניסטראטארס האָבען אומיסטען געמאכט שטרענגער די געזעצען כדי צו קענען מאכען אן אויסנאהם און קריעגען א פּאר גראשען דערפאר.

עס איז געווען שווער צו קריעגען א רוסישען בעאמטען וואס זאָל קיין כאבאר ניט נעמען. א גרויסער בעאמטער האָט גענומען גרויסע כאבארען און א קליינער בעאמטער האָט גענומען קליינע כאבארען. אבער גענומען האָבען אלע. מיר אליין איז באקאנט אזא פאל: א פּאָליצייסקער, וועלכער האָט געקראָגען ניט מעהר ווי 300 רובעל א יאָהר, האָט זיך געפיהרט ברייטלאך ווי א גראף; ער האָט געוואוינט אין א שעהנעם פּאלאץ, געהאלטען א פּריוואטען לעהרער פּאר זיינע קינדער, ארויסגעפאָהרען אין א גוטען שפּאן מיט צוויי טהייערע פערד און דערצו האָט ער נאָך געהאט א רייט־פערדעל, א גוטס. פאר זיינע העכערע נאטשאלניקעס איז דאָס קיין סוד ניט געווען. אין געגענטהייל, אלע מאָל ווען דער פּאָליציימייסטער איז געקומען אין שטעדטעל איז ער פארפאָהרען צו דעם פּאָליצייסקער און דאָרטען האָט מען פאר איהם געפּראוועט א גרויסארטיגען מאָהלצייט, מיט שאמפּאניער און מיט די אלע זיעבען זאכען, וואס מען עסט און מען טרינקט אין די גאָר רייכע הייזער. א סך בעאמטע האָבען טאקי געקראגען אזוי ווענינ שכירות, אז זיי האָבען טאקי פּשוט ניט געקענט אויסקומען אָהן א אונגעזעצליכער הכנסה; עס איז פאר קיינעם קיין סוד ניט געווען, אז דער הויפּט קוואל פון פרנסה איז ביי די בעאמטע ניט דאס געהאלט, נאָר די „זייטיגע הכנסות", און מען האָט וועגען דעם גערעדט פראנק און פריי. די געשעפטסלייט האָבען אין די ביכער אפען פארשריבען וויפיעל כאבאר זיי גיבען אוועק דער פּאָליציי יעדען מא־

נאָט. פּרינץ אורוסאָוו האָט געפּרואווט מאַכען א סך הכל פון די אָפּענע כּאַבּאַרען וואָס די בעסאַראַביער פּאָליציי האָט גענומען, און ער האָט אויסגעפונען, אַז דער סך הכל גערייכט ביז איבער אַ מיליאָן רובעל. און מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז אין אָט דעם סך הכל זייַ"ן ניט אַריינגערעכענט געוואָרען די סומען, וואָס די פּאָליציי האָט געקראָגען אַלס כּאַבּאַר ביי קרימינעלע פאַרברעכער. און בעסאַראַביע, דאַרפט איהר וויסען, איז ניט קיין אינדוסטריע־לער געגענד און די באַפעלקערונג איז דאָרטען ניט אַזוי גרויס. „צום שבת פון דער בעסאַראַביער פּאָליציי מוז איך זאָגען, — שרייבט פּרינץ אורוסאָוו, — אַז לויט דעם חשבון וואָס איז גע־מאַכט געוואָרען פון אַ געניטען עקספּערט, וועלכער האָט אַליין געדיענט אין דער קאַנצעלאַריע פון דעם פּעטערבורגער פּאָליצ־מייסטער, האָט די פּאָליציי פון דער קרוינשטאָדט אַ יעהרליכע הכנסה פון זעקס מיליאָן רובעל פון „געוועהנליכע אויסצאָהלונ־גען" (כּאַבּאַר), דאָס הייסט, אויסצאָהלונגען וואָס מען גיט דער פּאָליציי, ניט דערפאַר וואָס מען האָט עובר געווען דאָס געזעץ, נאָר גלאַט אַזוי, פּשוט דערפאַר וואָס עס עקזיסטירען פאַבריקאַנ־טען, קרעמער, הויזבאַזיצער, רעסטאָראַטאָרס און נאָך אַזעלכע. די אַנדערע כּאַבּאַרען וואָס די פּאָליציי קריעגט ביי פאַרברעכער, וועל־כע היטען ניט אָפּ דאָס געזעץ, גערען אין דעם חשבון ניט אַריין, ווייל דאָס איז גלאַט אַ פינסטער ווינקעל, וואוהין מען קען ניט צוקומען".*)

אָפּגעלעקט אַ ביינדעל האָט די פּאָליציי פון די אידען און פון די אַנדערע אונטערדריקטע פעלקערשאַפטען, וועמעס רעכט עס זיינ־נען געווען נאָך מעהר באַגרעניצט און וועמען מען האָט גאָך מעהר מיט די פיס געטראָטען. זיי, די אידען און די אַנדערע אונטער־דריקטע פעלקער, האָבען געמוזט צאָהלען כּאַבּאַר דערפאַר וואָס מען לאָזט זיי אָטהעמען. מען וואָלט געקענט צונויפשטעלען אַ גאַנץ

---

*) פּרינץ ס. ד. אורוסאָוו, „מעמוארען פון אַ גובערנאַטאָר", זייט 53.

פאטעטישען בוך פון די צרות וואס די אידען, די פּאָליאקען, די ליטווינער, די אוקראינער, די פינער און די לעטען זיינען אויסגעשטאנען אונטער'ן אלטען רעזשים. די טעאריע פון דעם אבסאָלוטיזם האָט געפאָדערט, אז אָט די אלע פעלקערשאפטען זאָלען רוסיפיצירט ווערען. אזוי האָט געוואָלט די ביוראָקראטיע, וועלכע האָט געארבייט מעשים, אז די גאנצע ממשלה איהרע זאָל זיין צענטראליזירט. די אונטערדריקונגס מיטלען זיינען אָבער געווען אזוינע, אז א גרויסע צאָהל פון די ניט־רוסישע פעלקערשאפטען זיינען אין די רוסישע שוהלעס ניט צוגעלאָזט געוואָרען. און איבער דעם זיינען זייערע הערצער געווען פול מיט שנאה צו רוסלאנד.

אזא מין אדמיניסטראציע האָט ניט געוואָלט און ניט געקענט פארשטעהן קיין סאָציאלע באוועגונגען אָדער פּאָליטישע שטרעבונגען. ביים רוסישען טשינאָווניק האָט אלעס געהייסען א „בעזפאָריאדאק” (אונאָרדנונג). א סטרייק פון ארבייטער, א בקשה פון פויערים, א פארזאמלונג פון אינטעליגענטען, א לעקציע, א דיסקוסיע, — אלעס האָט געהייסען „בעזפּאָריאדאָק”, ארויסגערופען פון בייזוויליגע אגיטאטאָרס איבערצוטרעטען דאָס געזעץ און צושטערען דעם פריעדען. סטודענטען האלטען אָפּ א מיטינג צו באשפּרעכען ווי דער שטייגער פונ'ם לערנען זאָל אויסגעבעסערט ווערען, — דאָס איז א „בעזפאָריאדאק”. פאבריק־מיידלאך באשליסען צו פאָדערן א העכערונג אויף די שכירות און קלייבען אויס פארטרעטער צו פארהאנדלען מיט'ן בעל הבית — א „בעזפאָריאדאק”. לעהרער האָבען געגרינדעט אבענד־קלאסען פאר דערוואקסענע און גערעדט מיט די שילער וועגען דער פּאָליטישער אָרדנונג אין אנדערע לענדער —אודאי א „בעזפאָריאדאָק”. ווי נאָר עפּעס א געזעלשאפטליכע ארבייט, איז גלייך באטראכט געווארען אלס א „בעזפאָריאדאָק”. דער כלל איז געווען אזוי: וואָס איז ניט ערלויבט בפירוש, איז שוין במילא פארבאָטען, און אלעס וואס איז פארבאָטען דארף אונטערדריקט ווערען מיט באוואפענטע מאכט.

די אַדמיניסטראַציע האָט געזעהן ווי די אונצופריעדענהייט וואַקסט, זי האָט געפיהלט ווי די אונרוהיגקייט ווערט אַלץ גרעסער. אָבער זי האָט ניט פאַרשטאַנען דעם תוך דערפון און עס האָט זיך איהר אַלץ אויסגעוויזען, אַז דאָס איז בלויז די אַרבייט פון בייז־ווילינע מענשען, וועלכע מען דאַרף פּאַקען און אַריינזעצען אין טורמע. אָבער די צאָהל פון די „בייזווילינע" (זלאָ־אומישליעני־קי) איז וואָס אַמאָל געוואָרען גרעסער; פון די טויזענטער זיינען געוואָרען הונדערטער־טויזענטער, פון קליינע גרופּעס זיינען געוואָרען ריעזיגע אָרגאַניזאַציעס, און די ביוראָקראַטיע האָט אַלץ אַרויפגעוואָרפען די שולד אויף די „בייזווילינע" אַגיטאַטאָרס, די „בונטאָווּשטשיקעס"; זי האָט נאָך אַלץ אָנגעווענדעט די גאַנצע חכמה איהרע און אַלע מעגליכקייטען איהרע אַריינצוזעצען אין די טורמעס די „זלאָ־אומישליעניקעס".

אפילו אַזאַ מעכטיגער מיניסטער ווי וויטע איז געווען פאַר־בלענדעט, און אין 1899 האָט ער נאָך געקענט רעקאָמענדירען, אַז מען זאָל איינצוימען די זעמסטוואָס און פאַרשטאַרקערען די מאַכט פון דער אַדמיניסטראַציע. „קיין ווייטערדיגע פאַרשפּריי־טונג פון די טהעטיגקייטען פון דער זעמסטוואָ טאָר ניט געדול־דעט ווערען, — שרייבט ער, — עס מוז אָנגעצייכענט ווערען אַ קלאָרע ליניע, וואָס מען זאָל אונטער קיין אומשטענדען ניט טאָרען איבערטרעטען. אין דערזעלבער צייט זאָל מען אָנווענדען אַלע מעגליכקייטען צו אָרגאַניזירען די אַדמיניסטראַציע פון דער רע־גיערונג אויף אַ געהעריגען און פעסטען באַזיס, האַבענדיג אין זי־נען, אַז דער וואָס איז דער בעל הבית פונ'ם לאַנד דאַרף אויך זיין דער בעל הבית פון דער אַדמיניסטראַציע."*)

נאָך בולט'ער זעהט מען די בלינדקייט פון אַ רוסישען אַד־מיניסטראַטאָר אין דעם דאָקומענט וואָס פּרינץ סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי האָט אָנגעשריבען. און פּרינץ סיאַטאָפּאָלסק־מירסקי, דאַרפט איהר וויסען, איז געווען אַן ערנסטער מענש און אַן אַד־

*) ס. י. וויטע, „די ביוראָקראַטיע און די זעמסטוואָ". זייט 212.

מיניסטראטאר מיט גיט קיין שלעכטע כונות. ווען ער איז געווען דער הויפט פון דער רוסישער זשאנדארמעריע האָט ער, אין 1901, געמאכט אן אונטערזוכונג וועגען די אורזאכען פון דער אומרוהיג־קייט צווישען די ארבייטער אין פעטערבורג. אין זיין באריכט זאגט ער, אז די אורזאכען פון דעם ערפאלג פון דער רעוואלוציא־נערער פראפאגאנדע צווישען די אינדוסטריעלע ארבייטער ליגט טיילווייז אין די באדינגונגען פון זייער לעבען. „די הויפט אור־זאכע, — שרייבט ער, — איז דער פאקט וואס די ארבייטער זיי־נען ניט פארזיכערט אויף דער עלטער און אויך אין פאל ווען זיי קענען ניט ארבייטען איבער קראנקהייט.“ ווייטער ווייזט ער אָן, אז פאר די לעצטע פאר יאָהר האָט זיך אין רוסלאנד באוויזען גאר אן אנדער מין טיפ ארבייטער. „אונזער גוטמוטיגער רוסישער קערל, — שרייבט ער, — איז די לעצטע צייט געווארען א זאנדער־בארער טיפ פון א האלב אויפגעקלערטען אינטעליגענט, וועלכער באטראכט אלס זיין פליכט צו זיין געגען רעליגיע און געגען די אל־טע פאמיליען־טראדיציעס, צו זיין אויפגעבראכט געגען געזעץ, ניט פאלגען די נאטשאלניקעס און אָפלאכען פון די בעאמטע“. אזעל־כע ארבייטער, — גיט ער צו, — האָבען דעם גרעסטען איינפלוס אויף זייערע חברים. ווייטער ווערט אינ׳ם באריכט געזאָגט, אז די פעטערבורגער ארבייטער האָבען די לעצטע צייט באקומען א געוואלדיגען חשק צו וויסענשאפט, זיי פאקען אָן די אבענד שולעס פאר דערוואקסענע, זיי שלינגען דאָס געדרוקטע ווארט, פון וואס זיי קענען עפעס לערנען; און אָט דער דורשט צו לערנען און קע־נען האָט געבראכט דערצו, אז די אונלעגאלע רעוואָלוציאָנערע לי־טעראטור זאל זיך שטארק פארשפרייטען.

פרינץ סוויאטאפאלק־מירסקי׳ס באריכט באווייזט, אז ער האָט גוט געזעהן די פאקטען: א נייער טיפ ארבייטער, א נייער גייסט, אן אומצופריעדענהייט איבער שלעכטע אומשטענדען. וואָס זשע פאר מיטלען נעמט מען אָן צו היילען די מכה?

דארויף האָט דער פרינץ געגעבען אן עצה, אז מען זאָל די אבענד שולען פאר דערוואקסענע שטעלען אונטער א קאָנטראָלע

און אז מען זאָל פאר די ארבייטער ארויסגעבען א ספּעציעלע פּאט־ריאטישע צייטונג, אין וועלכער מען זאָל אויך דרוקען ארבייטער נייעס, וואס טראָגען אן אומשולדיגען „נייטראַלען" כאראקטער.*)

אָט די אדמיניסטראַטיווע חכמה קען מען פארגלייכען מיט דעם פארבאָט וואָס מען האָט געמאַכט פאר די צייטונגען, אז אין דער צייט פון א הונגער זאָלען זיי ניט דערמאָנען די ווערטער „הונגער", „מגפה" און „חולאת".

*) נ. סימבירסקי, „דער אמת וועגען גאפּאָן'ען", זייטען 28־26.

# די גרויסע דראַמע: 1905־06

## צווייטער טייל

## אכטער קאַפּיטעל

# דער פּראָלאָג.

ווי אזוי הויבט זיך אָן אַ רעוואָלוציע ?

אויף אָט דער פראַגע איז זעהר שווער צו ענטפערן. דער אויסברוך פון אַ רעוואָלוציע בלייבט אַ געהיימניס, און עס איז ניט קיין לייכטע זאַך צו ערקלערען ווי אַזוי דער רעוואָלוציאָנערער גייסט האָט מיט אַמאָל אַזוי שטאַרק אַ כאַפּ געטהאָן די מוחות פון אַזוי פיעל יחידים, וועלכע זיינען נאָך אַלעמען יעדער איינער אַ וועלט פאַר זיך. עס שטעלט זיך אַ פראַגע : וואָס פאַר אַ כח האָט עס געבראַכט דערצו, אַז די פּשוטע אומצופרידענהייט פון מיליאָנען מענשען זאָל זיך מיט אַמאָל פאַרוואַנדלען אין רעוואָ־לוציאָנערער ענטשלאָסענקייט און די רעוואָלוציאָנערע ענטשלאָ־סענקייט זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין רעוואָלוציאָנערע טהאַטען ?

אין די פריהערדיגע קאַפּיטלען האָבען מיר געגעבען אַן איבערזיכט פון די סאָציאַלע כוחות אין רוסלאַנד פאַר דער רעוואָלוציע ; מיר האָבען געזעהן די אורזאַכען וואָס האָבען געפיהרט צו סאָציאַלע און פּאָליטישע איבערקעהרענישען. אָבער די באַוועגענדע כוחות בלייבען אַלץ באַהאַלטען, און ניט דער היסטאָריקער און אויך ניט דער איצטיגער בעאָבאַכטער קען מיט זיכערקייט זאָגען, אַז אונטער דיזעלבע פּאָליטישע און סאָציאַלע באַדינגונגען וואָלט דאָס לאַנד ניט געקענט בלייבען רוהיג נאָך אַ צעהן יאָהר אָדער מעהר.

די פאַרשפּרייטונג פון רעוואָלוציאָנערע אידעען ; די וואונ־דערבאַרע ענדערונג אין די מוחות און אין דער באַציהונג פון איינ־צעלנע, דער ווילען פון אַזוי פיעל מענשען מקריב צו זיין זייערע

לעבענס פאַר אַ זאַך, וואָס איז גאָר פלוצלונג געוואָרען ביי זיי דער העכסטער אידעאַל, דאָס אָפּרופען זיך פון די מאַסען אויף דעם רוף פון אַ פּאָר אָנפיהרענדע אָרגאַניזאַציעס, איז פאַר'ן בעאָבאַכ־טער די שעהנסטע און אין דערזעלבער צייט אומבאַגרייפליכע גע־זעלשאַפטליכע ערשיינונג. צו דער פראַגע „ווי אַזוי" וועלען מיר זיך נאָך אומקעהרען אין די ווייטערדיגע אָפּטיילונגען פון דעם בוך, ריידענדיג וועגען איינציגע רעוואָלוציאָנערען. דאָס וועלען מיר זיך בלויז אָפּשטעלען אויף די וויכטיגסטע ערשיינונג פון די שטורמדיגע יאָהרען 1905 און 1906, די יאָהרען פון דער גרויסער רעוואָלוציע.

נאָך פאַר 1905, אָנפאַנגענדיג פון 1898-99, זיינען אין רוסלאַנד געווען אַ סך ערנסטע באַוועגונגען, וואָס האָבען געמאַכט אַ רושם, אויפוועקענדיג דעם פאַרשלאָפענעם רוסישען מענשען פון זיין אַפּאַטישען דרעמעל, און צווינגענדיג די רעגירונג נאָך פעסטער אַריינצונעמען די לייצעס אין די הענט אַריין. אָבער אַט די אַלע באַוועגונגען זיינען געווען ניט מעהר ווי צעוואָרפענע, איינ־צעלנע, און פאַר קיין סמנים פון אַ שטורם האָט מען זיי ניט געקענט אָננעמען.

דער ווינטער פון 1898-99 איז געווען אַ לעבעדיגער און עס האָט זיך געהאַלטען אין איין טומלען מיט דעם גענעראַל סטרייק פון די סטודענטען. די אינטעליגענטע קרייזען זיינען געווען אויפ־גערודערט פון דעם קלאַנג, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט, אַז מען האָט אין אַ פינסטערער טורמע אַ פּאָליטישען אַרעסטאַנט אַזוי געפּייניגט, אַז ער האָט אַזש באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. דער דאָ־זיגער פאַקט איז ניט געווען געמיינער און פאַרברעכערישער פון אַ סך אַנדערע פאַקטען, וועלכע מען האָט גאָר פאַרשוויגען. אָבער די דאָזיגע טראַגעדיע האָט אַריינגעוואָרפען אַ פייער אין די אוני־ווערסיטעטען. אין די קלאַס־צימערען האָט מען אָפּגעהאַלטען פאַרזאַמלונגען, אָנגענומען רעוואָלוציאָנערע רעזאָלוציעס, די סטו־דענטען פון די פּעטערבורגער אוניווערסיטעטען האָבען זיך ענט־

זאָגט די לעקציעס צו באַזוכען, און אין פארלויף פון אַ קורצער צייט האָט זיך די באוועגונג פארשפרייט צווישען די אוניווערסיטעטען פון די אַנדערע שטעדט. די סטודענטען האָבען געפאָדערט פּאָליטישע רעפאָרמען און אויך אַקאַדעמישע פרייהייט און אויטאָנאָמיע. נאַטשאַלסטווא האָט די אוניווערסיטעטען פארמאַכט אויף אַן אומבאַשטימטער צייט און צושיקט די סטודענטען אַהיים צו זייערע עלטערן. עטליכע טויזענט יונגע לייט האָבען זיך אומגעקערט אַהיים און דאָרטען האָבען זיי יעדען איינעם דערצעהלט די שרעקליכע רציחה וואָס איז אין טורמע באַגאַנגען געוואָרען. אין דעם ווינטער פון 1900־01 האָט זיך די באַוועגונג ווידער אָנגעהויבען. די סטודענטען האָבען פארופען פארזאמלונגען, שאַרף פּראָטעסטירט געגען די אַקאַדעמישע און פּאָליטישע באַשרענקונגען פון דער רעגירונג און אין דער זעלבער צייט האָבען זיי אויך פּראָטעסטירט געגען געוויסע פּראָפעסאָרען, וועלכע זיינען זיי ניט געווען סימפּאַטיש. מיר אליין איז אין יענער צייט גראָדע אויסגעקומען צו זיין אַ סטודענט אין קיעווער אוניווערסיטעט, און ווי ווייט איך געדענק, איז אין יענעם ווינטער ניט געווען מעהר גרינדע זיך צו בונטעווען ווי אין די פריהערדיגע ווינטערס. און דאָך האָבען זיך די סטודענטען געבונטעוועט. איינינע געהיימע אָרגאַניזאַציעס — גובערנסקע ברודערשאַפטען — האָבען די באַוועגונג אָנגעפיהרט. ביז אַ געוויסען גראַד איז די סטודענטען־באַוועגונג געווען ניט מעהר ווי אַ פּאָליטישע מאַניפעסטאַציע, און די אַדמיניסטראַציע האָט די ערשטע צייט קיין גאָר שטאַרקען ווידערשטאַנד ניט אַרויסגעוויזען; די אַדמיניסטראַציע האָט בלויז געוואָלט אויסשליסען פון די אוניווערסיטעטען די רעוואָלוציאָנערע סטודענטען און אַריינזעצען די אָנפיהרער אויף אַ פּאָר חדשים טורמע, בעת מיט די אַרבייטער רעוואָלוציאָנערען איז מען געווען שטרענגער און פאַר אַזאַ פארברעכען האָט מען געקענט אַריינבאַפען עטליכע יאָהר טורמע אָדער פארשיקט ווערען קיין סיביר. אָבער ווען עס איז געקומען דער ווינטער פון׳ם יאָהר 1900־01 האָט די רעגירונג באַשלאָסען צו באַשטראָפען די סטודענטען

שטרענגער. פאר אן אומשולדיגער פּאָליטישער פארזאמלונג אין קיעווער אוניווערסיטעט, וואו מען האָט אפילו ניט געדענקט ווע־גען גוואַלדטאַטען, האָט מען אונז, 400 סטודענטען צוגעשטעלט צו א געריכט פאר א ספּעציעלער קאָמיסיע און איבער 200 פון אונז זיינען פאר׳משפט געוואָרען צו דינען א יאָהר אין דער ארמעע. פון דעם אוניווערסיטעט האָט מען אונז ניט אויסגעשלאָסען, מען האָט אונז בלויז אוועקגעשיקט אויף א יאָהר אין די קאַזארמעס, אַז מיר זאָלען דאָרטען אָפּקומען אונזער שטראָף. צווישען די נייע רעקרוטען זיינען געווען א סך אַזוינע, וואָס מען האָט ארויס־געבראַקירט פון מיליטער־דיענסט, אייניגע זיינען געווען קראַנקע, שווינדזיכטיגע, איינער, מיינער א פריינד, איז פשוט געווען א קאַליקע און איז געגאַנגען אויף קוליעס. און ניט קוקענדיג דאַ־רויף האָט מען זיי אלע אוועקגעשיקט אין דער ארמעע. דער רע־גירונג איז דערפון קיין טובה דוקא ניט ארויסגעקומען. דאָס האָט נאָך מעהר צורייצט די באַפעלקערונג און ארויסגערופען טרערען אין די אויגען פון ווייכהערציגע פרויען. די 200 יונגע לייט, וואָס מען האָט איבער׳ן גאַנצען לאַנד אין די קאַזארמעס צושיקט, האָ־בען אויף אלעמען געמאכט א מאָדנעם איינדרוק ווען מען האָט זיי דערזעהען אָנגעטהאָן חצי זעלנעריש און חצי סטודענטיש. אויף די וואָקזאַלען האָט מען אונז באַגעגענט מיט הורא־געשרייען און דערביי האָט מען אויסגעדריקט מיטגעפיהל. די סאָלדאַטען אין די קאַזארמעס האָבען אויף אונז געקוקט ווי אויף טשיקאַווע ברואים. די ערנסטערע אפיצירען און אויך סאָלדאַטען, וועלכע האָבען באטראַכט די ארמעע אלס דעם שטאָלץ פון דער נאַציאָן, האָבען זיך געפיהלט באַליידיגט דערפון וואָס מען שיקט גאָר אַהין מענשען אָפּצוקומען א שטראָף. און דער רעזולטאט דערפון איז געווען וואָס די ארמעע האָט דערוויל געהאַט די געלעגענהייט צו קומען אין נאָהענטער באַריהרונג מיט די רעוואָלוציאָנערע סטו־דענטען.

די דעמאָנסטראַציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין די גאַסען פון פּעטראָגראַד אום פריהלינג 1901 און די ערמאָרדונג פון דעם ביל־

דונגס מיניסטער באָגאָלעפּאָוו איז געווען דירעקט פאַרבונדען מיט דער סטודענטישער באַוועגונג.

נאָכ'ן יאָהר 1900 איז די באַוועגונג אין די אוניווערסיטעטען געוואָרען אַ שטענדיגע ערשיינונג אין'ם רוסישען פּאָליטישען לע־בען. די סטודענטען זיינען געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט די ארבייטער, די באַוועגונג איז געוואָרען שטאַרקער און די דע־מאָנסטראַציעס אין די גאַסען זיינען געוואָרען אָפטער.

די ארבייטער באַוועגונג איז געווען שטאַרקער אין די מערב טיילען פון דער אימפּעריע, צווישען די אידען, פּאָליאַקען, לעטען, אָבער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע אָר־גאַניזאַציעס האָבען עקזיסטירט באַזונדערס אין אַלע אינדוסטריעלע צענטרען. די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס האָבען אָנגעהויבען קומען אין אַלץ מעהר נאָהענטע באַריהרונגען מיט די ארבייטער מאַסען, פאַרשפּרייטענדיג רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור, אָרגאַני־זירענדיג אינדוסטריעלע סטרייקס, כדי צו פאַרבעסערען די אר־בייטס באַדינגונגען, פאַררופענדיג געהיימע פאַרזאַמלונגען, און פון ציייט צו צייט האָבען זיי אָרגאַניזירט גאַסען־דעמאָנסטראַציעס. און מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז איבער דעם וואָס די ביוראָקראַטישע ממשלה האָט קיינעם ניט געלאָזט קיין קאָפּ אויפהויבען, האָט שוין במילא געמוזט אויסקומען אַזוי, אַז אַפילו אַ פרידליכע געזעל־שאַפטליכע ארבייט האָט נויטווענדיגערווייזע געמוזט ווערען רע־וואָלוציאָנער. אַ סטרייק פאַר העכערע שכירות איז אַן און פאַר זיך אַ גאַנץ פרידליכע אונטערנעמונג; אָבער איבער דעם וואָס מען האָט די סטרייקער פאַרפאָלגט און גערודפט ווי פאַרברעכער, איבער דעם וואָס מען האָט די אָנפיהרער אריינגעזעצט אין די טורמעס, האָט שוין דער סטרייק געמוזט אָננעמען דעם כאַראַקטער פון אַ פּראָטעסט געגען דעם ביוראָקראַטישען פאַראָנדעק. אַ לעק־ציע ווענען אַ קאָנסטיטוציאָנעלער אָרדנונג אָדער אַ פאַרזאַמלונג צו דיסקוטירען ווי נויטיג עס איז צו שאַפען געזעצען פאַר אר־בייטער, האָט ניט אין זיך אַפילו די מינדסטע אָנצוהערעניש אויף אַ בונט; אָבער ווען אַזאַ פאַראַזמלונג ווערט אָפּגעהאַלטען אין

א געהיימען פּלאַץ, ערגיץ אין די פעלדער אָדער אין די וועלדער, מיט רעוואָלוציאָנערע שומרים אַלס א וואַך, מיט אַן עולם וואָס פארזאַמעלט זיך בגנבה, שטילינקערהייט, קיינער זאָל ניט זעהן, מיט פּאָליציייסקע און זשאַנדאַרען וועלכע זוכען און נישטערען אין די פעלדער און וועלדער, גרייט צו צוטרייבען די פאַראַזמלונג מיט שפּיזען און נאַגייקעס — אַזאַ פארזאַמלונג ווערט שוין א רע־וואָלוציאָנערער אקט, צו וואָס מען דאַרף האָבען מוט. און נאָך מעהר מוט האָט מען געדאַרפט האָבען צו אַ גאַסען־דעמאָנסטראַציע מיט א רויטער פאָהן. קאַזאַקען און קאַוואַלעריע סאָלדאַטען זיי־נען געווען גרייט אַרויפצופאָהרען מיט די פערד אויף די דעמאָנ־סטראַנטען; שווערד און ביקס און נאַגייקע האָבען געאַרבייט אָהן רחמנות, און זעלטען ווען האָט געטראָפען, אַז אַ דעמאָנסטראַ־ציע זאָל אָפּגעהן גלאַט און עס זאָלען ניט זיין קיין פארוואונדעטע.

אָבער די אַלע אונטערדריקונגס־מיטלען וואָס די רעגירונג האָט אַזוי אָהן רחמנות באַנוצט, האָבען די באַוועגונג ניט איינ־געשטילט. פאַרקערט, איבער דעם איז די שנאה צו דער רעגי־רונג געוואָרען נאָך גרעסער, איבער דעם האָט מען זיך אַ נעם גע־טאָן צו טעראָריסטישע אַקטען, באַזונדערס די מיטגלידער פון דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי. אום פריהלינג פון׳ם יאָהר 1902 האָט אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, א קיעווער סטודענט, וועלכער איז דאַן אָפּגעקומען זיין שטראָף אין דער אַרמעע, דער־הרג׳עט סיפּיאַגינ׳ען, דעם מיניסטער פון אינלענדישע ענינים. דער סטודענט איז פאַר׳משפט געוואָרען צום טויט און דער משפט איז אויסגעפיהרט געוואָרען. אין דעמזעלבען פריהלינג האָט דער גובערנאַטאָר פאָן וואהל אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל, אַז מען זאָל שמייסען די אַלע מענשען, וועלכע האָבען זיך באַטייליגט אין דער מאַי־דעמאָנסטראַציע אין ווילנא. איינער פון די אַרבייטער האָט דערנאָך געמאַכט אַ פארזוך צו דער׳הרג׳ענען פאָן־וואהל׳ן, און דערפאַר האָט מען איהם אויפגעהאַנגען.

אין דעם פריהלינג פון 1902 האָבען די פויערים געלאָזט הע־רען פון זיך. אין פּאָלטאַווער און כאַרקאָווער גובערניעס האָבען זיך

די פּויערים צובונטעוועט און האָבען צוראבירט און אונטערגעצינ־
דען 69 אימעניעס (גיטער).

די באוועגונג איז ניט געווען אָרגאַניזירט. פון זיך אליין האָט זי זיך אָנגעהויבען, ווי אַ פייער האָט זי זיך פארשפּרייט פון דאָרף צו דאָרף און אין אַ משך פון עטליכע טעג זיינען טויזענטער שטי־לע, געהאַרכזאַמע פּויערים געוואָרען פארברענטע און מוטיגע רעבעלען. און אין אַלע דערפער איז פאָרגעקומען דאָס זעלבע: די פּויערים זיינען געקומען צו די פּריצים זיך באַקלאָגען אויף די שלעכטע צייטען און דערביי האָבען זיי געפאָדערט, מען זאָל זיי געבען תבואה פאַר זיך און פאַשע פאַר זייערע בהמות. די פּריצים האָבען, פארשטעהט זיך, קיין חשק ניט געהאַט צו געבען די פּויערים תבואה און פּאַשע אָהן געלד, האָבען די פּויערים קיין סך טענות ניט געמאַכט, געעפענט די שפּייכלערס און אליין גענומען וויפיעל זיי האָבען נור געקענט. און ניט נור תבואה און פּאַשע האָבען די פּויערים ביי די פּריצים צוגענומען, נור אויך אַנדערע זאַכען; זיי האָבען פון די פּריצי'שע הויפען ארויסגענומען דאָס מעבעל, ניי־מאַשינען און אפילו די טייערע מלבושים, וואָס די פּריצות האָבען געטראָגען. פון אַלעם האָבען זיי געמאַכט אַ תל, עס אונטערגעצינ־דען און מיט'ן רויך עס אַפּגעלאָזט. און געטאָן האָבען זיי דאָס מיט אַ באַזונדער מין זיכערקייט, אַז אַזוי דאַרף מען טאָן. „אַזוי שטעהט געשריבען אין די ביכלאך", האָבען אַ סך פּויערים געזאָגט. (דער־מיט האָבען זיי, הפּנים, געמיינט די רעוואָלוציאָנערע בראָשורען). איינינע פּויערים האָבען גערעדט וועגען עפּעס אַ „ניי געזעץ", וואָס לויטעט, אַז מען דאַרף די ערד צוטיילען צווישען דעם „נאַ־ראָד". „אַזוי וויל דער צאַר אליין", האָבען זיי געזאָגט. ווען מען האָט אריינגעשיקט סאָלדאַטען איינצושטילען די בונטען אין דאָרף, האָבען די פּויערים געגלויבט באמונה שלמה, אַז די סאָלדאַטען וועלען ניט שיסען. „מיר זיינען דאָך ניט קיין בינעזער, — האָבען זיי גע'טענה'ט, — מיר זיינען פּראַוואָסלאַווע רוסישע מענשען". אָבער די סאָלדאַטען האָבען דוקא יאָ געשאָסען, צוויי פּויערים זיי־נען דער'הרג'עט געוואָרען און אַ סך זיינען פארוואונדעט געוואָרען,

און אַ גאַנץ היבשע צאָהל בונטאָווטשטשיקעס האָט מען באַשטראָפט דערמיט וואָס מען האָט זיי אין מיטען גאַס מיט ריטער גע־שמיסען; 1,098 מוזישקעס האָט מען דאַן אַרעסטירט און אַ שטראָף פון 800,000 רובעל איז אַרויפגעלעגט געוואָרען אויף די „אָבשטשינעס", וואו די בונטען זיינען פאָרגעקומען.

מיר וועלען דאָ ברענגען די ווערטער פון אַ דאָרפּישען ריכ־טער, וועלכער איז אויפגעטראָטען אַלס אַן עדות אויף דעם פּראָצעס פון די רעוואָלטירענדע פּויערים. „אין מיין דאָרף, — האָט דער עדות דערצעהלט, — פאַרמאָגט יעדער פּויער ניט מעהר ווי צוויי דעסיאַטין ערד. פאַר־אַ־יאָהרען איז די תבואה ניט געראָטען און ענדע ווינטער איז שוין געווען אַ מאַנגעל אין ברויט. מיר האָבען ניט געהאַט קיין עסענוואַרג פאַר אונזערע פאַמיליעס און קיין פאַ־שע פאַר אונזערע בהמות... די פּרייזען פון גערונגענער ערד שטיי־גען פון יאָהר צו יאָהר. מיט פינף יאָהר צוריק פלעגען מיר פאַר אַ דעסיאַטין ערד צאָהלען פון 6 ביז 8 רובעל; איצט צאָהלען מיר פאַר דערזעלבער דעסיאַטין ערד פון 12 ביז 19 רובעל. און וואָס אַנבאַלאַנגט אונזער אייגענער ערד, איז זי מעהרסטענטיילס זאַמ־דיג און ניט פרוכטבאַר."

עס איז דאַריבער געווען גאַנץ נאַטירליך, אַז די אויסגעהונ־גערטע, אויסגעמוטשעטע פּויערים זאָלען זיך ווי די ווילדע אַרויפ־וואַרפען אויף די רייכע, פּריצ'ישע אימעניעס. זיי האָבען געזעהן ווי אין די פּריצ'ישע אימעניעס איז פאַראַן תבואה איבער גענוג. זיי האָבען געזעהן, אַז דאָ קענען זיי דעם הונגער שטילען. און חוץ דעם וואָס זיי האָבען זיך איינגעשמועסט אַ געשיכטע וועגען אַ „נייעם געזעץ" און וועגען דעם, אַז „דער צאַר אַליין וויל אַזוי", האָבען זיי אין דער טיעפעניש פון הארצען טאַקי געגלויבט, אַז „די ערד איז גאָט'ס און דעם פאָלק'ס".

און מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז די סאָציאַליסטען־רעוואָ־לוציאָנערען, וועלכע האָבען געאַרבייט צווישען די פּויערים אין די דערפער, האָבען דווקא ניט געהעצט די פּויערים אָנצופאַלען אויף

די פּריצ׳ישע אימעניעס, זיי באַרויבען און אונטערצינדען. די פויערים האָבען דאָס אליין געטאָן.

די רעגירונג האָט געזעהן, אַז עפּעס מוז דאָ געטאָן ווערען. האָט זי צונויפגעשטעלט אַ ספּעציעלע „קאָמיסיע צו אונטערזוכען די נויטען פון דער אַגריקולטורעלער אינדוסטריע” מיט אָפּטיילונגען אין יעדען אויעזד. און אַזוי ווי זי האָט געזעהן, אַז מיט שהי פּהי קען מען שוין ניט אָפּקומען, אַז מען מוז כאָטש מאַכען דעם אָנשטעל, אַז מען געהט עפּעס אויפטאָן, האָט זי ערלויבט די פאַרטרעטער פון די זעמסטוואָס וואָס זיינען געווען פּאָפּולער אין די אָבשטשינעס זיך אָנצושליסען אָן די קאָמיסיעס און ארבייטען צוזאַמען מיט די רעגירונגס בעאַמטע. דורך די דאָזיגע קאָמיסיעס האָבען די ליבעראַלען און ראַדיקאַלען פון דער זעמסטוואָ געהאַט די מעגליכקייט אויסצודריקען אין דער עפענטליכקייט זייערע אַנזיכטען. כאָטש די נאַטשאַלסטוואָ האָט די קאָמיסיעס געהאַלטען אונטער אַ שטרענגער קאָנטראָלע, האָבען די מעהרסטע מיטגליעדער זייערע רעקאָמענדירט גאַנץ פּראָגרעסיווע מיטלען: אַז נאַטשאַלסטווע זאָל ניט האַנדלען אַזוי הפקר׳דיג און זיך האַלטען אין די גרעניצען פון׳ם געזעץ, אַז מען זאָל פאַרקלענערען די שטייערען, און אַז די מלוכה זאָל די פויערים פאַרזאָרגען מיט מעהר ערד. אייניגע קאָמיסיעס זיינען געווען כמעט רעוואָלוציאָנער, זיי האָבען ניט געשאָנעוועט די רעגירונג און האָבען זי קריטיקירט מיט די שאַרפסטע ווערטער.

דאָס איז געווען אין 1902-03. די פאַרהאַנדלונגען פון די קאָמיסיעס זיינען אַ גאַנץ היבשע צייט געווען דער צענטער פון געזעלשאַפטליכער אויפמערקזאַמקייט. און כאָטש די קאָמיסיעס זיינען געווען „לעגאַלע” קערפּערשאַפטען, און זייערע מיטגלידער זיינען ניט געווען קיין „בונטאָווושטשיקעס”, האָבען זיי קלאָר און דייטליך אויפגעדעקט פאַר אַלעמען דעם קריזיס פון דעם רוסישען לעבען. מיט זייער ארבייט האָבען זיי נאָך שטאַרקער געמאַכט די קאָנסטיטוציאָנעלע שטרעבונגען פון די מעסיגע אינטעליגענטען און צוגעגעבען נאָך מעהר מוט דער אָפּאָזיציע פון דער זעמסטוואָ. אַ

דאַנק דער אַרבייט פון אַט די קאָמיסיעס איז אין 1902 אין געהיים אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ צוזאַמענפאָהר פון זעמסטוואָ־פאַרטרעטער, מיט'ן צוועק אויסצואַרבייטען אַן איינהייטליכע פּאָליטיק פאַר די אַלע זעמסטוואָ־מיטגלידער, וועלכע באַטייליגען זיך אין די קאָמיסיעס.

און כאָטש דער פּאָליטישער איינפלוס פון די פאַרהאַנדלונגען, וואָס די קאָמיסיעס האָבען אָנגעפיהרט, איז געווען אַזוי גרויס, זיינען די פּויערים דאָך ניט געהאָלפען געוואָרען. ווארום די רעגירונג האָט קיין חשק ניט געהאַט דורכצופיהרען די מיטלען וואָס זיי האָבען רעקאָמענדירט. דעם 12טען מערץ, אין'ם יאָהר 1903 האָט די רעגירונג אָפּגעשאַפט דאָס געזעץ, אַז די דאָרפישע אָבשטשינעס זאָלען זיין פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם אויסקויף־געלד (וויקופּ). אָבער דאָס איז געווען ניט מעהר ווי אַ שאָטען פון אַ רעפאָרמע און די פּויערים איז דערפון זעהר אַ קליינע טובה אַרויסגעקומען. מיט צוויי מאָנאַטען שפּעטער האָט די רעגירונג איינגעפיהרט, אַז אין יעדען דאָרף זאָל זיין רייטענדע פּאָליציי וואָס זאָל „אַכטונג געבען אויף דער אָרדנונג", און דאָס איז שוין דוקא ניט געווען קיין שאָטען, נאָר אַ בייזע ווירקליכקייט.

אין די דערפער איז די אומצופרידענהייט געוואָרען וואָס אַמאָל גרעסער און גרעסער. נאָך אין אַפּריל, 1901, האָט אַ צייטונגס קאָרעספּאָנדענט פון וואָראָניעזשער גובערניע געשריבען אַזוי: „די לופט איז פול מיט פּולווער און מען פיהלט ווי אַ שטורם רוקט זיך אָן; אַלע נאַכט ווערט דער האָריזאָנט באַלויכטען פון די שרפות; אַ בלוטיגער טומאַן קריכט איבער דער ערד, דער שטורם קען אויסברעכען יעדער מינוט. עס איז אַזוי שווער צו אָטהעמען און נאָך שווערער איז צו לעבען. דער מוזשיק שוויינט פאַרביטערט, און ווען ער הויבט אָן ריידען, וואַרפט ער אויף אייך אַרויף אַ פּחד".

אין 1903־04 איז די שטימונג געווען נאָך ערגער. אין 1902 זיינען פאָרגעקומען פּויערים־בונטען אין טשערניגאָווער, כערסאָנער, יעקאַטערינאָסלאָווער, בעסאַראַביער, סאַראַטאָווער, פּערמער און וואָ־

לינער גובערניעס. און דער אָפּקלאַנג פון די דאָזיגע בונטען האָט זיך געפיהלט זעהר שטאַרק אומעדום.

אין דערזעלבער צייט האָט זיך די אַרבייטער באַוועגונג אויך צעוואַקסען גאַנץ ברייט. די רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען האָבען אַריינגעדרונגען אין אַלע פאַבריקען. אַרבייטער־דעמאָנסטראַציעס זיינען געוואָרען אַן אָפטע ערשיינונג. ווען עס איז געקומען דער זומער פון 1903 האָט אין דעם דרום־ מערב טייל פון רוסלאַנד אַ פלייץ געטאָן אַ כוואַליע פון פּאָליטישע סטרייקס, גרויסע מאַסען־פאַרזאַמלונגען זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען און צעהנדליגער טויזענדער אַרבייטער האָבען געוואָרפען די אַרבייט אין די פאַבריקען און זאַוואָדען. עפּיס ווי פון זיך האָט דער סטרייק אויסגעבראָכען, קיינער האָט זיך גאָרניט געריכט אויף איהם, און מען האָט זיך אויך ניט געריכט, אַז אַ סך אייזענבאַהן אַרבייטער און טראַמוויי־קאָנדוקטאָרען זאָלען צום סטרייק צושטעהן. ווי אַ צויבער־פייער האָט זיך די סטרייק באַוועגונג געוואָרפען פון שטאָדט צו שטאָדט. דאָס איז געווען איינער פון די פּלוצימדיגע שטורעמס, וואָס קיינער קען ניט פאָראויסזעהען. געענדיגט האָט זיך דער שטורם פונקט אַזוי פּלוצלנג ווי ער האָט אויסגעבראָכען. ער האָט אָבער באַוויזען, אַז צווישען די מאַסען רודערט זיך עפּיס.

אין יענער צייט האָבען די אונטערדריקטע רעוואָלוציאָנערע צייטונגען נאָך מיט מעהר ברען זיך אַ נעם געטהאָן צו דער אַרבייט. דאָן איז דאָס לעבען געווען פול מיט פאַרבען, פול מיט קאָך און ברען. און אַזוי ווי די לעגאַלע צייטונגען האָבען איבער'ן צענזאָר דעם קאָפּ ניט געקענט אויפהויבען און ניט געטאָרט דערמאָנען אַ וואָרט וועגען די וויכטיגסטע פּאָליטישע געשעהענישען, האָט דער עולם דערפאַר מיט אַ באַזונדער מין דורשט זיך אַ וואָרף געטאָן צו די אונלעגאַלע צייטונגען. עס האָט געמוזט קומען דערצו, אַז די רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור זאָל אַריינדרינגען אי צווישען דער אינטעליגענץ, אי צווישען די מאַסען. די פּאָליציי האָט זיך איינפאַך ניט געקענט ספּראַווען; זי האָט געמאַכט אָביסקעס, אַרעסטירט מענשען, קאָנפיסקירט צייטונגען, געאַרבייט מעשים און גע־

קערט א וועלט, אָבער דאָס האָט איהר גאָר ניט געהאָלפען, די רע־וואָלוציאָנערע שריפטען האָבען זיך אַלץ מעהר פארשפּרייט. די פארשפּרייטסטע שריפט אין יענער צייט איז געווען די „אָסוואָבאָזש־דעניע", די „איסקרא" (פונק), דער אָרגאַן פון די סאָציאַל־דע־מאָקראַטען, און די „רעוואָלוציאָנאיא ראָסיא", דער אָרגאַן פון די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען. חוץ דעם האָט מען נאָך יעדער געלעגענהייט ארויסגעגעבען הונדערטער טויזענדער פּראָקלאָמאציעס.

די רעגירונג האָט געהאַט איין געקינצעלטען מיטעל אויף אָפּ־צוציהען די אויפמערקזאמקייט פון'ם פאָלק פון די ברענענדיגסטע פראַגען: א פּאָגראָם. אין מאָנאַט אַפּריל, 1903, האָט די רע־גירונג אָרגאַניזירט דעם באַריהמטען קישינעווער פּאָגראָם, וואו א ווילדער המון האָט דער'הרג'עט צעהנדליגער אידען, צוראַבעוועט און חרוב געמאַכט כמעט דעם גאַנצען אידישען קוואַרטאַל. דער קי־שענעווער פּאָגראָם האָט צו זיך קיין גלייכען ניט געהאַט אין אכזריות, אין רציחה, אין בלוטיגקייט. אין אויסלאַנד האָט דער קישענעווער פּאָגראָם ארויסגערופען א שטורם פון פּראָטעסטען און פאראַכטונג, אָבער אין רוסלאַנד גופא האָט מען כמעט ניט ערלויבט צו שרייבען וועגען דעם. די פּראָגרעסיווע רוסען האָבען אָבער געוואוסט ווער עס איז אין דעם פּאָגראָם שולדיג. מיר האָבען אַלע געוואוסט, אַז די פּאָליציי איז געווען אויסגעקניפּט און אויסגעבונדען מיט אַלע אויס־וואורפען־פאַרברעכער, גנבים, געוועזענע אַרעסטאַנטען און אַנדערע פון דעם זעלבען געזינדעל. מיר האָבען געוואוסט, אַז ס'איז גענוג די פּאָליציי זאָל געבען איין וואונק און דאָס גאַנצע געזינדעל, די גאַנצע באָסע קאָמאַנדע זאָל זיך צובושעווען. מיר האָבען געהערט וועגען פּאָגראָם־פּראָקלאָמאציעס וואָס מען האָט פארשפּרייט אין די קישענעווער שענקען און ביליגע רעסטאָראַנען. עס איז פאר אונז קיין סוד ניט געווען, אַז וואו די רעגירונג האָט נור באמת געוואָלט אָפּשטעלען די רויבערייען און די רציחות, האָט זיך עס איהר גאַנץ לייכט איינגעגעבען. דריי טעג האָט אין קישינעוו געדויערט דער פּאָגראָם, און קיינער פון די בעאַמטע, ניט די מיליטערישע און ניט די ציווילע, האָבען געפונען פאר נויטיג איהם אָפּצושטעלען. נע־

מענדיג אין אכט אָט די אַלע פאַקטען, איז ניט שווער געווען צוטרעפען ווער עס איז דער הויפּט שולדיגער אין דעם פּאָגראָם.

דער פּרעסטיזש פון דער אויטאָקראַטישער רוסלאַנד איז דורך דער קישינעווער שחיטה ניט דערהויבען געוואָרען.

## ניינטער קאפּיטעל

# אונטער'ן שאָטען פון דער מלחמה.

אין אָנפאנג פון'ם יאָהר 1904 האָט די רוסיש־יאפּאנעזישע מלחמה אויסגעבראָכען.

שטארק באַגייסטערט פאר דער מלחמה איז קיינער ניט געווען. וואָרים קיינער האָט ניט געגלויבט, אַז רוסלאנד האָט אין ווייטען מזרח גוואַלדיג וויכטיגע אינטערעסען צו באַשיצען. די אַלע זאכען וואָס די רוסישע נאַטשאַלסטוואָ האָט געטהאָן אין מאַנדזשוריע זיי־נען אין אַ שלייער פון סודות געווען איינגעהילט, די צייטונגען האָ־בען וועגען דעם קיין שלעכט וואָרט ניט געטאָרט זאָגען, און דאָס האָט נאָך גרעסער געמאכט דעם אונצופרידען. אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה האָט מען זיך, ווי געווענליך, געסטאַרעט אויפצו־בלאָזען דעם פּאַטריאָטיזם, מען האָט געמאכט עטליכע קליינע פּאַט־ריאָטישע דעמאָנסטראציעס, וועלכע האָבען קיין התפעלות ביים עולם ניט ארויסגערופען. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און מען האָט אָנגעהויבען פיהלען די רעזולטאַטען פון דער מלחמה: אין האַנדעל איז געוואָרען אַ קריזיס, דער קרעדיט איז געפאַלען, די שטייערען האָבען גענומען ווערען שווערער, און אויף די פעלדער האָט מען אָנגעהויבען פיהלען אַ מאַנגעל אין מענשען.

און דערנאָך האָבען זיך אָנגעהויבען די מפּלות, די שענדליכע, מיאוסע מפּלות. דער אָנפאַל אויף דער רוסישער פלאָטע אין פּאָרט־ארטור, די שלאכט ביי יאלו, ביי מוקדען, דאָס פאלען פון פּאָרט־ארטור, די צושטערונג פון דער רוסישער קריעגס־פלאָטע לעבען צו־סימא, אָט די אַלע מפּלות האָבען געמאכט אַ שרעקליכען איינדרוק אויפ'ן רוסישען פאָלק. און עס איז פּשוט געווען צו שטוינען:

רוסלאַנד האָט געהאַט אַ באַפעלקערונג פון 130 מיליאָן מענשען; איהר בודזשעט האָט באַטראָפען אַן ערך צוויי ביליאָן רובעל; זי האָט געהאַט 1,600 באַטאַליאָנען און 5,300 פעלד־האַרמאַטען. יאַפּאַן ווידער האָט בלויז געהאַט אַ באַפעלקערונג פון 45 מיליאָן מענשען און אַ בודזשעט פון וועניגער ווי 60 מיליאָן רובעל, און איהר אַרמעע איז געווען אַ סך קלענער פון דער רוסישער. אין אָנפאַנג פון דער מלחמה איז די אָפיציעלע רוסלאַנד געווען זיכער אין אַ זיעג. „מיט די היטלען וועלען מיר זיי פאַרוואַרפען!" האָבען די פּאַטריאָטישע צייטונגען מיט שטאָלץ געשריבען. אַפילו די ליבעראַלע אָפּאָזיציע האָט אויך געגלויבט, אַז די רוסישע אַרמעע וועט אַרוים די זיעגערין. אַפילו דער „יעוורָאָפּעיסקי קוריער" האָט אין 1904 געשריבען, אַז נאָך אַלעמען איז יאַפּאַן ניט מעהר ווי אַ קליין הינטעל וואָס שפּרינגט אין דער לופטען און וויל אַ ביס טהאָן אין פוס אַ ריעזיג גרויסען בער. אויך אַנדערע ליבעראַלע צייטשריפטען האָבען אַזוי געדענקט. בלויז די רעוואָלוציאָנערען האָבען פאָראויסגעזאָגט אַ מפּלה. זיי זיינען געווען זיכער אין דעם, ווייל פאַר זיי איז געווען קלאָר, אַז אַזאַ באַנדע כאַבאַרניקעס ווי די פון וועלכע די רוסישע אַדמיניסטראַציע איז צונויפגעשטעלט, מוז ברענגען אַ מפּלה.

און די מפּלה איז טאַקי געווען נאָך גרעסער ווי מען האָט ערוואַרטעט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די רוסישע אַרמעע, די אייזערנע לאַפּע פון דער גרויסער אימפּעריע, דער שטאָלץ פון דער אויטאָקראַטישער רוסלאַנד, איז ווי צונויפגעשטשאָבעט מיט תכריכים־שטעך. די קאָמאַנדירען זיינען ניט געווען באַקאַנט מיט דעם געגענד, האָבען ניט געהאַט קיין לאַנדקאַרטען, קיין פאַרטיגע פּלענער, קיין מוט, קיין לייב און לעבען. די סאָלדאַטען האָט מען ניט געגעבען גענוג עסען, און דערצו האָט מען זיי נאָך זעהר שלעכט באַהאַנדעלט אויך. לאַ די מען איז געווען פאַרברעכעריש עם האַרצ'יש, איז מען נאָך געווען פאַרברעכעריש נאַכלעסיג אויך. אויף צו כאַראַקטעריזירען די אומבאַהאָלפענקייט, די אומפעהיגקייט און די געמיינהייטען פון די „הויכגעשטעלטע פּערזענליכקייטען" האָט

מען אין רוסלאנד דערצעהלט געשיכטעס, איינע ווילדער פאר דער אנדערער, און דערנאך האט זיך ארויסגעוויזען, אז די אלע געשיכטעס זיינען אמת. דעם 19טען סעפטעמבער, 1904, האט גענעראל קור־ראפאטקין, דער הויפט קאמאנדיר, ארויסגעלאזט אן אויפרוף צו דער ארמעע. „מיט זיבען מאנאטען צוריק, — אזוי הויבט זיך אן דער אויפרוף, — האט דער שונא פאררעטעריש געמאכט אן אנפאל אויף אונז אהן א פארמעלער קריעגס ערקלערונג. פון דאן אן האט די רוסישע ארמעע ארויסגעוויזען א סך העלדענטאטען אי אויפ'ן ים, איז אויף דער יבשה — העלדענטאטען, מיט וועלכע דאס פאטער־לאנד מעג באמת שטאלצירען. אבער דער שונא ליגט נאך אלץ ניט צוקלאפט אין שטויב פאר אונזערע פיס. פארקערט, ער נעמט זיך נאך איבער, דענקענדיג אז ער וועט אונז איינגאנצען באזיעגען. איבער דעם וואס ער איז ביז איצט געווען גרעסער פאר אונז אין צאהל און דערצו זיך נאך געפונען אין גינסטיגע ערטער, האט ער געהאט די מעגליכקייט אויסצוקלייבען דאס פלאץ און אויך די צייט אונז צו אטאקירען. איצט אבער איז ענדליך געקומען די צייט ווען מיר קענען זיך א שפאר טאן פאראויס און אטאקירען אונזער שונא. איצט איז געקומען די צייט ווען מיר וועלען צווינגען די יאפאנעזער צו טהאן וואס מיר ווילען. די כוחות פון אונזער מאנדזשורישער ארמעע זיינען שוין איצט שטארק גענוג פאר א דרייסטען אנפאל.*) מיט עטליכע טעג שפעטער האט גענעראל קוראפאטקין אליין אנגעהויבען אן אנגריף אויף דער יא־פאנעזישער ארמעע און געכאפט א מורא'דיגע מפלה, פארלירענדיג 50,000 מאן און 43 קאנאנען.

וואס ס'האט זיך דאן אפגעטהאן אין רוסלאנד קען מען מיט קיין ווערטער ניט איבערגעבען. מען האט דאס גאר ניט געקענט פארשטעהן. אפילו די רעוואלוציאנערען האבען זיך ניט געקענט

*) מ. פאוולאוויטש, „אונזערע אויסלענדישע באציהונגען און די רוסיש־יאפאנעזישע מלחמה". אין דער 'סעריע „סאציאלע באוועגונגען אין רוסלאנד", באנד 2, זייט 26.

פאָרשטעלען, אז דער אַלטער רעזשים זאָל זיין אויף אזוי ווייט פארפוילט און פארדאָרבען דורך און דורך. עס קען זיין, אז ווען די מלחמה וואָלט פאָרגעקומען אויפ'ן רוסישען באָדען, וואָלטען די מפּלות אפשר ארויסגערופען א שנאה און א פארביטערונג געגען שונא. אָבער אזוי ווי דער פאַל איז ניט געווען אזוי, האָט מען זיך גלאַט דערלעבט א נקמה אין דער פארהאַסטער אדמיניסטראַציע, וואָס האָט ארויסגעוויזען אזא אומפעהיגקייט. אין דער מלחמה האָט זיך נאָך מעהר ארויסגעוויזען די געמיינהייט פון דער רוסי־שער סאַמאָדערזשאַוויע.

דאָן האָבען די דענקענדע רוסען אָנגעהויבען באַגרייפען, אז א מאָדערנע ארמעע איז א טהייל פון'ם פאָלק, אז אין א לאַנד, וואו די געזעלשאַפטליכע כוחות זיינען געפּעגטעט, קען די ארמעע אויך קיין סך ניט אויפטאָן. דער שרעקליכער רוסישער טשינאָווניק, דער שטרענגער נאַטשאַלניק, פאַר וועמען די קלענערע האָבען געציטערט אומת מות, האָט מיט אמאָל זיין פּרעסטיזש פארלאָרען. מען האָט פאר איהם מעהר קיין דרך ארץ ניט געהאַט, מחמת מען האָט איינגעזעהען, אז ער איז א וויסטער קאַליקע און קען ניט פארהיטען דעם כבוד פון זיין אָרמעע. אפילו די רעאַקציאָנערע צייטונג „נאָוואָיע ווראָעמיא“ האָט אין דעצעמבער, 1904, געשריבען אזוי: „אום גאָטעס ווילען, דענקט ניט, אז מיר מיינען צו זאָגען, אז עס פעהלען אונז נאַטשאַלניקעס אָדער אז אונזערע נאַטשאַלני־קעס זיינען ניט גענוג שטרענג. מיר האָבען גענוג נאַטשאַלניקעס און נאָך צופיעל שטרענגקייט; אָבער דאָס אַלעס איז דאָך ניט קיין פארזיכערונג, נאָר א פאַלשע פארזיכערונג. אין אייראָפּא איז דאָס גאָר אנדערש. דאָרטען ווערט די ביוראָקראַטיע גופא פּאָזיכטיג באוואַכט פון די טויזענטער אויגען פון דער געזעלשאַפט... דאָרטען וואו דאָס פאָלק אַליין קאָנטראָלירט די עסקים פון דער מלוכה, קען גאָר קיין רעדע ניט זיין וועגען אַזעלכע ערנסטע בזיונות, דאָרטען איז גאָר אוממעגליך, אז מען זאָל זיין אזוי אומ־פעהיג און ארויסוואַרפען ארבייט אומזיסט און אומנישט. אין רוסלאַנד ווידער האַלט מען זיך אַלץ ביי דעם שעדליכען מנהג פון

„וואשען דאס גרעט אין דער היים״. און אין דעם שטעקט די גאנצע טראגעדיע אונזערע. יעדער דעפארטמענט איז ביי אונז א „היים״ פאר זיך, די לופט איז דארטען שטיקענד און מען לאזט קיינעם אהין ניט אריין. דורות און דורות זיינען שוין אוועק זינט דאס שמוציגע גרעט ליגט הויפענווייז אין די אלע „היימען״, יעדער ווינקעל איז אנגעפיקעוועט מיט שמוציגע וועש און מען קען זיך דארטען קיין ריהר ניט טאן. יעדער דעפארטמענט איז ביי אונז א מין פארט ארטור, פארמאכט פאר׳ן עולם. וואס האט דער עולם געוואוסט וועגען אונזער קריעגס־פלאטע? גאר ניט. און טאמער האט מען שוין יא געמאכט א פארזוך, אז דער עולם זאל עפיס וויסען וועגען דעם, האט מען ניט דערלאזט״.

אין די ערשטע מאנאטען פון דער מלחמה איז דער עולם דאך געווען שטיל. עס האט געשיינט, אז דער עולם איז עפיס ווי נידערגעשלאגען און פארטראכט. ער האט פריהער גערארפט פארדייהען, איבערקאכען די פאסירונגען. ער האט זיך צו אלעם צוגעקוקט, צו אלעם זיך איינגעהערט, געשלונגען די נייעס און די ארטיקלען אין די צייטונגען, ארומגערעדט די פאקטען אין פריוואטע קרייזען, אבער אלץ שטיל און רוהיג, זיך ניט געקאכט. אפילו אין די דערפער האט מען זיך אויך גאנץ געשמאק א נעם געטאן לעזען די גאזעטען. אי דאס דארף אי די שטאדט זיינען געווען שטארק פאראינטערעסירט אין דער גרויסער דראמע.

און די רעגירונג האט אין יענער צייט געארבייט מעשים. זי איז געווען נאך שטרענגער ווי פריהער. דאן איז פאן פלעווע געווען דער מיניסטער פון אינלענדישע ענינים און אויך דער דיקטאטאר. האט ער ארויפגעלעגט זיין שווערע לאפע אויף די זעמסטוואס, אנגעפאקט אלע טורמעס מיט מענשען, וועלכע מען האט בלויז חושד געווען, אז זיי ארבייטען געגען דער רעגירונג, די צייטונגען האט ער אריינגענומען אין א קלעם און זיי האבען זיך קיין ריהר ניט געקענט טאן, צווישען די רעוואלוציאנערע און ליבעראלע קרייזען האט ער פארשפרייט א נעץ פון אגענטען־פראוואקאטארס, און אויף די פינלענדער, אידען און פאליאקען האט ער נאך שווער־

דער געמאַכט די משא פון באַגרענצונגען. דאַן האָט רוסלאַנד איבערגעלעבט די ערגסטע, שטרענגסטע רעאַקציע וואָס זי האָט ווען עס איז איבערגעלעבט זינט דער הערשאַפט פון אַלעקסאַנדער דעם דריטען. פּלעווע האָט זיך געהאַט זיין מיינונג, אַז מען דאַרף אויסרייסען יעדער באַוועגונג פּונקט דאַן ווען זי הויבט זיך אָן צוצעוואַקסען, און האַלטען אַלעם אונטער אַזאַ שווערען דרוק, אַז עס זאָל אומעדום הערשען אַ טויטע שטילקייט. און עס האָט זיך איהם איינגעגעבען. אין 1904 האָט רוסלאַנד אויסגעקוקט אַ סך איינגעהאַלטענער ווי מיט צוויי יאָהר צוריק.

אָבער אין מיטען דעריבען האָט פּאַסירט אַזאַ זאַך, וואָס האָט די גאַנצע שטילקייט צוטרייסעלט און צורודערט. דאָס איז געווען דעם 15טען יולי, 1904, ווען דער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער סאַזאָנאָוו האָט געוואָרפען אַ באָמבע אונטער פאָן פּלעווע'ס קאַרעטע, און דער דיקטאַטאָר איז דער'הרג'עט געוואָרען.

דער איינדרוק דערפון איז געווען אַ גוואַלדיגער. אין יענער צייט איז אין רוסלאַנד קיין נאָווינע ניט געווען אַוועקצולעגען אַ „קאָפּ". אין מאָנאַט יוני, 1904, האָט אַ רעוואָלוציאָנער דער־הרג'עט דעם פינלענדישען גענעראַל גובערנאַטאָר באָבריקאָוו. נאָך אַנדערע טעראָריסטישע אַקטען זיינען אין יענער צייט באַגאַנגען געוואָרען. אָבער קיין טעראָריסטישער אַקט האָט ניט געמאַכט אַזאַ שטאַרקען איינדרוק ווי דער טויט פון אָט דעם שטרענגסטען און וויכטיגסטען רוסישען אַדמיניסטראַטאָר. פּלעווע, דער קאָפּ פון פּאָליטישען שפּיאָנאַזש, דער ביטערער אונטערדריקער פון רעוואָלו־ציאָנערע באַוועגונגען, דער דיקטאַטאָר מיט דער אייזערנער לאַפּע — ער איז געפאַלען טויט פון דער האַנד פון רעוואָלוציאָנערער נקמה! און פאַר דער רוסישער סאַמאָדערזשאַוויע איז דאָס געווען אַ סך אַ גרעסערער קלאַפּ ווי אַ מפּלה פון דער אַרמעע אויף די פעל־דער פון מאַנדזשוריען.

דאָס ערשטע מאָל פאַר אַ משך פון צעהנדליגער יאָהרען האָט די רעגירונג פאַרלאָרען דאָס גלייכגעוויכט, און דאַן האָט זי באַשלאָ־סען צו מאַכען הנחות. פּרינץ סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי איז באַשטימט

געוואָרען אלס פּלעווע'ס נאָכפאָלגער. דער נייער מיניסטער האָט דאן ערקלערט, אז ער וועט האָבען „צוטרויען" צו די סאָציאַלע אָרגאַניזאציעס און אוועקשטעלען „פריינדליכע באציהונגען" צווישען דער רעגירונג און דעם פאָלק.

קניאז סוויאטאָפּאָלק־מירסקי איז געווען א ליבעראַלער אדמי־ניסטראַטאָר. ער האָט טאַקי ווירקליך געהאָפט, אז ס'וועט זיך איהם איינגעגעבען צו פארבעסערען די באציהונגען צווישען דעם רו־סישען פאָלק און זיינע הערשער. עס איז גאָר קיין ספק ניט, אז גע־מיינט האָט ער גוט, אָבער עס איז אויך קיין ספק ניט, אז ער האָט אפילו ניט געהאַט בדעה איינצופיהרען ערנסטע רעפאָרמען. ער האָט בלויז געוואָלט ענדערען ד ע ם ט א ן פון דער רוסישער נאַטשאַלסטוואָ און אין דערזעלבער צייט די נאַטשאַלסטוואָ ניט טשעפּען. און ער האָט ניט געוואוסט, אז דאָס פאָלק וועט זיך מיט אזעלכע קאַלטע פּריפּאַרקעס ניט צופרידענשטעלען.

סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי'ס ערקלערונג האָט געעפענט דעם וואַ־סער־טהויער (שלוזע) וואָס האָט פארשטעלט דעם וועג פאר דעם שטראָם פון דער געזעלשאַפטליכער מיינונג. די ערשטע אויפצו־הויבען די פראגע וועגען א „געזעצליכער אָרדנונג" און אמת'ע רע־פאָרמען איז געווען די פּרעסע. די צענזור איז טאַקי ניט אָפּגע־שוואכט געוואָרען, אָבער עס האָט געהייסען, אז מען דולדעט מע־סיגע אנזיכטען, וואָס ווערען אויסגעדריקט אין א מעסיגער שפּראַך. האָבען זיך די צייטונגען דערמיט באנוצט, און די זעמסטוואָס ווי אויך די אנדערע ליבעראַלע אָרגאַניזאציעס האָבען זיך מיט מעהר פלייס און מעהר דרייסטקייט א נעם געטאָן צו דער ארבייט. צו רעוואָלוציאָנערען איז סוויאטאָפּאָלק־מירסקי געווען פּונקט אזוי שטרענג ווי פּלעווע, אָבער צו ליבעראַלע אָרגאַניזאציעס האָט ער זיך באצויגען מילדער. און דאריבער איז די צווייטע העלפט פון'ם יאָהר 1904 געווען די בליהונגס פּעריאָדע פון דער ליבעראַלער באוועגונג.

אויפ'ן 6טען נאָוועמבער, 1904, איז פאררופען געוואָרען א נאציאָנאַלער צוזאמענפאָהר פון די פארטרעטער פון אַלע זעמ־

סטוואָס. די רעגירונג האָט דעם צוזאַמענפאָהר פארבאָטען צונויפצורופען, אָבער די אָנפיהרער האָבען דעם פארבאָט פון דער רעגירונג איגנאָרירט. דער צוזאַמענפאָהר איז אָפען אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין פעטערבורג, צווישען די דעלעגאטען זיינען געווען די אַנגעזעהענסטע כּלל טהוער, פּראָפעסאָרען, שרייבער, אַדוואָקאטען און וויסענשאַפטסלייט. עס זיינען אָנגענומען געוואָרען אַ גאנצע רייהע רעזאָלוציעס, פאָדערנדיג *א קאָנסטיטוציאָנעלע אָרדנונג אין רוסלאנד*, און אַז די רעגירונג זאָל גלייך צונויפרופען די פארטרעטער פון׳ם פאָלק. די נויטיגקייט פון פערזענליכער פרייהייט, פרייע רעדע, פרייע פּרעסע א. ד. גל. איז ספּעציעל אונטערשטראָכען געוואָרען.

דער דאָזיגער צוזאַמענפאָהר איז געווען איינע פון די וויכטיגסטע ערשיינונגען אין דער געשיכטע פון דער נייער רוסלאנד. אָפען און אָהן מורא האָט דער צוזאַמענפאָהר, דער רעגירונג גלייך אין פּנים אַריין, אויסגעדריקט דעם אַלגעמיינעם פארלאַנג פון דער דענקענדער רוסלאנד. כאָטש די רעגירונג האָט פארבאָטען, האָבען זיך די דעלעגאטען פון דעם צוזאַמענפאָהר דאָך פארזאַמעלט פראַנק און פריי, ווי זיי וואָלטען געזאָגט: „אנו, פּרואוו נור טשעפּען אונז, די פארטרעטער פון דער געזעלשאַפטליכער מיינונג“!

און די רעגירונג האָט טאַקי ניט געסמייעט זיי צו טשעפּען. קיין איינעם פון די דעלעגאטען האָט מען ניט אַרעסטירט. קיין איבערפאַל אויף דעם צוזאַמענפאָהר האָט מען אויך ניט געמאכט. און דעם ביישפּיעל פון די זעמסטוואָס האָט די אַנדערע ליבעראַלע אָרגאַניזאַציעס אויך אונטערגעגעבען מוט צו טאָן דאָס זעלבע.

און דאַן האָט זיך אין רוסלאנד אָנגעהויבען די צייט פון „באַנקעטען“. דאָקטוירים, אַדוואָקאטען, אינזשענירען, שרייבער, האָבען געמאכט פארזאַמלונגען און געהייסען האָט עס, אַז מען איז זיך צונויפגעקומען פראַווען אַ באַנקעט; אויף די פאַרזאַמלונגען האָט מען געהאַלטען רעדעס, אָנגענומען רעזאָלוציעס און דיסקוטירט וועגען ציווילער אָרדנונג און קאָנסטיטוציאָנעלע געזעצען. די צייטונגען האָבען וועגען די רעזאָלוציעס געשריבען און געמאַכט

פירושים. דערווייל זיינען ארויסגעשפרונגען נייע צייטונגען, וועל־
כע האָבען געהאט מעוזר מוט און זיינען ניט געווען אזוי פאָרזיכטיג
מיט ווערטער. מען האָט אָנגעהויבען דרוקען ביכער וועגען קאָנ־
כטיטוציאָנעלע פראגען, און דער עולם האָט זיך אַ נעם געטאָן אָט
די ביכער לעזען מיט'ן גרעסטען אינטערעס. עס האָט אַ שמעק
געטאָן מיט „פריהלינג", עס האָבען זיך גענומען הערען קלינגענדיגע
שטימען, פרישע, זיבערע און לעבעדיגע.

די מעהר ראדיקאַלע פארטייען זיינען געווען פארבאָטען, פונקט
ווי פריהער. סטרייקס האָט מען אונטערדריקט, ארבייטער־פאר־
זאמלונגען האָט מען צוטריבען, די אגיטאטאָרס אין די דערפער
האָט מען ארעסטירט. פלעוועס שפּיאָנען־מאשין האָט נאָך אלץ גע־
ארבייט מעשים. אָבער ניט דערלאָזען די רעוואָלוציאָנער געזאָנגענע
אינטעליגענטען זיך באטייליגען אין די „געזעצליכע" ליבעראלע
באנקעטען האָט מען ניט געקענט. עס איז אמת, אז די אָרגאניזירער
פון אזוינע באנקעטען האָבען גאנץ אָפט מורא געהאט פאר דער
פּאָליציי און דערפאר האָבען זיי ניט געוואָלט, אז זייערע אונטער־
האַלטונגען זאָלען טראָגען אַן ארויסגעשפּראָכענעם רעוואָלוציאָנערען
כאראקטער. אָבער די רעוואָלוציאָנערען האָבען געפאָדערט, אז מען
זאָל זיי אריינלאָזען אין די פּלעצער, וואו מען קען ריידען אַ פריי
וואָרט. און אויף אזא'ן אופן איז ארויסגעקומען, אז די „לעגאַלע"
און די „אונלעגאַלע" פון דער נייער רוסלאנד, האָבען זיך דאָס
ערשטע מאָל געטראָפען, סטאַרענדיג זיך צו באאיינפלוסען איינער
דעם אנדערן און צו געפינען אַ געמיינזאמע שפּראך ווי זיך צונויפ־
צורייךען. גאנץ אָפט זיינען צו די באַנקעטען געקומען די „מאַסען"
אויך, פּשוט'ע ארבייטער, מיטגליעדער פון רעוואָלוציאָנערע אָרגאַ־
ניזאציעס. אויף די באנקעטען האָט מען דיסקוטירט וועגען די
מעטאָדען פון דעם פּאָליטישען קאמף. די ראַדיקאַלען האָבען גע־
פאָדערט רעוואָלוציאָנערע מעטאָדען; זיי האָבען באוויזען ווי
נויטיג עס איז אָנצופיהרען אַ מאַסען־באוועגונג און קעמפען אויף
באריקאדען, ווייל די סאַמאָדערזשאַוויע וועט זיך מיט גוטען ניט
אונטערגעבען. און די מעסיגע עלעמענטען האָבען געגלויבט, אז

רוסלאַנד שטעהט שוין אויפ'ן וועג פון רעפאָרמען און דאָס איינציגע וואָס מען דאַרף איצט איז אַן אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטליכע מיי־נונג. די ליבעראַלען פון דער זעמסטוואָ האָבען זיך גאָרניט גע־קענט פאָרשטעלען, אַז די רעגירונג זאָל זיך שטעלען געגען אַ קלאָר אויסגעשפּראָכענעם ווילען פון'ם פאָלק.

אין די מאָנאַטען נאָוועמבער און דעצעמבער, 1904, האָט מען אויף די זיצונגען פון די לאָקאַלע זעמסטוואָס און שטאָדטישע דומאַס דיסקוטירט די רעזאָלוציעס פון דעם זעמסטוואָ־צוזאַמענפאָהר. אַ סך פּעטיציעס זיינען אוועקגעשיקט געוואָרען צום צאַר, אַז ער זאָל צונויפרופען די פאָרטרעטער פון'ם פאָלק. איינינע פּעטיציעס זיינען געווען זעהר מילד. די גובערנסקי זעמסטוואָ פון קאַלוגאַ, צום ביישפּיעל, האָט אויסגעדריקט די האָפנונג, אַז „די בעסטע מענ־שען, וועלכע האָבען דעם צוטרויען פון אייער מאַיעסטעט און דעם צוטרויען פון דעם פאָלק, וועלען זיך פאַרזאַמלען אַרום אייער גרוי־סען טראָן, כדי איהם צו באַשיצען געגען די שונאים פון אַ פעסטער אָרדנונג". די רעוואָלוציאָנערען האָבען די דאָזיגע אָנצוהעריניש אָנגענומען אויף זייער חשבון, און דערפאַר האָבען זיי דאָס מיט די שאַרפסטע ווערטער קריטיקירט. די מעהרסטע פּעטיציעס אָבער זיינען געווען גאַנץ שאַרף. אַזוי האָט די מאָסקווער שטאָדטישע דומאַ, דעם 30טען נאָוועמבער, 1904, אָנגענומען אַ באַשלוס „צו ציהען די אויפמערקזאַמקייט פון דער רעגירונג אויף דער דרינגליכער נויטיגקייט פון פאָלגענדע מיטלען: שוץ געגען אומגעזעצליכער אַדמיניסטראַטיווער פאַרפאָלגונג; אָפּשאַפען די עקסטראַ־אָרדי־נערע „אָכראַנע" מיטלען; פרייהייט פון גלויבען און געוויסען, רעדע־פרייהייט און פּרעסע־פרייהייט, די רעכט אָפּצוהאַלטען פאַר־זאַמלונגען; אַ גאַראַנטיע פאַר די אויבענאויסגערעכענטע זאַכען דורך אַ פריי ערוועהלטער פאָרטרעטערשאַפט פון'ם פאָלק; אַ נאָרמאַלע מיטווירקונג פון דער רעגירונג מיט די געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס וואָס זאָלען האַלטען אַ קאָנטראָלע איבער איהר טהעטיגקייט".

און בעת די ראַדיקאַלען און ליבעראַלען האָבען דיסקוטירט

וועגן מיטלען ווי אנצוגעהן ווייטער מיט דער ארבייט, האט די רעגירונג אנגעהויבן פיהלען, אז זי איז שוין מיעד פון דעם גאנצען טאראראם און זי האט באקומען חשק צו מאכען א סוף צו די אלע רעדערייען. דעם 12טען דעצעמבער האט זי ארויסגעגעבען אן אוקאז, פארשפרעכענדיג, אז „די באאמטע וועלען זיין פאראנטווארט־ליך פאר אמוגעזעצליכע טהאטען", אז „די זעמסטוואס ווי אויך די שטאדטישע דומאס וועלען זיך מעהר קענען באטייליגען אין דער ארבייט פאר דעם וואוילשטאנד פון דער לאקאלער באפעלקערונג, „איינינקייט אין די געריכטס־הייזער", „שטאאטס־פארזיכערונג פאר די אינדוסטריעלע ארבייטער", „קלענער מאכען די עקסטרא־ארדינערע „אכראנע" מיטלען", „ארונטערנעמען די צו שווערע בא־גרעניצונגען פון דער פרעסע, און אפשאפען געוויסע רעליגיאנס בא־שרענקונגען". מיט דעם אוקאז איז מען אויסען געוועזן איינצושטי־לען דעם אויפגערעגטען עולם, אבער עס איז אין איהם ניט געווען קיין שום פארשפרעכען אויף רעפארמעס. דער אוקאז האט ניט אפגעשאפט די עקסטרא־ארדינערע „אכראנע" מיטלען, ניט ערלויבט קיין פראצעס פון געשווארענע פאר פאליטישע, ניט פארשפראכען קיין רעדע פרייהייט און אויך ניט קיין פארזאמלונגס־פרייהייט און ניט געגעבען די מינדסטע אנצוהערעניש וועגן א פאלקס פארטרע־טערשאפט. דער אוקאז איז געווען דאס העכסטע וואס מען האט פון דער רעגירונג געקענט ערווארטען, און דאס איז געווען גארניט.

דעם זעלבען טאג, דעם 12טען דעצעמבער, האט די רעגירונג ארויסגעלאזט אן ערקלערונג, אין וועלכען עס איז געזאגט געווארען, אז מען וועט „מיט אלע געזעצליכע מיטלען פון דער נאטשאלסטווא אונטערדריקען די אלע פארזוכען, וואס וועלען געמאכט ווערען צוצו־שטערען דעם פריעדען און די ארדנונג און צוטרייבען די אלע פאר־זאמלונגען וואס זיינען אין עצם געגען דער רעגירונג". די זעמ־סטוואס אין די שטאדטישע דומאס האט מען געלאזט וויסען, אז זיי זאלען זיך האלטען אין דער מעלה און ניט אריבערטרעטען דאס געזעץ.

דאס איז געווען דער סוף פון דעם „פריהלינגס" פעריאד. פון

דעם טרוים וועגען „פריינדליכע באַציהונגען" האָט זיך אויסגעלאָזט א נעכטיגער טאָג. דער האַלב אָפיציעלער „מאָסקאָווסקי קוריער" איז צושמאָלצען געוואָרען פון נחת, און זיך ניט געשעהמט צו שריי־בען, אַז נאָך פריהלינג קומט א זעהר הייסער זומער, דאַן — א נאַסער, פאַרכמורעטער אָסיען, און נאָך'ן אָסיען — א קאַלטער ווינטער, „אונזער אמת'ער, געזונטער רוסישער ווינטער, מיט א גלאַטען, גוטען שליטוועגס, איבער וועלכען עס שליטעלט זיך אזוי לייכט און געמיטליך אונזער אַלטער היימישער שליטען, וואָס איז אפשר אביסעל צו פשוט און אומגעלומפערט, אָבער אזוי פיין צוגעפּאסט צו אונזער נאַציאָנאַלען געשמאַק און צו אונזערע אייגע־נע מנהגים". „עס איז שוין צייט, — האָט דיזעלבע צייטונג ווייטער געשריבען, — אַז מיר זאָלען זיך אָפּרוהען נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך פערציג יאָהר צייט מיט מאַטערניש געשלעפּט איבער שלעכטע פּאָליטישע וועגען".

## צעהנטער קאַפּיטעל.

# דער ערשטער אַקט: דער 9טער יאַנואַר.

דעם 11טען מערץ, 1904, איז ערעפענט געוואָרען די „פאַרזאַמלונג פון די פּעטערבורגער אינדוסטריעלע ארבייטער". דאָס איז געווען א „לעגאַלע" אָרגאַניזאַציע, פּונקט אַזאַ ווי די זובאַטאָוו אָרגאַניזאַציע אין מאָסקווא. די אויפגאַבע איהרע איז געווען צו פאַראייניגען די ארבייטער אויף דעם יסוד פון געגענזייטיגער הילף, כדי אויף אַזאַ'ן אופן ניט צוצולאָזען קיין רעוואָלוציאָנערע אידעען. די פּראָגראַמע פון דער „פאַרזאַמלונג" איז געווען: 1) ניכטערע און פאַרנינפטיגע פאַרוויילונגען, וואָס זאָלען קענען ברענגען נוצען פאַר דעם פיזישען און גייסטיגען צושטאַנד; 2) פאַרשטאַרקען די נאַציאָנאַלע אידעע צווישען די מיטגלידער; 3) ענטוויקלען „לייטישע אנזיכטען וועגען די רעכט און די פליכטען פון אַן ארבייטער; 4) פאַרבעסערען די לאַגע פון די ארבייטער און געגענזייטיגע הילף.

ערעפענט געוואָרען איז די פאַרזאַמלונג מיט אַ ספּעציעלער ערלויבניש פון דער נאַטשאַלסטוואָ. די פיהרער פון דער אָרגאַניזאַציע זיינען געווען פאַניבראַט מיט די העכסטע פּעטערבורגער פּאָליציי בעאַמטע. אָבער וועגען דעם האָט דער עולם אויף דער פאַרזאַמלונג ניט געוואוסט.

די פאַרזאַמלונג האָט ממש געבליהט. די ארבייטער האָבען געגאַרט זיך צו אָרגאַניזירען, זיינען זיי געלאָפען אַהין, און דערפאַר האָט מען געמוזט עפענען נייע אפּטיילונגען. די פּלעצער, וואו מען האָט די נייע אפּטיילונגען געעפענט, זיינען געוואָרען געזעלשאַפטליכע צענטרען, מיט לעקציעס, דיקסוסיעס, וועטשערינקעס; זונטאַג איז דאָרטען געווען געפּאַקט ביז שפּעט אין דער נאַכט. וועגען

פּאָליטישע פראגען האָבען זיי ניט געטאָרט ריידען, דערפאר אָבער האָבען זיי אָפען געמעגט ריידען וועגען זייער עקאָנאָמישער לאגע, וועגען שכירות, ארבייטס־שטונדען, פאך־צרות און וועגען מיטלען ווי צו פארבעסערען די לאגע.

דער פיהרער פון דער פארזאמלונג איז געווען דער גלח גרעגאָרי גאפּאָן. עס שיינט, אז גאפּאָן אליין האָט ניט געהאט קיינע פּאָליטישע פּלענער ווען ער האָט די דאָזיגע אָרגאניזאציע געגרינדעט. ער איז געווען געגען די רעוואָלוציאָנערע פארטייען און דער רעוואָלוציאָנערער ארבייטער באוועגונג. ער האָט געגלויבט, אז מען קען פארבעסערען די לאגע פון די ארבייטער דורך דעם וואָס די ארבייטער אליין וועלען האנדלען פרידליך און געזעצליך. און עס קען זיין, אז ביי איהם אליין, לויט זיין מיינונג, איז ניט געווען קיין עולה צו זיין פארבונדען מיט דער געהיים פּאָליציי. אזוי אָדער אזוי — ער איז מיט'ן גאנצען הארצען געווען איבערגעגעבען דער אָרגאניזאציע און מיט אלע מעגליכקייטען זיך געסטארעט אויפצוהויבען די גייסטיגע מדרגה פון די מיטגלידער.

די רעוואָלוציאָנערע אגיטאטאָרס און די ראדיקאלע אינטעליגענטען האָבען פון דער פארזאמלונג געווייכט, ווייל זיי האָבען זי באטראכט אלס א שטיקעל געצייג פון דער אדמיניסטראציע. קיין ראדיקאלער רעדנער האָט דאָרטען ניט געוואָלט אויפטרעטען. גאפּאָן אליין האָט אויסגעקליבען א פּאָר צעהנדליג פון די מעהר פאָרטגעשריטענע מיטגליעדער, און מיט זיי האָט ער פּריוואט און במעט אין געהיים ארומגערעדט פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פראגען, געלעזען מיט זיי ביכער וועגען טרייד־יוניאָניזם, וועגען דער געשיכטע פון דער ארבייטער באוועגונג אין רוסלאנד, די נוצען פון א קאָנסטיטוציאָנעלער רעגירונג און די וואהל־סיסטעם אין פארשידענע לענדער. דער „פריהלינג" פּעריאָד האָט, הפּנים, געהאט א גרויסען איינפלוס אי אויף גאפּאָן'ען, אי אויף דער פארזאמלונג. אין די ספּעציעלע אפּטיילונגען וואָס מען האָט געעפענט, האָט מען שוין געלעזען ראדיקאלע צייטונגען. פון צייט צו צייט האָט מען שוין דאָרטען א ראדיקאלע רעדע געהערט. גאפּאָן אליין

האָט צווישען זיינע נעהענטערע פריינד שוין אָנגעהויבען אויסדריקען סימפּאַטי צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די פּעטערבורגער סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבען געמוזט ענדערן זייער מיינונג וועגען דער פאַרזאַמלונג, כאָטש צום פיהרער האָבען זיי נאָך אַלץ קיין צוטרויען ניט געהאַט.

די פאַרזאַמלונג האָט געוואַקסען. אין דעצעמבער, 1904, האָט זי שוין געהאַט עלף אָפּטיילונגען און אַן ערך 8,000 מיטגלידער.

ענדע דעצעמבער האָט מען אין פּוטילאָווער זאַוואָד אָפּגעזאָגט פיער ארבייטער דערפאַר וואָס זיי זיינען געוועזען מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע. באַלד איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ מיטינג פון אַלע אָפּטיילונגען און דאָן האָט מען אויסגעאַרבייט אַ גאַנצע רייהע פאָדערונגען צוצושטעלען די בעלי בתים פון דעם פּוטילאָווער זאַוואָד. אַ קאָמיטע איז ערוועהלט געוואָרען זיך צו זעהן מיט'ן דירעקטאָר, דעם אינספּעקטאָר פון'ם זאַוואָד און אויך מיט'ן פּאָליציימייסטער, און פאָרברענגען פאַר זיי די פאָדערונגען פון די ארבייטער. די פאָדערונגען האָט מען ניט נאָכגעגעבען, און אַלע ארבייטער פון'ם פּוטילאָווער זאַוואָד, עטליכע טויזענד אין צאָהל, זיינען ארויס אין סטרייק. דאָס איז געוועזען דעם 3טען יאַנואַר, 1905.

אין יענער צייט איז די רעגירונג נאָך געוועזען מילד צו דער „סאָבראַניע" (פאַרזאַמלונג). קיינער האָט ניט געקענט פאָראויסזעהן וואָס שפּעטער וועט זיין. אפילו גאַפּאָן אַליין אויך ניט.

אין די זאַלען פון דער „סאָבראַניע" האָט מען יעדען טאָג אָפּגעהאַלטען מיטינגען און גערעדט וועגען דעם סטרייק, — און דאָס, **דאַרפט איהר וויסען, איז געוועזען אַזאַ פּריווילעגיע,** וואָס רוסישע סטרייקער האָבען קיינמאָל ניט געהאַט. עס האָט קיין סך ניט געדויערט, ניט מעהר ווי עטליכע טעג, און די סטרייק באַוועגונג האָט זיך פאַרשפּרייט פּונקט ווי אַ שרפה ווען עס בלאָזט אַ ווינט. דעם 6טען יאַנואַר האָבען שוין אין פּעטערבורג געסטרייקט אַ 140 טויזענט ארבייטער. דאָס גאַנצע אינדוסטריעלע לעבען פון דער רוסישער קרוינשטאָדט איז פּאַקטיש אָפּגעשטעלט געוואָרען.

אויף אַ ריזיגער, גראַנדיעזער באַוועגונג האָט זיך קיינער ניט

געריכט. די אַרבייטער אַליין זיינען אויך געווען איבערראשט דער־פון. די באַגייסטערונג האָט געשטיגען אַלץ העכער און העכער. עס האָט זיך אָנגעהויבען רודערן. די פּעטערבורגער אינטעליגענץ האָט איהרע אייגענע אויגען ניט געגלויבט.

דער סטרייק איז ניט געווען בלויז אַן עקאָנאָמישער. די סטרייקער האָבען זיך מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט צו־געהערט צו די פּאָליטישע רעדעס. קיין פּאָליטישע ערציהונג האָ־בען זיי טאַקי ניט געהאַט, אָבער די פּאָליטיק האָט זיך אין דער לופט געפיהלט; די צייטונגען האָבען געשריבען, באַהאַנדעלט פּאָליטי־שע פראַגען, און דאָס איז אָנגעקומען צו די אַרבייטער אויך.

גאָר אַן אַנדער פּנים האָבען באַקומען די אַפּטיילונגען פון דער „סאָבראַניע”. טאָג ווי נאַכט זיינען זיי געווען געפּאַקט מיט טוי־זענטער סטרייקער; טאָג ווי נאַכט האָט מען דאָרטען רעדעס גע־האַלטען. די אַרבייטער האָבען זיך געהאַלטען פעסט, און באַשלאָ־סען ניט איינצוגעהן אויף קיין פּשרות. די אומרוהיגקייט איז וואָס אַמאָל געוואָרען אַלץ גרעסער און גרעסער.

דאַן איז געבאָרען געוואָרען דער פּלאַן צו געהן צו'ם צאַר אַליין און איהם פּערזענליך איבערגעבען די בקשה פון די אַרבייטער.

דאָס איז געווען גאַנץ נאַטירליך. וואָרים מען האָט דאָך גע־גלויבט, אַז דער צאַר איז דער „באַטיושקאַ” (פאָטעריל) פון זיין פאָלק, דער באַשיצער פון די אָרימע און געקריוודעטע. דאָס איז, אַלזאָ, געווען אַ לאָיאַלע זאַך. אָבער אין דערזעלבער צייט איז דאָס געווען אַ רעוואָלוציאָנערע אונטערנעמונג; דאָס איז געווען אַ פּראָ־טעסט געגען אומגעזעצליכקייט; דאָס האָט שוין געהייסען, אַז די אַרבייטער, וועלכע דאַרפען פאָלגען און שווייגען, מישען זיך גאָר אַריין אין די עסקים פון דער רעגירונג.

די פּעטערבורגער אַרבייטער איז דער פּלאַן געפעלען געוואָרען. דאָס האָט אַפּעלירט צו זייער פאַנטאַזיע; דאָס האָט זיי צעוואָ־רימט די הערצער. און חוץ דעם האָט זיך עס זיי טאַקי געלענט אויפ'ן שכל אויך. קיין רעוואָלוציאָנערען זיינען זיי ניט געווען.

פּשוט'ע מענשען, האָבען זיי געוואָלט פאַרברענגען זייערע קריוודעס פאַר דעם „באַטיושקאַ", וואָס איז דער מקור פון גערעכטיגקייט.

אָבער די אַטמאָספערע איז געוואָרען אַלץ רעוואָלוציאָנערער און רעוואָלוציאָנערער. עס זיינען צוגעקומען נאָך עטליכע טויזענט סטרייקער. נאָך טויזענטער און טויזענטער מענשען האָבען אָנגעהויבען אריינקומען אין די זאַלען פון דער „סאָבראַניע". און דאָ האָבען זיך געגומען ארומטראָגען קלאַנגען, אַז אויב די ארבייטער וועלען טאַקע געהן צום צאַר וועט מען אנטקעגען זיי ארויסשיקען סאָלדאַטען. דאָס האָט מען געקענט ערוואַרטען, אָבער די ארבייטער האָבען זיך דערפאַר ניט אָפּגעשראָקען. זיי זיינען בלויז געוואָרען פאַר־מרה'שחורה'ט און זיך נאָך מעהר געקלעפּט צו גאַפּאָן'ען.

אין יענער צייט איז גאַפּאָן געווען דער אָפּגאָט. טראָגענדיג זיך אויף דער כוואַליע וואָס דער שטורם האָט ארויסגעקלאַפּט, איז ער געוואָרען געוואַגטער, ענטשלאָסענער. מיט די לאַנגע, צושויבערטע האָר, מיט אַ פייערל אין די אויגען און אָנגעטאָן אין אַ לאַנגען גלח'ישען מאַנטעל פלעגט ער אריינקומען אין די פּלעצער וואו די ארבייטער האָבען זייערע פאַרזאַמלונגען אָפּגעהאַלטען, דאָ־טען האָט ער פאַר זיי ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל פאָרגעלעזען די בקשה וואָס מען וועט דעם צאַר אַליין דערלאַנגען, און דערביי האָט ער זיי אַלע מאָל געפּרעגט: „בין איך גערעכט? שטימט איהר איין מיט מיר?" און פון אַלע זייטען האָבען זיך געהערט אויסגעשרייען: „דאַ, דאַ, באַטיושקאַ"... (יאַ, יאַ, פאָטערל).

פון'ם 7טען יאַנואַר אָן האָט גאַפּאָן אָנגעהויבען וואָרנען די מאַסען, אַז ס'קען זעהר זיין, אַז מען וועט זיך אָנשטויסען אָן שוועריגקייטען, ווייל די פּאָליציי וועט זיך אפשר אריינמישען: „וואָס וועט איהר דאַן טאָן?" האָט ער זיי געפּרעגט, און אַלע האָבען מיט אַ פרומער כונה געענטפערט: „דאַן וועלען מיר שטאַרבען! אַלע וועלען שטאַרבען! פּיהר אונז, טאַטעלע, בענש אונז, באַטיושקאַ, פאַר דעם גרויסען קרבן וואָס מיר געהן ברענגען". דערנאָך האָט גאַפּאָן געגומען וואָרנען די מאַסען, אַז ס'קען זעהר זיין דאָס דער צאַר זאָל זיי אפשר גאָר ניט וועלען אויפנעמען. דאָס

האָבען זיי ניט געקענט גלויבען. מחמת זיי האָבען אין׳ם צאַר גע־געגלויבט ווי אין אַ גאָט, און ווי איז דאָס מעגליך, אַז גאָט זאָל קענען טאָן אַזאַ עולה? און ווען גאַפּאָן האָט צו׳ם שלום פון זיין פייערדיגער רעדע אויסגעשריען: „אויב ער וועט אונז ניט אויפנעמען, דאַן האָבען מיר קיין צאַר ניט!" האָבען אַלע אין איין קול נאָכגעשריגען: „דאַן האָבען מיר ניט קיין צאַר!"...

דער נוסח פון דער בקשה וואָס גאַפּאָן האָט אָנגעשריבען לעזט זיך אַזוי:

„טאַטע! מיר, די אַרבייטער פון דער שטאָדט פּעטערבורג, אונזערע פרויען, קינדער און אַלטע, שוואַכע טאַטעס און מאַמעס, זיינען געקומען צו דיר, טאַטע, בעטען שוץ און גערעכטיגקייט. פון קליינערהייד אָן זיינען מיר אָרים, אונז אונטערדריקט מען, מיר אַרבייטען איבער די כוחות, מיר ווערען ערנידעריגט און באַליידיגט, אונז רעכענט מען גאָר פאַר קיין מענשען ניט, מען באַהאַנדעלט אונז ווי שקלאַפען, וועלכע מוזען די ערגסטע צרות אַריבערטראָגען און קיין וואָרט ניט זאָגען. וואָס האָבען מיר שוין דען ניט אַריבערגעטראָגען! אָבער מען טרייבט אונז אַלץ טיעפער און טיעפער אין דעם תהום פון אָרימקייט, אומגעזעצליכקייט און פינסטערניש, מיר זיינען אין דעם קלעם פון דעספּאָטיזם און הפקרות, מיר קענען ניט אַטהעמען, מיר ווערען דערשטיקט. די כוחות געהן אונז שוין אויס, טאַטע. אונזער געדולד פּלאַצט שוין. מיר האַלטען שוין דערביי, אַז ס׳איז אונז שוין ניחא׳ער צו שטאַרבען איידער אַזעלכע שרעקליכע צרות אַריבערצוטראָגען.

„טאַטע, מיר זיינען געקומען צו דיר, איבער דריי הונדערט טויזענט אין צאָהל זיינען מיר דאָ, אָבער מיר קוקען בלויז אויס ווי מענשליכע באַשעפענישען; אין דער אמת׳ען אָבער האָבען מיר אַפילו ניט קיין איינציגע רעכט וואָס אַ מענש האָט, מיר טאָרען ניט ריידען, מיר טאָרען ניט דענקען, מיר טאָרען זיך ניט פאַרזאַמלען, מען לאָזט אונז אַפילו ניט ריידען וועגען דעם וואָס ס׳טהוט אונז וועה, מיר האָבען קיין רעכט ניט צו טאָן אַזאַ זאַך, וואָס זאָל אונזערע אומשטענדען פאַרבעסערען. ווער פון אונז עס סמייעט

נור אויפצוהויבען זיין שטימע אויף צו פארטיידיגען די אינטערע־סען פון דעם ארבייטער קלאַס ווערט גלייך פארשפארט אין טורמע, אָדער פארשיקט קיין סיביר. פאר האָבען א גוט הארץ, א טיעף־פיהלענדע נשמה ווערט מען באשטראפט ווי א פארברעכער; רחמנות האָבען אויף די נידערגעשלאָגענע, אונטערדריקטע און גע־פייניגטע, ווערט פאררעכענט אַלס אַ חטא. טאַטע, שטימט דאָס מיט די משפטים פון גאָט אין וועמעס נאָמען דו רעגיערסט? קען דען אַ מענש לעבען אונטער אַזעלכע געזעצען? איז דען ניט בעסער דער טויט, — דער טויט פאר אונז אַלע ארבייטער פון גאַנץ רוס־לאַנד? איז דען ניט בעסער איבערצולאָזען די וועלט פאר די רייכע און פאר די הערשער, אַז זיי זאָלען לעבען און הנאה האָבען? אָט וואָס אונז ערוואַרטעט, טאַטע! אהער צו דיר זיינען מיר געקו־מען זיך ראַטעווען. ענטזאַג ניט דיין פאָלק די הילף, אין וואָס עס נויטיגט זיך אַזוי שטאַרק, באַפריי זיי פון דעם קבר פון אומגעזעצ־ליכקייט, אָרימקייט און פינסטערניש, גיב זיי די מעגליכקייט צו נעהמען זייער שיקזאַל אין זייערע אייגענע הענט, נעהם ארונטער פון זייערע פלייצעס די שווערע משא פון דער נאַטשאַלסטוואָ. עס איז נויטיג, אַז דאָס פאָלק זאָל זיך אַליין פארזאָרגען, ווייל ווער ווייסט נאָך אַזוי דעם פאָלקס צרות ווי דאָס פאָלק אַליין? ענטזאַג זיי ניט, טאַטע, נעהם זיי אויף; גיב גלייך ארויס אַ באַפעהל, אַז די פאַרטרעטער פון'ם גאַנצען רוסישען לאַנד, פון אַלע קלאַסען און גרופען, זאָלען זיך פרזאַמלען. זאָל יעדער איינער זיין גלייך און פריי אין דער רעכט צו וועהלען; גיב ארויס אַ באַפעהל, אַז וואַה־לען פאר אַ גרינדונגס פארזאַמלונג זאָלען געבויט ווערען אויף דעם יסוד פון אַלגעמיינער, גלייכער, דירעקטער און געהיימער שטימ־רעכט. דאָס איז אונזער הויפט פאָדערונג; אויף איהר איז אַלעס געבויט; דאָס איז די איינציגע רפואה צו אונזער מכה, וואָס טהוט אַזוי וועה; אויב ניט דאָס וועט זיך אונזער בלוט ווידער האַל־טען אין איין גיסען און דאָס וועט אונז פיהרען אין קבר אריין.

„אָבער אָט די רפואה אַליין קען ניט אינגאַנצען פארהיילען אונזערע וואונדען. מיר דאַרפען האָבען נאָך רפואות, און פאר

דיר, טאַטע, וועלן מיר זיי אויסרעכענען פראַנק און פריי, טאַקי ווי פאַר אַ טאַטען. מיר דאַרפען:

1. מיטלען געגען דער פינסטערניס און געזעצליכער אונטערדריקונג פון דעם רוסישען פאָלק:

1. פּערזענליכע פרייהייט און אומבאַריהרקייט, רעדע און פּרעסע פרייהייט, פאַרזאַמלונגס פרייהייט, און אויך פרייהייט אין רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען;

2. אַן אַלגעמיינע צוואַנגס־בילדונג פאַר'ן פאָלק אויפ'ן חשבון פון דער מלוכה.

3. די מיניסטאָרען זאָלען זיין פאַראַנטוואָרטליך צום פאָלק, און די אַדמיניסטראַציע זאָל גאַראַנטירען, אַז זי וועט האַנדלען לויט'ן געזעץ.

4. אַלע אָהן אַן אויסנאַם זאָלען זיין גלייך פאַר'ן געזעץ.

5. מען זאָל גלייך באַפרייען די מענשען, וועלכע זיינען באַשטראָפט געוואָרען פאַר זייערע איבערצייגונגען.

2. מיטלען געגען דער אָרימקייט פון די מאַסען:

1. אָפּשאַפען די אינדירעקטע שטייערן און איינפיהרען די־רעקטע שטייער הכנסות אויף אַ פּראָגרעסיווען שטייגער.

2. אָפּשאַפען די פּאַדאַטקעס, ביליגען קרעדיט, און ביסלעכ־ווייז איבערגעבען די ערד דעם פאָלק.

3. מיטלען געגען דער אונטערדריקונג פון קאַפּיטאַל אויף אַרבייט.

1. שוץ פאַר ארבייטער דורך געזעצגעבונג.

2. פרייהייט פאַר פאַראייניגען פון פאַרבראויכער און פּראָדו־צירער און אויך טרייד יוניאָנס.

3. אַן אַכט־שטונדיגען ארבייטס־טאָג און אַ רעגולירונג פון עקסטראַ אַרבייט נאָך דער צייט.

4. פרייהייט צו קעמפען געגען קאַפּיטאַל (פרייהייט פאַר אַר־בייטער סטרייקס).

5. ארבייטער פּאַרטרעטער זאָלען זיך באַטייליגען אין דער אויסאַרבייטונג פון דעם געזעץ וועגען פאַרזיכערונג (אינשורענס) פאַר אַרבייטער.

6. נאָרמאַלע שכירות.

„אָט דאָס, טאַטע, זיינען די הויפּט פאַרלאַנגען, מיט וועלכע מיר זיינען געקומען צו דיר. לאָז אונז וויסען דיין פאַראָרדנונג, שווער, אַז דו וועסט זיי באַפרידיגען, און דו וועסט מאַכען רוסלאַנד גליקליך, און דיין נאָמען וועט אָפּגעשטעמפּעלט ווערען אין אונזערע הערצער און אויך אין די הערצער פון אונזערע קינדער און קינדס־קינדער אויף אימער און אייביג. אויב אָבער דו וועסט אויף אונזער געבעט ניט ענטפערן, וועלען מיר שטאַרבען דאָ, לעבען דיין פּאַלאַץ. קיין אַנדער תרופה האָבען מיר ניט. אונז שטעהן איצטער פאַר צוויי וועגען, איינער — צו פרייהייט און גליק, דער צווייטער — אין קבר אַריין. זאָג דו אונז, טאַטע, אויף וועלכען וועג מיר זאָלען געהן און מיר וועלען דיך פאָלגען, און אויב דו וועסט אונז אָנווייזען אויף דעם וועג וואָס פיהרט אין קבר אריין, טאָ, זאָלען אונזערע לעבענס זיין אַ קרבן פאַר דער אויסגעמוטשעטער רוס־לאַנד. עס טוט אונז ניט באַנג, מיר וועלען דעם קרבן ברענגען גערן".

דער נוסח פון דער פּעטיציע איז געוועזען באַקאַנט איבער גאַנץ פּעטערבורג. אין די אינטעליגענטע קרייזען איז מען געוועזען צו־פרידען דערפון, מען האָט סימפּאַטיזירט מיט גאַפּאָן'ען און מיט זיין פּלאַן. אַלע זיינען געוועזען אומרוהיג. די פּאָליציי האָט זיך ניט אַריינגעמישט און ניט געשטערט די מיטינגען וואָס זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין די זאַאַלען פון דער „סאָבראַניע". נאָטשאַלסטוואָ האָט גאַפּאָן'ען ניט אַרעסטירט. און דאָך האָבען זיך אין שטאָדט אַרומגעטראָגען שלעכטע קלאַנגען. דער פּאָליצי־מייסטער האָט אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל, אַז די צייטונגען זאָלען וועגען דעם סטרייק אַ וואָרט ניט שרייבען, מען זאָל אפילו דאָס וואָרט סטרייק ניט דערמאָנען. דעם 9טען יאַנואַר האָט מען די פּעטיציע דעם צאַר געדאַרפט איבערגעבען. מיט אַ טאָג פריהער

האָט דער פּאָליצמייסטער אַרויסגעגעבן אַ באַפעהל, אַז דעם 9טען יאַנואַר, זונטאָג, זאָל דער עולם ניט אָנפּאַקען די גאַסען. אין דער־זעלבער צייט האָט מען אין שטאָדט שטאַרקער געמאַכט די וואַך פון פּאָליציישקע און סאָלדאַטען. מען האָט גלייך געקענט זעהן, אַז די רעגירונג האָט שוין באַשטימט וואָס צו טאָן.

דעם 8טען יאַנואַר האָט גאַפּאָן, וועלכער האָט עטליכע טעג אין דער הוים ניט גענעכטיגט אויס מורא, מען זאָל איהם ניט אַרעסטירען, אַוועקגעשיקט אַ בריעף דעם מיניסטער פון אינערן. דער בריעף האָט זיך געלעזען אַזוי:

„אייער עקסעלענץ: —

„די אַרבייטער און אויך אַנדערע פּעטערבורגער בירגער פון פאַרשיעדענע קלאַסען ווילען און מוזען זעהן דעם קיסר דעם 9טען יאַנואַר, צוויי אַ זייגער בייטאָג, לעבען פּאַלאַץ, כדי צו דערצעהלען פאַר איהם זייערע ביטערע צרות, די צרות פון דעם רוסישען פאָלק.

„דער קיסר האָט ניט וואָס מורא צו האָבען. איך, אַלס דער פאַרטרעטער פון די פאַרזאַמלונגען פון די אינדוסטריעלע אַרבייטער, מיינע אַרויסהעלפער און קאַמעראַדען די אַרבייטער, ווי אויך די אַזוי גערופענע רעוואָלוציאָנערע גרופען פון פאַרשידענע פּראָגראַ־מעס, גאַראַנטירען, אַז מען וועט איהם קיין שלעכטס ניט טאָן. זאָל ער אַרויסקומען ווי אַן אמת'ער מאָנאַרך מיט אַ פעסט האַרץ, זאָל ער זיך ווייזען פאַר'ן פאָלק און אַליין מיט די אייגענע הענט איבערנעהמען אונזער פּעטיציע. זיין וואָהלזיין פאָדערט דאָס; פּונקט ווי דער וואָהלזיין פון די פּעטערבורגער איינוואוינער און פון דעם פאַטערלאַנד. אויב ער וועט דאָס ניט טאָן, וועט צוריסען ווערען דער מאָראַלער בונד, וואָס פאַראייניגט דעם רוסישען צאַר מיט'ן רוסישען פאָלק.

„עס איז אייער פליכט, אייער מאָראַלע פליכט צו'ם צאַר און צו'ם גאַנצען רוסישען פאָלק, גלייך דאָס צו לאָזען וויסען זיין מאַיעסטעט, דעם קיסר און איהם איבערגעבען די פּעטיציע, וואָס איהר געפינט דאָ אין דעם בריעף.

„זאָגט דעם קיסר, אַז איך, די אַרבייטער און נאָך עטליכע טויזענט

זענט אנדערע בירגער, האבען פרידליך און מיט גלויבען אין זיין מאיעסטעט, באשלאסען צו מארשירען צו'ם ווינטער פאלאץ. אונ־זער באשלוס קען ניט געענדערט ווערען.

„ער, ווידער, פון זיין זייט, זאל ארויסווייזען דעם גלויבען אין אונז, ניט דורך א מאניפעסט, נור דורך ווירקליכע האנדלונגען.

„א קאפיע פון דעם, אלס א דאקומענטאלער באווייז פון א מאראלען פראטעסט, ווערט ארונטערגענומען, און וועט באקאנט געמאכט ווערען פאר'ן גאנצען רוסישען פאלק.

„גלח גרעגארי גאפאן

„און עלף דעפוטאטען פון די ארבייטער"

„פעטערבורג, דעם 8טען יאנואר, 1905.

דער מיניסטער האט אויף דעם בריעף אפילו ניט געענטפערט. שבת אויף דער נאכט זיינען זיך אין דער רעדאקציע פון דער ראדיקאלער טעגליכער ציימונג „נאשי דני", צונויפגעקומען אייני־גע אינטעליגענטען, מעהרסטענטיילס שרייבער, צו דיסקוטירען וועגען דער לאגע. די פארזאמלונג האט אויסגעקליבען א קאמיטע צו באזוכען די מיניסטארען סוויאטאפאלק־מירסקי און גראף וויטע, און זיי בעטען אויסצומיידען א בלוטפארגיסונג. סוויאטאפאלק־מירסקי האט די קאמיטע ניט געוואלט אויפנעמען; זיין געהילף האט געראטען, אז מען זאל בעסער זעהן, אז די ארבייטער זאלען צום פאלאץ ניט מארשירען, און וויטע האט געענטפערט, אז ער האט דא גאר ניט צו טאן.

דערווייל האט מען די גאנצע שטאדט פאקטיש איבערגעגעבען אין די הענט פון די מיליטערישע בעאמטע. אין יעדער צירקעל האט מען איינגעפיהרט א מיליטערישען שטאב. אין די הויפען האט מען ארייגעשטעלט באוואפענטע סאלדאטען. די שטילקייט פון דער נאכט פאר'ן 9טען יאנואר איז געווען פול מיט אימה און פחד.

דער זונטאג איז געקומען. אין דרויסען איז געווען ליכטיג, די זון האט מיט איהרע שטראלען באשיינט דעם ווייסען שנעע, און פון אויבען האט ארפגעקוקט א לויטערער בלויער הימעל. די ארבייטער האבען זיך פארזאמעלט און זיך אויסגעשטעלט אין די

רייהען צו מאַרשירען. קיין רויטע פאָהנען האָט קיינער ניט גע־טראָגען. די ערשטע אין די רייהען האָבען געטראָגען די פּאָרטרע־טען פון'ם צאַר און פון דער גאַנצער קייזערליכער פאַמיליע. אי־בער די קעפּ פון די צעהנדליגער טויזענדער מאַרשירענדע האָבען פאָהנען געפלאַטערט. די ארבייטער, יונג און אַלט, מענער און פרויען, זיינען געווען אין א רעליגיעזען עקסטאַז; זיי האָבען גע־זונגען רעליגיעזע הימנען, און אַלעס האָט אויסגעזעהען ווי א רע־ליגיעזע פּראָצעסיע.

די מיליטערישע וואַך און די פּאָליציי האָט זיי געלאָזט מאַר־שירען פון די פּאָרשטאָטען ביז'ן ווינטער פּאַלאַץ. דער ענטוזיאַזם פון דעם עולם האָט געוואַקסען. מען געהט צום טאַטען, קיינער קען זיי אין דעם שטערען. דר. דיאַטשקאָוו, א באַקאַנטער רוסישער קאָנסערוואַטאָר, וועלכער איז אויך געווען א מיטגליד אין דער פּאַטריאָטישער אָרגאַניזאַציע, האָט דערנאָך וועגען דעם מאַרש דערצעהלט אַזוי: „דאָס איז געווען אַזאַ בילד, אז אפילו איך, א פּראַוואָסלאַווגער רוס, וועלכער איז איבערגעגעבען צו אונזער סאַמאָדערזשעץ, ליעבט אונזער געשיכטע און די אַלטע טראַדיציעס פון אייניגקייט צווישען דעם צאַר און זיין געטרייען פאָלק, האָט געגלויבט באמונה שלמה, אז קיינער וועט ניט שיסען, אז קיינער וועט ניט וואַגען צו שיסען".

ווען דאָס פאָלק לעבען דעם ווינטער פּאַלאַץ איז געוואָרען פול מיט טויזענדער און טויזענדער ארבייטער און מיט טויזענדער נייגיעריגע צושויער, האָט מען מיט אַמאָל דערזעהען סאָלדאַטען. ניט געבענדיג קיין וואָרנונג, האָבען זיי אין'ם סאַמע געדיכטען עולם אויסגעשאָסען עטליכע זאַלפּען. איבער 500 מענשען זיינען דאָן דער'הרג'עט געוואָרען, און פון 2,500 ביז 3,000 מענשען זיינען פאַרוואונדעט געוואָרען. די איבעריגע זיינען זיך צולאָפען. דער ווייסער שנעע לעבען דעם פּאַלאַץ איז געוואָרען רויט פון בלוט.

דער איינדרוק וואָס דער 9טער יאַנואַר האָט געשאַפען אין רוסלאַנד איז געווען א גוואַלדיגער, און זיינע פּאָליטישע פאָלגען

זיינען גאָר ניט אָפּצושאַצען. אַלע האָבען געוואוסט, אַז דער 9טער יאַנואַר איז געווען דער אָנהויב פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

מיט א יאָהר שפּעטער האָט דער „יעווראָפּעיסקי קוריער", אַן אָנגעזעהענע מעסיגע מאָנאַטשריפט, באַשריבען די ראָלע פון'ם 9טען יאַנואַר אויף אַזאַ שטייגער:

„דער 9טער יאַנואַר פון'ם יאָהר 1905 איז א היסטאָרישער טאָג אין דעם לעבען פון רוסלאַנד; אין דער פאַרגאַנגענהייט קען מען ווענינ אַזעלכע פאַרגלייכונגען געפינען; אויך אין דער צוקונפט וועט זיין דאָס זעלבע. ניט איבער דעם בלוט, וואָס ס'איז פאַרגאָסען געוואָרען וועט מען דעם טאָג געדענקען; אויך ניט איבער דער צאָהל קרבנות, טויטע, פאַרוואונדעטע און צוקלאַפּטע. אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָהר זיינען גענוג בלוטיגע טעג געווען... נאָכ'ן 9טען יאַנואַר האָט מען שוין ניט איינמאָל געשאָסען אויף אומבאַוואפנטע מענשען. אָבער דער 9טער יאַנואַר וועט זיך געדענקען, ווייל דאָס איז געווען מעהר ווי א בלוטיגער טאָג: דאָס איז געווען א קריטישער טאָג, קריטיש פאַר דער רעגירונגס-פאָרמע, וועלכע האָט זיך אַליין איבערגעלעבט, און נאָך מעהר קריטיש פאַר דער פּאָליטישער באַוואוסטזיניגקייט און דעם גלויבען פון דעם פאָלק. דעם 9טען יאַנואַר איז געוואָרען קלאָר, אַז די אידעע פון אַבסאָלוטיזם האָט פאַרלאָרען איהר ווערט איבער דעם ביוראָקראַטישען רעזשים, אַז עס איז פון דער אידעע קיין שריד ופליט ניט איבערגעבליבען. דעם 9טען יאַנואַר האָבען זיך הונדערטער טויזענדער אַרבייטער איבערצייגט, אַז זייער באַגריף וועגען צאַר אַלס אַן אַלמעכטיגען מקור פון אמת אויף דער ערד און ליעבע צום פאָלק, שטימט גאָר ניט מיט דער ווירקליכקייט. זייער גלויבען אין צאַר, דעם פאָטער פון די אונטערדריקטע און געקריוודעטע, איז צוטרייסעלט געוואָרען. אין דעם טאָג האָבען זיי איינגעזעהען, אַז דאָס פאָלק און דער צאַר זיינען גאָר קליינע מחותנים".*)

*) „יעווראָפּעיסקי קוריער", פעבר. 1906, „סאָציאַלע כראָניק."

גלייך נאָכ'ן 9טען יאַנואַר איז געבאָרען געוואָרען די אידעע וועגען אַ באַוואַפענטען אויפשטאַנד און אַ באַוואַפענטער רעוואָלוציע. די נאַכט פון'ם 9טען יאַנואַר איז אין זאַאַל פון דער „פרייער עקאָנאָמישער געזעלשאַפט" אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ פאַרזאַמלונג, וואו עס זיינען געווען איבער זיעבען הונדערט אינטעליגענטען, די אָנגעזעהענסטע מענשען פון דער דענקענדער פעטערבורג. די פאַרזאַמלונג גופא איז געווען אַן אויסערגעוועהנליכע ערשיינונג. די אומגעבונג האָט איהר צו־געגעבען נאָך מעהר וויכטיגקייט. אין דרויסען, אויף די גאַסען, איז דאַן געווען פינסטער, ווייל די ארבייטער פון די עלעקטרישע זאַוואָדען האָבען דאַן געסטרייקט. איבער דער גרויסער שטאָדט האָט זיך אַ פחד אַרומגעטראָגען. דאָ און דאָרטען האָבען פייערלאַך געברענט, און סאָלדאַטען, מיט די ביקסען אין די הענט, האָבען געהיימניספול געשפּאַנט צווישען די שאָטענס. אינוועניג, אין זאַאַל, זייען געזעסען די פעטערבורגער אינטעליגענטען, און זייענדיג שטאַרק געריהרט פון די לעצטע פּאַסירונגען, האָבען זיי באַשפּראָכען די מיטלען וואָס מען קען אָננעמען כדי ווייטער אָנצוגעהן מיט'ן קאַמפף. די אַלגעמיינע מיינונג איז געווען, אַז דאָס פאָלק דאַרף זיך באַוואָרענען מיט געוועהר. עס זיינען אָפּגעגעבען געוואָרען באַריכטען וועגען דעם וואָס פאַר אַ שטעלונג די ארבייטער האָבען בדעה אָנצונעמען. די מאַסען זיינען געווען אויפגעבראַכט, אין כעס און פול מיט פאַראַכטונג, אָבער קיין מיטלען ווי אַזוי ווייטער אָנצוגעהן מיט'ן קאַמפף זיינען נאָך ניט געווען אויסגעאַרבייט. אויפ'ן וואַסיליעווער אינזעל, וואָס איז געווען באַזעצט מיט אַר־בייטער, האָט מען בייטאָג געמאַכט אַ באַריקאַדע און זיך געשטעלט אַקעגען דער פּאָליציי. אין אַ סך אַנדערע פּלעצער זיינען פאָרגע־קומען צוזאַמענשטויסען צווישען פאָלק און די סאָלדאַטען. און ווען מען האָט וועגען דעם באַריכטעט אויף דער פאַרזאַמלונג, איז געוואָרען אַ שמחה און מען האָט אַפּלאָדירט.

אויף אַזאַ'ן אופן איז אויסגעקומען, אַז דער 9טער יאַנואַר

האָט פאַראייניגט די רוסישע אינטעליגענטען און די רוסישע אר־בייטער אין איין רעוואָלוציאָנערען בונד.

דאַן האָט די רעגירונג איינגעזעהען, אַז מען מוז עפּיס טהאָן. דער צאַר אַליין האָט פון זיין אייגענעם קאַפּיטאַל געגעבען 50,000 רובל פאַר די פאַמיליעס פון די דער׳הרג׳עטע און פאַרוואונדעטע. (דאָס האָט אויסגעמאַכט אַן ערך פופצעהן רובל אויף אַ פאַמיליע). דעם 19טען יאַנואַר האָט דער צאַר אויפגענומען אַ דעפּוטאַציע פון ארבייטער. די טשינאָווניקעס אַליין האָבען אויסגעקליבען פערצעהן אַלטע „לייטישע” ארבייטער. די דאָזיגע פערצעהן אַלטע לייט האָט מען געבראַכט אין ווינטער פּאַלאַץ, און נאָכדעם ווי מען האָט מיט זיי גוט איינגעקנעלט ווי אַזוי מען דאַרף זיך בוקען פאַר אַ קיסר און ווי אַזוי מען דאַרף זיך האַלטען שטעהענדיג לעבען איהם, האָט מען זיי געבראַכט פאַר׳ן קיסר אַליין, און ער האָט פאַר זיי געהאַלטען אַזאַ דרשה:

„איך האָב אייך גערופען אַהער כדי איהר זאָלט אויסהערען מיינע ווערטער פון מיר פערזענליך און דערנאָך זיי איבערגעבען צו אייערע חברים.

„די טרויעריגע פּאַסירונגען וואָס זיינען זיך פאַרלאָפען אין די טרויעריגע אָבער אומפאַרמיידליכע פאָלגען פון אונאָרדנונג, זיינען געקומען איבער דעם וואָס איהר האָט זיך געלאָזט פאַרפיהרען און אָפּנאַרען פון פאַררעטער און שונאים פון אונזער פאַטערלאַנד.

„בעת זיי האָבען אייך געהייסען, אַז איהר זאָלט מיר דערלאַנ־גען אַ בקשה וועגען אייערע צרות, האָבען זיי אייך אויך אָנגערעדט צו מאַכען אַ בונט געגען מיר און מיין רעגירונג און אייך אָפּגעהאַל־טען פון עהרליכער ארבייט.

„סטרייקס און פאַרזאַמלונגען רייצען נור אויף די ארבייטס־לאָזע מאַסען צו מאַכען בונטען, וועלכע האָבען אַלע מאָל געצוואונ־גען און וועלען אַלע מאָל צווינגען נאַטשאַלסטוואָ זיך צו באַנוצען מיט געוועהר; און איבער דעם ליידען אויך אומשולדיגע מענשען.

„איך וויים, אַז דעם ארבייטער לעבט זיך ניט לייכט. אַ סך זאַכען דאַרף מען פאַרבעסערען און איינרעגולירען. און אַזוי ווי

איך קימער זיך פאַר די אַרבייטער, וועל איך שוין זעהן, אַז די לאַגע זאָל זיך פאַרבעסערען.

„איך גלויב אין די אויפריכטיגע געפיהלען פון די אַרבייטער און אין זייער געטריישאַפט צו מיר, און דאריבער פ א ר ג י ב איך זיי די זינד".

ענדע יאַנואַר איז באַשטימט געוואָרען אַ קאָמיטעט „צו אונ־טערזוכען די אורזאַכע פון די אַרבייטער אונרוהען אין פעטערבורג און אומגעגענד און צו געפינען מיטלען ווי אַזוי די אונרוהען אויס־צומיידען. (די שידלאָווסקי קאָמיסיע). אין דער קאָמיסיע האָ־בען זיך געזאָלט באַטייליגען פאַרטרעטער פון אַרבייט און קאַפּיטאַל. די פעטערבורגער אַרבייטער האָבען געפאָדערט, אַז זייערע פאַרטרע־טער זאָלען פריי ערוועהלט ווערען, אַז זייער צאָהל אין דער קאָמיסיע זאָל זיין גלייך מיט דער צאָהל פון די פאַרטרעטער פון קאַפּיטאַל, אַז די זיצונגען פון דער קאָמיסיע זאָלען זיין אָפענע, אַז די אַרביי־טער פאַרטרעטער זאָלען האָבען דאָס רעכט צו ריידען פריי, און אַז די אַרבייטער, וועלכע זיינען דעם 9טען יאַנואַר אַרעסטירט געוואָרען, זאָלען באַפרייט ווערען.

די דאָזיגע פאָדערונגען האָט מען ניט אָנגענומען. און דאָן האָבען די אַבייטער באַשלאָסען צו באָיקאָטירען די קאָמיסיע. אין די פעטערבורגער פאַבריקען האָט מען זיך גלייך אַ נעם געטאָן אָנ־פיהרען אַ שטאַרקע אַגיטאַציע, פון וואָס די אַרבייטער זיינען גע־וואָרען מעהר אויפגעקלערט פּאָליטיש. גלייך נאָכדעם האָט זיך די קאָמיסיע אַליין אויפגעלעזט. די רעגירונג האָט אַלזאָ, אינדיר־רעקט, צוגעגעבען, אַז זי קען די אַרבייטער ניט איינשטילען.

אין יענער צייט האָט דער הייליגער סינאָד אַרויסגעלאָזט אַ צירקולאַר, אַז די אַרבייטער באַוועגונג אין רוסלאַנד ווערט אויסגע־האַלטען פון יאַפּאַנעזישע געלט. די רעאַקציאָנערע צייטונגען האָ־בען זיך גלייך אָנגעכאַפּט אָן דעם ; זיי האָבען געמאַכט אַ טומעל, אַז די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז אַ פאַרשווערונג געגען רוס־לאַנד, אויפגעהעצט פון רוסלאַנד'ס שונאים און אָנגעפיהרט פון פרעמדע.

## עלפטער קאַפּיטעל.

# א כאַר פון אַ סך שטימען.

דעם 9טען יאַנואַר, 1905, איז געמאַכט געוואָרען די התחלה פאַר אַ גרויסער באַוועגונג איבער'ן גאַנצען לאַנד — אַ באַוועגונג, וואָס זאָל ארומנעמען אַלע קלאַסען, אַלע גרופּעס, אַלע פּאַרטייען און אַלע פעלקערשאַפטען פון רוסלאַנד. עס איז ניט געווען קיין איין דערפעל, קיין איין שטעטעל, וואו עס האָט ניט געשמעקט מיט רע־וואָלוציע.

באַלד נאָך'ן 9טען יאַנואַר האָט זיך עס גענומען רודערען אין די גרעניץ־גובערניעס, וואָס זיינען געווען באַזעצט מיט אידען, פּאָליאַקען, לעטען און קאווקאזער. גענעראַל סטרייקס האָבען זיך דאָרטען ווי אַ שרפה פאַרשפּרייט. ריגא, ליבאַווע, וואַרשאַ, לאָדזש, ווילנאַ, מינסק, טיפליס, באַטום און צעהנדליגער אַנדערע שטעדט האָבען ארויסגעוויזען אַ שטאַרקען רעוואָלוציאָנערען גייסט און אויך אַ קלאָרע פאַרשטענדניס פאַר די נויטיגע פּאָליטישע ענדערונגען. אין אַ די אַלע שטעדט האָט זיך דאָס גאַנצע לעבען אָפּגעשטעלט אויף עטליכע טעג. ריזיגע פאַרזאַמלונגען זיינען אָפּגעהאַלטען גע־וואָרען, צוזאַמענשטויסען מיט די סאָלדאַטען זיינען פּאָרגעקומען; אין אייניגע שטעדט האָט מען אין די עלעקטרישע זאַוואָדען די גאַנצע אַרבייט אָפּגעשטעלט, און אין די גאַסען איז געווען שטאַרק פינסטער. די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, הויפּטזעכליך די סאָציאַליסטען, האָבען געאַרבייט מעשים. און דאָ, אין די גרעניץ־גובערניעס, זיי־נען די אַרבייטער ניט געווען אַזוי בלינד ווי אין פּעטערבורג; דאָ זיינען זיי געווען ענג פאַרבונדען מיט די געהיימע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, און געטאָן וואָס מען האָט געהייסען. דער פּאָפּו־

לערסטער לאָזונג אין יענע צייטען איז געווען: מאַכען אַ סוף צו דער מלחמה און גלייך צונויפרופען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וואָס זאָל אוועקשטעלען אַ נייע אָרדנונג אין רוסלאַנד.

אין דער ערשטער העלפט פון מאָנאַט יאַנואַר איז מיר געראַדע אויסגעקומען צו זיין אין ריגאַ. דאָרטען, פּונקט ווי אין אַנדערע שטעדט, איז די באַוועגונג צווישען די אַרבייטער געווען גרעסער פון די ערוואַרטונגען פון די רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטען. עס איז אמת, אַז די רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטען האָבען דורך פּראָקלאַמאַציעס גערופען די אַרבייטער צו סטרייקען. אָבער אנשטאַט דעם וואָס אַמאָל האָבען זיך בלויז געצעהלטע אַרבייטער אָפּגערופען, זיינען איצטער איבער 60,000 אַרבייטער אַרויס אין סטרייק. קיין עקאָנאָמישע פאָדערונגען האָט מ׳ען ניט אַרויסגעשטעלט, די באַוועגונג איז געווען אַ ריין פּאָליטישע. די גאַנצע שטאָדט איז דאַן געגאַנגען כאָדאָראָם. די גאַסען זיינען געווען געפּאַקט; די טראַמוויעען זיינען ניט געגאַנגען; טויזענטער צושויער, וועלכע האָבען סימפּאַטיזירט מיט דער באַוועגונג, האָבען אָנגעפּאַקט די גאַסען און די באַלקאָנען. רעוואָלוציאָנערע רעדעס האָט מען געהאַלטען פראַנק און פריי, דער פּאָליציי אונטער [illegible]. די מעהרסטע רעדנער זיינען געווען מיטגליעדער פון די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, אָבער עס זיינען געווען אַנדערע רעדנער אויך, סטודענטען, אינטעליגענטען, וועלכע זיינען מיטגעשלעפּט געוואָרען מיט׳ן שטראָם. די מאַסען האָבען זיך געקאָכט, און אין דערזעלבער צייט וואָס זיי האָבען זיך געפרעהט, זיינען זייערע הערצער דאָך געווען פול מיט טרויער אויך. די פּאָליציי האָט זיך מיט דער באַוועגונג ניט געקענט ספּראַווען, האָט מען די שטאָדט אוועקגעשטעלט אונטער קריעגס־צושטאַנד. איבער די גאַסען האָבען געהאַלטען אין איין געהען סאָלדאַטען; אַמאָל זיינען זיי פאַרבייגעגאַנגען און קיינעם ניט געטשעפּעט, און אַמאָל זיינען זיי אָנגעפאַלען מיט די ביקסען. דאָס פאָלק האָט אויך ניט געשוויגען און זיך געשטעלט אַקעגען; מען האָט די סאָלדאַטען באַוואָרפען מיט שטיינער און זיך פאַרמאָסטען מיט שטעקענס. די סאָלדאַטען האָבען דאַן אָנגע־

הויבען שיסען. און ווי עס ווערט איבערגעגעבען אין אן אפיציעלען באריכט זיינען אין איין טאג צוויי און צוואנציג מענשען דער־הרג׳עט געווארען און 60 זיינען פארוואונדעט געווארען.

איבער דעם איז דאס פייער נאך גרעסער געווארען. די גאנצע שטאדט איז אויפגערודערט געווארען, אלע זיינען געווען אויפגע־בראכט אויף די סאלדאטען. מיט א טאג שפעטער האט מען גע־מאכט א טרויער־מארש. פאר די מתות פון די געפאלענע קרבנות האט מען געטראגען רויטע און שווארצע פאהנען, און אונטען זיינען נאכגעגאנגען איבער 30,000 מענשען. נאטשאלסטווא האט זיך ניט אריינגעמישט.

אויף אן עהנליכען אופן איז די באוועגונג אנגעגאנגען אין אנ־דערע גרעניץ־שטעדט. אין זיי האט זיך מעהר געפיהלט דער פאלי־טישער כאראקטער פון דער באוועגונג, ערשטענס, דערפאר וואס דא זיינען די מענשען געווען מעהר אויפגעקלערט ווי אין צענטראלער רוסלאנד, און צווייטענס, דערפאר וואס די באפעלקערונג איז דא געווען מעהר אונטערדריקט. אין דער ליטא זיינען געווען קליינע שטעדטלאך, וואו א רעוואלוציאנערער עולם האט אויף א טאג אדער צוויי, איידער סאלדאטען זיינען אנגעקומען, ארונטערגעזעצט די אלטע נאטשאלסטווא און ארויפגעזעצט רעוואלוציאנערען אויף זייער ארט.

די הויפט אורזאכע פון דער גאנצער סומאטאכע איז אבער געווען די שלעכטע עקאנאמישע לאגע פון די מאסען. דער 9טער יאנואר האט זיך אויך אנגעהויבען פון א סטרייק פאר עקאנאמישע פארבעסערונגען. די אונצופריעדענהייט מיט די ארבייטער־באדינ־גונגען האט די מאסען ארויסגערופען אין די גאסען פון ריגא, ווער־שא, באקו. נאך בולט׳ער האט מען אנגעזעהען דעם עקאנאמישען אונטערשטראם ווען די באוועגונג האט זיך גענומען פארשפרייטען אין די צענטראלע רוסישע גובערניעס. דארטען האט די סאציא־ליסטישע ארגאניזאציע שוין ניט געהאט אזא איינפלוס; די אר־בייטער באוועגונג האט געטראגען א מעהר עלעמענטארען כאראק־טער, און די סטרייקער האבען קודם כל געפאדערט א העכערונג

אויף די שכירות און קירצערע שטונדען. די פּאָליטישע פאָדערונ־גען זיינען געווען אַ מין נעבען זאַך.

נאָכ'ן 9טען יאַנואַר האָט זיך די סטרייק באַוועגונג גענומען פאַרשפּרייטען ווי אַ מגפה. אומעדום האָט מען געסטרייקט.

באַלד זיינען די אייזענבאַהן ארבייטער אויך צוגעשטאַנען צום סטרייק. קיין גענעראַל סטרייק איז אויף די אייזענבאַהנען ניט געווען, אָבער אַלע מאָל זיינען די ארבייטער פון אַן אַנדער ליניע אַרויס אין סטרייק אויף אַ פּאָר טעג, די אָנגעשטעלטע האָבען אַרויסגעשטעלט פאָדערונגען, און גאַנץ אָפט האָט מען זיי די פאָ־דערונגען, מעהר אָדער ווייניגער, נאָכגעגעבען.

עס איז אינטערעסאַנט זיך אַריינצוטראַכטען אין דער צאָהל סטרייקס פון'ם יאָהר 1905. די אָפיציעלע „סטרייק סטאַטיסטיק" פון 1905, וואָס ענטהאַלט בלויז אַזעלכע אינדוסטריען, וואָס זיי־נען געשטאַנען אונטער דער יורידיקציע פון פאַבריק אינספּעקציע, גיט אָן די צאָהלען פון סטרייקס אַזוי גרויס ווי 13,110, און די צאָהל פון די סטרייקער, אין דעם זעלבען יאָהר, אַזוי גרויס ווי 2,709,695. „די דאָזיגע ציפערען, — ווערט אין דער „סטרייק סטאַטיסטיק" געזאָגט, — האָבען צו זיך קיין גלייכען ניט, ניט נאָר אין דער געשיכטע פון סטרייקס אין רוסלאַנד פאַר די לעצטע צעהן יאָהר, נאָר אויך אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער וועלט. די סטרייק באַוועגונג אין רוסלאַנד איז געווען פינף מאָל גרעסער ווי אין אַמעריקאַ אָדער דייטשלאַנד און צעהן מאָל גרעסער ווי אין פראַנקרייך. די צאָהל פון סטרייקס אין רוסלאַנד האָט איבערגע־שטיגען די זיבען גרעסטע אינדוסטריעלע לענדער פון דער וועלט פאַר דעם יאָהר 1900.*)

די דאָזיגע ריעזיגע באַוועגונג איז לחלוטין ניט געווען אָרגאַ־ניזירט. עס איז זאָגאַר ניט געווען קיין נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפט אָנצופיהרען די סטרייקס, זיי אַלע צו פאַראייניגען און זיי געבען

*) ציטירט פון ד. קאָלדאָוו'ס „אַרבייטער אין 1905-07" אין דעם זאַמעלבוך „סאָציאַלע באַוועגונגען" באַנד 2, ערשטער טייל, זייט 253.

א קלאר געשטאלט. עס זיינען אויך ניט געווען קיין לאקאלע קערפּערשאפטען, וואס זאלען זיין פאראנטוואָרטליך פאר'ן אנ־הויבערער פאר'ן סוף פון'ם סטרייק. עס זיינען אפילו ניט געווען קיין צייטווייליגע סטרייק קאָמיטעטען. אהן סטרייק פאָנדען, אהן ערפאהרונג און קאָנצענטרירטער אקציאָן, ניט האָבענדיג קיין באַגריף וועגען די פינאַנציעלע אומשטענדען פון זייערע בעלי בתים אָדער וועגען דעם ארבייטס־מארק, זיינען די ארבייטער פון פארשי־דענערליי פאכען איינער נאָכ'ן אנדערן ארויס אין סטרייק. די סטרייק באוועגונג פון 1905 איז גיכער געווען א פּלוצימדיגער אויסברוך פון ענערגיע, פון א בלינדער מאכט, וואס האָט זיך מיט אמאל פון'ם שלאף אויפגעכאפּט, איידער א באוואוסטזיניגע און סאָציאלע באוועגונג.

דאָך האָט זיך די רעגירונג פאר דער דאָזיגער באוועגונג שטארק דערשראָקען. מחמת זי איז געווען צו ריעזיג, צו קאָלאָסאל און צו מעכטיג אין איהר אנגריף. זי האָט ארויסגעוויזען א טיפען און שטארקען קוואל פון רעוואָלוציאָנערען כח.

און באלד האָט זיך עס אָנגעהויבען רודערן אין די דערפער אויך. דאָס פייער האָט זיך פון די שטעדט אריבערגעוואָרפען אין די דערפער, און די פּויערים האָבען זיך ווידער אָנגעהויבען בונ־טעווען. אין די מאָנאטען פעברואר און מארט זיינען פּאָרגעקומען פּויערים־בונטען כמעט אין אלע גובערניעס. אין דעם צענטראלען טייל פון רוסלאנד זיינען די פּויערים באפאלען די פּריצישע אי־מעניעס און צוגענומען די תבואות. מען האָט די פּוירעים שטרענג באשטראָפט דערפאר, אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפען. אין די גרעניץ־גובערניעס איז שוין די אגרארע באוועגונג געווען מעהר אָרגאניזירט; דאָרטען האָט די באוועגונג געטראָגען דעם כאַראקטער פון פּויערים־סטרייקס.

צו פריהלינג, אין 1905, איז גאנץ רוסלאנד נעגאנגען אויף רעדלאך. דער איינפלוס פון די רעוואָלוציאָנערע אָרגאניזאציעס איז געוואָרען גרעסער פון טאָג צו טאָג. וואס אמאל זיינען צו־געקומען אלץ מעהר מיטגלידער. א גאנץ היבשע צאָהל סטודענטען

און פּאָליטיש־אַנטלאָפענע האָבען זיך אין געהיים פון אויסלאַנד אומגעקערט צוריק קיין רוסלאַנד, כדי זיך צו באַטייליגען אין דער באַוועגונג. דאַן איז רוסלאַנד פארפלייצט געוואָרען מיט רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור. די צאָהל פון אַטענטאַטען איז געוואָרען גרעסער, און עס איז ניט אַוועק דער טאָג, אַז עס זאָל אין די צייטונגען ניט זיין קיין נייעס, אַז דאָ און דאָ, אָדער דאָרט און דאָרט האָט מען דער׳הרג׳עט אַ פּאָליצמייסטער, אַ קאַפּיטאַן, אַ זשאַנדאַרם, אַ נאַדזיראַטעל, אַ פּריסטאַוו אָדער אַן אַנדער טשינאָווניק. אין יענע צייטען האָט דער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער קאַליאַיעוו דער׳הרג׳עט דעם קיסר׳ס אָנקעל, גרויספירסט סערגעי אַלעקסאַנדראָוויטש.

אין דערזעלבער צייט האָט די רוסישע אַרמעע אויף די שלאַכטפעלדער געכאַפּט איין מפּלה גרעסער פאַר דער אַנדערער. אין מאָנאַט פעברואַר האָט זי פאַרלאָרען די שלאַכט ביי מוקדען. אין מאָנאַט מאַי איז די רוסישע פלאָטע אינגאַנצען צושמעטערט געוואָרען לעבען צוסימאַ, און דאָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק אויפ׳ן רוסישען פאָלק.

די רעגירונג האָט זיך אָנגעהויבען וואַקלען. זי האָט זיך אָנגעהויבען אונטערגעבען. פון פריהלינג ביז׳ן סוף פון 1905 האָט זי געמאַכט הנחות צו די פּראָגרעסיווע כוחות, אָבער זי האָט דאָס געטאָן אָהן חשק און אָהן הארץ. מען האָט גלייך געקענט זעהן, אַז זי האָט אַפילו ניט בדעה צו האַלטען וואָרט. וואָס מעהר די רעגירונג האָט זיך נאָכגעגעבען, אַלץ אומגעדולדיגער איז דאָס פאָלק געוואָרען; וואָס מעהר די באַוועגונג איז געוואַקסען, אַלץ מעהר האָט די רעגירונג נאָכגעגעבען.

דעם 18טען פעברואַר, 1905, האָט מען געמאַכט דעם ערשטען ברוך אין דער פעסטונג פון דעם סאַמאָדערזשאַוויע. דער צאַר האָט געלאָזט וויסען, אַז ער האָט בדעה צו שאַפען אַ פאַרטרעטענדע קערפערשאַפט. „פאָרטזעצענדיג די אַרבייט פון מיינע געקרוינטע עלטערן צו פאַראייניגען און אָרגאַניזירען דאָס רוסלאַנד, — אַזוי לויטעט דער מאַניפעסט, — בין איך איצט, מיט גאָט׳ס הילף, געקוי־

מען צום שלום, אז די פערזאָנען, וועלכע האָבען דעם צוטרויען און ווערען ערוועהלט פון'ם פאָלק זאָלען זיך באטייליגען אין דער אויס־ארבייטונג און אין די דיסקוסיאָנען פון די גזעצגעבענדע מיטלען".

דאָס האָט געמיינט א מין ראטה, ערוועהלט פון'ם פאָלק, אָהן דער מאכט צו טאָן געזעצגעבענדע ארבייט. וועגען א באשטימטער פאָרמע ווי דאָס צו פארווירקליכען איז קיין וואָרט ניט דערמאָנט געוואָרען.

אין דערזעלבער צייט האָט דער צאר געגעבען דאָס רעכט צו שיקען פעטיציעס (פראָשעניעס). אין אן אוקאַז צום סענאט ער־לויבט ער פריוואטע פערזאָנען און אינסטיטוציעס צוצושטעלען דעם קיסר זייערע „אנזיכטען און פאָרשלאגען ווי אזוי אויסצובעסערען די רעגירונגס אָרדנונג און פארבעסערען די לאַגע פון'ם פאָלק". דער צאר האָט, אַלזאָ, געמאכט געזעצליך א האנדלונג פאר וואָס ארבייטער זיינען אין פעטערבורג דעם 9טען יאנואר דערשאָסען געוואָרען.

די רעכט צו שיקען פראָשעניעס האָט א רוק געטאָן ווייטער די אומרוהיגקייט פון דער געזעלשאפט. פאר די זעמסטוואָס, שטאָ־טישע דומעס, פראָפעסיאָנעלע פאראיינען און ליבעראלען אָרגאניזא־ציעס איז דאָס געווען אַ אוצר.

אָנגעהויבען דעם קאמף האָבען די פראָפעסאָרען. באלד נאָך'ן 9טען יאנואר האָבען זיך צונויפגענומען זעכצעהן אקאדעמיקער, 125 פראָפעסאָרען און איבער 200 פריוואט דאָצענטען, און אַלע צוזאמען האָבען זיי ארויסגעלאָזט א דעקלעראציע, אין וועלכער איז געשטא־נען, אַז אקאדעמישע רעפאָרמען און פרייהייט פון וויסען וועלען זיין מעגליך בלויז נאכדעם „ווי פארטרעטער פון דער באפעלקערונג, וועלכע וועלען פריי ערוועהלט ווערען, וועלען איבערנעמען די געזעצ־געבענדע מאכט און די קאָנטראָלע איבער דער אדמיניסטראציע". נאָך'ן 18טען פעברואר, איז אוועק אַ סדרה פון פעטיציעס, רעזאָ־לוציעס און צושריפטען פון די זעמסטוואָס און שטאָדטישע דומאָס. אייניגע רעזאָלוציעס זיינען געווען זעהר ראדיקאַל, אָבער אפילו אין די מעסיגע רעזאָלוציעס איז געשטאנען, אַז דאָס פאָלק דאַרף האָבען

אַ קאָנסטיטוציאָנעלע אָרדנונג און ציווילע פרייהייט. די זעמ־סטוואָס און די שטאָדטישע דומאַס האָבען געארבייט געמיינזאַם. אין פארלויף פון דעם זומער, 1905, האָבען די זעמסטוואָס אָפּגע־האַלטען פיער צוזאַמענפאָהרען און די שטאָדטישע דומאַס און אויך די גאָלאָוואַס (מעיאָרס) האָבען אָפּגעהאַלטען עטליכע קאָנפערענ־צען. דעם 24טען מאַי האָבען די זעמסטוואָס, צוזאַמען מיט די שטאָדטישע דומאַס אָפּגעהאַלטען אַ געמיינזאַמען צוזאַמענפאָהר און אויסגעארבייט אַ צושריפט וואָס זאָל צוגעשטעלט ווערען צום צאַר. אַ קאָמיטע פון צוועלף איז אויף דעם צוזאַמענפאָהר ערוועהלט געוואָ־רען, דעם 6טען יוני איז די קאָמיטע צוגעלאָזט געוואָרען צום צאַר און איהם איבערגעגעבען דעם צושריפט וואָס האָט זיך געלעזען אַזוי:

„פאָטער! די פאַרברעכערישע פאַרנאַכלעסיגונג און פאַרדאָר־בענקייט פון דיינע עצה־געבער האָט אַריינגעשלעפּט רוסלאַנד אין אַ שרעקליכער מלחמה. אונזער ארמיי איז ניט אימשטאַנד צו באַזיעגען דעם שונא, אונזער קריעגס פלאָטע איז צושמעטערט געוואָרען, און די אינערליכע אונרוהען וואָס האָבען זיך צופלאַקערט אין לאַנד, זיינען אַ סך ערנסטער ווי די אויסערליכע געפאַהר... פאָטער, צו־ליעב רוסלאַנד'ס גליק, צוליעב אָרדנונג און אינערליכען פריעדען, בעטען מיר דיך, אַז דו זאָלסט אַרויסגעבען אַ באַפעהל צונויפצורו־פען די פארטרעטער פון פאָלק, וועלכע זאָלען ערוועהלט ווערען גלייך און אָהן אויסנאַמס־געזעצען פון אַלע דיינע אונטערטאַנען; זאָלען זיי צוזאַמען מיט דיר ענטשיידען די סאַמע וויכטיגסטע פראַגען פון דער מלוכה, די פראַגע פון קריעג און פרידען... זאָלען זיי ווייזען דער וועלט אַן אויסגעהיילטע, מעכטיגע רוסלאַנד, וועלכע איז אין איהר ווידערגעבורט פאַראייניגט ארום דער נאַציאָנאַלער פאָהן, און ניט קיין צוריסענע, צופּיצעלטע און צובראָכענע רוסלאַנד; זאָלען זיי צוזאַמען מיט דיר איינפיהרען אַ נייע פּאָליטישע אָרדנונג".

דארויף האָט דער צאַר געענטפערט אַזוי: „איהר זאָלט גאָר ניט צווייפלען אין דעם. מיין קעניגליכער באַשלוס צונויפצורופען פארטרעטער פון פאָלק איז פעסט. זיי וועלען גלייך אַריינגענומען ווערען אין דער ארבייט פון דער מלוכה. איך פאָלג נאָך דער דאָזי־

נער פראגע יעדען טאג און איך בין שוין אויפ'ן וועג דאס צו טאָן".

דאס איז שוין געוועזן אביסעל גנעדיגער ווי די עצה אויפצוגע־בען די „פוסטע חלומות", אבער דאך איז דער ענטפער אלץ געוועזן פּאָליטיש ניט קלאָר, פּונקט ווי ער איז געוועזן גראמאטיקאליש אומ־געלומפּערט. רוסלאנד האָט זיך מיט אזא ענטפער ניט געקענט צופריעדען שטעלען.

אָבער דאך זיינען די ליבעראלען געוועזן פול מיט האָפנונג. די רעגירונג אליין האָט זיך ניט געפיהלט אזוי זיכער אין זאָטעל. דעם שטארקען גלויבען אין זיך האָט זי פארלאָרען. דער פּאָרזיצענ־דער פון דער גובערנסקע דוואָריאנסטוואָ, א הייסער אָנהענגער פון'ם אלטען רעזשים, האָט אויף א קאָנפערענץ פון דוואָריאנעס (אדעל) אליין צוגעגעבען, אז „פון דער רעגירונג איז בלויז א שאָטען געבלי־בען; אז איבער גאנץ רוסלאנד איז די באפעלקערונג אויפגערו־דערט און די מוחות זיינען צוהיצט; אז אפילו די מעסיגסטע ביר־גער דארפען צוגעבען, אז מאָראליש איז די רעגירונג געבראָכען". עס האָט געשיינט, אז איצט וועט די רעגירונג מוזען האַלטען וואָרט, ווייל זי וועט קיין אנדער ברירה ניט האָבען. דערפאר האָבען די ליבעראלען באָמבארדירט די רעגירונג מיט פּראָשעניעס, צושריפטען און רעזאָלוציעס; זיי האָבען שוין אויסגעארבייט פּלענער פאר א קאָנסטיטוציע, זיי האָבען שוין אָפּגעהאלטען קאָנפערענצען און בא־שפּראָכען אלע פּרטים פון דער קומענדער רוסישער קאָנסטיטוציע, און אזוי האָבען זיי זיך פאמעלאך צוטיילט אויף עטליבע פראַקציעס.

די אינטעליגענטען, וועלכע האָבען ניט באלאנגט צו די זעמ־סטוואָס און שטאָדטישע דומאָס, האָבען זיך אָרגאניזירט אין פּאראיינען לויט זייערע פּראָפעסיעס. עס זיינען געוועזן פאראיינען פון שרייבער, אדוואָקאטען, לעהרער, פּראָפעסאָרען, אינזשענירען, סמאטיסטיקער, דאָקטוירים, וועטערינארען און ד. גל. אָט די אלע פאראיינען האָבען זיך געגרינדעט אין א משך פון דריי חדשים, נאָך'ן 9טען יאנואר. די פאראיינען, אָדער ווי מען האָט זיי דאָר־טען גערופען „סאיוזען", זיינען געגרינדעט געווארען איבער'ן גאנצען לאנד, מיט אָפּטיילונגען אין יעדער גרויסער שטאָדט און מיט

אַ הויפּט־קאָנטאָר אין פּעטערבורג. לפנים האָט עס געהייסען, אַז זיי זיינען בלויז אויסען צו באַשיצען זייערע פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסען; אָבער אין תוך גענומען האָט די אָרגאַניזאַציע געטראָגען אַ פּאָליטישען כאַראַקטער. די פּראָפעסיאָנעלע נויטען פון יעדער באַזונדער „פאַראיין" זיינען בלויז אויסגענוצט געוואָרען אַלס אַ גרונד פאַר אַ פּאָליטישער דעקלאַראַציע, אין וועלכער עס איז געשטאַנען, אַז די פּראָפעסיע קען ניט בליהען אונטער דעם דרוק פון אויטאָקראַטיע און אַז ס'איז אין'ם איצטיגען מאָמענט זעהר נויטיג צונויפצורופען אַ גרינדונגס פאַרזאַמלונג אויף דעם יסוד פון אַלגעמיינער, גלייכער, דירעקטער און געהיימער שטימרעכט. די פאַרשידענע פאַראיינען זיינען אַלע געווען פאַרטרעטען אין אַ פעדעראַטיווען צענטראַלען פאַראיין, וואָס האָט זיך געפונען אין פּעטערבורג. אין דעם צענטראַלען פאַראיין זיינען שוין אריינגעגאַנגען די פאַראיינען פון די אייזענבאַהן אָנגעשטעלטע און אויך די אָנגעשטעלטע פון דער פּאָסט און טעלעגראַף. אַלס אַ ביישפּיעל פון די פּראָגראַמען פון דעם פאַראיין וועל איך דאָ ציטירען די דעקלאַראַציע וואָס דער פאַראיין פון אייזענבאַהן־אָנגעשטעלטע האָט ארויסגעשטעלט, (אָנגענומען אויף דעם צוזאַמענפאָהר אין מאָסקווא, אפּריל 20—21).

„דער ציעל פון דעם פאַראיין איז צו באַשיצען די מאַטעריעלע, לעגאַלע, קולטורעלע און פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסען פון די אייזענבאַהן־אָנגעשטעלטע, און דאָס קען דערגרייכט ווערען בלויז דאַן ווען עס הערשט אין לעבען אַ דעמאָקראַטישע אידעע. עס איז דאַריבער, די וויכטיגסטע און נויטיגסטע אויפגאַבע פון'ם פאַראיין צו פאָדערען די שאַפונג פון אַזוינע אומשטענדען, אונטער וועלכע די דעמאָקראַטישע אידעען זאָלען זיך פריי קענען ענטוויקלען. אַלס אַ לאָגישען מיטעל דערצו, פאָדערט די יוניאָן, אַז פאַרטרעטער פון'ם פאָלק זאָלען גלייך צונויפגערופען ווערען אויף דעם פּרינציפּ פון אַלגעמיינער, גלייכער, דירעקטער און געהיימער שטימרעכט אָהן אויסנאַמסגעזעצען וואָס אַנבאַלאַנגט געשלעכט, נאַציאָנאַליטעט אָדער גלויבען".

דער צענטראַלער פאַראיין איז אין 1905 געווען אַ גרויסער

רעוואָלוציאָנערער פאַקטאָר. דער צענטראַלער פאַראיין האָט איג־נאָרירט די לעגאַלע באַשרענקונגען וואָס האָבען עקזיסטירט אין באַצוג צו דער פרעסע, רעדע און פאַרזאַמלונג. מען האָט אָפען פאַררופען פאַרזאַמלונגען, צוזאַמענפאָהרען און קאָנפערענצען; געדרוקט רעזאָלוציעס אין די צייטונגען, און אָנגעפיהרט אַ שטאַרקען קאַמף פאַר אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. און די רעגירונג איז געווען אַזוי צומישט, אַז זי האָט מורא געהאַט צו שטערען. דער צענטראַ־לער פאַראיין איז אין זיין פראָגראַם ניט געווען סאָציאַליסטיש, כאָטש אַ סך סאָציאַליסטען זיינען דאָרטען געווען מיטגליעדער; אָבער דאָך איז ער געווען אַ סך ראַדיקאַלער פון די זעמסטוואָס און שטאָדטישע דומאַס. פאַקטיש האָט דער צענטראַלער פאַראיין אָנגעהאַלטען דעם באַלאַנס צווישען די עקסטרעמע רעוואָלוציאָנערען, די סאָציאַל־דעמאָקראַטען און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, און די ליבעראַלע זעמסטוואָס.

## צוועלפטער קאַפּיטעל.

# דער כאָר פון א סך שטימען (פאַרטגעזעצט).

די רייכע אינדוסטריעלע קלאַסען זיינען געווען זעהר ווייט פון ראַדיקאַליזם. זיי האָבען געלעבט בשלום מיט דער אַלטער אַדמיניסטראַציע, וועלכע האָט זיך געסטאַרעט צו מאַכען פאַר זיי ספּעציעלע הנחות אַבי זיי זאָלען זיין צופריעדען. און דאָך זיינען זיי פון דער סאַמאָדערזשאַוויע ניט געווען אזוי באַגייסטערט, און האָבען אויך געוואָלט פּאָליטישע רעפאָרמען, וועלכע זאָלען עפענען ברייטערע וועגען פאַר דעם אינדוסטריעלען פּראָגרעס. נאָך'ן 9טען יאַנואַר האָבען די רייכע אינדוסטריעלע קלאַסען אויך אָנגעהויבען צוצושטעהען צו דער באַוועגונג.

דעם 31טען יאַנואַר האָט די פּעטערבורגער פאַבריקאַנטען אַסאָציאַציע אָנגענומען דעם נוסח פון אַ מעמאָראַנדום, וואָס זאָל צוגעשטעלט ווערען צום פינאַנץ־מיניסטער. דער מעמאָראַנדום לעזט זיך אַזוי: „דער אידוסטריעלער ערפאָלג וואָס איז געווען אין'ם סוף פון דעם לעצטען צעהנדליג יאָהר, איז באַלד דערשטיקט געוואָרען פון אַ קריזיס און פון דעם אונטערדריקונגס צושטאַנד, וואָס האָט באַוויזען קלאָר, אַז בעת די מאַסען ליידען פון דחקות קען די אינדוסטריע ניט בליהען, אַז אַ געזונטע ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע ווענדט זיך קודם כל אָן דעם צי דאָס פאָלק איז אימשטאַנד צו קויפען וואָס ס'באַדאַרף. סטימולירט פון רעגיערונגס־באַשטעלונגען און פון דעם צופלוס פון אויסלענדישען קאַפּיטאַל, איז די מעטאַל אינדסטריע געקומען צום שלום, אַז איהר צוקונפט און זאָגאַר איהר געגענוואַרט העננט אָפּ אָן דעם אויף וויפיעל דאָס פאָלק פאַרברויכט אייזען.

אזא פארברויך צייכענט אָן פאַראויס דעם וואוקס פון'ם פאָלקס גליק, די פארשפרייטונג פון בילדונג, די ענטוויקלונג פון האנדעל, דעם ראדיקאלען איבערבוי פון דעם לעבען אין די דערפער, וואָס איז איצט אונטערדריקט עקאָנאָמיש, רואינירט און אָרים.

די מאָסקווער פאבריקאנטען האָבען ערקלערט אזוי: „די אינדוסטריע איז ענג פארבונדען מיט א פעסטער געזעצליכער אָרדנונג, מיט פארזיכערטער פערזענליכער פרייהייט און אויך די פרייהייט פון פערזענליכער איניציאטיווע, מיט פרייהייט פון קענטניס און וויסענשאפטליכען אמת, מיט דער געזעלשאפטליכער ערציהונג פון די מאַסען, וואָס שטעלען צו דער אינדוסטריע ארבייטער, וועלכע זיינען אלץ וועניגער פראָדוקטיוו וואָס מעהר אומוויסענד זיי זיינען. די צוריקגעשטאנענקייט פון רוסלאנד, וואָס איז א רעזולטאט פון דער שלעכטער פאָליטישער אָרדנונג, האָט שוואך געמאכט איהר פאָזיציע אויף דעם וועלט-מארק, און זי אוועקגעשטעלט אין דער צווייטער רייהע. עס איז גאָר קיין ספק ניט, אז אונזער אינדוסטריע און די אומשטענדען פון אונזערע ארבייטער קלאַסען זיינען אויף א שענדליכען אופן בעאיינפלוסט פון אונזער שלעכטער פינאַנציעלער סיסטעמע, וועלכע קען רעגולירט ווערען בלויז דורך דעם וואָס די געזעלשאפטליכע עלעמענטען וועלען זיך באַטייליגען אין דער דיסקוסיע וועגען בודזשעט".

די אוראלער פאבריקאנטען האָבען אויך צוגעשיקט א פעטיציע, וועלכע האָט זיך געלעזען אזוי: „אין רוסלאַנד פעהלען צוויי זאכען — ציווילע פרייהייט און א פעסט איינגעפונדעוועטע געזעצליכע אָרדנונג, און איבער דעם קומען פאָר אומרוהען אין אונזער אינדוסטריעלער סיסטעמע. די אינדוסטריע פיהלט זעהר טיעף די צוריקגעשטאנענקייט פון דער געזעצגעבונג. די רעפאָרמע

פון אונזער געזעצגעבונג שלעפּט זיך שוין אַ חשבון פון דרייסיג יאָהר, אויף צו רעווידירען די פּאַספּאָרטען־סיסטעמע האָט מען ביי אונז געדאַרפט האָבען פינף און פערציג יאָהר און מען איז נאָך אַלץ ניט פאַרטיג געוואָרען. די נייע וועקסעל־רעגולאַציאָנען זיינען געווען אַ רעזולטאַט פון צוועלף קאָמיסיעס, וואָס האָבען זיך געצויגען אַ חשבון פון 55 יאָהר. ביז מען האָט איינגעפיהרט די לאַנד־רעגולאַציאָנען אויפ'ן אוראַל האָט געדויערט אַ האַלב יאָהר־הונדערט".

די קיעווער צוקר־פאַבריקאַנטען האָבען אויף זייער צוזאַמענ־פאָהר ערקלערט אַזוי: די צוקער אינדוסטריע איז „דירעקט פאַר־אינטעעסירט אין דעם גליק פון די גרויסע מאַסען, וועלכע זיינען די הויפּט קונים פון דעם אַרטיקעל. די אַבוועזענהייט פון רעדע און פּרעסע פרייהייט, פאַרזאַמלונגס און פאַראיינס־פרייהייט, וועל־בע זיינען די נויטיגסטע רעכט פון יעדען בירגער אין יעדע מאָ־דערנע לאַנד, האָבען געהאַט ניט נאָר אַ אונטערדריקענדע ווירקונג אויף אונזער פּריוואַטען לעבען, נאָר נאָך מעהר ווי דאָס; זיי האָבען פאַרשפּרייט אַ באַזונדער מין אַפּאַטיע און באַשרענקט דעם אינטעלעקטועלען האָריזאָנט פון אונזער אינדוסטריעלען לעבען, און חוץ דעם שטערען זיי דער פולער ענטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כוחות אין אונזער לאַנד".

ווען מען טראַכט זיך אריין אין די אַלע אַנזיכטען וואָס די פאַרשיידענע אינדוסטריעלע און האַנדעלס־אָרגאַניזאַציעס האָבען אויסגעדריקט אין זייערע פּעטיציעס און רעזאָלוציעס, קען מען בקיצור איבערגעבען די אורזאַכען פון זייערע פאָדערונגען: 1) זיי האָבען אין רוסלאַנד גופא געדאַרפט האָבען אַ גרעסערען מאַרק פאַר זייערע פּראָדוקטען; 2) זיי האָבען געדאַרפט האָבען מעהר געבילדעטע אַרבייטער; 3) זיי האָבען געדאַרפט פרייהייט פאַר פּערזענליכער איניציאַטיווע; 4) זיי האָבען געדאַרפט אַ אינ־דוסטריעלע געזעצגעבונג וואָס זאָל זיך פּאַסען צו דער שנעלער עקאָ־נאָמישער ענטוויקלונג; 5) זיי האָבען געדאַרפט אַ פעסטע געזעצ־

ליכע אָרדנונג, וואָס זאָל ניט זיין אָפּהענגיג אָן די קאַפּריזען פון נאַטשאַלסטוואָ; 6) זיי האָבען געדאַרפט אַ פעסטען בודזשעט און אַ געזונטע פינאַנציעלע סיסטעמע; 7) זיי זיינען שוין געווען מיעד נאָכצוקריכען דער רעגירונג, וועלכע האָט זיי אלע מאָל צוגעוואָרפען אַ ביינדעל און דערביי געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי טוט זיי אַ פּערזענליכע טובה; און ענדליך 8) זיי זיינען געווען געגען דער ביוראָקראַטיע, ווי מענשען, וועלכע געבען זיך אָפּ מיט מאָדערנע עסקים און זיי האָבען געהאַסט די פּאָליטישע אונטערדריקונג וואָס לאָזט קיינעם קיין קאָפּ ניט אויפהויבען.

עס איז אָבער געווען נאָך אַן אורזאַכע, און אפשר די שטאַרקסטע, פאַר וואָס די פאַבריקאַנטען זיינען אַזוי געווען ליבעראַל געזאָנען; דאָס איז געווען דער פּאַרלאַנג איינצושטילען די סטרייקענדע ארבייטער. און אין דעם פונקט זיינען די פאַבריקאַנטען דאָס ערשטע מאָל געקומען אין אַ צוזאַמענשטויס מיט דער רעגירונג. די רעגירונג איז דאָס מאָל דוקא געווען גענויגט צו געבען די ארבייטער עקאָנאָמישע הנחות; די פאַבריקאַנטען האָבען דאָס אָבער ניט געוואָלט, און אנשטאָט עקאָנאָמישע הנחות פאַר די ארבייטער, האָבען זיי געפאָדערט פּאָליטישע הנחות. די רעגירונג האָט געפּרואווט איבערצייגען די פאַבריקאַנטען, אַז די ארבייטער בונטעווען זיך איבער דעם וואָס זיי זיינען עקאָנאָמיש אויף גרויסע צרות; די פאַבריקאַנטען ווידער האָבען גע'טענה'ט, אַז מען קען די לאַגע פון די ארבייטער ניט פאַרבעסערען כל זמן מען גיט ניט קיין פּאָליטישע פרייהייט. אָט דער קאָנפליקט צווישען די פאַבריקאַנטען און דער רעגירונג האָט געדויערט דאָס גאַנצע יאָהר 1905 און האָט נאָך צוגעגעבען בוימאויל אויפ'ן פייער.

דעם 24טען יאַנואַר, 1905, האָט דער רוסישער פינאַנץ־מיניסטער, אויף אַ קאָנפערענץ פון 400 פּעטערבורגער פאַבריקאַנטען, געפאָדערט, אַז מען זאָל פאַרבעסערען די ארבייטס־באַדינגונגען. פאַר דער קאָנפערענץ האָבען די פאַבריקאַנטען צווישען זיך אָפּגעהאַלטען אַ גאַנצע רייהע פאַרזאַמלונגען און באַשלאָסען, אַז „די

אַלגעמיינע פאָדערונגען פון די ארבייטער (ווי אן אכט־שטונדיגער ארבייטסטאָג, די אָפשאַפונג פון שטראָפען, אַז די ארבייטער זאָלען זיך באַטייליגען אין דער אויסארבייטונג פון פאַבריק געזעצען) זאָלען ניט דיסקוטירט ווערען", ווייל זיי, אָט די אַלע פראַגען, קענען געלעזט ווערען בלויז דורך געזעצגעבונג; און וואָס שייך די ספּעציעלע לאָקאַלע פאָדערונגען אין יעדער פאַבריק, זיינען די פאַבריקאַנטען געקומען צום שלום, אַז „ס'איז בעסער ניט צו האָבען קיין בינדענדע אָפּמאַכען מיט די ארבייטער, כאָטש אַזא זאַך איז דוקא נויטיג איבער דעם וואָס די ארבייטער האָבען זיך די לעצטע צייט אָנגעהויבען בונטעווען". אויף דער קאָנפערענץ, וואו מען האָט באַקאַנט געמאַכט די דאָזיגע רעזאָלוציעס, האָט דער מיניסטער געהאַלטען אַ שאַרפע רעדע און איז אָנגעפאַלען אויף די בעלי בתים. ער האָט געזאָגט, אַז דערמיט וואָס מען וועט ארויסגעבען ארבייטער־געזעצען וועט מען ניט אָפּקומען; אַז דערמיט וועט מען די ארבייטער ניט איינשטילען, און אַז מען מוז איצט פאַרבעסערען די עקאָנאָמישע לאַגע פון די ארבייטער. דער מיניסטער האָט געפאָדערט, אַז די פאַבריקאַנטען זאָלען נאָכקומען די וואונשען און האָפנונגען פון דער רעגירונג, דער פּרעס און דער עפענטליכער מיינונג. די פאַבריקאַנטען האָבען אָבער דארויף קיין קלאָרען פאַרשפּרעכען ניט געגעבען. דאַן האָט די רעגירונג באַשטימט אַ קאָמיסיע (די שידלאָווסקי קאָמיסיע), וואָס האָט געזאָלט פאָרברענגען אַ גאַנצע רייהע הנחות פאַר די ארבייטער אויפ'ן חשבון פון די בעלי בתים. און דאָס האָט די פאַבריקאַנטען שטאַרק אויפגעבראַכט. „די אינדוסטריע קען ניט ארבייטען מיט פאַרלוסטען, — האָבען די פּעטערבורגער פאַבריקאַנטען ערקלערט אין אַ מעמאָראַנדום, — זי קען אויך ניט אָננעמען דעם כאַראַקטער פון צדקה. די אינדוסטריע ארבייט אונטער אַ שווערער אָנשטרענגונג און ניט אַזוי פיעל וויפיעל זי קען. דער אפיעל צו די פאַבריקאַנטען נאָכצוגעבען די פאָדערונגען פון די ארבייטער פיהרט ארויף אויפ'ן געדאַנק, אַז די ארבייטער בונטעווען זיך איבער דעם וואָס זיי זיינען עקאָנאָמיש ניט באַוואָרענט. אָבער דאָס איז ניט

ריכטיג. ווען מען וואָלט אפילו נאָכגעגעבען אַלע פאָדערונגען פון די ארבייטער, וואָלט דאָס נאָך ניט געווען גענוג, דערמיט וואָלט מען זיי ניט איינגעשטילט. ‑ וואָרים ניט די עקאָנאָמישע שוועריג־קייטען זיינען שולדיג אין דעם וואָס די ארבייטער בונטעווען זיך, נאָר די ארומיגע אטמאָספערע איז אין דעם שולדיג".

נאָך קלאָ־ער האָבען זיך די פעטערבורגער פאבריקאנטען ווענגען דעם אויסגעדריקט אין א צווייטען מעמאָראַנדום, וואָס לעזט זיך אזוי: „קיין הנחות צו די ארבייטער אין באזונדערע פונקטען און קיין אַלגעמיינע רעוויזיע פון די ארבייטער געזעצען קענען איינ־שטילען די אומרוהיגע ארבייטער. דער בעסטען און ווירקזאמסטער מיטעל איינצושטילען די ארבייטער אין דער צוקונפט אָדער לכל הפחות אָפּשוואכען די איצטיגע שארפקייט, איז — דורך רע־פאָרמען וואָס טראָגען אן אַלגעמיין פאָליטישען כאראקטער".

„וואָס קענען די פאבריקאנטען אַליין טאָן צו פארבעסערען די לאַגע פון די ארבייטער?" — האָבען די אייזען־פאבריקאנטען געפרעגט אין א מעמאָראנדום. — סיידען דאָס, אז זיי זאָלען זיך אָפּזאָגען פון די געזעצליכע הכנסות וואָס זיי האָבען פון זייער קאַ־פיטאַל און עס אוועקגעבען די ארבייטער, אז זיי זאָלען דערמיט פארבעסערען זייערע אומשטענדען, דאָס הייסט פשוט, זיי זאָלען פון דער אינדוסטריע מאכען א מין צדקה אנשטאַלט". און דאָ האָבען די אייזען־פאבריקאנטען ארויסגעזאָגט זייער מיינונג, אז זיי האָבען אן אנדער וועג ווי צו לעזען די פראגע, און דאָס איז — דורכפיהרען די „גרינדליכע רעפאָרמען, ווי עס פאָדערען די פאָר־שטעהער פון די זעמסטוואָס, די שטאָדטישע דומאס און די פאר־שיידענע אנדערע גרופען און קלאַסען".

דיזעלבע שטעלונג האָבען אָנגענומען אַלע פאבריקאנטען פון גאַנץ רוסלאנד. די קאפּיטאַליסטען האָבען זיך געשראָקען ניט נאָר פאר די עקאָנאָמישע הנחות וואָס די ארבייטער האָבען געפאָדערט; זיי האָבען אויך מורא געהאט, אז די בונטען זאָלען נאָך ניט שטע־לען אין קאָן זייערע פירמעס. די צוקער־פאבריקאנטען האָבען

בפירוש ערקלערט, אַז דער אָנקומענדער שטורם פון די פויערים בונטען איז פאַר דער צוקער אינדוסטריע אַ סך געפעהרליכער ווי די באַוועגונג פון די ארבייטער. „באַוואָפענטע סאָלדאַטען, — האָבען די צוקער פאַבריקאַנטען ערקלערט, — קענען באַשיצען די פאַבריקאַנטען אין די שטעדט געגען דער וואַקסענדער באַוועגונג פון די ארבייטער; סאָלדאַטען קענען באַשיצען די שטאָדטישע אינדוסטריעלע פירמעס געגען די געוואַלד־טאַטען פון אַ צעיושעטען המון. אָבער וואָס קען זיין שטאַרק גענוג צו באַשיצען אונזערע זאַוואָדען און אימעניעס, וועלכע זיינען צעוואָרפען איבער די גרויסע סטעפּעס פון אונזער לאַנד?"

די רעגירונג ווידער האָט געהאַלטען, אַז דאָס בעסטע מיטעל איינצופיהרען אָרדנונג איז — געבען עקאָנאָמישע הנחות. דער פינאַנץ־מיניסטער קאָקאָווצעוו, האָט געפּלאַנעוועט איינצופיהרען אַ צעהנשטונדיגען ארבייטסטאָג און נאָך אַנדערע רעפאָרמען וואָס טראָגען ניט קיין פּאָליטישען כאַראַקטער. אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אַ קאָמיסיע וועגען ארבייטער געזעצגעבונג, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען דעם 16טען מאַרט, 1905, האָט קאָקאָווצעוו געהאַלטען אַ רעדע פאַר 130 פאַרטרעטער פון דער פאַבריקאַנטען־אַסאָציאַציע, און דאַן האָט ער אַזוי געזאָגט: „מען באַשולדיגט די רעגירונג אין דעם, אַז זי גיט די ארבייטער הנחות אַבי זיי איינצושטילען, און זי טהוט דאָס אויפ'ן חשבון פון די פאַבריקאַנטען. מען גיט אָנצוהערעיש, אַז די איצטיגע באַוועגונג איז אַרויסגערופען געוואָרען בלויז דורך פּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדאַ. דער אמת איז אָבער אַז די ארבייטער האָבען געקענט אַרונטערפאַלען אונטער דעם איינפלוס פון דער פּאָליטישער פּראָפּאָגאַנדע איבער דעם וואָס זייערע לעבענס באַדינגונגען זיינען גאַנץ אָפט זעהר שווער און אומערטרעגליך. אַן אָרגאַנישע קראַנקהייט ענטוויקעלט זיך דאָרטען, וואו מען נעמט ניט אָן קיין מיטלען זי צו היילען, דאָס זעלבע איז מיט פּאָליטישע קראַנקהייטען, זיי געפינען פאַר זיך אַ גינסטיגען באָדען צווישען די עקספּלואַטירטע, די גוטבאַדירפטיגע און די אָרימע".

אויף אָט דער רעדע האָט דער פּאָרזיצענדער פון דער פּעטער־בורגער האַנדעלס פּאַלאַטע געענטפערט, אַז די אַרבייטער װעלן זיך צופרידנשטעלן בלויז מיט פּאָליטישע רעפאָרמען, װי עס פאָדערן אַלע קלאַסן און גרופּען פון דער באַפעלקערונג.

מאָנאַטן און מאָנאַטן זיינען אַוועק, און װען די פאַבריקאַנטע האָבן דערזעהן, אַז די בונטען צווישן די אַרבייטער װערן אַלץ גרעסער און ערנסטער, זיינען זיי נאָך דרייסטער געוואָרן אין זייער אָנפאַל אויף דער רעגירונג, װעלכע איז געווען געצוואונגען א טראכט צו טאָן װעגן פּאָליטישע רעפאָרמען. „אונטער אַזעלכע אומשטענדען קענען מיר מעהר ניט לעבען! — האָט די ניזשני־נאָווגאָראָדער האַנדעלס פּאַלאַטע ערקלערט אין מאָנאַט אָקטאָבער, 1905. — מיר מוזען האָבען אָרדנונג, פונקט װי מיר מוזען האָבען לופט צו אָטהעמען!"

אויך די פּריצים, די רייכע לאַנדבאַזיצער, האָבען איבער דער זעלבער אורזאַכע געמוזט פאָדערן פון דער רעגירונג, אַז זי זאָל איינפיהרען רעפאָרמען. די רייכע פּריצים, דאַרף מען ניט פאַרגעסען, זיינען געווען שטאַרקע אָנהענגער פון דער אויטאָקראַטיע. קיין גאָר גרויסע רעפאָרם־פאָדערונגען האָבען זיי ניט אַרויסגע־שטעלט; זיי האָבען בלויז געפאָדערט, אַז מען זאָל גרינדען א מין באַראַטענדע נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפט, װאָס זאָל ערוועהלט װערען פון פאָלק. אַזאַ קערפּערשאַפט, — האָט אויף א קאָנפערענץ ער־קלערט דער פּאָרזיצענדער פון די גובערנסקי דוואָריאַנסקי דומאַס, װאָלט געגעבען דעם קיסר א מעגליכקייט צו װיסען װאָס דאָס פאָלק פאַרלאַנגט און צו האַנדלען אין איינקלאַנג מיט זייערע פאַרלאַנגען. װען די רעװאָלוציאָנערע באַוועגונג איז געוואָרען נאָך שטאַרקער און די פּויערים האָבען זיך נאָך מעהר גענומען בונטעווען, זיינען די פּריצים שוין געוואָרען אומגעדולדיגער. א סך פּריצים האָבען פראַנק און פריי אָנגעהויבען קריטיקירען די רעגירונג און גענומען פאָדערן גרינדליכע רעפאָרמען.

און איצט לאָמיר אַביסעל אָפּכאַפּען דעם אָטהעם און װאַרפען א בליק אויף רוסלאַנד װי זי האָט אויסגעזעהן אין הערבסט 1905.

דאָס גאַנצע לאַנד האָט זיך דאַן געוואַקעלט, אַלע יסודות פון לעבען זיינען געווען צורודערט. אַלע מאָל זיינען אַרבייטער אַרויס אין סטרייק; סטרייקענדיג פאַר פּאָליטישע רעפאָרמען, האָט מען אויך אַריינגעשטעלט פאָדערונגען פאַר אַן אַכטשטונדיגען אַרבייטסטאָג און פאַר העכערע שכירות; סטרייקענדיג פאַר עקאָ־נאָמישע פאַרבעסערונגען האָט מען אויך אַרויסגעשטעלט די פאָ־דערונג פאַר אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וואָס זאָל ערוועהלט ווערען אויף דעם גרונד פון אַלגעמיינער, גלייכער, דירעקטער און געהיי־מער שטימרעכט; סטרייקס פון ערד אַרבייטער האָבען זיך גע־ענדיגט דערמיט וואָס מען איז באַפאַלען די אימעניעס פון די פּריצים; אייזענבאַהן סטרייקס האָבען אויף אַ צייט אָפּגעשטעלט דעם פאַרקעהר אין איינינע טיילען פון לאַנד. אין די גאַסען פון די שטעדט האָט מען געמאַכט דעמאָנסטראַציעס און די פּאָליציי האָט אויף די דעמאָנסטראַנטען געשאָסען; אין די דערפער האָ־בען זיך די פּויערים געבונטעוועט, אונטערגעצונדען די שייערען און די פּאַלאַצען פון די פּריצים, ביינאַכט איז דער גאַנצער הימעל אַרום און אַרום געווען רויט פון די פייערען, טויזענדער פּויערים זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרען, מאַסען זיינען פאַרוואונדעט געוואָ־רע און מאַסען האָט מען אין די טורמעס אַריינגעזעצט. אַרבייטער, אינטעליגענטען, פאַבריקאַנטען, פּריצים, פּויערים האָבען אָפּגע־האַלטען פאַרזאַמלונגען, און אויף די אַלע פאַרזאַמלונגען האָט מען די רעגירונג געקריטיקירט, פאַרדאַמט און אַרויסגעשטעלט פאָדע־רונגען. אי אין די שטעדט, אי אין די דערפער זיינען פאָרגעקו־מען צוזאַמענשטויסען מיט דער פּאָליציי, און גאַנץ אָפט זיינען די צוזאַמענשטויסען דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דאָס פאָלק האָט גע־מאַכט באַריקאַדען און מיט געוועהר אין די הענט זיך געשטעלט אַקעגען דער פּאָליציי. אויפ׳ן שלאַכטפעלד האָט מען געכאַפּט מפּלות און מפּלות, און דערנאָך איז געקומען דער שענדליכער שלום, לויט וועלכען רוסלאַנד האָט פאַרלאָרען באָדען. מיט קיין זאַך איז מען ניט געווען זיכער; די פינאַנצען זיינען געווען אויף צרות, דער קרעדיט איז געווען אין דער ערד, און אין דער רעגירונג האָט

מען אינגאַנצען דעם צוטרויען פאַרלאָרען... די אַרמעע איז נאָך אַפילו אַלץ געבליבען געטריי צו דער רעגירונג, אָבער דעם 14טען יוני האָט די קריעגס־שיף "פּאָטיאָמקין", שווימענדיג איבער'ן שוואַרצען ים, אַרויסגעשטעלט אַ רויטע פאָהן; די מאַטראָזען פון דער שיף האָבען געפאַנגען זייערע אָפיצירען און שנעל גענומען טרייבען די שיף צו די ברעגעס פון אָדעס צו העלפען די דאָרטיגע סטרייקער, וועלכע האָבען דאַן געקעמפפט ניט נאָר געגען די בעלי בתים, נאָר אויך געגען נאַטשאַלסטווא. צו דער „פּאָטיאָמקין" איז צוגעטראָטען נאָך אַ קריעגס־שיף, אָבער זיי האָבען זיך געמוזט אונטערגעבען ווען די לאָיאַלע פלאָטע האָט זיי אַרומגערינגעלט. דער אויפשטאַנד האָט אָבער סאַי ווי סאַי געהאַט זעהר אַ וויכטיגע באַדייטונג; דאָס האָט באַוויזען, אַז מען איז מיט דער אַרמעע און פלאָטע אויך ניט זיכער, ווייל זי הויבט שוין אויך אָן בע־איינפלוסט צו ווערען פון דער רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדאַ.

די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פאָדערונגען זיינען געווען פאַר־שיידענע; עס זיינען אָבער געווען צוויי צענטראַלע פונקטען, וואָס זיינען געשטיצט געוואָרען פון דער מאַיאָריטעט פון די אָרגאַני־זירטע גרופּען און פראַקציעס. און, ווי עס שיינט, פון דער מאַיאָ־ריטעט פון פאָלק. איין פאָדערונג איז געווען אַ פּאָליטישע: ציווילע פרייהייט; אַן אַלגעמיינע אָפּשאַפונג פון אַבסאָלוטיזם; די גרינדונג פון אַ קאָנסטיטוציאָנעלער רעגיערונג, וואָס זאָל זיין פאַראַנטוואָרטליך צו אַ פּאַרלאַמעט וואָס זאָל ערוועהלט ווערען פון פאָלק אויף יסוד פון אַלגעמיינער שטימרעכט. די צווייטע פאָדע־רונג איז געווען אַן עקאָנאָמישע: קאָנפיסקירען די גרויסע אַי־מעניעס, שאַפען אַן אַגראַר־פאָנד אויף צו באַזאָרגען די נויטבאַ־דירפטיגע פויערים מיט ערד פאַר מעסיגע רענט. וואָס שייך דעם אופן ווי אַזוי מען זאָל די ערד קאָנפיסקירען, האָבען די סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען געפאָדערט, אַז מען זאָל די ערד צונעמען ביי די פריצים אָהן באַלוינונג, בעת די מעסיגע גרופּען (די זעמסטוואָס און אַנדערע) האָבען געפאָדערט, אַז די „קאַזנאַ" זאָל די פריצים באַלוינען פאַר דער ערד וואָס מען נעמט ביי זיי צו. שפּעט אין

זומער פון 1905 איז אָרגאַניזירט געוואָרען דער פּויערים־פאַרבאַנד, אַ שוואַכע פּאַרטרעטערשאַפט פון געוויסע גרופּען פון רעוואָלו־ציאָנערע פּויערים אין פאַרשיידענע גובערניעס. דער פאַרבאַנד האָט אויך געפאָדערט, אַז מען זאָל די אימעניעס קאָפּיסקירען; ער האָט אָבער ניט ערקלערט ווי אַזוי דאָס זאָל געטאָן ווערען, צוגע־בענדיג, אַז אונטער געוויסע אומשטענדען מעג מען דעם פּריץ באַצאָהלען פאַר דער ערד וואָס מען נעמט ביי איהם צו.*)

אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט אַזוינע ריזיגע באַווע־גונגען און ערנסטע בונטען, האָט זיך די רעגירונג געמוזט אונטער־געבען, אָבער, ווי איהר שטייגער איז געווען אַלע מאָל, איז זי גע־קומען צום שכל צו שפּעט. דעם 17טען אַפּריל האָט זי אָפּגעשאַפט איינינגע רעליגיעזע באַשרענקונגען; דעם 6טען אויגוסט האָט זי באַקאַנט געמאַכט די וואַהל מעטהאָדען פאַר דער פאַרטרעטענדער קערפּערשאַפט, וואָס וועט זיך רופען די מלוכה־דומאַ — אַ אינ־סטיטוציע וואָס האָט די רעכט צו דיסקוטירען וועגען געזעצען, אָבער ניט צו שטימען וועגען זיי; דעם 27טען אויגוסט האָט די רעגירונג געגעבען אויטאָנאָמיע די אוניווערסיטעטען. אָט די אַלע רעפאָרמען זיינען געווען זעהר וויכטיג, און דאָך האָבען זיי קיינעם ניט צופרידענגעשטעלט. די הויפּט צרה, די סאַמאָדערזשאַוויע, איז נאָך אַלץ געבליבען ניט געטשעפּעט. די רעגירונג האָט נאָך אַלץ געהאַט די גאַנצע מאַכט. מען האָט נאָך אַלץ ניט געטאָרט ריידען וואָס מען האָט געוואָלט, מען האָט זיך נאָך אַלץ ניט געטאָרט פאַר־זאַמלען, און אויב מען האָט זיך יאָ פאַרזאַמעלט און יאָ גערעדט וואָס מען האָט געוואָלט, האָט מען פּשוט דאָס לעבען געשטעלט אין קאָן. דריי וואָכען נאָכדעם ווי די רעגירונג האָט געגעבען די בלומרשטע קאָנסטיטוציע, האָבען סאָלדאַטען אין טיפליס געשאָ־סען אויף מענשען, וועלכע האָבען אָפּגעהאַלטען אַ פרידליכע פאַר־זאַמלונג אין שטאָדטישען זאַל. איבער הונדערט מענשען זיינען דאָן דער'הרג'עט און פאַרוואונדעט געוואָרען.

---

*) ב. מאַסלאָוו „די באַוועגונג פון די פּויערים" 1905-07, זייט 237.

13טער קאַפּיטעל

# דער צווייטער אַקט: דער 17טער אָקטאָבער.

אין אָנפאַנג סעפּטעמבער האָבען זיך די אוניווערסיטעטען גע־עפענט מיט אויטאָנאָמישע רעכט. די סטודענטען האָבען באַשלאָסען אויפצוגעבען דעם סטרייק, האַלטען אָפען די אוניווערסיטעטען און איבערגעגעבען די אוידיטאָריומס אין דעם רשות פון דעם פּובליקום. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און די אוניווערסיטעטען זיינען געוואָרען די הויפּט קוואַרטיר פון דער רעוואָלוציע. ביי טאָג און ביינאַכט האָט מען דאָרטען אָפּגעהאַלטען פאַרזאַמלונגען; רע־וואָלוציאָנערע קאָמיטעטען האָבען זיך כמעט אויפגעהערט באַהאַל־טען און פריי אָנגעפיהרט זייער אַרבייט אין די אוניווערסיטעטען. און דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז געווען וואָס די אַדמיניסט־ראַציע האָט אין דעם ניט געשטערט. אין שטאָדט האָט מען קיין פאַרזאַמלונג ניט געטאָרט אָפּהאַלטען, און אויב מען האָט יאָ אָפּ־געהאַלטען, זיינען געקומען סאָלדאַטען און האָבען די פאַרזאַמעלטע צוטריבען. און די אוניווערסיטעטען אָבער האָט מען ניט גע־שטערט אָפּצוהאַלטען פאַרזאַמלונגען.

און דערפאַר איז גאָר קיין חידוש ניט וואָס אַלע האָבען זיך אַ לאָז געטאָן אין די אוניווערסיטעטען און אין די אַנדערע הויכע לעהר־אַנשטאַלטען. אַ שטענדיגער שטראָם פון אידעען, געפיהלען און פּלענער האָט געפלאָסען צווישען די אוניווערסיטעטען און די פאַבריקען, וואַקזאַלען און דרוקערייען. אין די טעמפּלען פון תורה האָט מען אויסגעאַרבייט פּלענער ווי אַזוי אָנצוגעהן מיט דער רעוואָלוציאָנערער אַרבייט. די כוואַליעס פון רעוואָלוציאָנע־רער ענערגיע זיינען געוואָרען אַלץ העכער און העכער. אין דער לופט האָט זיך געפיהלט, אַז אָט־אָט קומט אָן אַ שטורם.

באַלד האָט זיך אָנגעהויבען דער אָקטאָבער גענעראַל סטרייק.
קיינער האָט דעם גענעראַל סטרייק ניט אָרגאַניזירט. קיינער האָט איהם ניט געפּלאַנעוועט. קיינער האָט איהם ניט פאָראויסגעזעהען. מיט אַמאָל איז ער געקומען און מיט אַ שטאַרקען כוח זיך אַ וואָרף געטאָן איבער'ן גאַנצען לאַנד.
אָנגעפאַנגען האָט ער זיך פון אַ סטרייק פון מאָסקווער זעצער. דעם 24טען סעפּטעמבער האָבען שוין 5,900 ארבייטער געסטרייקט אין פופציג דרוקערייען. די סטרייקער האָבען זיך פארזאַמעלט אין די גאַסען; די פּאָליציי האָט זיי צוטריבען. עטליכע ארבייטער זיינען דאַן דער'הרג'עט געוואָרען. דעם 2טען אָקטאָבער זיינען די פּעטערבורגער זעצער אַרויס אין אַ סימפּאַטי סטרייק. דעם 7טען אָקטאָבער זיינען די ארבייטער פון די מאָסקווער אייזענבאַהן־ליניעס אַרויס אין סטרייק. מען האָט דערפיהלט ווי דאָס הארץ הערט אויף צו קלאַפּען. דער אייזענבאַהן סטרייק האָט זיך אריבערגעוואָרפען אויף דער מאָסקווא־קאַזאַנער ליניע, דעם 8טען אָקטאָבער האָט מען שוין געסטרייקט אויף דער מאָסקווא־יאַראָסלאַווער, מאָסקווא־ניזשני־נאָווגאָראָדנער און מאָסקווא־קורסקער ליניעס. דעם 9טען אָקטאָבער האָט מען שוין געסטרייקט אויף די מאָסקווא־קיעוו־וואָראָנעזשער און מאָסקווא־ברעסט־ליטאָווסקער ליניעס. אין דערזעלבער צייט האָט מען אויך געסטרייקט אין פאַרשיידענע אנדערע פּאַבען. דעם 10טען אָקטאָבער איז אָפּגעשטעלט געוואָרען די ניקאָלאַיעווסקער ליניע, וועלכע פארבינדט פּעטערבורג מיט מאָסקווא. מיט עטליכע טעג שפּעטער האָט זיך דער אייזענבאַהן סטרייק איבערגעוואָרפען פון'ם צענטר אין די אנדערע טיילען פון לאַנד, אַזוי אַז אין פארלויף פון אַ קורצער צייט האָבען זיך אָפּגעשטעלט די רעדער פון אַלע רוסישע אייזענבאַהן־ליניעס, וואָס ציהען זיך אויף אַ שטח פון 40,000 קילאָמעטער. דאַן זיינען 750,000 אייזענבאַהן ארבייטער געווען אין סטרייק. די פּאָסט אָנגעשטעלטע זיינען אויך אַרויס אין סטרייק. אַ סך טעלעגראַף־ליניעס זיינען אויך צוגעשטאַנען. מען האָט אויפגעהערט ארבייטען אין אַ סך פאַבריקען און זאַוואָדען. מען האָט

אויפגעהערט ארבייטען אין קאנטארען. די מעהרסטע געשעפטען, מאגאזינען און סקלאדען האבען זיך צוגעמאכט. די פרייזען אויף עסענווארג האבען גענומען שטייגען, ווייל דער פארקעהר צווישען איין שטאדט און דער אנדערער איז אפגעשטעלט געווארען. אור־מעדום האט מען אפגעהאלטען אהן א שיעור פארזאמלונגען און די מאטא איז געווען — א גרינדונגס פארזאמלונג. אין אייניגע שטעדט האבען זיך די מאסען אריינגעריסען אין די געוועהר פאב־ריקען און דארטען צוגענומען ביקסען, רעוואלווערען און פולווער. אין אייניגע שטעדט האט מען געמאכט באריקאדעס, איבערגעקערט די טראמוואיען, ארויסגעריסען טעלעגראף סלופעס, אנגעווארפען שטיינער איינע אויף די אנדערע, כדי זיך צו באשיצען פון אן אנ־פאל מצד דער מיליטער.

די אויפרעגונג איז געווארען וואס אמאל גרעסער און גרעסער. דער סטרייק איז געווען אן עראייגניס ניט נאר אין רוסלאנד, נאר אין דער געשיכטע פון דער וועלט. אלע פראגרעסיווע קלאסען, גרופען און פראקציעס האבען דעם סטרייק גערן געשטיצט. די שטאדטישע דומאס האבען געפאדערט, אז די אדמיניסטראציע זאל עפעס טאן. א סך שטאדטישע דומאס זיינען זאגאר געגאנגען האנט אין האנט מיט די פאליטישע ארגאניזאציעס און זאגאר מיט די רעוואלוציאנערע סאציאליסטישע קאמיטעטען.

די צענטראלע רעגירונג האט פארלארען דעם קאפ און ניט גע־וואוסט וואס צו טאן. אויף דער ארמעע האט מען זיך צופיעל ניט געקענט פארלאזען. אויף די רעוואלוציאנערע מיטינגען האט מען אנגעהויבען זעהן סאלדאטען און אפיצירען. און חוץ דעם האט מען גאר קיין סאלדאטען ניט געקענט פיהרען פון איין שטאדט אין דער אנדערער, מחמת די אייזענבאהנען זיינען ניט געגאנגען. עס האט געשיינט, אז עס איז איינפאך אונמעגליך דעם סטרייק בייצוקומען. די רעגירונג איז געווען איינע אליין. צווישען פע־טערבורג און צארסקאיע סעלא, וואו דער צאר האט געוואוינט, איז קיין באהן ניט געגאנגען. דער יוסטיץ־מיניסטער אליין האט דעם 14טען אקטאבער, פון צארסקאיע סעלא קיין פעטערבורג, זיך

געמוזט שלעפּען מיט פּערד. די מיניסטאָרען האָבען זיך ניט גע־קענט שטעלען אין פאַרבינדונג מיט'ן צאַר. די לאַגע איז געווען אַ שרעקליכע.

די רעגירונג האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און האָט זיך אונטערגעגעבען. דעם 17טען אָקטאָבער האָט זי אַרויסגעלאָזט פאָלגענדען מאַניפעסט:

„מיט גאָט'ס גנאָדען, מיר, ניקאָלאַי דער צווייטער, דער אימ־פּעראַטאָר און זעלבסטהערשער פון גאַנץ רוסלאַנד, צאַר פון פּוילען, גרויספירסט פון פינלאַנד א. אַז. וו. א. אַז. וו.

„בונטען און אומרוהען אין די גרויסע שטעדט און אין אַ סך אַנדערע פּלעצער פון אונזער קעניגרייך פילען אָן אונזער האַרץ מיט אַ סך עגמת נפש. דאָס גליק פון דעם רוסישען מאָנאַרך איז ענג פאַרבונדען מיט דעם גליק פון'ם פאָלק, און זייער עגמת נפש איז אויך זיין עגמת נפש. די איצטיגע בונטען קענען נאָך ברענגען אַ גרויסע אומאָרדנונג אין פאָלק און שטעלען אין געפאַהר די גאַנצ־קייט און די איינינקייט פון אונזער קעניגרייך.

„די גרויסע שבועה פון קעניגליכער דיענסט באַפעהלט אונז אָנצו־ווענדען די גאַנצע מאַכט אונזערע צו ברענגען דערצו, אַז עס זאָלען אויפהערען די בונטען, וועלכע זיינען געפעהרליך פאַר אונזער מלוכה. באַפעהלענדיג די בעאַמטע אָנצונעמען מיטלען גע־גען די דירעקטע מאַניפעסטאַציעס פון אומאָרדנונג, בונטען און גוואַלדטהאַטען און צו באַשיצען די פרידליכע באַפעלקערונג, וואָס איז גרייט צו טאָן די פליכט, האָבען מיר, כדי דורכצופיהרען די אַלגעמיינע מיטלען וואָס מיר האָבען אויסגעאַרבייט אויף איינצו־שטילען דאָס נאַציאָנאַלע לעבען, געפינען פאַר נויטיג צו מאַכען איינינ די טעטיגקייט פון דער העכערער רעגירונג.

„מיר מאַכען דאָס אַלס די פליכט פון דער רעגירונג דורכצו־פיהרען אונזער פעסטען ווילען:

„1. פאַרזיכערען פאַר'ן פאָלק די פעסטע יסודות פון ציווי־לער פרייהייט אויף דעם גרונד פון אמת'ער פערזענליכער אומ־

בארירקייט, פרייהייט פון געוויסען, פון רעדע, פון פארזאמלען זיך און פון יוניאָנס.

„2. אריינגעמען איצט צו דער באטייליגונג אין דער מלוכה־דומא, ניט אָפּשטעלענדיג די קומענדע וואהלען און אויף ווי ווייט עס איז נאָר מעגליך אין דער קורצער צייט וואָס איז נאָך געבליבען פאַר דער ערעפנונג פון דער דומא, אַלע קלאַסען פון דער באַפעלקערונג, איבערלאָזענדיג די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון דעם פרינציפּ פון אַלגעמיינער שטימרעכט צו דער נייער געזעצגעבענדער אָרדנונג.

„3. עס זאָל אוועקגעשטעלט ווערען אַלס א פעסטער כלל, אז קיין געזעץ קען ניט ווערען בינדענד אָהן דער צושטימונג פון דער מלוכה־דומא, און אז פאַר די פאַרטרעטער פון פאָלק מוז פאַרזיכערט ווערען אווירקליכע באַטייליגונג אין דער קאָנטראָלע איבער דער געזעצליכקייט פון די בעאַמטע וואָס מיר האָבען באַשטימט.

„מיר פאָדערען אויף די געטרייע זיהן פון רוסלאַנד, אז זיי זאָלען געדענקען זייער פליכט צום פאַטערלאַנד און העלפען מאַכען א סוף צו די בונטען וואָס האָבען צו זיך קיין גלייכען ניט, און צוזאַמען מיט אונז אָנווענדען אַלע כוחות איינצושטעלען אָרדנונג און פרידען אין אונזער געבורטסלאַנד”.

אין דערזעלבער צייט איז אויך פאַרעפענטליכט געוואָרען דער מעמאָראַנדום פון גראף וויטע, וועלכער איז באַשטימט געוואָרען צו זיין דער ערשטער פרעזידענט פון דעם פאַראייניגטען קאַבינעט. וויטע האָט צום צאַר געשריבען אזוי: „די אַלגעמיינע אומרו־היגקייט צווישען די פאַרשיידענע קלאַסען פון דער רוסישער געזעלשאַפט דאַרף ניט באַטראַכט ווערען אַלס א רעזולטאַט פון טייל־ווייזער אומפאָלקאָמענהייט אין אונזער פּאָליטישער און סאָציאַלער אָרדנונג, און אויך ניט אַלס א רעזולטאַט פון דער אָרגאַניזירטער טעטיגקייט פון די עקסטרעמע פאַרטייען. עס איז גאָר קיין ספק ניט, אז די וואָרצלען פון דער אומרוהיגקייט ליגען טיעפער, אין דעם צוטרייסעלטען באַלאַנס צווישען די אידעאַלע שטרעבונגען פון

דער דענקענדער רוסישער געזעלשאפט און די אויסערליכע לעבענס־פאָרמען. זי שטרעבט צו א געזעצליכער אָרדנונג, וואָס זאָל זיין געבויט אויף דעם יסוד פון בירגערליכער פרייהייט".

דער אקט פון'ם 17טען אָקטאָבער האָט אָנגעצייכענט א נייע תקופה אין דער געשיכטע פון רוסלאנד. אין יענעם טאָג האָט רוסלאנד, געזעצליך, אויפגעהערט צו זיין א סאמאָדערזשאוויע (זעלבסטהערשאפט). „קיין געזעץ קען ניט ווערען בינדענד אָהן דער צושטימונג פון דער דומא", וואָס דאָס פאָלק וועט ערוועהלען, אזוי האָט בפירוש ערקלערט דער קאָפּ פון דער נאציאָן. און עס מאכט ניט וואָס נאָכ'ן 17טען אָקטאָבער האָט די רעגירונג באגאנגען נאָך גרעסערע געמיינהייטען ווי פריהער. אָט די געמיינהייטען זיינען שוין באטראכט געוואָרען ווי אומגעזעצליכע האנדלונגען. און דאָ ליגט די היסטאָרישע וויכטיגקייט פון דעם אָקטאָבער־סטרייק און פון דעם רעזולטאט וואָס ער האָט געבראכט — דעם מאניפעסט.

די בשורה וועגען א קאָנסטיטוציאָנעלער אָרדנונג אין לאנד האָט אויפ'ן פאָלק געווירקט פונקט ווי א פריש ווינטעלע. פאר פרייד האָט מען זיך איבער די גאסען א לאָז געטאָן און עס איז געוואָרען א גדולה, פרעמדע מענשען זיינען זיך איינע די אנדערע אויף די העלזער געפאלען, זיך געקושט, און פאר גרויס שמחה אזש געוויינט. „בירגער" און „טאָווארישטשעס" האָבען זיך אריינגעשטעקט רויטע בלומען אין די לאצען, איבער די קעפּ האָבען רויטע פאָהנען געפלאטערט. סאָלדאטען האָט מען אין די גאסען באגעגענט מיט א פרעהליכע הורא, אָפיצירען האָבען דער רויטער פאָהן אָפּגעגעבען „טשעסט", די פּאָליציייסקע האָבען גוטמוטיג געקוקט אויפ'ן עולם, „סוואָבאָדא"! — האָבען זיך אלע מיט'ן גאנצען הארצען געפרעהט. אָבער שווארצע שאָטענס האָבען גע־לויערט הינטען ארום און ווי די גיפטיגע שלענג געקראָכען בגנבה. אין דער לופט האָבען זיך בייזע גייסטער געטראָגען.

דעם 17טען אָקטאָבער, אין אָוונט, איז אין פּעטערבורג בא־

קאָנט געוואָרען די בשורה וועגען דעם מאַניפעסט. דעם זעלבען אָוונט האָט פּאָלקאָווניק ריעמאַן, דער קאָמאַנדיר פון'ם קעניגליכען לייב־גוואַרדיע פּאָלק, מיט קאַנאָנען געשאָסען אויף דעם טעכנאָלאָגישען אינסטיטוט, וואו מען האָט אָפּגעהאַלטען פאַרזאַמלונגען. דעם 18טען אָקטאָבער, אין דער פריה, איז דער קאַוואַלעריע־אָפיצער פראָלאָוו באַפאַלען אַן עולם מיט מענשען לעבען אינסטיטוט. דעם 18טען אָקטאָבער, בייטאָג, האָט פּאָלקאָווניק מיען געשאָסען אויף אַן עולם מיט מענשען אויף דער גאָראָכאָוווער גאַס. דעם 18טען אָקטאָבער, פאַרנאַכט, האָבען קאָזאַקען געשאָסען אויף די ארבייטער פון פּוטילאָווער זאַוואָד.

דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דער נייער אָרדנונג.

אין יענער צייט איז מיר גראָדע אויסגעקומען צו זיין אין קיעוו. עס איז געווען אַ שעהנער הערבסט טאָג ווען מען האָט אין שטאָדט די בשורה באַקומען. אַ בלויער הימעל האָט זיך אין דער הויך איבער גאַנצע וועלטען געשפּרייט און די געלע בלעטער, וואָס זיינען פון די בוימער געפאַלען, האָבען די שעהנע שטאָדט, דעם חן פון דרום, עפּיס ווי אין גאָלד אויסגעפּוצט. שטראָמענווייז האָבען זיך טויזענדער און צעהנדליגער טויזענדער מענשען אַ לאָז געטאָן צו דער שטאָדטישער אופּראַווע, דורך די ברייטע, מיט זון באַלויכטענע גאַסען, זיינען זיי אַהין מיט אַ גדולה געגאַנגען. רוסען און אידען, פּאָליאַקען און אוקראַינער האָבען זיך אַלע צוזאַמען אויף איין שמחה געפרעהט. אויפ'ן אַלעקסאַנדראָווסקי פּלאַץ איז די שמחה געווען אַזוי גרויס, אַז מען קען דאָס גאָר מיט קיין ווערטער ניט איבערגעבען. אַלע האָבען זיך ווי קליינע קינדער געפריי'הט, ביי אַלעמען האָבען די אויגען געבלישטשעט פאַר גרויס באַגייסטערונג. אין אַ שטראָם פון התפּעלות איז דער עולם אריינגעשלעפּט געוואָרען. דאָרטען האָט זיך ניט געפיהלט קיין שטימונג פון אַן המון; אַ הייליגע התלהבות, אַ מין פרומע כונה האָט באַהערשט די אַלע מאַסען, וועלכע האָבען געדענקט, אַז ענדליך איז זייער טרוים פאַרווירקליכט געוואָרען.

מיט אמאָל האָט איינער אַ זאָג געטאָן אַ וואָרט. ווי צושמאָלצענע בלייַ איז דאָס וואָרט געפאַלען אויף די הערצער פון די מענשען. איינער דעם אַנדערען האָט, אין שרעק, עפּיס געגומען שושקען. מיט אמאָל האָבען זיך אָנגעהויבען ארומטראָגען שרעקליכע, אומגלויבליכע קלאַנגען. די מענשען האָבען ניט געוואָלט גלויבען; ניט אַנדערש, נאָר עפּיס אַ משוגענער האָט דאָס אויסגעטראַכט. ווידער האָט מען מיט באַגייסטערונג זיך צוגעהערט צו די רעדנער. אויף דעם הויכען באַלקאָן פון דער שטאָדטשיער אופּראַווע זיינען די רעדנער געשטאַנען, איבער זיי האָט נאָך אַלץ געהאַנגען דער קייזערליכער צוויי־קעפּיגער אָדלער און פאר זיי זיינען געשטאַנען די באַפרייטע מענשען, וועלכע האָבען דורשטיג געשלונגען די פרייהייט... מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אַ קוויטש. „פּאָגראָם". אין די אַנדערע גאַסען האָט מען שוין געהאַט אָנגעהויבען הרג'ענען און קוילענען. רוצחים און מערדער האָבען זיך גאָר פלוצלונג געיאַוועט, און דער עולם האָט אָנגעהויבען לויפען וואוהין די אויגען האָבען נאָר געטראָגען.

דריי טעג און דריי נעכט האָט דער פּאָגראָם דאַן געבושעוועט. די סאָלדאַטען האָבען אַרויסגעהאָלפען די פּאָגראָמשטשיקעס.

מיר האָבען זיך דארויף געריכט. מיר האָבען געוואוסט, אז די פּאָליציי ארבייט מעשים און פאַרשפּרייט פּאָגראָם־פּראָקלאַמאַציעס צווישען די ערגסטע אויסוואורפען, צווישען די געמיינסטע גנבים און רויבער. מיר האָבען געוואוסט, אז מען האָט פאַרשפּרייט קלאַנגען דאָס דער צאַר אַליין וועט ערלויבען צו באַראַבעווען און צו שלאָגען די „קראַמאָלניקעס" און די אידען דריי טעג נאָכאַנאַנד. מיר האָבען בלויז ניט געוואוסט, אז די פּאָגראָם־מאַשין וועט אזוי שנעל אַוועקגעשטעלט ווערען ביי דער ארבייט.

באַלד נאָך דעם האָבען מיר זיך דערוואוסט, אז אַזוינע פּאָגראָמען זיינען פאָרגעקומען איבער גאַנץ רוסלאַנד אין די ערשטע דריי טעג נאָכדעם ווי מען האָט אַרויסגעגעבען דעם מאַניפעסט. דאַן איז אַרויסגעשפּרונגען די „שווארצע מאה", אַ באַנדע

אזא, וואָס די רעגירונג האָט געדונגען, כדי צו מאַכען דעם אָנשטעל, אַז זי ווערט געשטיצט פון פאָלק. אַלע זכיות און פּריווילעגיעס האָבען די שווארץ־מאה׳ניקעס ביי דער רעגיערונג געקראָגען. זיי האָט מען געגעבען געלט, זיי האָט מען פארזאָרגט מיט שטעלעס, זיי האָט מען די גרעסטע טובות געטאָן. פראַנק און פריי האָבען זיי פארזאמלונגען אָפּגעהאַלטען, און פאר די גרעסטע פארברעכענס, וואָס זיי האָבען באַגאנגען, האָט מען זיי ניט באַשטראָפט. ארעס־טירען אַ שווארץ־מאה׳ניק האָט מען ניט געטאָרט, און אויב אַ פּאָליציייסקע האָט על פּי טעות אַמאָל יאָ ארעסטירט אַזאַ חברה־מאַן, האָט מען איהם דערפאר אויסגע׳מוסר׳ט. מיט אַ פּאָר יאָהר שפּעטער איז דער צאַר אַליין אויך געוואָרען אַ מיטגליעד אין דער „שוואַרצער מאה״, און ער מיט זיין יורש זייבען געוועןן די שיינדלינג פון דער באַנדע. אָפיציעל האָט די „שוואַרצע מאה״ געהייסען „דער פּאַרבאַנד פון רוסישען פאָלק״ (סאָיוז רוסקאַוואָ נאַראָדאַ), אָדער „דער פּאַרבאַנד צו באַקעמפּפען די רעוואָלוציע״. אין פארגלייך מיט דער ראָליע, וואָס זיי האָבען געשפּיעלט, איז זייער מיטגלידערשאַפט געוועןן לעכערליך קליין. ווען די רעגירונג וואָלט זיי ניט געוועןן געשטיצט, וואָלטען זיי גאָר קיין קיום ניט געקענט האָבען. און געשטיצט האָט זיי די רעגירונג דערפאר, וואָס אויף זיי האָט זי געקענט אָנווייזען און זאָגען, אַז זי ווערט געשטיצט פון פאָלק. אויף אַ וואונק פון די „הויכע פענסטער״ האָבען די שווארץ־מאה׳ניקעס געמאַכט פּאַטריאָטישע דעמאָנסטראציעס, פּאַטריאָטישע תפלות געפּראַוועט אין די קירכעס, און ווען מען האָט געדאַרפט, האָבען זיי געמאַכט פּאָגראָמען.

זיי האָט דאָס די רעגירונג געדאַרפט פארדאנקען פאר דער מעגליכקייט צו מאַכען אַזעלכע בלוטיגע פּאָגראָמען גלייך נאכדעם ווי זי האָט דעם מאַניפעסט ארויסגעגעבען. די מאָטאָ איז געוועןן: „שלאָגט די אינטעליגענטען און די זשידעס״. אין איבער הונדערט שטעדט האָט מען געמאַכט פּאָגראָמען אין די ערשטע צוויי—דריי וואָכען נאָכ׳ן מאַניפעסט; פון 3,500 ביז 4,000 מענשען זיינען אין די דאָזיגע פּאָגראָמען דער׳הרג׳עט געוואָרען; פארוואונדעט

געוואָרען זיינען איבער 10,000 מענשען.*) ספּעציעל דערמאָנען דאַרף מען די הריגה אין טאָמסק. דאָרטען זיינען 150 מענשען דער׳הרג׳עט געוואָרען, 50 זיינען פאַרוואונדעט געוואָרען און 1,000 זיינען פאַרברענט געוואָרען. א פאַרזאַמלונג איז דאָרטען אָפּגע־האַלטען געוואָרען לכבוד דעם וואָס מען האָט אַרויסגעגעבען דעם מאַניפעסט. ווען דער עולם איז געגאַנגען צוריק פון דער פאַר־זאַמלונג, האָבען די שוואַרץ־מאה׳ניקעס זיי באַפאַלען אין מיטען גאַס. קיין געוועהר האָט קיינער פון עולם ביי זיך ניט געהאַט, זיינען זיי אַריינגעלאָפען אין טהעאַטער און אין איינער פון די געביידעס פון׳ם וואָקזאַל. די „פּאַטריאָטען״ האָבען אונטערגע־צונדען ביידע געביידעס. די וואָס האָבען געפּרואווט אַנטלויפען, זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרען. באַלד זיינען אָנגעקומען סאָלדאַטען, און אַנשטאָט צו ראַטעווען די מענשען, האָבען זיי גענומען שיסען אויף זיי דורך די פענסטער פון דעם טהעאַטער, וואָס איז געווען איינגעהילט אין פלאַמען. ניט ווייט פון דעם ברענענדיגען טעאַ־טער איז געשטאַנען דער גובערנאַטאָר אויפ׳ן באַלקאָן פון זיין פּאַ־לאַץ און רוהיג צוגעקוקט ווי מען הרג׳עט און מען ברענט מענשען; אין א נאָהענטער קירכע האָבען די גלחים דאַן געפּראַוועט א גאָטעס־דיענסט.

אזוי האָט די אַלטע רוסלאַנד געוויזען, אז זי איז נאָך ניט טויט, אז זי נעמט זיך ערשט אונטער צו קעמפּפען פאַר איהר עקזיסטענץ. אָבער די יונגע רוסלאַנד האָט דעם גלויבען ניט פאַר־לאָרען. מיט מוט האָט זי זיך צו דער אַרבייט א נעם געטאָן, גלייך די סאַמאָדערזשאַוויע וואָלט שוין געווען אויפ׳ן עולם האמת. די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס זיינען אַרויס פון די „אונטער־ערדישע״ נאָרעס און פראַנק און פריי זיך א נעם געטאָן צו דער אַרבייט. עס האָבען זיך געגרינדעט פּאָליטישע קלאַבס. כמעט

*) וו. אָבנינסקי „א האַלב יאָהר רוסישע רעוואָלוציע״ זייט 42. באַשטעטיגט פון ע. מאיעווסקי אין דעם זאַמעלבוך „סאָציאַלע באַוועגונ־גען״, צווייטער באַנד, ערשטער בוך, זייט 103.

אַלע טאָג האָבען זיך ארבייטער פאראיינען אָרגאַניזירט. די צייטונגען האָבען פון זיך ארונטערגעוואָרפען דעם יאָך פון דער צענזור. אין אייניגע שטעדט האָבען רעוואָלוציאָנערען אויפגעבראָכען די טורמעס און ארויסגעלאָזט פון דאָרטען די פארשפּארטע חברים. אַלע האָבען געגאַרט נאָך א פּאָליטישער אמנעסטיע, מיט שטורם האָט מען דאָס געפאָדערט אַזוי לאַנג ביז די רעגירונג האָט דעם 21טען אָקטאָבער געמוזט געבען א שטיקעל אַמנעסטיע. דעם 3טען נאָוועמבער האָט די רעגירונג אָפּגעשאפט די געבליבענע אויסלייזונג פּאָדאַטקעס, כדי איינצושטילען די פויערים. דעם 24טען נאָוועמבער האָט זי אָפּגעשאפט די צענזור. רוסלאַנד האָט זיך האַסטיג אָרגאַניזירט. אייניגע זעמסטוואָ־ליבעראַלען האָבען צוזאַמען מיט אַנדערע אינטעליגענטען געגרינדעט א ליבעראַל פּאָליטישע פּארטיי אונטער'ן נאָמען קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטען (קאַדעטען) מיט א גאַנץ ראַדיקאַלער פּראָגראַמע. אַנדערע זעמסטוואָ־ליבעראַלען האָבען צוזאַמען מיט די פאָרשטעהער פון אינדוסטריע און האַנדעל געגרינדעט די אָקטאָבריסטישע פּאַרטיי, מיט א מעהר מעסיגער ליבעראַלער פּראָגראַם. נאָך אַנדערע פאַרטייען זיינען ארויסגעשפּרונגען אין יענער צייט און זיינען באַלד אונטערגעגאַנגען. יעדער פּאַרטיי האָט זיך געהאַט איהרע אָרגאַנען. צייטונגען און זשורנאַלען זיינען ארוים מיט לשון און אָנגעהויבען באַנוצען אַזאַ שפּראַך וואָס בלויז די אומלעגאַלע צייטונגען האָבען פריהער באַנוצט. מען האָט געקענט זעהן, אַז רוסלאַנד איז אריינגעטראָטען אין א נייער תקופה און מאַכט שנעלען פּאָרטשריט אויף דעם וועג צו א ליכטיגער צוקונפט. דער אַלטער רעזשים האָט אָבער דעם קאָפּ ניט געלאָזט אויפהויבען און יעדער שריט צו דער ליכטיגער צוקונפט האָט געקאָסט בלוט.

א זשורנאַל, וואָס איז ערשינען אין יענער צייט, האָט כאַראַקטעריזירט די דאַמאָלדיגע לאַגע אין רוסלאַנד אויף אַזאַ אויפן:

„און איצט האָבען מיר א קאָנסטיטוציע.

„מיר מעגען אָפּהאַלטען פאַרזאַמלונגען, אָבער סאָלדאַטען מעגען די פאַרזאַמלונגען ארומרינגלען.

„מיר מעגען ריידען וואָס מיר ווילען, אָבער די צענזור איז אַלץ געבליבען ווי געוועו.

„מען האָט אונז געגעבען פרייהייט פון וויסען, אָבער אין די אוניווערסיטעטען האַלט מען סאָלדאַטען.

„מען האָט אַרויסגעגעבען אַ געזעץ, אַז מען טאָר קיינעם ניט טשעפּען, אָבער די טורמעס זיינען פול מיט אַרעסטירטע.

„מען האָט אונז געגעבען אַ קאָנסטיטוציע, אָבער די סאַמאָ־דערזשאַוויע איז געבליבען ווי געוועו.

„מען האָט אונז געגעבען אַלעס, און מען האָט אונז גאָרניט געגעבען.״*)

אין די מאָנאַטען אָקטאָבער און נאָוועמבער איז געוועו דער קריטישער מאָמענט אין דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציע. די אויטאָקראַטיע האָט זיך געשאָקעלט, אָבער אינגאַנצען צובראָכען איז זי ניט געוועו. לעגאַל איז רוסלאַנד געוועו פריי, אָבער דאָס פאָלק האָט די פרייהייט ערשט געדאַרפט נעמען. די רעגירונג אַליין האָט זיך געפיהלט ניט זיכער. אין דער אַרמעע האָבען זיך גענומען ווייזען סמנים פון בונטען. די בונטען זיינען געוועו טייל־ווייז אַ רעזולטאַט פון די מפּלות, וואָס מען האָט געכאַפּט אין דער מלחמה מיט יאַפּאַן, און טיילווייז אַ רעזולטאַט פון דער אַלגעמיי־נער אומרוהיגקייט אין לאַנד. אין סעוואַסטאָפּאָל האָבען די מאַט־ראָזען אָרגאַניזירט אַ דעפּוטאַטען־סאָוויעט און אָפּגעהאַלטען רע־וואָלוציאָנערע פאַרזאַמלונגען, פון צייט צו צייט האָבען זיי די פאַרזאַמלונגען אָפּגעהאַלטען צוזאַמען מיט די אַרבייטער־אָרגאַני־זאַציעס. אין גראָדנע, וואָראָנעזש, קיעוו, מאָסקווע, קורסק, יע־קאַטערינאָדאַר, וואַרשאָ, ריגא און אין אַ סך אַנדערע שטעדט האָבען די סאָלדאַטען פּשוט געבראָכען די דיסציפּלין, געפאָדערט פאַרבעסערונגען אין דעם קאַזאַרמע לעבען און אויסגעדריקט דעם שטאַרקסטען פּראָטעסט געגען דעם וואָס די אָפיצירען בלאָזען פון

*) בולעטין פון דעם סאָוויעט פון אַרבייטער דעפּוטאַטען, אָקטאָבער 20טען, 1905.

זיך. אין באראנאוויטש זיינען די סאָלדאַטען ארויס אין די גאַסען זינגענדיג רעוואָלוציאָנערע ליעדער. אין טיפליס האָבען זיי ארויס־געלאָזט פון געפענגנים עטליכע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע זיינען געווען פאר'משפט צום טויט. אין קורסק, באַטום און אין אייניגע אנדערע שטעדט האָבען זיך די צובונטעוועטע סאָלדאַטען געשלאָ־גען מיט די לאָיאַלע סאָלדאַטען. די באַוועגונג איז טיילוויז געווען פּאָליטיש און טיילוויז האָט זי געהאַט אַ שייכות מיט דער אַלגע־מיינער בונטען־שטימונג. מען האָט זיך גיך איינגעשטילט, אָבער די רעגירונג איז שוין מעהר מיט די סאָלדאַטען ניט געווען אַזוי זיכער.

ווער וועט סוף כל סוף געווינען? וועלכער צד וועט זיין שטארקער?

מיט אַט דער גרויסער פראַגע האָבען זיך אַלע שטארק אינ־טערעסירט נאָך דעם אָקטאָבער סטרייק. בּיסלעכוויז האָט די רע־גירונג אָנגעהויבען קומען צו זיך. ווי איהר שטייגער איז געווען, האָט זי געהאַלטען אין איין צוזאָגען און צוזאָגען גילדערנע בערג, אָבער ביז מען האָט זי ניט צוגעשפּארט צו דער וואַנט, האָט זי איהרע פארשפּרעכונגען ניט געהאַלטען. דאָן איז נאָך מעהר ווי אַלע מאָל געווען נויטיג אַ פּאראייניגטער רעוואָלוציאָנערער פראָנט. דאָס אייז איז שוין געווען דורכגעבראָכען. די אויטאָקראַטיע איז שוין דאַן געווען אָפּגעשוואַכט, און מען האָט געדאַרפט קלאַפּען און ווידער קלאַפּען ביז דער בנין וועט זיך צופאַלען אויף שטיקלעך.

אָבער אומגליקליכערווייזע איז דאַן, גלייך נאָך'ן האַלבען זיעג, פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אין די רעוואָלוציאָנערע רייהען. די נייע רוסלאַנד האָט זיך ניט געקענט שטעלען אקעגען פאראייניגט.

## פערצעהנטער קאַפּיטעל

# דער באַזיעגטער קעניג.

„זיין פּראָלעטאַרישע מאַיעסטעט, דער ארבייטער פון אלע רוסלאַנדס”. דאָס איז געווען דער אויפשריפט אויף דעם ערשטען קאַרטון אין דעם ערשטען פּאָליטיש־סאַטירישען רוסישען זשורנאַל, וואָס איז ערשינען נאָכ'ן מאַניפעסט. אין יענער צייט איז דער איינדרוק געווען, אַז דער רוסישער ארבייטער קלאַס איז אַלמעכ־טיג. דעם אָקטאָבער סטרייק האָט דער רוסישער ארבייטער קלאַס אינגאַנצען אויף זיינע פּלייצעס אַריבערגעטראָגען. ער האָט די רו־סישע אַלטע אָרדנונג אַרונטערגעוואָרפען פון איהר גדולה. ער האָט ניט געוואַרט אויף דער ערלויבניש פון „נאַטשאַלסטוואָ” און, אין דעם סאַמע קאָך פון דעם גענעראַל סטרייק, גענרינדעט אַ סאָוויעט פון ארבייטער־דעפּוטאַטען, וואָס איז דאַן געווען אַ מין רעוואָלו־ציאָנערע זעלבסט פאַרוואַלטונג פון די פּעטערבורגער ארבייטער.

דעם 13טען אָקטאָבער האָט דער סאָוויעט אָפּגעהאַלטען די ערשטע פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס זיינען געווען פאַרטראָטען זעקס און ניינציג אינדוסטריעלע פירמעס און פינף ארבייטער־יוניאָנס. מיט איין מאָנאַט שפּעטער זיינען שוין אין סאָוויעט געווען 562 דעלעגאַטען, וועלכע האָבען פאַרטראָטען 147 פאַבריקען, 34 זאַוואָדען און 16 ארבייטער־יוניאָנס. די סאָציאַל־דעמאָקראַ־טען און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען האָבען אין סאָוויעט גע־האַט זייערע ספּעציעלע פאַרטרעטער.

דער סאָוויעט איז געווען די אָנפיהרענדע קערפּערשאַפט פון די פּעטערבורגער ארבייטער, און נאַכדעם ווי אַזעלכע סאָוויעטען זיינען געגרינדעט געוואָרען איבער'ן גאַנצען לאַנד, איז דער פּעטער־

בורגער סאָוויעט געוואָרען די אָנפיהרענדע קערפּערשאַפט פון אַלע רוסישע אַרבייטער. דער סאָוויעט האָט זיך לחלוטין ניט גערעכענט מיט דער עקזיסטירענדער רעגירונג. ער האָט ארויסגעגעבען רע־וואָלוציאָנערע באַפעהלען צו די ארבייטער פון'ם גאַנצען לאַנד. ער האָט געהאַלטען אַן אויג אויף די פּאָליטישע פּאַסירונגען. ער איז געווען דער צענטר פון דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

דעם 14טען אָקטאָבער האָט דער סאָוויעט ארויסגעשטעלט אַ פאָדערונג, אַז די שטאָדט־פאַרוואַלטונג זאָל פאַרזאָרגען די סטרייקער מיט שפייז, פאַרזאַמלונגס־פּלעצער און אויך מיט געלט אויף צו קויפען געוועהר. דעם 15טען אָקטאָבער האָט דער סאָוויעט ארויסגעגעבען אַ באַפעהל, אַז אַלע אָנגעשטעלטע פון די קראָמען זאָלען אויך צושטעהן צום סטרייק, מיט דער אויסנאַהמע פון די שפייז־קראָמען, וועלכע זאָלען זיין אָפען פון אַכט ביז עלף אַ זייגער אין דער פריה. דעם 17טען אָקטאָבער האָט דער סאָוויעט ארויס־געגעבען אַ באַפעהל, אַז די סטרייקער זאָלען דערווייל ניט צאָהלען קיין דירה געלט און אויך ניט פאַר קיין שפייז־ארטיקלען. נאכדעם ווי דער מאַניפעסט איז ארויסגעגעבען געוואָרען, האָט דער סאָוויעט געפאָדערט אַז מען זאָל פון פּעטערבורג ארויספיהרען אַלע סאָלדאַ־טען, מען זאָל צונויפשטעלען אַ נאַציאָנאַלע מיליץ, מען זאָל ארונ־טערנעמען דעם קריעגס־צושטאַנד, און אַז מען זאָל גלייך צונויפ־רופען אַ גרינדונגס פאַרזאַמלונג. ביז דאַן, אַזוי איז געווען באַ־שלאָסען, זאָל דער גענעראַל סטרייק פאָרטגעזעצט ווערען. „דער קאַמפף פאַר אָט די אַלע פאָדערונגען", ווערט אין דעם באַשלוס געזאָגט, „מוז ווייטער אָנגעהן. דער סאָוויעט פון ארבייטער דע־פוטאַטען באַטראַכט דאָס דעריבער פאַר נויטיג, אַז דער סטרייק זאָל ווייטער פאָרטגעזעצט ווערען, ביז די אומשטענדען וועלען באַ־וויזען, אַז עס איז נויטיג צו ענדערען אונזער טאַקטיק". דאָס איז באַשלאָסען געוואָרען דעם 17טען אָקטאָבער; און דעם 20טען אָקטאָבער, זעהענדיג אַז דער סטרייק איז שוואַכער געוואָרען, האָט דער סאָוויעט שוין אָנגענומען אַן אַנדער באַשלוס, וואָס האָט זיך געלעזען אַזוי: „נעמענדיג אין אַכט די נויטיגקייט פאַר דעם אר־

בייטער־קלאַס זיך צו אָרגאַניזירען אויף דעם יסוד פון זיינע דערגרייכטע געווינסען, און אויך באַוואָפּענען פאַר אַן ענדגילטיגען קאַמפּף פאַר אַ גרינדונגס פאַרזאַמלונג, וואָס זאָל ערוועהלט ווערען אויף דם יסוד פון אַלגעמיינער, גלייכער, דירעקטער און געהיימער שטימרעכט, וואָס זאָל גרינדען אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק, באַפעהלט דער סאָוויעט פון ארבייטער דעפּוטאַטען, אַז דער פּאָליטישער סטרייק זאָל אויפגעגעבען ווערען דעם 21טען אָקטאָבער, נאָכמיטאַג. דער סאָוויעט איז אָבער זיכער, אַז אויב די אומשטענדען וועלען שפּעטער זיין אַזעלכע, אַז עס וועט ווידער נויטיג זיין אַרויסצורופען אַזאַ סטרייק, וועלען די ארבייטער דאָס טאָן פּונקט אַזוי גערן און איבערגעגעבען ווי פריהער".

אין די דאָזיגע צוויי רעזאָלוציעס, פון'ם 17טען און פון'ם 20טען אָקטאָבער, זעהט מען ווי ניט פעסט דער סאָוויעט האָט זיך דאַן געפיהלט. דער סאָוויעט האָט געזאָלט פאָרטזעצען די רעוואָלוציע. מען האָט דאַן שטאַרק גערעדט וועגען אַ באַוואַפענטען אויפשטאַנד. דער עקזעקוטיווער קאָמיטעט פון דעם סאָוויעט האָט שוין אפילו געהאַט געקויפט רעוואָלווערען און ביקסען און זיי צוטיילט צווישען די ארבייטער. אָבער וואָס פאַר אַ ממשות האָבען געהאַט אלע ביקסען און רעוואָלווערען אַקעגען די האַרמאַטען און ביקסען פון די סאָלדאַטען? איין ווירקזאַמען וואַפען האָט דער סאָוויעט געהאַט, און דאָס איז געווען דער גענעראַל סטרייק. אָבער דער גענעראַל סטרייק איז אַזאַ וואַפען וואָס האָט אַ טבע צו ווערען שטומפּיג ווען מען באַנוצט איהם צופיעל און צו אָפט. דאָס האָט דער סאָוויעט ניט גענומען אין אַכט, פאַרגעסענדיג אינגאַנצען, אַז אָהן אַ פעסטער אָרגאַניזאַציע, אָהן געלט־מיטלען און אָהן דערנויטיגער דיסציפּלין קען מען ניט אַרויסרופען אין אַ לאַנגען סטרייק די רוסישע ארבייטער, וועלכע זיינען שוין אַזוי אויך געווען אייכגעמוטשעט פון סטרייקס. אין דעם פּרט, פּונקט ווי אין אַנדערע פּרטים, איז דער סאָוויעט אין דער אמת'ן ניט געווען די אָנפיהרענדע קערפּערשאַפט; ער איז בלויז אריינגעצויגען געוואָרען אין דעם שטראָם פון די פּאָליטישע פּאַסירונגען. דער סאָוויעט האָט

איבערשעצט די כוחות פון די ארבייטער און אונטערשעצט די שטערונגען, און דאָס האָט געפיהרט צו ביטערע ענטוישונגען.

זייענדיג באאיינפלוסט פון דער האנדלונג פון א סך ארבייטער, וועלכע האָבען מיט גוואלד אין זייערע פאבריקען איינגעפיהרט דעם אכט־שטונדיגען ארבייטסטאָג, האָט דער סאָוויעט, דעם 29טען אָקטאָבער, ארויסגעגעבען אזא דעקרעט: „פון'ם 31טען אָקטאָבער אָן מוזען אלע פאבריקען און זאוואָדען צושטעהן צו דעם קאמפף פאר אן אכט שטונדיגען ארבייטסטאָג, איינפיהרענדיג דאָס אין אלע פאבריקען און זאוואָדען אויף א רעוואָלוציאָנערען שטייגער". אייניגע מיטגלידער האָבען אפילו גע'טענה'ט, אז אין א משך פון איין טאָג צייט איז אונמעגליך אזא זאך דורכצופיהרען, בפרט נאָך ווען מען נעמט אין אכט דעם פאקט, אז אין די אנדערע טיילען פון לאנד ארבייט מען א סך מעהר ווי אכט שטונדען א טאָג. אָבער דער סאָוויעט האָט זיך צו די דאָזיגע טענות ניט צוגעהערט. „אָהן דעבאטען, אָהן א פאָרזיכטיגער באטראכטונג מצד דער עקזעקוטיווער קאָמיטע, האָט דער סאָוויעט מיט באגייסטערונג אָנגענומען די רעזאָלוציע וועגען אן אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאָג". אזוי דערצעהלט כרוסטאַליאָוו־נאָסאר, דער פרעזידענט פון'ם סאָוויעט.*) די רעזאָלוציע האָט אָבער ניט געקענט דורכגעפיהרט ווערען. די בעלי בתים האָבען זיך פאראייניגט געגען דעם. די גרעסטע פעטערבורגער פאבריקען האָבען ערקלערט א לאָק־אוט, און האָבען זיך געשלאָסען. די ארבייטער האָט מען פארבאָטען אָפצוהאלטען פארזאמלונגען אין די פאבריקען. ארום די פאבריק געביידעס האָט מען אוועקגעשטעלט א וואך פון סאָלדאטען. גאנצע מחנות ארבייטער זיינען געבליבען אָהן מיטלען צום לעבען. אום פארצווייפלונג האָבען אייניגע ארבייטער באשלאָסען צו געהן צוריק ארבייטען אויף די אלטע באדינגונגען, דאָס הייסט, 9 און צעהן שטונדען א טאָג. דאן האָט דער סאָוויעט,

*) „די געשיכטע פון דעם סאָוויעט פון ארבייטער־דעפוטאטען" זייט 103.

דעם 12טען נאָוועמבער, באַשלאָסען צוריקצורופען די ענטשיידונג. די ערקלערונג וועגען דעם האָט זיך געלעזען אזוי: „פּראוואוענדיג צוצוברעכען דעם מוטה פון דעם רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט, איז די רעגירונג, מיט גראַף וויטע בראש, געקומען די קאַפּיטאַליסטען צו הילף, און אויף אַזאַ'ן אופן געבראַכט דערצו, אַז די פראגע וועגען אַן אכט־שטונדיגען ארבייטסטאָג אין פּעטערבורג, זאָל ווערען אַ נאַציאָנאלע פּראָבלעם. איבער דעם זיינען די פּעטערבורגער ארבייטער, זייענדיג אָפּגעזונדערט פון די ארבייטער אין לאנד, איצט ניט אימשטאַנד דורכצופיהרען דעם דעקרעט פון'ם סאָוויעט־(וועגען אַן אַכטשטונדיגען ארבייטסטאָג). דער סאָוויעט פון ארבייטער־דעפּוטאַטען באַטראַכט דאָס, דעריבער, פאר נויטיג אויף דערווײַלע אָפּצושטעלען דעם אלגעמיינעם און באַלדיגען איינפיהר פון אַן אַכטשטונדיגען ארבייטסטאָג מיט גוואַלט.

און דאָס איז ניט געווען די ערשטע און אויך ניט די לעצטע נידערלאגע פון'ם סאָוויעט.

דעם 1טען נאָוועמבער, דרייצעהן טעג נאכדעם ווי דער אָקטאָבער סטרייק איז שוין אָפיציעל געווען געענדיגט, האָט דער סאָוויעט אַרויסגערופען אַ צווייטען גענעראַל סטרייק, אויפ'ן 2טען נאָוועמבער, נאכמיטאג. אַרויסגערופען געוואָרען איז דער סטרייק אויס סימפּאַטי צו דעם אויפשטאַנד אין קראָנשטאַדט און אלס אַן ענטפער אויף דעם קריעגס־צושטאַנד וואָס איז ערקלערט געוואָרען אין פּוילען נאָכ'ן 17טען אָקטאָבער. די רעזאָלוציע פון דעם סאָוויעט אַטהעמט מיט דעם גייסט פון יענער צייט. דאָס איז דער נוסח:

„די רעגירונג שפּאַנט ווייטער איבער טויטע קערפּערס. זי האָט צוגעשטעלט פאַר אַ קריעגס־געריכט די בראַווע קראָנשטאַדטער סאָלדאַטען פון דער ארמעע און פלאָטע, דערפאר וואָס זיי האָבען באַשיצט זייערע רעכט און די נאַציאָנאַלע פרייהייט. זי האָט אַרויפגעלעגט די פּעטליע פון קריגס צושטאַנד אויפ'ן האַלז פון דער אונטערדריקטער פּוילען.

דער סאָוויעט פון ארבייטער־דעפּוטאטען פּאָדערט אויף דעם

רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט פון פּעטערבורג אַרויסצואווייזען זייער ברידערליכע סאָלידאַריטעט צו די רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטען פון קראָנשטאַדט און צו דעם רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט פון פּוילען דורך אַ גענעראַלען פּאָליטישען סטרייק, וועלכער האָט זיך שוין אַרויסגעוויזען צו זיין אַ גרויסע מאַכט, און דורך אַלגעמיינע פּראָטעסט פאַרזאַמלונגען. מאָרגען, דעם 2טען נאָוועמבער, ביי טאָג, וועלען די פּעטערבורגער אַרבייטער אַרויס פון די פאַבריקען, זייערע לאָזונגען זיינען:

1. נידער מיט דעם קריעגס-געריכט!
2. נידער מיט טויט-שטראַף!
3. נידער מיט קריעגס צושטאַנד אין פּוילען און אין די אַנדערע טיילען פון רוסלאַנד!"

אין דער זעלבער צייט האָט דער סאָוויעט אַרויסגעלאָזט אַן אַפּיעל צו די פּעטערבורגער סאָלדאַטען, אַז זיי זאָלען שטיצען די סטרייקער.

אין אַנפאַנג איז דער דאָזיגער גענעראַל סטרייק געווען אַן אויסגעצייכענטער און פאָלשטענדיגער ערפאָלג. די פּעטערבורגער אַרבייטערשאַפט האָט זיך ווי איין מענש אָפּגערופען אויף דעם רוף פון'ם סאָוויעט. אָבער דערנאָך איז געוואָרען אַ פראַגע ווי לאַנג דער סטרייק זאָל געדויערען. דעם 4טען נאָוועמבער האָט מען שוין דערפיהלט ווי די סטרייק באַוועגונג ווערט שוואַכער. דעם 5טען נאָוועמבער האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז מאַסען אַרבייטער האָבען דעם מוט פאַרלאָרען און זיינען שוין גרייט זיך אומצוקערען צוריק אין די פאַבריקען. דאַן האָט דער סאָוויעט געענדערט דעם באַשלוס און אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל, אַז מען זאָל דעם סטרייק אויפגעבען דעם 7טען נאָוועמבער, ביי טאָג. דער צווייטער גענעראַל סטרייק איז, אַלזאָ, געווען אַ דורכפאַל, טראָץ דעם וואָס די רעוואָלוציאָנערע אַרבייטער האָבען איהם איינשטימיג געשטיצט.

און די רעגירונג האָט דערווייל ביסלעכווייז אָנגעהויבען קומען צו זיך פון דעם קלאַפּ וואָס זי האָט געכאַפּט אין אָקטאָבער. נאָך אַ קורצער הפסקה האָט מען איבער גאַנץ רוסלאַנד ווידער

אָנגעהויבען אַרעסטירען מאַסען מענשען, מאַכען אָביסקעס און באַפאַלען פרידליכע פאַרזאַמלונגען. דעם עקזעקוטיווען קאָמיטעט פון׳ם פויערים פאַרבאַנד האָט מען אַרעסטירט. אַ סך בעאַמטע פון דעם פאַראיין פון פּאָסט און טעלעגראַף אָנגעשטעלטע האָט מען אַריינגעזעצט אין טורמע. אין איינִיגע געגענדען האָט מען ערקלערט קריעגס־צושטאַנד. די שוואַרצע מאה האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבייט פון צושטערונג און פאַרוויסטונג.

אין פּעטערבורג האָט די רעגירונג נאָך אַלץ מורא געהאַט צו טשעפּען דעם סאָוויעט. ניט ווילענדיג האָט זי מיט׳ן סאָוויעט פאַרהאַנדעלט ווי מיט אַ געזעצליכער אינסטיטוציע. גראַף וויטע האָט געפיהרט פאַרהאַנדלונגען מיט די דעפּוטאַטען פון׳ם סאָוויעט. אַנדערע מיניסטאָרען האָבען גאַנץ אָפט צוריקגערופען זייערע באַפעהלען אויס מורא פאַר׳ן סאָוויעט. און דער סאָוויעט האָט זיך ווירקליך געהאַלטען אַזוי, גלייך ער וואָלט געווען אַ גענעראַלשטאַב פון אַ זיעגרייכער רעוואָלוציע.

אָבער ביסלעכווייז־ביסלעכווייז האָט די רעגירונג באַקומען מעהר מוטה.

דעם 26טען נאָוועמבער האָט מען אַרעסטירט כרוסטאַליאָוו־נאָסאַר׳ן, דעם פּרעזידענט פון׳ם סאָוויעט. דעם 27טען נאָוועמבער האָט דער עקזעקוטיווער קאָמיטעט פון׳ם סאָוויעט באַשלאָסען אַרויסצולאָזען אַן אויפרוף צום פאָלק, אַז מען זאָל דער רעגירונג ניט געבען קיין רעקרוטען אין דער אַרמעע און ניט צאָהלען קיין שטייערען. דעם 2טען דעצעמבער האָט מען אַרויסגעלאָזט דעם אַזוי גערופענעם „פינאַנציעלען מאַניפעסט”, אין וועלכען דאָס פאָלק איז אויפגעפאָדערט געוואָרען ניט צו צאָהלען קיין שטייערען, ניט נעמען קיין פּאַפּיער געלט און אַרויסנעמען זייערע „דעפּאָזיטס” פון די מלוכה־באַנקען. אַכט צייטונגען, וועלכע האָבען דעם מאַניפעסט איבערגעדרוקט, זיינען, אויפ׳ן באַפעהל פון דער רעגירונג, גלייך קאָנפיסקירט געוואָרען. דעם זעלבען טאָג, דעם 2טען דעצעמבער, האָט די רעגירונג אַרויסגעגעבען נייע סטרייק כללים, וואָס האָבען געלויטעט, אַז ס׳איז אַ פאַרברעכען זיך צו באַטייליגען

אין אַ סטרייק „וואָס איז אַ סכנה פאַר דער זיכערקייט פון דער מלוכה און אַן אומגליק פאַר דער געזעלשאַפט".

דערמיט האָט די רעגירונג זיך אָפען פאַרמאָסטען געגען די אַרבייטער. דעם 3טען דעצעמבער האָט דער עקזעקוטיווער קאָמיטעט פון דעם סאָוויעט זיך פאַרזאַמעלט צו באַשפּרעכען די פראַגע וואָס מען זאָל וועגען דעם טאָן. אייניגע מיטגלידער פון דעם קאָמיטעט זיינען געווען דאַפיר, אַז מען זאָל ווידער אַרויסרופען אַ גענעראַל סטרייק איבער'ן גאַנצען לאַנד. מען האָט דאַן גערעדט וועגען דעם, אַז אין דער אַרמעע טומעלט זיך עפּיס, אַז די פויערים בונטעווען זיך און אַז די אַרבייטער זיינען מיט לייב און לעבען פאַר אַ גענעראַל סטרייק. צו קיין באַשלוס איז מען אָבער ניט געקומען. די זיצונג פון דעם עקזעקוטיווען קאָמיטעט איז אונטערבראָכען געוואָרען, ווייל אין מיטען דערינען זיינען סאָלדאַטען אָנגעקומען און האָבען די גאַנצע קאָמיטע אַרעסטירט. דערנאָך האָט מען אַרעסטירט די אַנדערע מיטגליעדער פון'ם סאָוויעט און מען האָט זיי אַלע פאַרשפּאַרט אין די טורמעס.

דער סאָוויעט האָט עקזיסטירט פופציג טעג.

די רעגירונג האָט זיך אַ נעם געטאָן צו איהרע אַלטע מעטאָדען נאָך מיט מעהר רציחה. די פאַרשפּרעכונגען וואָס זי האָט געגעבען אין מאַנאַט אָקטאָבער זיינען געבליבען הענגען אין דער לופטען. די רעאַקציאָנערע צייטונגען זיינען אַרוים מיט לשון. „ווי קענען מיר ערוואַרטען, אַז די געזעלשאַפט זאָל העלפען דער רעגירונג, — האָט די „נאָוואָיע וורעמיא" געפרעגט, — ווען די רעגירונג טהוט אַבסאָלוט גאָרניט. ווען מען איבערצייגט זיך וואָס אַמאָל אַלץ מעהר און מעהר,אַז די רעגירונג טהוט גאָרניט און אַז דאָס איז ביי איהר אַ באַוואוסטזיניגע, פאָרזיכטיג אויסגערעכענטע מעטאָדע?"

די רעגירונג האָט אַרעסטירט די פאָרשטעהער פון די פויערים און די פאָרשטעהער פון די אַרבייטער, און דער „שוואַצע מאה" האָט זי אונטערגעגעבען מוטה צו אַרבייטען. דעם 1טען דעצעמבער האָט דער צאַר אַליין אויפגענומען דעלעגאַציעס פון דריי שוואַרצ־

מאה'דיגע אָרגאַניזאַציעס, און דורך דעם זיי געגעבען זיין קעניג־ליכע סאַנקציע. אין דערזעלבער צייט האָט די רעגירונג ארויס־געשיקט אַ צירקולאַר צו אַלע פּאָליצמייסטערס, און אין דעם ציר־קולאַר איז געשטאַנען, אַז „אַלע פיהרער, אויפהעצער און קעפּ פון פּאָליטישע און אַגראַרישע באַוועגונגען, וועלכע זיינען געגען דער רעגירונג, ווי אויך אַלע אַנדערע פּערזאָנען, וועלכע פיגורירען אַלס דעלעגאַטען, זאָל מען אויסגעפינען און דאַן אַרעסטירען און אַריינ־זעצען אין די טורמעס, וואו מען זאָל זיי דערנאָך באַהאַנדלען אין איינקלאַנג מיט די אָנווייזונגען פון דעם מיניסטער פון אינלענדישע ענינים".

די רעוואָלוציאָנערע כוחות זיינען וואָס אַמאָל שוואַכער גע־וואָרען. און דאָס איז געוועזען איבער דעם וואָס די בונטען אין דער אַרמעע האָבען זיך ניט איינגעגעבען און די סאָלדאַטען זיינען אַלע געבליבען געטריי דער רעגירונג.

ד י א י נ ד ו ס ט ר י ע ל ע ו ו ע ל ט א י ז ג ע ו ו אָ ־ ר ע ן מ י ע ד פ ו ן ד ע ר ר ע ו ו אָ ל ו צ י ע. דער מאַ־ניפעסט פון'ם 17טען אָקטאָבער האָט צופרידענגעשטעלט אַלע איהרע פאַרלאַנגען. די שטענדיגע סטרייקס און די אָפטע אומרוהען האָ־בען אונטערגעגראָבען דעם באָדען פון אינדוסטריע און האַנדעל. אין די זומער מאָנאַטען פון 1905 האָבען די פאַבריקאַנטען געפאָ־דערט, אַז די רעגירונג זאָל איינשטילען די אַרבייטער מיט פּאָלי־טישע רעפאָרמען. און אין די מאָנאַטען נאָוועמבער און דעצעמבער, 1905, זיינען זיי שוין געוועזען גרייט צו העלפען דער רעגירונג מיט אַלע מעגליכקייטען אונטערדריקען די אַרבייטער באַוועגונג. זיי האָט זיך געדוכט, אַז די פאָדערונגען פון די אַרבייטער האָבען גאָר קיין שיעור און קיין ערך ניט, און אַז צו די סטרייקס וועט גאָר קיין סוף ניט נעמען. מיט דער גאַנצער ענערגיע זייערער האָבען זיי באַקעמפפט דעם אַכטשטונדיגען אַרבייטס־טאָג, און אין די מעהרסטע פאַלען האָט זיך עס זיי איינגעגעבען. זיי זיינען גע־וועזען גרייט צו באַקעמפפען די אַלע רעוואָלוציאָנערע מאַניפעס־טאַציעס, ווייל פאַר זיי האָט דאָס געשמעקט מיט אַנאַרכיע, צו־

שטערונג פון אייגענטום, היזק און המון הערשאפט. אין מאנאט נאוועמבער האט די מאסקווער האנדעלס פאלאטע טעלעגראפירט צו גראף וויטע: „האלט זיך פעסט; ברענגט צו אן ערפאלגרייכען ענד די גרינדונג פון דער דומא אויף דעם באזיס פון דעם אקטאבער־מאניפעסט. הערט זיך ניט צו צו די פאדערונגען פון די עקסטרעמע פארטייען.״ אויך אנדערע פאבריקאנטען און סוחרים האבען צו גראף וויטע׳ן צוגעשיקט אזוינע ערמוטיגענדע באגריסונגען. אלעקסאנדער גוטשקאוו, דער פרעזידענט פון דעם צענטראלען קאמיטעט פון דער אקטאבריסטישער פארטיי, האט ערקלערט, אז די רעוואלוציע איז „א צוריקקעהר צו גייסטיגער ווילדקייט און א צושטערענדער גייסט.״ ער האט אויך געזאגט, אז ווען די רעוואלוציע וואלט געזיעגט, אדער ווען ס׳וואלט נאך אמאל געקומען א רעוואלוציאנערער קריזיס, וואלט דאס געבראכט דערצו, אז מען זאל פארליערען די נייע פאליטישע פרייהייט און די אלע זאכען, וואס זיינען איבערגעבליבען פון דעם וואוילשטאנד און פון דער קולטור.״

די פאבריקאנטען, די פינאנציעלע וועלט, האבען געוואלט, אז עס זאל זיין שטיל און אז עס זאל הערשען ארדנונג. דאס וואס די פאליטישע מאכט איז אלץ געבליבען אין די הענט פון דער אלטער רעגירונג, איז פאר זיי ניט געווען וויכטיג. פאר זיי איז געווען בעסער א פעסטע רעגיערונג מיט גראף וויטע בראש איידער האבען צו טאן מיט׳ן סאוויעט פון ארבייטער־דעפוטאטען.

די ליבעראלען, וועלכע זיינען געווען פאראייניגט אין דער קאנסטיטוציאנעל־דעמאקראטישער פארטיי, זיינען אויך געווען דערפאר, אז עס זאל זיין שטיל און רוהיג. אין דער קאנסטיטוציאנעל־דעמאקראטישער פארטיי זיינען דאן געווען א סך מיטגליעדער פון דער זעמסטווא, אויך די געהיימע גרופע „אסוואבאזשדעניע״ און א גאנץ היבשע צאהל פון די מענשען, וועלכע האבען זיך באטייליגט אין דעם „צענטראלען פארבאנד״. אין דער קאנסטיטוציאנעל־דעמאקראטישער פארטיי זיינען געווען העכסט געבילדעטע, געלערנטע, באריהמטע און אנגעזעהענע

מענשען. זיי האָבען טאַקי מיט'ן גאַנצען הארצען ליעב געהאט דעם פרייהייטס אידעאל און געהאסט די אויטאָקראטישע ארדנונג. אָבער אזעלכע זאכען ווי אן אכטשטונדיגען ארבייטס־טאָג און אויך אַנדערע פאָדערונגען וואָס ד ארבייטער האָבען אַרויסגעשטעלט — דאָס איז זיי ניט אָנגעגאנגען. נאָך מעהר, אזוי ווי זיי אליין זיינען אויך געווען פארבונדען מיט דעם שטאָרטישען וואוילהאבענדען קלאס, האָבען זיי זיך גאָר געשראָקען פאר די אלע אונרוהען און סטרייקס, וועלכע זיינען א שטערונג פאר דעם האנדעל און פארקעהר. זיי האָבען זיך אויך געשראָקען פאר די פויערים־בונטען, ווייל א סך פון זיי זיינען אליין געווען פּאָמעישטשיקעס. זיי האָבען בלויז געוואָלט פּאָליטישע פרייהייט און א מאָנארכיע אויף א קאָנסטיטוציאָנעלען באזיס, און עס איז ביי זיי אויסגעקומען, אז דער אָקטאָבער מאַניפעסט דארף באַטראַכט ווערען אַלס אַ גרויסער זיעג, און אַז איצט, אבי מען האָט שוין דעם מאַניפעסט ארויסגעקריגען, דארף מען זיך האַלטען שטיל און רוהיג און זעהן אַוועקשטעלען דאָס לעבען אזוי, אַז עס זאָל מעהר ניט צורודערט ווערען. ביי זיי איז אויסגעקומען, אז די אלע סטרייקס, די אלע אויפרופען זיך צו באַוואפענען און די אלע בונטען צווישען די סאלדאטען, זיינען גאר א סכנה פאר דער רעוואָלוציע.

„צ ו ו י י ס ט ר י י ק ־ ק אָ מ י ט ע ס" — אזוי האָט פּעטער סטרואווע, דער ליבעראַלער רוסישער דענקער, כאַראקטעריזירט די צוויי קעמפּפענדע לאַגערען אין נאָוועמבער־דעצעמבער. „איינע איז א עקסטרעם לינקע, די צווייטע א עקסטרעם רעכטע; צוויי שונאים, צווילינגס, די רעוואָלוציאָנערע ארבייטער און די ביוראָקראַטיע. איינע וויל די אנדערע אומברענגען, און איינע שפּייזט די אנדערע. ביידע שטרעבען צו דיקטאַטור און עס איז פאר זיי אוממעגליך אויסצוקומען איינע מיט די אנדערע."

„און עס איז מיין טיעפע איבערציי‏גונג, — האָט סטרואווע וויי־טער געשריבען, — אַז אזוי שנעל ווי די פארשיעדענע קלאַסען און פּעלקערשאַפטען פון רוסלאנד וועלען קומען צו אַ פארשטענדים

ווענגען א פּראָגראַם דורכצופיהרען, ו ו ע ט ד י ב י ו ר א־ ק ר אַ ט י ע א ר ו נ ט ע ר ג ע ו ו אָ ר פ ע ן ו ו ע ר ע ן א י י נ ס א ו ן צ ו ו י י."

דער הינטערגרונד פון דעם געדאַנק איז געווען, אז דער אל־ טער רעזשים צופאַלט זיך אויף שטיקלאך, ניט איבער דעם וואָס ד י פ י ז י ש ע כ ו ח ו ת ה אָ ב ע ן ז י ך א י ה ם א ו י ס ג ע ל אָ ז ע ן, נאָר איבער דעם וואָס ער האָט זיין מ אָ ר א ל י ש ע ן פּ ר ע ס ט י ז ש פּאַרלאָרען, איבער דעם וואָס ער איז א י נ ו ו ע נ י ג ד ו ר ך א ו ן ד ו ר ך צו־ פוילט; די בעסטע מענשען האָבען דעם אלטען רעזשים פאַרלאָזט און דאָס גאַנצע פאָלק איז געווען געגען איהם. די קאָנסטיטו־ ציאָנעלע־דעמאָקראַטען אליין האָבען צוגעגעבען, אז אלע זיינען אויפגעטראָגען געגען דער רעגיערונג דערפאַר וואָס זי האָט גע־ באַפּט אזא מפּלה. זיי האָבען אויך געזאָגט, אז אויב עס וועלען ערוועהלט ווערען בלויז פּראָגרעסיווע דעפּוטאַטען אין דער דומאַ, וועט די רעגיערונג אויטאָמאַטיש אויפהערען צו עקזיסטירען. „אויב די שומרים פון דער ביוראָקראַטיע ווילען דוקא שיסען, טאָ, לאָמיר מיט אלע מעגליכקייטען זעהן, אז מען זאָל דאַרפען שיסען אויפ'ן טאַווריטשען פּאַלאַץ" (די דומאַ). אזוי האָט פּעטער סטרואַווע געשריבען אין זיין זשורנאַל „פּאָליאַרנאַיאַ זוויעזדאַ". „דאַן וועט אלעס זיין קלאָר. דאָס פאָלק נויטיגט זיך אין אָרדנונג, ווייל בלויז דאַן ווען עס וועט הערשען אָרדנונג וועט דאָס פאָלק איינזעהן ווי עס קען זיך ניט פאַראייניגען מיט דער הערשענדער ביוראָקראַטיע."

וואָס ס'וועט זיין אויב די „שומרים פון דער ביוראַקראַטיע" וועלען טאַקי שיסען און דערנאָך דאָך בלייבען ביים רודער פון דער רעגיערונג, טראָץ דעם וואָס דאָס פאָלק איז אויפגעטראָגען— דאַרויף האָבען די קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטען ניט געענט־ פערט. זיי האָבען נאָך אלץ געגלויבט, אז אבי די רוסישע ביוראָ־ קראַטען וועלען זיך טאַקי באמת איבערצייגען אין דעם, אז דאָס גאַנצע פאָלק איז געגען זיי, וועלען זיי איבערלאָזען סכין מיט מנין

און וועלען זיך אוועק. און עס קען זעהר זיין, אז די קאָנסטיטוציאָנעלע־דעמאָקראטען האָבען גאָר ערוואַרטעט, אז די רעוואָלוציע וועט צווינגען די רעגיערונג צוצוציהען צו דער מאכט די ליבעראַלע פּאַרטייען. דעם 18טען פעברואַר, 1906, האָט מ. איזגאָיעוו בפירוש געשריבען אין דער „פּאָליאַרנאַיא זוויעזדאַ", אז כדי די רעפאָרמען פון אָקטאָבער זאָלען דורכגעפיהרט ווערען איז נויטיג, אז די רעגיערונגס מאכט זאָל איבערגעהן אין די הענט פון א נייעם קלאַס, אין די הענט פון די זעמסטסטוואָ־פּאַרטרעטער.

די קאָנסטיטוציאָנעלע־דעמאָקראטען (קאַדעטען) האָבען פאַר דער רעוואָלוציע קיין מורא ניט געהאַט אזויפיעל ווי די אָקטאָבריסטען. עס האָט זיי גאָר אפשר הנאה געטאָן דאַרויף וואָס ס'איז דאָ א רעוואָלוציאָנערע געפאהר. אָבער זיי זיינען דאָך געווען רוסישע אינטעליגענטען, וועלכע האָבען א שוואכקייט אָנצונעמען א טעאָריע אַלס א פאַקט. און אזוי ווי זיי האָבען זיך געהאַט זייער טעאָריע, וואָס האָט מיט די פאַקטען ניט געשטימט, זיינען זיי געוואָרען די פאַרביסענע קריטיקער פון דער רעוואָלוציע.

די פּראָגרעסיווע כוחות זיינען איבער דעם צושפּאָלטען געוואָרען אין קעמפּפענדע לאַגערען.

די זעמסטוואָס, וועלכע איז געווען דער פעסטונג פון'ם ליבעראַליזם, זיינען פאַר די רעוואָלוציע פאַרלאָרען געוואָרען. די אַפּאַטישע צוריקגעשטאַנענע פּריצים, וועלכע האָבען פריהער ערלויבט זייערע פּראָגרעסיווע שכנים זיך אָפּצוגעבען מיט זעמסטוואָ־אַנגעלעגענהייטען, האָבען זיך, איבער די פּויערים־בונטען, מיט אַמאָל ווי פון שלאָף אויפגעכאַפּט. פאַר זיי איז די רעוואָלוציע ניט געווען קיין קאַמפּף פאַר אידעען און פּרינציפּען; פאַר זיי האָט די רעוואָלוציע באַדייט די צושטערונג פון זייערע גיטער, דעם חורבן פון זייערע הייזער און אַמאָל טאַקי נאָך מעהר ווי דאָס. אין די מאָנאַטען נאָוועמבער און דעצעמבער האָבען זיך די צוריקגעשטאַנענע פאַרשלאָפענע פּריצים א לאָז געטאָן אין די זעמסטוואָס, און ווי זיי זיינען נאָר אהין אריין, האָבען שוין די זעמסטוואָס נאָר אן אנדער

פּנים באַקומען; פון די פּראָגרעסיווע שטרעבונגען איז קיין זכר ניט געבליבען. באַלד האָט מען גענומען ענטזאַגען מאַסען דאָק־טוירים, סטאַטיסטיקער, אַגראָנאָמען און רעדאַקטערע פון צייט־שריפטען, וואָס די זעמסטוואָ האָט אַרויסגעגעבען. מען האָט זיי אָפּגעזאָגט פון די שטעלעס דערפאַר וואָס מען האָט זיי חושד גע־ווען, אַז זיי שטיצען די רעוואָלוציע. אַ סך טעטיגקייטען האָט מען אינגאַנצען אָפּגעשאַפט. דעם ליבעראַלען גייסט האָט מען אינגאַנצען געגעבען דעם דרך. די זעמסטוואָ האָט גאָר אָנגעהויבען שטיצען די רעגירונג.

דער דורכשניטליכער בעל הבית, דער „אָביוואַטעל", ווי מען האָט איהם אין רוסלאַנד גערופען, איז פּשוט מיעד געוואָרען פונ'ם גאַנצען טאַראַראַם. „באַרעכענט נאָר אַליין!" האָט די „נאָוואָיע וורעמיא" געשריבען אין נאָוועמבער. „באַטראַכט נאָר די באַ־דייטונג פון די אַלע רעזאָלוציעס פון די זעצער, בעקער, בליי־אַר־בייטער, אַפּטייקערס, קאָנדוקטאָרען, פּריקאַזשטשיקעס, דיענס־טען און זאָגאַר דאָקטוירים. עס קען נאָך קומען אַ צייט, אַז ווען איהר וועט רופען אַ דאָקטאָר צו אייער קינד, וואָס ליידעט פון דיפטעריע, וועלען טויזענט דאָקטוירים ציהען מיט די אַקסלען און ניט אָנשרייבען קיין רעצעפּט ביז מען וועט אין פּעטערבורג ניט איינפיהרען קיין אַלגעמיינע, גלייכע שטימרעכט. עס קען נאָך קומען אַ צייט ווען מילנערס וועלען צושליסען די מיהלען ביז מען וועט ניט איינפיהרען קיין פּרעסע־פרייהייט, און וואַלד־סוחרים וועלען קיין געהילץ ניט וועלען פאַרקויפען ביז מען וועט זיי ניט ערוועהלען אַלס דעפּוטאַטען אין פּאַרלאַמענט. אין איין שעהנעם פריהמאָרגען וועט איהר ניט האָבען קיין זעמעל צו דער קאַפע, קיין וואַסער זיך אָפּצוואַשען, איבער דעם וואָס ערגיץ האָבען זיך צוויי פּאָליטישע פּלאַטפאָרמעס צונויפגעשטויסען און אַמפּערען זיך. די דיענסטען וועלען אייך מעהר די שיך ניט וועלען פּוצען, איבער דעם וואָס ערגיץ אין אַ פּאַרוואָרפען שטעדטעל האָט אַ פּריסטאַוו געוואָרפען דער דיענסט אַ שטיוועל אין קאָפּ אַריין. פּראָוויזאָר און ענטזאָגט פון דער שטעלע אַ שכור'ען קוימענקעהרער,

און דער גאנצער פאראיין פון קוימענקעהרער פון לאפּלאנד ביז הררט וועט ארויס אין סטרייק.״

אין אַט די שורות ווערט אויסגעדריקט די שטימונג פון דעם מיטעלקלאס.

אָנפאנג דעצעמבער איז די ארבייטער־באוועגונג פאקטיש געבליבען א י י נ ע אַ ל י י ן א י ן פ ע ל ד. דערצו האָט מען נאָך געמאַכט פעהלערען אויך. די פיהרער פון דער ארבייטער־באוועגונג זיינען מעהרסטענטיילס געווען אינטעליגענטען, וועלכע זיינען געווען ווייט פון דער ווירקליכקייט. דער סאָוויעט פון ארבייטער־דעפּוטאטען האָט געגלויבט, אז ער איז דער אָנפיהרער, אָבער אין דער אמת'ן איז ער געווען ניט מעהר ווי א שטיקעל געצייג אין די הענט פון די מאַסען, אויסדריקענדיג זייער שטימונג און זייערע פארלאנגען. די אנדערע רעוואָלוציאָנערע אָרגאניזאציעס, די סאָציאל־דעמאָקראטען און די סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען, האָבען אויך ניט געהאַט קיין קלאָרע פארשטעלונג וועגען דער צוקונפט. חוץ דעם האָבען זיי ניט געהאט אזאַ דעה ווי דער סאָוויעט, כאָטש דער איינפלוס פון זייערע אידעען איז געווען זעהר גרויס. אי דער סאָוויעט, אי די סאָציאליסטען האָבען איבערגעשעצט די מאַכט פון די ארבייטער. צווישען די סאָציאליסטען זיינען געווען אזעלכע, וואָס האָבען געגלויבט, אַז מען קען אין רוסלאנד גלייך אַיינפיהרען דעם סאָציאליזם. די אָנהענגער פון אַט דער אידעע האָבען גע'טענה'עט, אז אין רוסלאנד זיינען אלע אַנדערע קלאסען שוואך, ניט אָרגאניזירט, אז דער איינציגער שטארקער און אקטיווער קלאס איז דער פּראלעטאריאט, און אז ווען מען וועט באַזיעגען די „סאַמאָדערזשאַוויע״, וועט די מאַכט מוזען אריינפאלען אין די הענט פון די ארבייטער, וועלכע וועלען צוזאמען מיט די פּויערים גלייך אָפּשאַפען פּריוואט אייגענטום*)

און עס איז געווען נאַטירליך, אז מען זאָל ניט האָבען קיין

---

*) ל. טראצקי, „אונזער רעוואָלוציע.״

קלאָרע פאַרשטעלונג וועגען דער צוקונפט. די פיהרער פון דער אַרבייטער־באַוועגונג האָבען געזעהן ווי אַ גאַנץ יאָהר נאָכאַנאַנד וואַרפט זיך די כוואַליע פון סטרייקס אַלץ העכער און העכער. זיי האָבען געזעהן ווי די מאַסען ווייזען אַרויס אַ רעוואָלוציאָנערען גייסט אין זייערע האַנדלונגען. זיי האָבען געזעהן ווי די רעגיערונג ווערט איזאָלירט אויף אַ ווייל. און זיי האָבען דאַריבער געגלויבט, אַז דער גרויסער קאַמף קען פאַרטגעזעצט ווערען אין דעם זעלבען גייסט. מיט דעם גלויבען האָבען זיי גערופען די אַרבייטער צו אַ באַוואַפענטען אויפשטאַנד און זיך אונטערגענומען אַליין עס דורכצופיהרען.

זיי זיינען אָבער דורכגעפאַלען.

צו דער גרויסער באַוועגונג פון 1905, די באַוועגונג וואָס האָט זיך דערהויבען ביז'ן גרויסען אָקטאָבער סטרייק, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט איבער'ן גאַנצען לאַנד און איז, מחמת פיעלע טעמים, געשטיצט געוואָרען פון אַלע גרופען און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, איז געקומען אַ סוף. די רעוואָלוציע איז געווען טויט, כאָטש זי האָט זיך נאָך געצאַפּעלט.

## 15טער קאַפּיטעל.

# דער דריטער אַקט: מאָסקווא אין פלאַמען.

די רעוואָלוציאָנערע ארבייטער האָבען באשלאָסען צו פאר־פיהרען אן ענטשיידענדע שלאַכט מיט דער „סאַמאָדערזשאַוויע".

דער פּעטערבורגער ארבייטער־קאָמיטעט, וואָס איז ער־וועהלט געוואָרען נאָכדעם ווי מען האָט דעם 3טען דעצעמבער ארעסטירט דעם עקזעקוטיווען קאָמיטעט, האָט באשלאָסען ארויס־צורופען א גענעראַל סטרייק. די יוניאָן פון פּעטערבורגער אייזענבאהן־ארבייטער איז אויך צוגעשטאַנען דערצו. גלייך האָט מען ארויסגעלאָזט אן אויפרוף צום פאָלק. דער מאָסקווער סאָוויעט פון ארבייטער־דעפּוטאַטען האָט דעם באשלוס געשטיצט. א קאָנפערענץ, אויף וועלכער עס זיינען געוועזען פארטרעטען די ארבייטער פון ניין און צוואַנציג אייזענבאַן־ליניעס, האָט ארויס־געלאָזט דעם אויפרוף צו סטרייקען. קיין ספּעציעלע פּארבע־רייטונגען האָט מען דערצו ניט געמאַכט. עס איז אפילו ניט גע־ווען קיין צענטראַלע קערפּערשאַפט וואָס זאָל דעם סטרייק אָנ־פיהרען. מען האָט אפילו ניט באשטימט קיין צייט ווען דער גענעראַל סטרייק זאָל זיך ענדיגען. דער סאָוויעט פון ארבייטער דעפּוטאַטען האָט גערעכנט, אז דער סטרייק וועט זיך מוזען פאר־וואנדלען אין א באוואפענטען אויפשטאַנד. אין דעם בולעטין וואָס דער סאָוויעט האָט ארויסגעגעבען, איז געשטאַנען אזוי:

„דער מאָסקווער ארבייטער־סאָוויעט האָט ערקלערט אן אלגעמיי־נעם פּאָליטישען סטרייק, וואָס זאָל זיך אָנהויבען מיטוואָך, דעם 7טען דעצעמבער; דער ציעל דערפון איז צו ברענגען צו א באוואפענטען אויפשטאַנד."

די רעוואָלוציע האָט קיין געוועהר ניט געהאַט. די רע־גיערונג ווייעדער איז געווען באַוואַפענט פונ׳ם קאָפּ ביז׳ן די פיס. די רעוואָלוציע האָט זיך ניט באַוואָרענט מיט די אַלע נויטיגע זאַכען, וואָס מען דאַרף האָבען אין אַזא פאַל. די רעגיערונג וויע־דער האָט זיך מיט אַלעם באַוואָרענט. דאָך האָט זיך דערנאָך ספּעציעל אין מאָסקווא, ארויסגעוויזען, אַז דער פּלאַן צו מאַכען אַ באַוואַפענטען אויפשטאַנד איז ניט געווען בלויז אַ חלום.

איבער אַ וואָך צייט האָט אין מאָסקווא אָנגעהאַלטען דער באַוואַפענטער אויפשטאַנד. ניט נאָר די רעוואָלוציאָנערען, נאָר אויך אַנדערע מענשען, איינוואוינער פון שטאָדט, האָבען געמאַכט הונדערטער באַריקאַדעס פאַר די רעוואָלוציאָנערען. פון אַ סך הייזער האָט מען געמאַכט באַוואַפענטע רעוואָלוציאָנערע פּאָס־טען; פון די דעכער האָט מען געוואָרפען באָמבעס אויף די סאָל־דאַטען; פון די פענסטער האָט מען זאַלפּענווייז געפייערט אויף דעם מיליטער. אין איינינע פלעצער האָט מען די סאָלדאַטען פון אַלע זייטען ארומגערינגעלט און צוגענומען ביי זיי דאָס געוועהר; אין אַ סך פלעצער האָט מען די סאָלדאַטען אַזוי צוקלאַפּט, אַז זיי האָבען געמוזט אַנטלויפען. עטליכע טעג און עטליכע נעכט נאָכ־אַנאַנד איז די גרויסע שטאָדט געווען אַ שלאַכטפעלד. ווען די סאָלדאַטען האָבען געזעהן, אַז מיט ביקסען קענען זיי זיך מיט די רעוואָלוציאָנערען ניט ספּראַווען, האָבען זיי געבראַכט אַרטי־לעריע. מיט פּולימיאָטען און האַרמאַטען האָט מען געהאַלטען אין איין שיסען איבער די גאַסען פון דער שטאָדט. מען האָט באָמבאַרדירט און אונטערגעצונדען הייזער, וואו רעוואָלוציאָנע־רען האָבען זיך באַהאַלטען. אַלע געגענדען פון דער שטאָדט זיי־נען צושטערט געוואָרען פון די קוילען. 1,059 בירגער זיינען דאַן אין די שלאַכטען געפאַלען. אויך 35 סאָלדאַטען זיינען דער־הרג׳עט געוואָרען. פאַרוואונדעטע זיינען געווען אָהן אַ צאָהל.

אויך אין אַ סך אַנדערע שטעדט זיינען פאָרגעקומען אַזעלכע באַוואַפענטע אויפשטאַנדען. די שטאָדט ניקאָלאַיעוו איז עטליכע טעג נאָכאַנאַנד געווען אין די הענט פון אַ באַוואַפענטער בירגער־

מיליץ. אין נאָוואָראָסעיסק איז דער סאָוויעט פון ארבייטער־דעפוטאַטען א שטיק צייט געוועזן די איינציגע ארגאניזירטע מאַכט. אין פּיאַטיגאָרסק האָט א בירגער־קאָמיטעט, ערמוטיגט דערפון וואָס די סאָלדאטען האָבען זיך ניט אריינגעמישט, איבער־גענומען אין זיינע הענט די רעגיערונגס איינגעלעגענהייטען; ביי דער פּאָליציי האָט מען צוגענומען דאָס געוועהר און זי אוועקגע־שיקט און די סאָלדאטען האָבען אליין דאָס געוועהר אוועקגעגע־בען דעם פאָלק. אונטער דער רויטער פאָהן האָט די באוואפענ־טע מיליץ אָנגעהאלטען די ארדנונג אין שטאָדט. עהנליכעס איז פאָרגעקומען אין געאָרגיעווסק, וולאַדיקאַווקאַז, קוטאַאס, באַטום, סאָטשי און אין א סך אנדערע קאַווקאַזער שטעדט. אינ׳ם דאָ־נעצער געגענד, ביי די יעקאַטערינאסלאַוו־לינעס, האָבען די ארבייטער געמאכט באוואַפענטע לאַגערען, באַריקאדירט די סטאַנציעס, כדי מען זאָל קיין סאָלדאטען ניט קענען ברענגען, און אין איניגע פּלעצער האָבען זיי באַלאַגערט די קאַזארמעס און געצוואונגען די סאָלדאטען זיך אונטערצוגעבען.

אין ראָסטאָוו ־ ביים דאָן זיינען עטליכע טעג פארגעקומען בלוטיגע שלאַכטען צווישען די רעוואָלוציאָנערען און די סאלדא־טען. די רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך באַנוצט מיט דינאַמיט, באָמבעס און רעוואָלווערען, און די סאָלדאטען האָבען געשאָסען פון פּולעמיאָטען און הארמאטען. באַזונדערס ביטער איז געווען די שלאַכט אין איינעם פון די ראָסטאָווער פאָרשטאַדטען, וואו ס׳האָבען געוואוינט ארבייטער. כמעט דאָס זעלבע איז פאָרגע־קומען אין סאָרמאָווא, מאָטאָווילִיטשי און אנדערע שטעדט. די באַלטישע פּראָווינץ, וואו די לעטישע ארבייטער אין די שטעדט און אויך אין די דערפער זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט אן ענטשלאָסענעם רעוואָלוציאָנערען גייסט, איז אין איין גרויסען שלאַכטפעלד פארוואונדעלט געווארען. דאָרטען האָט זיך געטור־מעלט אי אין די שטעדט, אי אין די דערפער; אין די שטעדט זיינען פאָרגעקומען בונטען, איבערקעהרענישען, און אין די דער־פער האָבען די רעוואָלוציאָנערע פויערים אַטאַקירט די גיטער און

די פּאָלאַצען פון די דייטשע באַראָנען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז די לעטען זיינען אַ שטאַרק אָרגאַניזירטע און גוט דיסציפּלינירטע רעוואָלוציאָנערע אַרמעע מיט זעלטען גוטע שיסער. רעוואָלוציאָנערע איבערקערעניש זיינען אויך פאָרגעקומען אויף דער סיבירער אייזענבאַהן ליניע.

אויך אין די אַנדערע געגענדען פון לאַנד איז דער דעצעמבער סטרייק ניט געווען שוואַכער. בלויז אין פּעטערבורג איז ער געווען שוואַך. אין אַלע אַנדערע אינדוסטריעלע צענטרען האָבען זיך די אַרבייטער אָפּגערופען און אָוועקגעוואָרפען די אַרבייט אַזוי שנעל ווי דער באַפעהל איז אַרויסגעגעבען געוואָרען. אַ גאַנץ היבשע צאָהל אַרבייטער פון די אייזענבאַהן ליניעס זיינען אויך אַרויס אין סטרייק.

מיט זיין גרויס האָט זיך דער גענעראַל סטרייק פון דעצעמבער ניט געהאַט וואָס צו שעהמען זיך פאַר דעם גענעראַל סטרייק פון אָקטאָבער. שוין אָפּגערעדט פון דעם ים רעוואָלוציאָנערע ענערגיע מיט וואָס דער סטרייק פון דעצעמבער האָט אַ שפּריץ געטאָן מיט אַזאַ מערקווירדיגער מאַכט. אין דעם פּרט האָט ער אַ סך איבערגעשטיגען דעם פריהערדיגען גענעראַל סטרייק. און דאָך איז ער געווען אַ דורכפאַל. עס האָט אין איהם געפעהלט די איבעררושונג פון דעם אָקטאָבער סטרייק. עס האָט איהם אויך געפעהלט די שטיצע פון די אַלע אַנדערע פּראָגרעסיווע גרופּען. און חוץ דעם האָט זיך שוין די רעגיערונג אין יענער צייט מעהר געקענט פאַרלאָזען אויף איהרע כוחות.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און מען האָט דעם סטרייק אין אַלע שטעדט אונטערדריקט מיט דער מיליטערישער מאַכט.

אין יענער צייט האָבען די פּויערים אין די דערפער זיך נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט צו בונטעווען. די בונטען זיינען טאַקי געווען ניט קיין אָרגאַניזירטע, אָבער אין אייניגע דערפער האָבען די פּויערים אַרויסגעוויזען סימנים פון פּאָליטישער פאַרשטענדניס און אַ נייגונג צו קאָנצענטרירטער טעטיגקייט. אין די מעהרסטע פאַלען, אָבער, האָבען זיי אויסגעדריקט זייער אומצופריע-

דענהייט דערמיט וואָס זיי האָבען גע'ממית'ט די פּריצים, און־טערגעצונדען זייערע פּאַלאַצען און צוראַבעוועט זייער פּאַרמעגען. אין פּאַרלויף פון'ם אָסיען, אין 1905, האָבען זיי אין בלויז נייג־צעהן גובערניעס חרוב געמאַכט 2,000 אימעניעס, וועלכע האָבען באַטראָפען 29 מיליאָן רובעל. די פּאָמיעשטשיקעס זיינען זיך צולאָפען איבער די שטעדט, מיט טויטע קללות האָבען זיי די רע־וואָלוציאָנערע באַוועגונג אַנגעשאָלטען. זיי האָבען געפאָדערט, אַז די רעגיערונג זאָל דאָס ניט פאַרשווייגען.

דאַן האָט זיך אָנגעהויבען דער שרעקליכסטער קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציע — דער קאַפּיטעל פון נקמה. דאָס לאַנד איז איינגעהילט געוואָרען אין אַ בלוטיגען טומאַן. אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג האָט מען אַ פּחד אַרויפ־געוואָרפען. די שנאה, די אַכזריות און דער לוסט נאָך נקמה האָט מענשליכע באַשעפענישען אין ווילדע חיות פאַרוואַנדעלט. די רעגיערונג האָט אויף זיך גענומען ברוטאַל צו באַשטראָפען איהרע שונאים איינמאָל פאַר אַלע מאָל. דאָס לאַנד איז דאַן געוועזען פול מיט רעוואָלוציאָנערען און ראַדיקאַלען, וועלכע האָבען פון נאָך'ן 17טען אָקטאָבער אָן געאַרבייט פראַנק און פריי. די באַשטראָ־פונגס־אַרבייט איז געווען אַ ריעזיגע.

אָהן שום טענות ומענות האָט מען גענומען אַרעסטירען מענ־שען רעכטס און לינקס. מען האָט אַרעסטירט אַזעלכע וואָס האָבען באַלאַנגט צו רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס; מען האָט פאַרשפּאַרט אין די טורמעס אַזעלכע וואָס האָבען געהאַלטען רעדעס אויף פאַר־זאַמלונגען אָדער אָנגעפיהרט דעמאָנסטראַציעס אין די „פרייהייטס־טעג"; מען האָט אַריינגעזעצט אין געפענגנים די מיטגליעדער פון די סטרייק־קאָמיטעטען און די אַלע מענשען, וועלכע זיינען אמאָל גע־ווען דעלעגאַטען אויף אַ קאָנפערענץ, אויף אַ צוזאַמענפאָהר, אָדער אין אַ סאָוויעט פון אַרבייטער, פון פויערים, פון דאָקטוירים און אַדוואָקאַטען, פון אייזענבאַהן־אָנגעשטעלטע; מען האָט פאַרשפּאַרט אין די טורמעס שרייבער, זשורנאַליסטען, רעדאַקטערע פון צייטונ־גען, פרעדיגער, סאָלדאַטען, אָפיצערען. אויף וועמען עס איז נור גע־

פּאַלען אַ מינדסטער חשד, אַז ער העלפט אַרויס, אָדער אַז ער האָט אַמאָל אַרויסגעהאָלפען דעם „שונא", האָט די רעגיערונג גלייך אַרע־סטירט און אַריינגעזעצט אין טורמע. אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט זיינען די טורמעס געוואָרען אַזוי אָנגעפּאַקט, אַז עס איז דאָר־טען ניט געווען וואו אַ נאָדעל דורכצושטעקן; צעהנדליגער טויזענ־טער מענשען האָט מען פאַרשיקט קיין סיביר; צעהנדליגער הייזער האָט מען געדונגען און פון זיי טורמעס געמאַכט. איבער'ן גאַנצען לאַנד האָט מען איינגעפיהרט קריעגס־געריכטען צו משפּט'ען די „שונאים", און דער אורטייל איז אַלע מאָל געווען טויט, טויט, טויט.

יעדער טשינאָווניק, יעדער נאַטשאַלניק האָט געפיהלט ווי זיך נוקם צו זיין ברוטאַל אין די רעוואָלוציאָנערען. פּסיכאָלאָגיש האָט דאָס געמוזט זיין אַזוי, ווייל יעדער טשינאָווניק און יעדער נאַ־טשאַלניק האָט באַטראַכט די רעוואָלוציאָנערען אַלס זיינע פּערזענ־ליכע שונאים. אַ גאַנץ יאָהר נאָכאַנאַנד איז אויסגעקומען אַזוי, אַז יעדער אַדמיניסטראַטאָר, סאַי גרויס און סאַי קליין, האָט גע־האַלטען די נשמה אין דער זשמעניע און אַלץ מורא געהאַט, אַז אַ רעוואָלוציאָנער זאָל נאָך אויף איהם קיין באָמבע ניט וואַרפען. אין פאַרלויף פון דעם יאָהר זיינען דער'הרג'עט געוואָרען צעהנדליגער גענעראַלען, פּאָליצמייסטערס, זשאַנדאַרמסקע אָפיצערען און אַנ־דערע באַקאַנטע בעאַמטע; טויזענטער נאַדזיראַטעלס און פּריס־טאַווס זיינען אַטאַקירט געוואָרען און דער'הרג'עט געוואָרען אין די גאַסען. די זיילען פון'ם אַלטען רעזשים זיינען כמעט אַלע גע־ווען פאַר'משפּט צום טויט. און אַלע מאָל ווען די רעוואָלוציאָנע־רען האָבען אַזאַ טויט אורטייל דורכגעפיהרט און אַוועקגעלעגט אַ קאָפּ פון איינעם פון די זיילען, איז אויף די איבעריגע, סאַי גרויסע און סאַי קליינע, אַ פּחד אַרויפגעפאַלען.

דער גיפטיגער האַס וואָס די רוסישע טשינאָווניקעס און נאַ־טשאַלניקעס האָבען געפיהלט צו די רעוואָלוציאָנערען, האָט געהאַט נאָך אַן אורזאַכע. מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז אין די מאָנאַטען אָקטאָבער און נאָוועמבער האָט זיך די מאַכט עפּעס ווי אַרויסגע־גליטשט פון זייערע הענט, און זיי, די רוסישע טשינאָווניקעס,

וועלכע האָבען אריינגעזאָפּט אין זיך דעם גלויבען, אז וועלכע ניט איז סאָציאַלע באוועגונג איז א „בונט", האָבען מיט זייערע אייגענע אויגען געמוזט צוקוקען ווי רעוואָלוציאָנערע מאסען מארשירען איבער די גאסען מיט רויטע פאָהנען, שטעלען אָפּ די.ם פּארקעהר, שליסען צו מאגאזינען, עפענען אויף טורמעס, האלטען אָן פאר־זאמלונגען און האָבען זאָגאר אמאָל די „חוצפה" צוצונעמען דאָס געוועהר ביי דער פּאָליציי. זיי, די רוסישע טשינאָווניקעס האָבען דאָס געדארפט צוזעהן — און שווייגען. און דאָס איז געווען איבער זייערע כוחות. מיר אליין איז אמאָל אויסגעקומען איבערצולעבען אזא זאך: נאָכדעם ווי איך האָב זיך א יאָהר צייט אויסבעהאלטען פאר די זשאנדארען, האָב איך אין אָקטאָבער, 1905, אזוי וואזשנע אריינגעשפּאנט צו דעם זשאנדארמסקע אָפּיצער, וועלכער האָט גע־האַט דעם אויפזוכט אויף מיין פּראָצעס, און אזוי שטאָלץ, ווי די גאנצע וועלט וואָלט געווען מיינע, געפאָדערט, אז ער זאָל מיר אָפּ־געבען מיינע פּאפּירען. ער האָט דאן אויף מיר א קוק געטאָן מיט גאַל, מיט שנאה; עס איז געווען קענטיג, אז ווען מען לאָזט איהם נור, וואָלט ער מיך א לעבעדיגען איינגעשלונגען. אָבער ער האָט מיר גאָר ניט געקענט טאָן, ווייל די קלאָגע געגען מיר איז שוין דאן געווען בטול. קריצענדיג מיט די צייהן פאר כעס האָט ער מיר מיינע פּאפּירען אָפּגעגעבען. און מיט א פּאָר וואָכען שפּעטער, ווען איך בין ווידער אריינגעפאלען צו דעם זעלבען זשאנדארמסקי אָפּי־צער, האָט ער זיך מיט מיר אָפּגערעכענט דערפאר וואָס איך האָב דאן אזוי וואזשנע אריינגעשפּאנט צו איהם. ער האָט דאָס ניט געקענט פארגעסען.

אָט דער גייסט פון פּערזענליכער נקמה האָט זיך אויסגע־דריקט אין דער ארבייט פון די שטראָף־עקספּעדיציעס, וואָס די רעגיערונג האָט איינגעפיהרט נאָך דעם דעצעמבער אויפשטאנד. די קריעגס־געריכטען זיינען געווען פול מיט נקמה. די אדמיניס־טראטיווע געריכטען האָבען זיך ניט געקימערט צו מאכען אַן אונ־טערשיעד צווישען שולדיגע און אונשולדיגע. מאסען מענשען האָט מען ארעסטירט „גלאט אזוי", זיי זאָלען דערווייל זיצען אין

טורמע „ביז מען וועט אויסגעפינען פאר וואס מען האט זיי ארעס־טירט". צווישען אקטאבער, 1905 און אפריל, 1906, האט די רע־גיערונג, מעהרסטענטיילס אהן א משפט, ארייגעזעצט אין די טור־מעס און פארשיקט קיין סיביר זיבעציג טויזענד מענשען.*) עס איז כמעט ניט אוועק קיין איין פריהמארגען, אז מען זאל ניט אויפהענגען עטליכע מענשען — מענער, פרויען און אינגלאך. עס איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז די צייטונגען האבען איינגעפיהרט א שטענדיגע אפטיילונג וועגען דער צאהל היני־געריכטעטע.

גאר מערדעריליך זיינען געווען די שטראף־עקספעדיציעס; אין פארגלייך מיט זיי זיינען אפילו די קריעגס געריכטען געווען מילד. אונטער דער קאמאנדע פון א גענעראל אדער פון א פאלקאווניק האט מען געשיקט סאלדאטען צו באשטראפען די באפעלקערונג פון די געגענדען, וואו די רעוואלוציאנערע אויסברוכען אדער די פויערים־בונטען זיינען געווען אמשטארקסטען.

פון פעטערבורג האט מען אונטער דער קאמאנדע פון פאל־קאווניק ריעמאן, ארויסגעשיקט סאלדאטען צו באשטראפען די בא־פעלקערונג אין דעם געגענד וואס געפינט זיך אויף דער מאסקווא־קאזאנער אייזענבאהן־ליניע. אנגעזאגט האט מען איהם, אז ער זאל „ניט נעמען קיין געפאנגענע און ניט ארויסווייזען קיין רחמנות." און פאלקאווניק ריעמאן האט דעם באפעהל דורכגע־פיהרט. פון איין סטאנציע צו דער צווייטער איז ער מיט זיינע סאלדאטען געפאהרען, אהן א משפט דער'הרג'ט די נאטשאלניקעס פון די סטאנציעס, געשאסען אויף מענשען, וועלכע זיינען גראדע אויף דער פלאטפארמע פון דער סטאנציע געשטאנען, זיך אריינ־געריסען אין הייזער און אויף טויט דערשאסען פריעדליכע בירגער. געהייסען האט עס, אז ריעמאן געהט דאס באשטראפען און אויס־ראטען די באוואפענטע בונטאווטשיקעס און סטרייק פיהרער,

*) וו. אבינסקי, „א האלב יאהר רוסישע רעוואלוציע", זייט 132.

אָבער יענע זייבען דוקא באַצייטענס אַנטלאָפען און געליטען האָבען גראָד די אומשולדיגע.

דאָ האָט איהר אַ פּאָר סצענעס, באַשריבען פון איינעם, וועל־כער האָט אַליין אונטערזוכט די אַלע מעשים תעתועים פון דער בלוטיגער שטראָף־עקספּעדיציע:

„אַ האַלבע מייל פון דער סטאַנציע פּעראָוואָ האָבען די סאָל־דאַטען אָנגעטראָפען אויף די רעלסען אַ סך פּויערים, וועלכע האָבען אויסגעגרוזעט סחורה פון אַ פראַכט וואַגאָן. די פּויערים האָבען זיך אויף דעם אָנקומענדען צוג אפילו ניט אומגעקוקט. עס איז אמת, אַז אין פּעראָוואָ האָט מען זיי אפילו געוואָרענט, אַז קאָזאַקען זועלען קומען, אָבער זיי האָבען אין דעם ניט געגלויבט. וואָס עפּיס גאָר קאָזאַקען אין מיטען דערינען? ווער דאַרף זיי איצט?

„אָבער די גוטע שטימונג זייערע איז באַלד צושטערט געוואָ־רען ווען מען האָט מיט אַמאָל אָנגעהויבען שיסען אויף זיי דורך די פענסטער פון די וואַגאָנען. פערד און מענשען זיינען אין טיי־כען בלוט געפאַלען. דער שנעע איז געוואָרען רויט.

„די שיסעריי איז געווען אַ שרעקליכע; די סאָלדאַטען זיינען אַרויסגעשפּרונגען פון די וואַגאָנען, זיך געלאָזט לויפען איבער די רעלסען, שיסענדיג אין אַלע זייטען אויף די פּויערים, וועלכע זיי־נען זיך אין איינע שרעק צולאָפען. עטליכע פּויערים האָבען גענו־מען לויפען לינקס, מיט דער האָפנונג צוצוקומען צו אַ נאָהענטען וועלדעל, אָבער זייער האָפנונג איז געווען אומזיסט. די קוילען האָ־בען זיי אויפ'ן וועג געטראָפען און זיי זיינען געפאַלען אין בלוט. בלויז אַ פּאָר האָט זיך איינגעגעבען אריינצולויפען אין וואַלד אריין און זיך ראַטעווען. דער'הרג'עט געוואָרען זיינען דאָן צווישען 53 און 57 פּויערים.

„ווען די עקספּעדיציע איז אָנגעקומען צו דער סטאַנציע, איז אויפ'ן פּלאַטפאָרם געשטאַנען מ. אָרלאָווסקי, דער אַסיסטענט פון דעם סטאַנציע־נאַטשאַלניק. ווען ער האָט דערזעהן ווי די סאָל־דאַטען הויבען אָן בעל־הבית'עווען און טרייבען אַלעמען אַוועק, איז ער אויך אַוועק אַהיים צו זיין פרו. אין דער היים איז ער געווען

א פופצעהן מינוט און דערנאך איז ער ווידער אוועק צו דער סטאנ־ציע. מיט א טאג שפעטער האט מען דער יונגער אלמנה צוגעשיקט דעם טויטען קערפער פון איהר מאן. דער טויטער קערפער איז געווען אזוי צוקאליעטשעט, אז ס'איז אוממעגליך געווען איהם צו דערקענען.

„זיין פנים איז געווען צושטאכען, די אויגען אויסגערונען, די באקען און די נאז האבען אויסגעקוקט ווי א פארבלוטיגט שטיק פלייש.

„ווי ארלאווסקי איז נור צוגעגאנגען צום וואקזאל, האט פאל־קאווניק ריעמאן ארויסגעגעבען א באפעהל, אז מען זאל איהם שי־סען. עטליכע קוילען האט מען אין איהם אריינגעשאסען. ווען ער איז אומגעפאלען האט ער נאך געלעבט. דאן האט מען מיט די שפיעזען פון די ביקסען איהם איינגאנצען צושטאכען, ביז ער האט די נשמה אויסגעהויכט. זיין צושטאכענעם טויטען קערפער האט מען אין וואגאן אריינגעווארפען, און ערשט מיט א טאג שפעטער האט מען דער יונגער אלמנה דעם טויטען קערפער געבראכט.

„גלייך נאכדעם ווי מען האט אויף אזא ברוטאלען אופן דער־הרג'עט ארלאווסקי'ן, האט פאלקאווניק ריעמאן באגעגענט לאריא־נאוו'ן, דעם צווייטען געהילף פון דעם סטאנציע־נאטשאלניק.

„איז אייער נאמען לאריאנאוו?" — האט פאלקאווניק ריע־מאן געפרעגט.

„יא.

„קומט אריין צו מיר אין צימער.

„מיט עטליכע מינוטען שפעטער זיינען זיי ביידע פון'ם צי־מער ארויס. דער פאלקאווניק האט דאן אויפ'ן קול ארויסגעגעבען א באפעהל:

„געהט מיר נאך!

„מיט עטליכע שפאן ווייטער זיינען געשטאנען פיער סאלדא־טען. דאס איז געווען לעבען א לייטער.

„שטעכט איהם!" — האט ריעמאן מיט כעס אויסגעשריען.

„ווי מען האט איהם נור דאס ערשטע מאל מיט'ן שפיעז פון

דער ביקס דערלאַנגט, איז ער אומגעפאַלען אויף דער ערד. ער האָט זיך רחמנות'דיג גענומען בעטען, אַז מען זאָל איהם ניט דער'הרג'ענען. אָבער קיינער האָט זיין געבעט ניט געהערט, און מען האָט איהם ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל מיט די שפּיעזען געשטאָכען און געשלאָגען. ווען ער איז שוין געווען טויט, האָט ריעמאַן אַליין ערשט אַריינגעשאָסען אַ קויל אין זיין טויטען קערפּער."

דערזעלבער פּאָלקאָווניק ריעמאַן איז אַריינגעקומען אין אַ הויז, וואו עס האָט געוואוינט אַן אַלטיטשקע פרוי. ער איז אַהין אַריין זוכען איהרע צוויי זיהן. ווי ער איז נור אין הויז אַריינגעקומען, האָט ער אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער און געזאָגט צו דער אַלטיטשקער אַזוי:

„באַבושקא, געה אַוועק אין אַ זייט".

די אַלטיטשקע האָט ניט געוואָלט אַוועק אין א זייט, האָט ער זי מיט דער לינקער האנד זי אַוועקגערוקט, און מיט דער רעכטער האָט ער אויסגעשאָסען אויף איינעם פון איהרע זיהן, וועלכער איז גלייך אומגעפאַלען א טויטער אויף דער ערד. דער איינגעל איז געווען גאָט די נשמה שולדיג. ער האָט מיט דער רעוואָלוציע גאָר ניט געהאט צו טאָן, סיידען אפשר דאָס וואָס ער האָט אויסגעדריקט זיין סימפּאַטי מיט די סטרייקער.*)

און פּאָלקאָווניק ריעמאַן איז ניט געווען קיין אויסנאַם. די שטראָף־עקספּעדיציעס אין רוסלאנד זיינען ניט געווען אונטערוואַרפען קיין קאָנטראָל, איבער זיי האָט דאָס געזעץ קיין שליטה ניט געהאט, און זיי האָבען זיך אין רוסלאנד אויפגעפיהרט א סך ערגער ווי אַ פיינדליכע ארמיי וואָס רייסט זיך מיט רציחה אריין אין לאַנד. זייער כלל איז געווען: „ניט נעמען קיין געפאנגענע און ניט אַרויסווייזען קיין רחמנות". גענעראל באוער, דער הויפּט פון דער שטראָף־עקספּעדיציע אין איינעם פון די קאַווקאַזער גע־

*) וו. וולאַדימיראָוו, „די שטראָף־עקספּעדיציע פון דעם סעמיאָנאָווסקע פּאָלק אויף דער מאָסקווא־קאַזאַנער אייזענבאַן־ליניע". זייטען 34—17, דאָ און דאָרטען.

גענדען, האט ארויסגעלאזט א פראקלאמאציע, אין וועלכער עס איז בפירוש געשטאנען אזוי: „אויב מען וועט ניט פאלגען די באפעהלען, וועט מען דערפאר חרוב מאכען און פארוויסטען גאנ־צע דערפער, ניט מאכענדיג קיין אונטערשיעד צווישען אומשולדי־גע און שולדיגע. אויב מען וועט ניט אפגעבען בלויז איין ביקס אפילו, א קינזשאל אדער אן אנדער שטיקעל געוועהר, אויב מען וועט פארפעהלען איבערצוגעבען אפילו איין פארברעכער, אויב אפילו איין רעקרוט וועט ניט קומען אין דער באשטימטער צייט, אויב אימיצער וועט ניט ערפילען זיין פליכט, וועט מען אין יענעם דארף גלייך ארײנשיקען סאלדאטען, און זיי וועלען ניט נור בא־שטראפען און צונעמען דאס געוועהר ביי די פויערים, נור זיי וועלען דאס גאנצע דארף אפווישען פון דער ערד". גענעראל רענענקאמפף, דער הויפט פון דער שטראף־עקספעדיציע אויף דער סיבירער אייזענבאן־ליניע, האט געלאזט וויסען דער באפעלקערונג, אז „אויב עס וועט געמאכט ווערען א פארזוך אויף דעם לעבען פון די פערזאנען, וועלכע זיינען אין מיין סוויטע, אדער אויף די זשאנ־דארען פון די סטאנציעס, וועט מען אלע ארעסטירטע, ווי אויך די וועלכע זיינען פריהער ארײנגעזעצט געווארען אין געפענגניס, פארהאלטען אלס לעבעדיגע משכנות, און א שטונדע נאך'ן פארזוך וועט מען זיי אלעמען דער'הרג'ענען".*)

את די אלע פראקלאמאציעס זיינען ניט געווען בלויז קיין סטראשונקעס. אין'ם משך פון דעם ווינטער און פון דעם זומער אין'ם יאהר 1906 און אויך אן די ווייטערדיגע מאנאטען האט מען אהן א דין און אהן א משפט געהאלטען אין איין שיסען און הרג'ענען אהן א שיעור מענשען — מענער און פרויען. אזוי שנעל ווי א שטראף־עקספעדיציע איז אנגעקומען אין א פלאץ, האט די ארטיגע געהיים פאליציי גלייך דערלאנגט א גאנץ צעטעל „פאר־

*) ע. מאיעווסקי, „אן אלגעמיינער איבערבליק פון דער באוועגונג", 07—1904 „סאציאלע באוועגונג", צווייטער באנד, ערשטער טייל, זייט 176.

דעכטיגע", וועלכע מען האָט גלייך אַרעסטירט. אַ טהייל פון די אַרעסטירטע האָט מען באַלד אָוועקגעשיקט אין די נאָהענטע טור־מעס און די „געפעהרליכערע" האָט מען אַרויסגעפיהרט אויסער דער שטאָדט און זיי דערשאָסען. און דערצו האָט מען נאָך אַרויפגע־לעגט שווערע געלט־שטראָפען אויף דער אָרטיגער באַפעלקערונג.

אין אַ אינטערפעלאַציע וואָס די סאָציאַל דעמאָקראַטישע פראַקציע פון דער דומא האָט צוגעשטעלט דער רעגיערונג דעם 2טען מאַי, 1908, ווערען איבערגעגעבען פאָלגענדע פאַקטען: „פון דעצעמבער, 1905, ביז'ן 1טען יוני, 1906, האָבען די שטראָף־עקספעדיציעס, וועלכע זיינען געשטאַנען אונטער דער קאָמאַנדע פון די גענעראַלען אָרלאָוו, בעזאָבראַזאָוו, ווערשינין, ווענדט, סאָלאָגינא און אַנדערע, בלויז אין די לעטישע געגענדען פון די באַלטישע פראָווינצען אליין דערשאָסען, געהאַנגען און גלאַט דער־הרג'עט אָהן אַ משפט 1,170 פויערים און פארברענט איבער 300 פויערשע גיטער, צוזאַמען מיט פריוואַט אייגענטום, וואָס באַטרעפט אַן ערך 2,000,000 רובעל, ניט רעכנענדיג דעם שאַדען וואָס איז פאַראורזאַכט געוואָרען דורך רעקוויזיציעס, רויבערייען און אַנדע־רע אומגעזעצליכע האַנדלונגען מצד די שטראָף־עקספעדיציעס און דער אַדמיניסטראַציע. וויפיעל מענשען מען האָט געשמיסען מיט בייטשען און נאַגאַיקעס קען מען ניט וויסען; עס איז אָבער גאָר קיין צווייפעל ניט, אַז די צאָהל פון די געשמיסענע איז אַ סך גרעסער פון דער צאָהל דער'הרג'עטע".

אַפילו אין דער צייט פון אַ מלחמה ווייזט מען ניט אַרוים אַזוי פיעל רציחה וויפיעל די שטראָף־עקספעדיציעס האָבען אַרויסגע־וויזען. די באַפעלקערונג פון די געגענדען, וואוהין די שטראָף־עקספעדיציעס זיינען געקומען, איז איינגאַנצען געווען אין די הענט פון דעם קאָמאַנדיר און די סאָלדאַטען. די סאָלדאַטען זיינען איינגעשטאַנען ביי די פויערים אין די הייזער און מען האָט זיי געמוזט פאַרזאָרגען מיט כל טוב. מאַסען פרויען האָבען די סאָל־דאַטען פאַרגוואַלטיגט. „אין די אָפיציעלע דאָקומענטען ווערען איבערגעגעבען מאַסען פאַקטען, וועלכע שטעלען צונויף די שוואַר־

צעסטע בלעטער אין דער געשיכטע. ווי א פרוי איז נור ארייננע־פאלען אין די הענט פון די סאלדאטען — עס מאכט ניט אוים ווי אלט זי איז געווען, — האט מען זי פארגוואלטיגט. אפילו קליינע מיידעלאך, שוואכע זקנות און זאגאר שוואנגערדיגע פרויען האט מען פארגוואלטיגט. אייניגע איינצעלהייטען זיינען אזוי שויד־דערליך, אז עס איז גאר א פראגע צי די מענשען, וועלכע האבען דאס געטאן זיינען ביים פולען פארשטאנד".*)

די רעוואלוציאנערען און די אלע מענשען, וועלכע זיינען געווען געגען דעם אלטען רעזשים, האט מען אוועקגעשטעלט אויסער'ן גע־זעץ. וו. א. מאקלאקאוו, דער באקאנטער רוסישער אדוואקאט, וועלכער איז געווען גאנץ מעסיג אין זיינע פאליטישע אנזיכטען, האט פאר די אלע הינריכטונגען ניט געקענט געפינען קיין אנדער נאמען ווי מארד. „איך רוף דאס אן מארד, — האט מאקלאקאוו געשריבען, — און דאס איז ניט קיין מליצה. אנדערע מעגען זא־גען, אז די קריעגס־געריכטען און שטראף־עקספעדיציעס האבען הינגעריכטעט רעוואלוציאנערען, און איך זאג, אז זיי האבען זיי ערמארדעט. א הינריכטונג אונטערשיידעט זיך פון א פשוט'ען מארד, ניט דורך'ן געוועהר, נור אין דער פארם. קיין אורזאכען פון נאציאנאלער אדער סאציאלער נויטיגקייט קען פון א מארד ניט מאכען קיין געזעצליכע הינריכטונג".*)

צווישען די „הינגעריכטעטע" זיינען געווען א סך אינגלאך פון זעכצעהן ־ זיבעצעהן יאהר, וועלכע זיינען מיטגעשלעפט גע־ווארען אין'ם שטראם פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג.

די „שווארצע מאה" האט אויפגעהויבען דעם קאפ און געטאן וואס זי האט געוואלט. די פיהרער איהרע האבען אהן מורא קרי־טיקירט גובערנאטארען און ריכטער, אפעלירט צו'ם צאר, אז ער זאל אננעמען נאך שטרענגערע מיטלען אין באצוג צו די רעוואלו־ציאנערען, זיי האבען אויך פראנק און פריי גע'הרג'עט ־ געשלאגען

*) וו. אבזינסקי „די נייע ארדנונג", ערשטער באנד, זייט 94.
*) געזעץ, 1905, נומ. 45.

אזעלכע מענשען, וועלכע האָבען ניט נושא חן געווען אין זייערע אויגען. עס האָט זיך דערנאָך ארויסגעוויזען, אז א סך פּאָגראָם־פּראָקלאַמאַציעס האָט מען געדרוקט אין דעם פּאָליציי דעפּארט־מענט פון׳ם מיניסטעריום פון אינלענדישע אנגעלעגענהייטען אונ־טער׳ן אויפזיכט פון א ספּעציעלען זשאנדארמסקע אָפיצער. דאָ האָט איהר אַן אויסצוג פון אזא פּראָקלאַמאַציע: „קענען מיר דאָס ווייטער דולדען, אז די רעוואָלוציאָנערען זאָלען אין פּעטער־בורג זיין אין דער מאכט און ניט לאָזען אונזער צאַר פּארעפּענטלי־כען די פרייהייטען, וואָס ער האָט געגעבען? ניט לאַנג צוריק האָט זיך איינגעגעבען די אויסוואורפען, די סאָציאַל־דעמאָקראַטען און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, צו פּארוואונדען אונזער צאַר, אונזער טאַטעלע, וועמעס האַר עס זיינען שוין גרוי געוואָרען פאַר צרות. דאריבער וואכט אויף, רוסישע מענשען, שטעלט צונויף באַנדעס, באוואפענט זיך מיט סערפּען און גראַבליעס און לויפט באשיצען אונזער צאַר, אונזער פאַטערלאַנד און די פּראוואָסלאַווגע קירכע".

„מיט סערפּען און גראַבליעס". דאָס איז געזאָגט געוואָרען ניט מעהר ווי לפנים, ווייל נאַטשאַלסטוואָ האָט די שווארץ־מאה׳־ניקעס דוקא פארזאָרגט מיט גענוג געוועהר צו אטאַקירען די „זשו־ליקעס פון דער רויטער פאָהן" און די אינטעליגענטען אין אלגע־מיין. די לאָקאַלע אַדמיניסטראַטאָרס האָבען אויף די שווארץ־מאה׳ניקעס קיין שפּרענקעלע ניט געלאָזט פאַלען. אפילו די אַדמיניסטראַטאָרס, וועלכע האָבען דאָס ניט געוואָלט טאָן, האָבען עס געמוזט טאָן, אויב ניט האָט מען זיי ענטזאָגט פון די שטעלעס. די נאַטשאַלניקעס און די פּאָגראָמשטשיקעס זיינען געווען איין בגופיא. ווען מען האָט זיך אין אַדעס באַקלאָגט פאַר גענעראַל קאולבארס פאַר וואָס ער לאָזט אזוי שאַלטעווען און וואַלטעווען דעם „פּארבאנד פון׳ם רוסישען פאָלק", האָט ער גאַנץ אָפען גע־ענטפערט, אז ער וועט זיי ווייטער נאָך מעהר העלפען און נאָך זעהן, אז דער „פּארבאנד" זאָל נאָך ווערען שטאַרקער. דערביי האָט ער נאָך צוגעגעבען, אז אויב מען וועט טשעפּען איינעם וואָס

באַלאַנגען צום „פאַרבאַנד פונ׳ם רוסישען פאָלק" (שוואַרצע מאה), וועט ער גאַנץ אַדעם פאַרפלייצען אין בלוט.

דאָס גאַנצע לאַנד האָט געקרעכצט. איבער דעם שרעקליכען טעראָר האָבען די פאָלקס אָרגאַניזאַציעס ווידער זיך גענוזט באַהאַלטען אונטער דער ערד מיט זייער טהעטיגקייט און אייניגע זיינען אינגאַנצען צושטערט געוואָרען. די ציַיטונגען האָט מען ווידער אריינגענומען אין קלעם. די אַרבייטער־פאַראיינען האָט מען צוקלאַפּט. דער פאַראיין פון די פּראָפעסיאָנעלען איז אונטערגעגאַנגען. די גרויסע האָפנונגען זיינען צובראָכען געוואָרען. דער קאַמפּלוסט איז פון טאָג צו טאָג שוואַכער געוואָרען. אַ סך בראַווע, מוטיגע קעמפער זיינען געוואָרען פאַרצווייפעלט. עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז פון דער גאַנצער גרויסער רעוואָלוציע זיינען בלויז געבליבען חורבות און טורמעס פול געפּאַקט מיט קרבנות.

## 16־טער קאַפּיטעל.

### דער פיערטער אַקט: די גאָסודאַרסטווענני דומאַ.

אָבער איין גוואַלדיג וויכטיגע זאַך איז יאָ געבליבען. און דאָס איז געווען די געזעצליך אַנערקענטע בירגערליכע פרייהייט און די געזעצליך אַנערקענטע קאָנסטיטוציאָנעלע אָרדנונג, וועלכע איז פאַרקערפּערט געוואָרען אין דער אינסטיטוציע פון דער גאָסודאַרסטווענני דומאַ.

די רעגירונג האָט זיך מיט אַלע מעגליכקייטען געסטאַרעט אָפּצעווישען פון'ם זכרון דעם מאַניפעסט, וואָס זי האָט אין אָקטאָבער אַרויסגעגעבען. זי האָט זאָגאַר אונטערדריקט צייטונגען, וועלכע האָבען געוואַגט צו שרייבען וועגען מאַניפעסט. ערב דעם יאָהרצייט פון'ם 17טען אָקטאָבער האָט דער טיפליסער גובערנאַטאָר באַקאַנט געמאַכט, אַז „דעם 17טען אָקטאָבער וועלען ניט גע־דולדעט ווערען קיין פאַרזאַמלונגען, קיין מאַניפעסטאַציעס און קיין פּראָצעסיעס; אַז פאַרזאַמלונגען וועלען צוטריבען ווערען פון די סאָלדאַטען, און די מענשען, וועלכע די סאָלדאַטען האָבען ניט אויסגעראָטען, וועלען אַרעסטירט ווערען און מען וועט זיי משפּט'ען אין אַ פעלד־געריכט". אין דעם בלוטיגען טומאַן, אין וועלכען עס זיינען געווען איינגעהילט די שטראָף־עקספּעדיציעס די קריעגס געריכטען און די הריגות און שחיטות מכל המינים, האָט דער מאַניפעסט געהאַט אַ פּנים ווי חוזק. אָבער די פּרינציפּען פון דעם מאַניפעסט זיינען דאָך געווען ערקלערט. צוריקגערופען האָט זיי די רעגירונג דאָך ניט. דאָס האָט זי ניט געוואַגט. דאַרי־בער האָט די באַפעלקערונג פון לאַנד געפיהלט, אַז דאָס וואָס די

רעגיערונג טהוט איצט, איז געגען געזעץ. מען האָט בלויז געקענט ווי ס'איז איינשטילען די אומצופריעדענע; מען האָט בלויז געקענט ארויפוואַרפען אַ פּחד אויף די פּאָליטישע געגנער, אָבער איינשמועסען דעם געוועהנליכען בירגער, אַז די רעגירונג איז גערעכט — דאָס האָט מען ניט געקענט.

מען האָט אויך ניט געקענט אינגאַנצען בטל מאַכען די געוויינסען פון די „פרייהייטס־טעג". ווי מען האָט די צייטונגען ניט געדריקט און געשטיקט, האָבען זיך די שרייבער דאָך ניט געקענט ווידער אַמאָל צוגעוועהנען צו שרייבען אַזוי פאַרשטעלט און באַשיידען ווי זיי האָבען פריהער געשריבען. כאָטש די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען פאַרבאָטען, האָט זיך די מאַסען פון פאָלק דאָך איינגעגעבען צו וויסען וועגען זיי און זאָגאַר שטעהן מיט זיי אין פאַרבינדונג אין דער צייט פון די וואַהלען. כאָטש מען האָט קיין פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען ניט געטאָרט אָפּהאַלטען, כאָטש עס איז פּסיכאָלאָגיש געווען אוממעגליך אָנצעווענדען די פריהערדיגע „אונטער־ערדישע מעטאָדען", האָט זיך דאָס פאָלק דאָך אויסגעלערנט אָפּצושאַצען אָפענע פּאָליטישע קאַמפּיינס און געפינען אַ געלעגענהייט אַרויסצוקומען „גענזעצליך" אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. כאָטש אַ פאַראיין פון אַרבייטער איז באַטראַכט געוואָרען ווי אַ נעסט פון בונט און פאַרשווערונג, האָבען די אַרבייטער דאָך אַרויסגעוויזען אַ שטאַרקען באַגעהר זיך צו אָרגאַניזירען און צו זיין פאַראייניגט. די גאַנצע שטעלונג פון'ם לאַנד אין באַצוג צו פּאָליטישער פרייהייט האָט זיך געביטען. דאָס פאָלק האָט פאַרשטאַנען, אַז איצט האָט עס אַ רעכט צו זיין פריי, אַז זיי האָבען די רעכט געוואונען נאָך אַ שווערען, ביטערען קאַמף. אפילו די פּויערים, וועלכע זיינען געווען אונוויסענד און ניט אויפגעקלערט, ווי די מעהרסטע רוסישע פּויערים, האָבען זיך אויך אַ סך געענדערט אונטער'ן איינפלוס פון דער רעוואָלוציע. דער דורכשניטליכער פּויער האָט אָנגעהויבען דענקען פּאָליטיש, עפּעס האָבען זיך ביי איהם אין קאָפּ נייע פראַגען געגומען פּלאָנטערן, און ער האָט אָנגעהויבען פאַרשטעהן אַזעלכע זאַכען, וואָס

ער האָט פריהער ניט פארשטאַנען. א סך פויערים זיינען שוין געווען פעהיג זיך צו אָרגאַניזירען און טאָן קאָנצענטרירטע ארבייט. אַ סך פויערים האָבען אָנגעהויבען לעזען צייטונגען און אַ סך זיינען געוואָרען אנהענגער פון ראַדיקאַלע פּאָליטישע פארטייען.

עס איז אמת, אַז די רעוואָלוציע איז געווען געשלאָגען, אָבער די אידעע פון בירגערליכער פרייהייט האָט געלעבט אין די הערצער און אין די מוחות פון'ם פאָלק. די רעוואָלוציע איז טאַקע געווען טויט, אָבער די דומאַ איז געבליבען ווי אַ מין פּאָליטישע ווירקליכקייט פון גרויסער אָרגאַניזירטער מאַכט. די רעגירונג האָט ניט געקענט ארבייטען געמיינזאם מיט אַ פּאָליטישער קערפּערשאַפט, וועלכע פאַרטרעט דאָס פאָלק. דאַריבער האָט זי געוואָלט טאָן איינס פון די צוויי — אָדער אינגאַנצען איגנאָרירען די דומאַ, אָדער זי איינצוימען. פאנאַנדערלאָזען זי — דערצו האָט די רעגירונג קיין מוט ניט געהאַט. וואָרים עס איז דאָך בפירוש געשטאַנען אין'ם מאַניפעסט, אַז „קיין געזעץ קען ניט ווערען בינדענד אָהן דער צושטימונג פון דער גאָסודארסטווענני דומאַ", און די דומאַ האָט געהאַט אַ רעכט צו קאָנטראָלירען די אונגעזעצליכע האַנדלונגען פון דער אַדמיניסטראַציע. דאָס איז געווען די גרויסע ירושה, וואָס איז געבליבען פון דער גרויסער באַוועגונג.

די דומאַ האָט מען ניט געקענט אַוועקמאַכען אונטער'ן האַנד.

די ערשטע וואַהלען זיינען אַריבער אונטער אַ צווייענדיגען דרוק: פון דער רעגירונג און פון די סאָציאַליסטישע פארטייען. די רעגירונג האָט אין דער דומאַ געזעהן אַ פעסטונג פון דער רעוואָלוציע. די סאָציאַליסטישע פארטייען האָבען אין איהר געזעהן אַ מין פּשרה מיט דער סאַמאָדערזשאַוויע. די עקסטרעמע פאַרטייען זיינען געווען טיעף איבערצייגט אין דעם, אַז אָט־אָט וועט זיך אָנהויבען אַ נייער גרויסער אויפשטאַנד, און דערפאַר איז ביי זיי גאָר קיין צווייפעל ניט געווען, אַז באַטייליגען זיך אין די וואַהלען פון דער דומאַ, הייסט פשוט אויפגעבען דעם רעוואָלוציאָ־

נערען אידעאל. דאריבער האבען זיי טאקי אנגעפיהרט א שטאר־קע אגיטאציע צו באיקאטירען די דומא.

און עס קען זעהר זיין, אז א דאנק דעם וואס די עקסטרעמע פארטייען האבען אנגעפיהרט אזא שטארקע אגיטאציע צו באיקא־טירען די דומא, האט די רעגירונג ניט פארפאלגט אזוי שטארק די אנדערע פראגרעסיווע פארטייען, וועלכע האבען זיך יא באטיי־ליגט אין די וואהלען. די קאדעטען און די אנדערע פראגרעסיווע פראקציעס זיינען געווען געגען דער שטעלונג פון די עקסטרעמיס־טען. ווארים ביי זיי, ביי די קאדעטען, איז גאר קיין ספק ניט געווען, אז א פראגרעסיווע דומא וועט זיין דאס בעסטע מין גע־וועהר געגען דער אויטאקראטישער ארדנונג. זיי זיינען אויך געווען זיכער, אז באיקאטירען די דומא, הייסט אוועק'הרג'ענען די רעוואלוציע. דערפאר האבען זיי מאביליזירט אלע זייערע כוחות אנצופיהרען א שטארקע וואהל קאמפאניע.

די רעגירונג ווידער איז אויך ניט געשלאפען; זי האט מאביליזירט די שווארצע מאה און די אנדערע „שווארצע כוחות", כדי עס זאלען אין דער דומא ערוועהלט ווערען אזעלכע פארשוינען, וועלכע זיינען געטרייע קנעכט פון דער עקזיסטירענדער ארדנונג. נאטשאלסטווא האט געארבייט מעשים. די רעגירונג האט גע־האפט, אז די מעהרסטע דעפוטאטען, און ספעציעל יענע וואס די אונוויסענדע פויערים וועלען ערוועהלען, וועלען זיין געטרייע דיענער פון דער אדמיניסטראציע. די שטימרעכט איז ניט געווען קיין אלגעמיינע. מען האט די באפעלקערונג צוטיילט לויט אייגענ־טום און באשעפטיגונג: פריצים, פויערים, פארמעגליכע שטא־טישע איינוואוינער, ארימע שטאטישע איינוואוינער, דאס הייסט אזעלכע, וועלכע האבען ניט קיין אייגענע הייזער. די פאבריק־ארבייטער זיינען געווען א באזונדער גרופע. יעדער גרופע האט אין יעדער פראווינץ ערוועהלט א געוויסע צאהל וואהלמענער, וועלכע זיינען אלע צוזאמען באטראכט געווארען אלס א וועהלענדע קערפערשאפט, וואס דארף פון זיך אויסקלייבען דעפוטאטען אין דער דומא. גלייך ווי אלעם וואלט געווען הפקר, האט מען בא־

שטימט, אַז די און די גרופּע דאַרף האָבען אַזוי פיעל און אַזוי פּיעל וואַהלמענער; און דערביי האָט מען ניט גענומען אין אכט ווי גרויס, אָדער ווי קליין די גרופּע איז. אויף אַזאַ'ן אופן איז אויסגעקומען, אַז ד ארבייטער האָבען געהאַט זעהר ווייניג וואַהלמענער, בעת די פּריצים און די פּויערים האָבען געהאַט זעהר אַ סך. די רעגירונג האָט געהאָפּט, אַז אויף אַזאַ'ן אופן וועט אויסקומען דאָס די גרעסטע מאַיאָריטעט פון די דעפּוטאַטען אין דער דומא וועלען זיין רעאַקציאָנערען.

אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך גאָר אַנדערש. די גרעסטע צאָהל פון די דעפּוטאַטען איז געווען אויסגעשפּראָכען געגען דער רעגירונג. עס זיינען ערוועהלט געוואָרען: 178 קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטען, 116 האַלב סאָציאַליסטישע פאָרשטעהער פון דעם פּויערטום, וועלכע האָבען אין דער דומאַ זיך אָרגאַניזירט אַלס „טרודאָוויקעס", 63 „אויטאָנאָמיסטען", — ליבעראַלע פאַרטרעטער פון די גרעניץ פּראָווינצען, מעהר ווי צוואַנציג סאָציאַליסטען, און בלויז 28 רעאַקציאָנערען.

אין די ליבעראַלע קרייזען האָט מען זיך געפרעהט מיט די רעזולטאַטען פון די וואַהלען. דער 27טער אַפּריל, 1906, דער טאָג וואָס איז באַשטימט געוואָרען פאַר דער ערעפנונג פון דער דומאַ, איז באַטראַכט געוואָרען אַלס דער גרעסטער טאָג אין דער רוסישער געשיכטע. דאָס פאָלק האָט געלאָזט הערען זיין שטימע. די רעגירונג וועט זיך מוזען רעכענען דערמיט.

אַ פּאָר טעג פאַר'ן 27טען אַפּריל האָט די רעגירונג פאַרעפענטליכט די נייע פונדאַמענטאַלע געזעצען פון דער מלוכה, די קאָנסטיטוציע פון רוסלאַנד, איינגעשלאָסען די פאַרטרעטענדע קערפּערשאַפטען פון דער דומאַ און פון דעם גאָסודאַרסטווענני סאָוועט. דערמיט האָט די רעגירונג אונטערשטראָכען, אַז זי האָט ניט בדעה צו אַרבייטען האַנט אין האַנט מיט דער דומאַ אין די סאַמע וויכטיגסטע פראַגען. דער טעראָר איז ניט שוואַכער געוואָרען אפילו אין דעם טאָג ווען די דומאַ איז ערעפענט געוואָרען. די ארמיי פון דער

רעוואָלוציע האָט געשאַפען די דומא, זי אוועקגעשטעלט אין פאָר־דערגרונד, איבערלאָזענדיג די פּאַרטרעטער פנים אל פנים מיט׳ן שונא, בעת די שטאַרקסטע מחנות האָבען זיך צוריקגעצויגען און זיינען פאַרשוואונדען. די דומא האָט עקזיסטירט, אָבער עס האָט איהר געפעהלט דער כח דורכצופיהרען וואָס זי וויל.

עפּעס סימבאָלישעס האָט געשוועבט איבער דער געביידע וואָס מען האָט פאַר דער דומא באַשטימט. דאָס איז געווען דער אַלטער טאַווריטשער פּאַלאַץ, וואו עס האָבען דורות לאַנג געוואוינט די ליעבלינגע פון די צאַרען און צאַריצעס, דער פּאַלאַץ, וואו עס האָט זיך אין אַלע ווינקעלאַך געפיהלט דער גייסט פון דער רוסי־שער סאַמאָדערזשאַוויע.

אין דעם טאָג ווען מען האָט די דומא געעפענט, האָט מען אין פּעטערבורג געפּרואווט מאַכען גאַסען־דעמאָנסטראַציעס. דאן איז מיר געראָד אויסגעקומען צו זיין דאָרטען צווישען פאָלק, ווייל פון א געוויסער צייטונג האָט מען מיך געשיקט אַלס קאָרעספּאָנדענט. א מרה שחורה האָט אויף אַלעמענס פּנים׳ער געשוועבט, ווייל ווי מען האָט זיך נור אין גאָס אָנגעהויבען פאַרזאַמלען, האָבען זיך באַלד געיאַוועט קאַזאַקען און סאָלדאַטען און האָבען גענומען טרייבען. „ראַזאַידים!״ — האָבען די קאַזאַקען געשריען, אריינ־פאָהרענדיג מיט די פערד גלייך אין עולם אריין. און קיינער האָט זיך ניט געשטעלט אַקעגען. דער עולם האָט ניט געוואָלט, אַז דער היסטאָרישער טאָג זאָל מיט בלוט פאַרפלעקט ווערען. אונטער א קאַזאַצקע הערשאַפט האָט זיך דער רוסישער פּאַרלאַמענט גע־עפענט! פריהער האָט מען די דעפּוטאַטען פאָרמעל אויפגענומען אין קייזערליכען פּאַלאַץ; דערנאָך זיינען זיי פון דאָרטען אוועק אין דער דומא. אויפ׳ן וועג האָבען זיי געהערט ווי פאַרבייגעהער שרייען צו זיי: „אַמנעסטיע! אַמנעסטיע!״ נאָכדעם ווי זיי זיינען אריין אין טאַווריטשען פּאַלאַץ און ערוועהלט פּראָפעסאָר מוראָמצעוו אַלס פּאַרזיצענדען, האָט מ. פּעטרונקעוויטש געבעטען דאָס וואָרט. ער האָט אין דער ערשטער דומא די ערשטע רעדע געהאַלטען. ער האָט געזאָגט:

„די פליכט פון עהרע, די פליכט פון אונזער געוויסען פאָדערט, אַז אונזער ערשטער געדאנק, דאָס ערשטע פרייע וואָרט אונזערס זאָל זיין געווידמעט צו די מענשען, וועלכע האָבען געאָפפערט זייער פרייהייט, כדי צו באַפרייען אונזער ליעב פאטערלאַנד. (שטורמדיגע אפּלאָדיסמענטען). אַלע תפיסות פון אונזער לאַנד זיינען איצט געפאַקט, טויזענטער הענט שטרעקען זיך אויס צו אונז מיט האָפנונג און געבעט. און איך דענק, אַז די פליכט פון אונזער געוויסען צווינגט אונז צו באַנוצען דעם גאַנצען איינפלוס פון דער פּאָזיציע וואָס מיר פארנעמען, און זעהן, אַז די פרייהייט וואָס רוסלאַנד האָט געוואונען, זאָל מעהר ניט קאָסטען קיין קרבנות (שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטען). מיר פאָדערען פריידען און הארמאָניע. איך דענק, מיינע הערען, אַז כאָטש מיר קענען איצט אָט די פראַגע ניט אויפנעמען, ווייל עס וועט אונז דאָך אויסקומען זי צו באַריהרען ווען מיר וועלען ענטפערען אויף'ן קיסר'ס רעדע, מוזען מיר פונדעסטוועגען איצט אויסדריקען אונזערע טיעפסטע געפיהלען, און מיט'ן גאַנצען הארצען אויסשרייען, אַז די פרייע רוסלאַנד פאָדערט די באַפרייאונג פון אַלע פאַרשפּאַרטע".

אַלע דעפּוטאַטען האָבען זיך ווי איין מענש פון די שטוהלען אַ הויב געטאָן, און פון אַלע זייטען האָבען זיך דערהערט אויסגעשרייען: „אַמנעסטיע! אַמנעסטיע!"

די רעגירונג האָט אָבער די מינדסטע אויפמערקזאַמקייט דערצו ניט געשענקט.

אַלס אַן ענטפער אויף דער רעדע וואָס דער קיסר האָט געהאַלטען, האָט די דומאַ אָנגענומען דעם נוסח פון אַ צושריפט, אין וועלכען עס זיינען קלאָר און דייטליך אויסגעדריקט געוואָרען די סאַמע נויטיגסטע פאָדערונגען פון דער רעוואָלוציע. דער טאָן פון דעם צושריפט איז אפילו געווען מעסיג, אָבער דערפאַר איז דאָס געווען אָנגעשריבען פעסט און מיט ווירדע. די דומאַ האָט אויסגעדריקט איהר פּראָטעסט געגען „דער שאַנדע פון היגריכטונגען אָהן אַ משפט, פּאָגראָמען, באָמבאַרדירונגען און ארעסטען". די דומאַ

האָט ערקלערט, אַז קיין פרידען איז ניט מעגליך „כל זמן די בעאַמ־טע וועלען ניט אויפהערען צו באַגעהן גוואַלדטאַטען אונטער׳ן שוץ פון זיין קייזערליכער מאַיעסטעט", און כל זמן די מיניסטאָרען וועלען ניט זיין פאַראַנטוואָרטליך צו דער דומאַ. די דומאַ האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל אָפּשאַפען קריגסצושטאַנד און די אַנדערע אונטערדריקונגס מיטלען, מען זאָל אָפּשאַפען דעם אַריסטאָקראַטי־שען מלוכה־סאָוועט, מען זאָל איינפיהרען גלויבענס פרייהייט, רעדע פרייהייט, פרעסע פרייהייט; מען זאָל מעגען אָרגאַניזירען אַרבייטער פאַראיינען, אָפּהאַלטען פאַרזאַמלונגען, סטרייקען, און מען זאָל האָבען אַ רעכט צוצושיקען פעטיציעס; אָפּשאַפען די אַלע קלאַסען־באַגרעניצונגען ווי אויך קלאַסען־פריוועלעגיעס, דאָס זעל־בע וועגען נאַציאָנאַליטעטען, גלויבענס אין געשלעכטען; און אויך אָפּשאַפען טויט־שטראַף. וואָס שייך דער ערד־פראַגע, האָט די דומאַ געפאָדערט, אַז מען זאָל די פויערים פאַרזאָרגען מיט גרעסערע חלקים ערד. אין׳ם צושריפט זיינען נאָך געווען אויסגערעכענט אַנדערע רעפאָרמען וועגען לאָקאַלער זעלבסטפּאַרוואַלטונג און די רעכט פון די ניט־רוסישע פעלקערשאַפטען אין דער מלוכה, און געענדיגט האָט ער זיך אַזוי:

„דער נאַציאָנאַלער געוויסען שטעלט אַרויס אַזוינע פאָדערונגען, וואָס מען קען ניט אָפּזאָגען, וואָס מען קען ניט אָפּלעגען. קעניג! די דומאַ ערוואַרטעט פון דיר פּאָליטישע אַמנעסטיע אַלס דעם ער־שטען צייכען פון געמיינזאַמע פאַרשטענדנים און האַרמאָני צווישען צאַר און דעם פאָלק".

די רעגירונג איז געוואָרען מלא חמה פון דעם צושריפט. די רע־אַקציאָנערע צייטונגען האָבען געשאָטען פעך און שוועבעל און גע־מאַכט אַ גוואַלד, אַז דאָס איז אַ פאַרשווערונג פון בונטאָווששטשי־קעס. אויף ווי ווייט דער גרימצאָרן פון דער רעגירונג איז געווען גרויס, קען מען זיך פאַרשטעלען דערפון וואָס דער צאַר האָט אפילו ניט געוואָלט אויפנעמען די קאָמיטע, וואָס האָט איהם דעם צושריפט געדאַרפט דערלאַנגען.

דער אָפענער צוזאַמענשטויס צווישען דער רעגירונג און די

פאַרטרעטער פון׳ם פאָלק איז געקומען דעם 12טען מאַי, ווען דער פרעמיער מיניסטער גאָרעמיקין האָט אין דער דומאַ געהאַלטען זיין פּראָגראַם־רעדע. אין יענעם גרויסען טאָג ווען דער אָפענער צוזאַמענשטויס איז פאָרגעקומען, האָב איך גראָדע געהאַט דאָס גליק צו זיין אין דער דומאַ. דער טאָג איז ווירקליך געווען גרויס דערמיט וואָס דאַן האָט דאָס רוסישע פאָלק, דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע, זיך באַגעגענט פּנים אל פּנים מיט דער סאַמאָדער־זשאַוויע, דאָס פאָלק האָט דאַן אויסגעדריקט פאַראַכטונג פאַר אַזאַ פאַראָנדעק, און די סאַמאָדערזשאַוויע האָט דאָס געמוזט הערען. גאָרעמיקין האָט פּשוט געזאָגט, אַז די רעגירונג וועט קיין שום רע־פאָרמען ניט איינפיהרען. און די דעפּוטאַטען האָבען אין איין קול אויסגעדריקט זייער מיינונג, אַז אויב מען וועט ניט דורכפיהרען די פאָרשפּרעכונגען, וואָס מען האָט געגעבען אין מאַניפעסט, וועט דאָס פאָלק זיך ניט איינשטילען.

דעם 12טען מאַי האָט די רעגירונג קלאָר באַוויזען, אַז אַזעלכע זאַכען ווי „פריעדען און האַרמאָניע" ליגען איהר אפילו ניט אין זינען. דאַן האָט מען געזעהן באַשיינפּערליך, אַז די רעגירונג האָט אפילו ניט בדעה צו אָנערקענען אַזאַ דומאַ, וואָס זאָל זיין אַ מעכטיגע און אונאַפּהענגיגע צווייג אין דער רעגירונג. דער רעגירונגס ערשטער פּראָיעקט אין דער דומאַ איז געווען, אַז מען זאָל באַשטימען אַ גע־וויסע סומע געלט אויף אַ וואַשצימער אין די אָראַנזשערעען פון דעם קייזערליכען אוניווערסיטעט אין דאָרפּאַט. די ביוראָקראַטישע מאַ־שין האָט זיך ניט געביטען אפילו אויף אַ האָר. איהר מיינונג איז געווען, אַז די דומאַ דאַרף זאָגען „באַם" אויף די אַלע געזעץ־פּראָ־יעקטען, וואָס די מיניסטאָרען טראָגען אריין, אָבער אַליין עפּעס טאָן? — דאָס ניט.

אָבער די דעפּוטאַטען פון דער דומאַ האָבען ניט געוואָלט זאָ־גען „באַם". כאָטש אין דער דומאַ איז געווען בלויז אַ קליין הויפע־לע סאָציאַליסטען און די גאַנצע גרענדע האָבען געפיהרט די קאַדע־טען, וועלכע זיינען אין אַלגעמיין געווען מעסיגע מענשען און זיך געהאַלטען ציערליך־מאַניערליך, ווי עס פּאַסט פאַר סאָלידע

שטאאטס־מענער, האָט די דומאַ דאָך ניט געקענט זיך באַנוגענען מיט אַזעלכע זאַכען ווי לעגען דעם שטעמפּעל אויף נישטיגע אַדמי־ניסטראַטיווע פּראָיעקטען אין דער צייט ווען דאָס גאַנצע לאַנד איז אַזוי אויף צרות און נויטיגט זיך אין וויכטיגע ענדערונגען. די דומאַ האָט זיך אָפּגעגעבען מיט וויכטיגע רעפאָרמען. אין׳ם משך פון אַ קורצער צייט האָט זי אָנגענומען אַ גאַנצע רייהע וויכטיגע געזעץ־פּראָיעקטען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז זי האָט גענוג כוחות. צווישען די קאַדעטען זיינען געווען אַ היבש ביסעל גוטע היסטאָרי־קער, שרייבער, יוריסטען, עקספּערטען אין סאָציאַלע געזעצען און אין אַדמיניסטראַטיווע פראגען. די וויכטיגסטע און נויטיגסטע געזעץ־פּראָיעקטען האָט די דומאַ אָנגענומען אין׳ם פארלויף פון אַ קורצער צייט: פּערזענליכע אמובארירקייט; גלויבענס־פריי־הייט; די גלייכהייט פון אַלע בירגער פאַר׳ן געזעץ; די אָפּשאַ־פונג פון טויט־שטראָף; פארזאמלונגס פרייהייט, ווי אויך די פריי־היינט צו גרינדען פאראיינען און צו סטרייקען; רעפאָרמען אין די געריכטס־הייזער; הילף פאַר די פּויערים, וועלכע ליידען איבער דעם וואָס די תבואות זיינען ניט געראָטען, א. אַז. וו. אָט די אַלע געזעץ־פּראָיעקטען האָבען זיי אָנגענומען אין אַ משך פון צוויי און זיעבציג טעג.

אָבער פון אָט די אַלע געזעץ־פּראָיעקטען האָט דער גאָסודאר־סטווענני סאָוויעט אַפילו קיין איינעם ניט אָנגענומען. די רעגירונג האָט אויף קיין איינעם פון זיי איהר צושטימונג ניט געגעבען.

וואָס אַ טאָג איז די שטימונג געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר אָנגעצויגען. וואָס אַמאָל איז געוואָרען אַלץ קלאָרער און קלאָרער, אַז די „אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטליכע מיינונג״ איז געגען דער רע־גירונג. אָבער די „רוסישע דייטשען״, ווי הערצען האָט זיי אָנגערו־פען, האָבען זיך דאָס צו׳ם הארצען ניט גענומען. זיי זיינען זיך ווייטער אָנגעגאנגען מיט זייער ארבייט; מען האָט אַלץ ארעסטירט און היינגעריכטעט מענשען רעכטס און לינקס. פּאָליטישע טעטיג־קייט איז געווען פארבאָטען. די פּראָווינציעלע צייטונגען האָבען ניט געטאָרט איבערגעבען די רעדעס פון די דומאַ־דעפּוטאטען. אפילו

ביי די דעפּוטאַטען אַליין האָט מען זיך ניט געשעהמט צו מאַכען אָביסקעס. די רעאַקציאָנערע צייטונגען האָבען געפאָדערט, אַז מען זאָל צוטרייבען די „רעוואָלוציאָנערע פאַרזאַמלונג״.

דעם 1טען יוני האָט אין ביאַליסטאָק אויסגעבראָכען אַ שרעק־ליכער פּאָגראָם. מעהר ווי אַכציג מענשען — מענער, פרויען און קינדער — זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרען, צעהנדליגער פרויען זיי־נען פאַרגוואַלטיגט געוואָרען און גאַנצע טיילען פון דער שטאָדט זיינען חרוב געוואָרען. דאַן האָט די דומאַ אַרויסגעשיקט אַ ספּע־ציעלע קאָמיסיע צו מאַכען אַן אונטערזוכונג, און די קאָמיסיע האָט פעסטגעשטעלט דעם פאַקט, אַז דעם פּאָגראָם האָט געמאַכט די אַדמיניסטראַציע אַליין. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז נאָך מיט עטליכע טעג פריהער האָט מען די סאָלדאַטען אָנגעזאָגט, אַז אין דעם און דעם טאָג וועט זיין אַ פּאָגראָם, און אַז אַ סך אָפיצערען האָבען זיך באַטייליגט אין די רויבערייען. פירסט אורוסאָוו, אַ דומאַ־דעפּוטאַט און אַ געוועזענער געהילף פון׳ם מיניסטער פון אינערן, האָט אין דער דומאַ מיט פאַקטען באַוויזען, אַז די פּאָגראָם פּראָקלאַמאַציעס זיינען געדרוקט געוואָרען אין׳ם פּאָליציי־דעפּאַרט־מענט. די רעגירונג האָט זיך אָבער ניט געשעהמט די פאַקטען אָפּצולייקענען. די „נאָוואָיע ווערעמיא״ האָט געשריבען, אַז די פּאָגראָמען אויף אידען מאַכען גאָר די אידישע רעוואָלוציאָנערען, כדי זיי זאָלען דערנאָך קענען אַרויפוואַרפען די שולד אויף דער אַדמיניסטראַציע. אָבער די פאַקטען וואָס די אונטערזוכונגס קאָ־מיסיע האָט אויסגעפונען, האָבען געמאַכט אַ געוואַלדיגען איינדרוק אויפ׳ן גאַנצען לאַנד. עס איז דאַן פאַר אַלעמען געוועזן קלאָר, אַז דער פּאָגראָם איז דער ענטפער וואָס די רעגירונג האָט געגעבען אויף די פאָדערונגען, וואָס די דומאַ האָט אַרויסגעשטעלט. ווען די מי־ניסטאָרען זיינען נאָך דעם געקומען אין דער דומאַ, זיינען אַלע דעפּו־טאַטען געוואָרען אַזוי אויפגעקאָכט, אַז אַפילו די סאָלידע קאַדעטישע פּראָפעסאָרען האָבען מיט כעס גענומען שרייען אויף זיי: „פּאָגראָמשטשיקעס! רוצחים! וואָן פון דאַנען!״

מאַכען אַ סוף צו די אונגעזעצליכע מעשים פון דער רעגירונג

האט די דומא ניט געקענט. זי האט בלויז געקענט אפעלירען צום לאנד, אויפקלערען דאס פאלק ווי געפעהרליך די אויטאקראטישע הערשער זיינען און ווייזען א ביישפיעל פון א רעגירונג, וואס קומט פון פאלק און ארבייט פאר׳ן פאלק. און דאס האט זי געטאן דורך ספעציעלע צושריפטען צו די פויערים וועגען די אגרארנע פראיעקטען וואס די דומא־קאמיסיע האט געמאכט. און דאס האט דער רעגירונג ניט געשמעקט.

בלויז צוויי און זיבעציג טעג האט די דומא געלעבט. געעפענט האט זי זיך דעם 27טען אפריל און צוטריבען האט מען זי דעם 9טען יולי. זאגאר אהן א ווארנונג האט מען זי אויפגעלעזט. דער צאר האט ארויסגעגעבען א מאניפעסט, אין וועלכען עס איז געזאגט געווארען, אז די דומא ווערט געשלאסען איבער דעם וואס זי האט געזאגט דעות אין אזעלכע זאכען, וואס זי דארף קיין דעות ניט זאגען, איבער דעם וואס „זי האט אונטערזוכט די האנדלונגען פון אזוינע לאקאלע בעאמטע, וואס דער צאר אליין האט באשטימט״, איבער דעם וואס „זי האט געפונען חסרונות אין אזעלכע פונדאמענטאלע געזעצען וואס קענען געענדערט ווערען בלויז דורך׳ן צאר׳ס ווילען״, און איבער דעם „אפענעם פארברעכען צו אפעלירען צום פאלק״. ווייטער האט זיך אין׳ם מאניפעסט געזאגט, אז איבער דעם וואס די פויערים האבען פארלארען די האפנונג צו פארבעסערען זייער לאגע דורך דער דומא, האבען זיי זיך אנגעהויבען בונטעווען און אויפגעהערט פאלגען נאטשאלסטווא.

זונטאג איז דאס געווען. די דעפוטאטען זיינען דאן אין טאורישען פאלאץ ניט געווען. ווען זיי זיינען מאנטאג אין דער פריה געקומען אהין, האבען זיי דערזעהן, אז דער פאלאץ איז פארנומען פון סאלדאטען. די סאלדאטען האבען קיינעם ניט אריינגעלאזט חוץ׳ן פארזיצענדער און זיינע סעקרעטארען.

דער קלאפ איז געווען מורא׳דיג. קיין ווידערשטאנד האבען די דעפוטאטען ניט ארויסגעוויזען. זיי האבען זאגאר מורא געהאט אפצוהאלטען די לעצטע זיצונג אין פעטערבורג. עס איז אפילו ניט איינגעפאלען זיך צו שטעלען אונטער׳ן שוץ פון׳ם פאלק און

ווייטער אָנגעהן מיט'ן קאמף. וואָרים דאָס וואָלט דאָך איינפאך געהייסען מאכען אַ רעוואָלוציע געגען נאַטשאַלסטוואָ, און אַזאַ זאַך האָט ניט געשטימט מיט די כּללים פון דער קאַדעטישען פּאַרטיי. זיינען די דעפּוטאטען אַוועק קיין וויבאָרג, פינלאַנד, וואו זיי האָבען פאַר דער פּאָליציי קיין מורא ניט געדאַרפט האָבען, און דאָרטען האָבען זיי אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צום פאָלק ניט צו צאָהלען קיין שטייערן און ניט געבען קיין רעקרוטען דער אויטאָקראַטישער רעגירונג.

די אנהענגער פון דער „אָרגאַניזירטער געזעלשאפטליכער מיינונג" האָבען, אַלזאָ, געטאָן פונקט דאָסזעלבע וואָס דער סאָוויעט פון אַרבייטער־דעפּוטאַטען, וועלכען זיי האָבען אַזוי ביטער באַקעמפט און קריטיקירט. די מחברים פון דעם וויבאָרגער אויפרוף זיינען אַליין קיין רעוואָלוציאָנערען ניט געווען, אָבער דער אויפרוף איז דאָך געווען אַן אויפרוף צו מאַכען אַ רעוואָלוציע. די דעפּוטאַטען האָבען דעם אויפרוף אונטערגעשריבען און זיינען זיך צופאָהרען. דאַן האָט מען זיי געשטעלט אונטער'ן אויפזיכט פון דער פּאָליציי און דערנאָך האָט מען זיי אַרעסטירט, זיי גע'משפט אַלס בונטאָוושטשיקעס און זיי אַריינגעזעצט אין טורמע.

## 17טער קאַפּיטעל.

# דער פינפטער אַקט: די מהומה.

דאָס לאַנד האָט אויפגענומען די נייעם אָהן טומעל. דער ווי־באַרגער אויפרוף האָט צווישען פאָלק קיין ענטפער ניט געפונען. דאָס פאָלק האָט איינענטליך כמעט גאָר ניט געוואוסט וועגען דעם, אז מען האָט אזא אויפרוף ארויסגעלאָזען. נאכדעם ווי מען האָט די דומא פאנאנדערגעטריבען, האָט די רעגירונג זיך א נעם געטאָן צו די צייטונגען גאָר אויף אַן אנדער מין אופן. בלויז א פּאָר צייטונגען האָבען דעם וויבאָרגער אויפרוף איבערגעדרוקט, און די איבריגע האָבען מורא געהאט צו שטעלען אין קאָן זייער עקזיסטענץ.

א שווערער וואָלקען האָט זיך איבער'ן לאַנד אָנגערוקט. אין אייניגע שטעדט און דערפער האָט מען געפּרואווט אָפּהאַלטען פאַר־זאמלונגען, אָבער סאָלדאטען האָבען די פארזאמעלטע צוטריבען. עס זיינען געווען פאַלען ווען מען האָט אויף די פארזאמעלטע גע־שאָסען; אין אייניגע שטעדט האָבען די רעוואָלוציאָנערען ארויס־געוויזען א באוואפענטען ווידערשטאנד. אין קרעמענטשוג האָט דער גענעראַל גובערנאטאָר געהייסען באָמבאַרדירען א געביידע, וואו מען האָט אָפּגעהאַלטען א פאַרזאמלונג. קיין ברייטע מאסען־באוועגונג איז אָבער ניט געווען. אין די דערפער האָט מען גלאָט דעם גאנצען עסק ניט געקענט פארשטעהן; די פּויערים האָבען גע־צויגען מיט די אָקסלען און אַלץ ניט געקענט גלויבען, אז דער צאַר זאָל טאָן אזא זאַך ווי נעמען און צוטרייבען די פארטרעטער פון פאָלק. די געוועזענע דעפּוטאטען האָבען געהאט אַן ארבייט צו ריידען און טענה'ן מיט די פּויערים ביז יענע האָבען סוף כל סוף אָנגעהויבען פארשטעהן וואָס ס'איז פאָרגעקומען. די פּויערים אין די דערפער האָבען עפּעס ניט געגלויבט, און זיי האָבען געשיקט

ספּעציעלע שלוחים קיין פּעטערבורג, זיי זאָלען זעהן צי ס'איז טאַקי אמת די מעשה וואָס די צייטונגען דערצעהלען, אז מען האָט די דומא פאַנאַנדערגעטריבען. דער 9טער יולי איז אלזא געווען א וויכטיגע פּאָליטישע לעהרע פאַר די פּויערים, וועלכע האָבען גע־גלויבט אין דעם, אז דער צאַר און דאָס פאָלק איז איינס. די מעהר אויפגעקלערטע קלאַסען זיינען געווען שטאַרק אויפגעבראַכט געגען דעם וואָס מען האָט די דומא פאַנאַנדערגעטריבען.

די רעגירונג איז געווען אויף דער וואַך. זי האָט גלייך אַרויס־געשיקט א צירקולאַר צו די לאָקאַלע בעאַמטע, אז אויב א געוועז־זענער דעפּוטאַט פון דער דומא וועט פּרואווען אָנפיהרען א פּאָלי־טישע פּראָפּאַגאַנדא, זאָל מען איהם גלייך אַרעסטירען. די פּאָלי־ציי האָט זיך נאָך שטרענגער ווי פריהער אַוועקגעשטעלט אויף דער וואַך און אָנגעהויבען אַרעסטירען און אַרעסטירען אָהן א שיעור און אָהן אן ערך. די אַביסקעס האָבען זיך פאַרשפּרייט ווי א מגפה. מען האָט פאַרשיקט קיין סיביר יונגע און אַלטע, פרויען און קינ־דער, ראַדיקאַלע און מעסיגע מענשען. אין די טורמעס האָט מען די אַרעסטירטע געפּייניגט, געמאַטערט, געמוטשעט און געשמיסען. די מעשים תעתועים זיינען וואָס א טאָג געוואָרען שוידערליכער.

אין פאַרלויף פון'ם זומער האָבען זיך אין דער אַרמיי ווידער גענומען ווייזען סמנים פון אומרוהיגקייט. אין מעהר ווי 120 רעגימענטען זיינען פאָרגעקומען בונטען. אפילו די סאָלדאַטען פון'ם צאַר'ס לייב־גוואַרדיע פּאָלק האָבען אויך אָפּגעהאַלטען פאַר־זאַמלונגען און געפאָדערט, אז מען זאָל פאַרבעסערען זייער לאַגע. דעם 17טען יולי האָבען די מאַטראָזען פון דער פלאָטע ביי סוויאַ־בורגער פעסטונג זיך צובונטעוועט; זיי האָבען פאַרכאַפּט די פעס־טונג און עס האָט זיך צופלאַקערט א שלאַכט צווישען זיי און די לאָיאַלע קריגס־שיפען, וועלכע זיינען ביים האַפען געשטאַנען. דעם 20טען יולי האָבען זיך צובונטעוועט די סאָלדאַטען פון קראָנשטאַ־טער פעסטונג, זיי האָבען פאַרוואונדעט א סך אָפיצירען און אויך דעם אַדמיראַל. דעם 21טען יולי האָבען זיך צובונטעוועט די סאָלדאַטען פון סאַמורסקי רעגימענט און קאַווקאַז. זיי האָבען

דער׳הרג׳עט דעם קאָמאַנדיר זייערען און נאָך אייניגע אָפיצירען, און דערנאָך האָבען זיי אָנגעהויבען צוטיילען ביקסען צווישען דער באַפעלקערונג, מען זאָל באַשיצען „דעם צאַר און די דומאַ״. מען קען אָבער ניט זאָגען, אַז די בונטען זיינען פאָרגעקומען איבער דעם וואָס מען האָט צוטריבען די דומאַ. דער רעגירונג האָבען אָט די אַלע בונטען ניט געשמעקט, אָבער אין דערזעלבער צייט האָט זי זיך דאָך געפיהלט פעסט אין זאָטעל, ווייל כאָטש אַלע האָבען זי געהאַסט, האָט איהר קיינער קיין געהעריגען ווידערשטאַנד ניט אַרויסגעוויזען. אין יענער צייט איז סטאָליפּין געווען דער מושל בכפּו און ער האָט געהערשעוועט מיט אַן אייזערנער האַנט. ער האָט דאָס געזאָגט די באַריהמטע ווערטער, אַז „נאַציאָנאַלע באַקוועמליכקייט שטעהט העכער פון׳ם געזעץ״. אין דעם זומער פון 1906 האָט מען אין אַלע גובערניעס פון דער גרויסער רוסלאַנד איינגעפיהרט פעלד־קריגס געריכטען. אין די דאָזיגע געריכטען האָט מען זיך מיט מענשליכע לעבענס ניט געצערעמאָניעט. אַפּעלירען האָט מען ניט געטאָרט. פאַרטיידיגען זיך האָט מען ניט געקענט. אין׳ם משך פון די ערשטע דריי חדשים האָבען די דאָזיגע געריכטען אומגעבראַכט 465 מענשען, און פון זיי זיינען 56 מענשען זאָגאַר אָהן א משפּט איבערגעגעבען געוואָרען אין די הענט פון׳ם תליון. דער טעראָר־ממשלה איז געוואָרען שרעקליכער פון טאָג צו טאָג. מען האָט דאָס לאַנד „אוינגעשטילט״. א גרויער בין השמשות האָט זיך ווידער פאַרשפּרייט איבער רוסלאַנד, עס האָט ווידער אָנגעהויבען ווערען פינסטער, די פינסטערנים איז בלויז באַלויכטען געוואָרען פון די קוילען, וואָס מען האָט אַלע מאָל פון די ביקסען אַרויסגעשאָסען און פון די אויל־לעמפּלאַך, וואָס זיינען געהאַנגען אויף די תליות פאַרטאָג איידער מען האָט די פאַרמשפּט׳ע אויפגעהאַנגען. יאָ, מען האָט דאָס לאַנד „איינגעשטילט״, און אין דער שטילקייט האָט זיך בלויז געהערט דאָס צעיושעטע רעוועו פון די שוואַרץ־מאה׳ניקעס און דאָס בילען פון די רעאַקציאָנערע צייטונגען.

דעם 20טען פעברואַר, 1907, האָט געדאַרפט צונויפגערופען

ווערען די צווייטע דומאַ. אין דער צווישען־צייט, פון דער ער־
שטער ביז דער צווייטער דומאַ, האָט די רעגירונג געהאַט אַ פרייע
האַנט און געקענט שאַפען אַזעלכע געזעצען וואָס האָבען זיך איהר
געלוינט. סטאָליפּין האָט זיך דערמיט באַנוצט און אָפּגעשאַפט
די „אָבשטשינאַ"־אייגענטום אין די דערפער. דאָס געזעץ פון'ם
6טען נאָוועמבער, 1906, האָט געגעבען דאָס רעכט יעדען מיטגליעד
פון דער דאָרפישער „אָבשטשינאַ" אָפּצוטיילען זיין חלק ערד פון
דער „אָבשטשינאַ" און זיך באַנוצען דערמיט ווי מיט זיין פּריוואַט־
אייגענטום. אויף אַזאַ'ן אופן איז אויסגעקומען, אַז דורך אַ באַ־
פעהל פון דער אדמיניסטראַציע איז אָפּגעשאַפט געוואָרען איינע
פון די וויכטיגסטע אינסטיטוציעס אין רוסלאַנד. פון'ם עקאָנאָמי־
שען שטאַנדפּונקט איז די דאָזיגע רעפאָרמע טאַקי געווען נויטיג,
אָבער סטאָליפּין איז ניט אויסען געווען די עקאָנאָמישע נויטיגקייט
דערפון; ער האָט געהאַט אַ פּאָליטישע כונה דערביי. וואָרים
מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז די דאָרפישע „אָבשטשינעס" זיינען
דער ביוראָקראַטישער אָרדנונג ניט געווען אַזוי שטאַרק צום האַר־
צען. די פאַרטרעטער פון דעם פּויערטום אין דער דומאַ, אפילו די
קאָנסערוואַטיווע צווישען זיי, זיינען צופיעל געווען דורכגעדרונגען
מיט דער אידעע, אַז „די ערד געהערט צו גאָט און צום פאָלק".
מיט דער נייער רעפאָרמע איז סטאָליפּין, אַלזאָ, אויסען געווען אויס־
צוראָטען אָט די אידעע מיט'ן וואָרצעל. חוץ דעם האָט ער געוואָלט,
אַז דורך דעם זאָל זיך דאָס עקאָנאָמישע לעבען אין די דערפער
איינגאַנצען צוטרייסלען און עס זאָל שאַרפער אָנגעצייכענט ווערען
דער אונטערשיעד צווישען שטאַרקע און שוואַכע. דער שטאַרקערער
פּויער האָט זיך מיט דער רעפאָרמע טאַקי גלייך באַנוצט, אָראָפּגע־
וואָרפען פון זיך דעם עול פון דער „אָבשטשינאַ", און דער שוואַכע־
רער פּויער האָט דורך דער רעפאָרמע געקראָגען אַ לעגאַלע ערלויבניש
צו פאַרקויפען זיין חלק ערד וואָס ער האָט אין דער „אָבשטשינאַ"
געהאַט. דער שטאַרקערער איז געוואָרען נאָך שטאַרקער, און דער
שוואַכער — נאָך שוואַכער. אויף אַזאַ'ן אופן האָט זיך ענטוויקעלט
אַ קלאַס פאַרמעגליכע, רייכע פּויערים פון איין זייט, און אַ קלאַס

אָרימע פּויערים פון דער צווייטער זייט. די אָרימע זיינען פּאָלי־טיש געווען געפּעהרליך פאַר די רעגירונג, דערפאַר אָבער זיינען די אויפגעקומענע פּויערים געווען אַ גרויסער געווינס פאַר איהר. סטאָ־ליפּין האָט בפּרוש געזאָגט, אַז ער וועט שטיצען די רייכע פּויערים און אונטערדריקען די שוואַכע.

דאָס נייע געזעץ האָט מען גלייך איינגעפיהרט. מען האָט באַלד גענומען שניידען די ערד פון דער „אָבשטשינע". דער פּלאַן איז געווען, אַז בעת די צווייטע דומא וועט זיך צונויפקומען זאָל שוין דער גאַנצער עסק זיין אַן אָפּגעטאָנענע זאַך, אַ פאַקט. און דער פּלאַן האָט זיך איינגעגעבען. די צווייטע דומא האָט געמוזט געבען איהר צושטימונג אויף אַ געזעץ, וואָס האָט שוין געמאַכט אַזעלכע טיפע ענדערונגען אין דעם עקאָנאָמישען בנין פון די דערפער.

אין דער הפסקה וואָס איז געווען צווישען דער ערשטער און דער צווייטער דומא האָט די האַלב אָפּיציעלע רעאַקציאָנערע פּרעסע גע־פּאָדערט, אַז די רעגירונג זאָל ענדערען די וואַהלגעזעצען אַזוי, אַז עס זאָל די רייכע אַרויסקומען אַ טובה דערפון. די גובערנסקע ראַטען פון די פּריצים און אויך אייניגע זעמסטוואָס, וועלכע זיינען שוין דאַן געווען רעאַקציאָנער, האָבען אויך דאָסזעלבע געפּאָ־דערט. זיי האָבען גע'טענה'ט, אַז די ערשטע דומא איז געווען איינזייטיג, אַז זי האָט ניט אויסגעדריקט דעם ווילען פון'ם גאַנצען פּאָלק. פאָרמעל האָט די רעגירונג דאַן די וואַהלגעזעצען ניט גע־ענדערט, אָבער דער סענאַט האָט פאַרקאַשערט די אַרבעל און גענו־מען „אויסטייטשען" די וואַהלגעזעצען אַזוי, אַז עס זיינען „אַרויס־געטייטשט" געוואָרען גאַנצע גרופּעס, וועלכע מען האָט חושד געווען אין ראַדיקאַליזם. צו די אויסטייטשונגען פון'ם סענאַט זיינען דערנאָך צוגעקומען די פּירושים פון נאַטשאַלסטוואָ, און עס איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלען אויף וואָס פאַר אַן אופן די וואַה־לען זיינען אָנגעגאַנגען. וואָס האָט מען דען ניט געטאָן! האָט מען דערזעהן, אַז אַ קאַנדידאַט איז צופיעל באַליעבט ביים פּאָלק,

האָט מען קיין סך ניט געטראַכט און מען האָט איהם אַרעסטירט. טאָמער האָט אַ פּאַרטיי אַרויסגעלאָזט פּראָקלאַמאַציעס, האָט מען זיי קאָנפיסקירט. די וואהל־קאָמיטעטען האָט מען פאַרפאָלגט, קיין פאַרזאַמלונגען אָפּהאַלטען האָט מען ניט געטאָרט. רעדנער האָבען געכאַפּט קלעפּ פון שוואַרץ־מאה'ניקעס. אויף אַלע כלים האָט מען געאַרבייט. היינט די גלחים! זיי האָבען געהאַלטען דרשות, אַז מען זאָל ערוועהלען בלויז „גוטע" קאַנדידאַטען.

און נאָך די אַלע גליקען איז די רעגירונג ערשט געבליבען מיט אַ נאָז.

עס זיינען ערוועהלט געוואָרען 117 קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטען, 97 „טרודאָוויקעס", 83 סאָציאַל־דעמאָקראַטען און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען (דאַן האָבען זיך שוין די סאָציאַליסטען יא באַטייליגט אין די וואהלען), 39 פּוילישע דעפּוטאַטען, 34 אָקטיאַבריסטען, און 63 רעאַקציאָנערען. פון די 455 דעפּוטאַטען האָט די רעגירונג אפשר געקענט צונויפשטשאָבען אַ הונדערט, וועלכע זאָלען האַלטען מיט איהר. (שוין אַריינגערעכענט די אָקטאַבריסטען). די צווייטע דומאַ איז דער רעגירונג געווען ווי אַ דאָרן אין די אויגען נאָך מעהר ווי די ערשטע איבער דעם וואָס אין איהר זיינען געווען אַזוי פיעל סאָציאַליסטען.

הונדערט טעג האָט די צווייטע דומאָ געלעבט.

אַ גאָט'ס רחמנות איז אויף איהר געווען. פון די האָפנונגען וואָס האָבען אָנגעפילט די הערצער פון אַזוי פיעל מענשען בעת די ערשטע דומאַ איז ערעפענט געוואָרען, איז איצט אַפילו קיין זכר ניט געבליבען. פון אַזאַ זאַך ווי יושר, געוויסען, איז די רעגירונג געווען אַזוי ווייט ווי מזרח פון מערב. די וועהלער אַליין האָבען זעהר ווייניג בטחון געהאַט, אַז די דומאַ וועט קענען עפּעס אויפטאָן. עס איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט געווען, אַז די געזעצגעבענדע קערפערשאַפט איז נעבאַך אויף גרויסע צרות. דער אמת איז געווען, אַז די דומאַ איז געבליבען אַליין, אָהן אַ מאַסען־באַוועגונג, וואָס זאָל זיך פאַר איהר אָננעמען. די איינציגע זאַך וואָס די

דומאַ האָט יאָ געקענט טאָן איז — קריטיקירען די רעגירונג, זיך בייזערען אויף איהר און אַגיטירען פאַר אַ קאָנסטיטוציאָנעלער אָרדנונג.

אין דער צווייטער דומאַ האָט מען געהאַלטען נאָך שאַרפערע רעדעס ווי אין דער ערשטער. אָבער די רעגירונג איז פון די שאַרפע רעדעס ניט נתפעל געוואָרען. דער פּרעמיער מיניסטער סטאָליפּין האָט זיך אין דער דומאַ אַזוי געבלאָזען, גלייך ער וואָלט געווען דער הערשער און די דעפּוטאַטען — די שיק־איינגלאָך. ער האָט גאַנץ אָפען ערקלערט, אַז „די דומאַ האָט קיין רעכט ניט אויסצור־דריקען אונצופרידענהייט אָדער אָנצוטרויען צו דער רעגירונג". ער האָט פאַרבאָטען דער דומאַ איינצולאַדען עקספּערטען צו איהרע זיצונגען, ער האָט איהר אויך פאַרבאָטען צו שטעהן אין פאַרבינדונג מיט די שטאָדטישע ראַטען און מיט די זעמסטוואָס. עס איז ביי דער רעגירונג געווען רעכט חוזק צו מאַכען פון די דעפּוטאַטען. און ווען מען נעמט נאָך אין אַכט דעם פאַקט וואָס צווישען די דומאַ־דעפּוטאַטען גופא זיינען געווען אייניגע שוואַרץ־מאַה'ניקעס, וועל־כע האָבען געברויכט די שפּראַך פון אויסוואורפען און זשוליקעס, איז גאָר קיין חידוש ניט, וואָס די פאַרביטערונג פון די דעפּוטאַטען איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבען געמוזט האַלטען שאַרפע רע־דעס. די צווייטע דומאַ האָט שוין ניט אוועקגעגעבען אַזוי פיעל צייט אויף געזעץ־פּראָיעקטען און זיך מעהר אָפּגעגעבען מיט דער אַרבייט צו מאַכען אָנפראַגעס ביי דער רעגירונג. אָבער די רעגי־רונג האָט אויף די מעהרסטע אָנפראַגעס אפילו ניט געענטפערט. עס איז ניט אַוועק דער טאָג, אַז די דעפּוטאַטען זאָלען זיך ניט פּיהלען ווי אויפ'ן שפּיץ פון אַ וואולקאַן. דערצו האָבען גלאַט ניט אויסגעפעהלט קיין אומגליקען. איינמאָל איז די סטעליע איינגע־פאַלען פונקט איבער יענעם ווינקעל, וואו די לינקע פראַקציעס זיינען געזעסען. עס איז געווען אַ נס וואָס דאַן איז דאָרטען קיינער ניט געווען, ווען ניט וואָלטען אַלע דעפּוטאַטען פון דער אָפּאָזיציע געווען אומגעקומען. עס האָט זיך געדוכט, אַז דער אַלטער ביוראָ־קראַטישער פּאַלאַץ וויל זיך נוקם זיין פאַר וואָס מען האָט אין

איהם אוועקגעזעצט אזעלכע „חוצפה'ניקעס", וואָס פאַרטרעטען גאָר דאָס פאָלק.

דאמאלט האָט די סאַמאָדערזשאַוויע שוין געהאט אויסגעאַרבייט א פּלאַן צו צוטרייבען די צווייטע דומא אויך. אגענטען־פּראָוואָקאטאָרס, צווישען זיי, דער באַריהמטער אזעוו, האָבען דער רעגירונג צוגעשטעלט באַווייזע, אז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטען פון דער דומא האָבען שוין אויסגעאַרבייט א פּלאַן ווי אזוי צו מאכען א בונט אין דער אַרמעע. דאַן האָט די רעגירונג געפאָדערט, אז די דומא זאָל פון איהרע זיצונגען אויסשליסען אלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטען און געבען איהר צושטימונג, אז זעכצעהן פון זיי זאָלען אריינגעזעצט ווערען אין טורמע. אָבער נאָך איידער די דומא האָט צייט געהאט זיך מיישב צו זיין וואָס זי זאָל דאָ טאָן, האָט דער צאַר אַרויסגעגעבען א באַפעהל, אז מען זאָל זי צוטרייבען. דאָס איז געווען דעם 3טען יוני, 1907.

דעם זעלבען טאָג האָט מען אַרויסגעגעבען נייע וואהל־געזעצען, מיט וועלכע מען איז אויסען געווען צו פאַרקלענערען די פאַרטרעטערשאַפט פון די ארבייטער, פּויערים און אָרימע קלאסען פון דער שטאָדטישער באַפעלקערונג און פאַרגרעסערען די פאַרטרעטערשאַפט פון די פּריצים און רייכע פאַבריקאַנטען. די נייע ענדערונגען האָט מען פאַר דער דומא אפילו ניט פאָרגעבראַכט, אויך אין גאָסודאַרסטווענני סאָוועט האָט מען וועגען דעם ניט געשטימט; מען האָט זיי גלאַט אַרויסגעגעבען אַלס א באַפעהל פון דער אַדמיניסטראַציע — און „ביט פּאָסעמו!" דאָס איז גלאַט געווען א הפקרות, כדי די דריטע דומא זאָל שוין באַשטעהן פון „פיינע" מענשען, וועלכע וועלען זיין געהאָרכזאַם און טאָן וואָס די רעגירונג וועט הייסען.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטען פון דער צווייטער דומא האָט מען אַרעסטירט, זיי גע'משפט פאַר הויכפאַרראַט און פאַר'משפט וועמען אויף עטליכע יאָהר קאַטאָרגע און וועמען אויף עטליכע יאָהר קיין סיביר פאַרשיקט.

און דאָס לאַנד האָט געשוויגען. אין א סך שטעדט האָבען

די „פּאַטריאָטען" אין די קלייסטערס מיט די גלעקער געקלונגען, און די פּריצים האָבען זיך געפרעהט און צוגעשיקט דאַנק־בריוועלאַך צו דער רעגירונג.

מעהר פון אַלע האָבען די פרייד אויסגעדריקט די מאָסקווער אַדעל־לייט. זיי האָבע דעם קיסר צוגעשיקט אַ צושריפט, אין וועלכען זיי האָבען איהם געדאַנקט דערפאַר וואָס ער האָט די דומאַ צו־טריבען, און האָבען אויך אונטערגעשריבען, אַז ער, דער קיסר, איז אַלץ, אַז ער איז פאַר קיינעם ניט פאַראַנטוואָרטליך, נאָר פאַר גאָט אַליין.

עס האָט ווידער געגומען הערשען דער אַלטער כּלל: „איין גאָט אין הימעל, איין צאַר אויף דער ערד", און וואָס דער צאַר וויל, קען ער טאָן.

די אַדעל־לייט און די גרויסע לאַנד־באַזיצער זיינען געווען אויפ'ן זיבעטען הימעל פאַר פרייד. די רעגירונג האָט געוואונען אויף איהר זייט דעם קאַפּיטאַל, די אינדוסטריע און דעם האַנדעל. די אַרבייטער האָט מען אַנגעטאָן אַ צוים. די פּויערים האָט מען צוברעקעלט דורך דעם געזעץ וואָס סטאָליפּין האָט אַרויסגעגעבען דעם 6טען נאָוועמבער; די פאַרמעגליכע האָט מען ערמוטיגט, און די אָרימע האָט מען ענטמוטיגט. די אינטעליגענטען האָבען זיך ענטוישט אין די רעוואָלוציאָנערע אידעען און עס איז געוואָרען אַ גאַנצע איבערקערעניש צווישען זיי; איינגע האָבען זיך אַ נעם גע־טאָן צו גאָט־זוכעניש, אַנדערע האָבען זיך אַ כאַפּ געטאָן צו פּער־זענליכע פאַרגעניגענס, און אַ סך האָבען זיך אַריינגעלאָזט אין עפּיס אַזעלכע טונקעלע און קרענקליכע שטימונגען. די רעוואָלוציע איז געווען צוקלאַפּט. די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען חרוב. אויף די חורבות פון דער גרויסער באַוועגונג איז געבליבען ליגען אַ שאָטען — די גאָסודאַרסטווענני דומאַ, מיט וועלכער די רעגירונג האָט זיך געשפּיעלט. געזעצליך איז רוסלאַנד דאַן געווען אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע, אין דער אמת'ען אָבער איז זי געווען אַ סאַמאָדערזשאַוונע מלוכה.

אַזוי איז געווען די לאַגע פון 1907 ביז 1917.

# קעמפפער און טרוימער

## דריטער טייל.

## 18טער קאפיטעל

# „אך בין דיין צאַר און דיין גאָט".

די רוסישע אַדמיניסטראַציע איז געווען ניט נאָר אַ באַזונדער גרופּע, נאָר אַ מין באַזונדער ראַסע. אין'ם משך פון דורות און דורות האָט זיך ביים רוסישען אַדמיניסטראַטאָר אויסגעארבייט אַ באַזונדער מין באַגריף און אַ באַזונדער מין בליק אויף דער וועלט. ניט יעדער איינער האָט געקענט ווערען אַ רוסישער טשינאָווניק. ווארים כדי צו זיין אַ רוסישער טשינאָווניק האָט מען געמוזט זיין גאָר פון אַנאַנדער טויג געקנאָטען, האָט מען געמוזט האָבען ספּעציעלע „מעלות". דער העכערער טשינאָווניק האָט געדאַרפט האָבען די „מעלה" צו קענען פארזעהן אַזעלכע זאַכען, וואָס וואַרפען זיך אַזוי אין די אויגען, אַז ס'איז גאָר אונמעגליך זיי ניט צו זעהן, ער האָט אויך געדאַרפט קענען זיך פאָרשטעלען אַזעלכע זאַכען, וואָס זיינען נישט געשטויגען און נישט געפלויגען און אין דערזעלבער צייט ניט זעהן וואָס ביי איהם אונטער דער נאָז טהוט זיך און דאָך מאַכען דעם אָנשטעל, אַז ער איז אַ גאַנצער דין, אַ חכם און אַ בקי אין וואָס איהר ווילט; דער קלענערער טשינאָווינק האָט געדאַרפט האָבען די „מעלה" צו פאָלגען בלינדערהייט, צו רייסען שטיקער אָהן רחמנות פון דעם קרבן וואָס פאַלט אריין צו איהם אין די הענט אריין, און דורכצופיהרען אַזעלכע „פּריקאַזען", וואָס ווידערשפּרעכען איינער דעם אַנדערן. ביי אַ רוסישען טשינאָווניק האָבען די אינטערעסען פון דער ביוראָקראַטיע געדאַרפט זיין דאָס העכסטע אין דער וועלט, און די אינטערעסען פון'ם פאָלק — דאָס נידעריגסטע אין דער וועלט. אין באַצוג צום פאָלק האָט ער געדאַרפט זיין שטרענג און האַלטען פון דעם כלל, אַז מען דאַרף „אויסוואָרצלען דאָס שלעכטע". פאַרשטעהן אַ ענין מיט'ן

אייגענעם שכל, האָבען אַ פאַרלאַנג צו דיענען דעם פאָלק — דאָס האָט אַ רוסישער טשינאָווניק ניט געטאָרט.

עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אַז אַ סך רוסישע טשינאָווניקעס האָבען טאַקי באמונה שלמה געגלויבט, אַז זיי ארבייטען פאַר אַ גערעכטער זאַך. איבער דעם וואָס זיי האָבען אלע יאָהרען געלערנט אין ספּעציעלע אָפּגעזונדערטע שוהלעס, זיך באַגעגענט מיט אַלע דיזעלביגע מענשען און איינגעאָטעמט אין זיך דיזעלביגע אַטמאָספּערע אין די ביוראָקראַטישע קאַנצעלאַריעס, האָבען זיי זיך אויסגעלערנט צו זיין פאַרבלענדט. און וואָס איז דאָס חידוש? אַז דער גרעסטער פאַרגעניגען פון אַ רוסישען טשינאָווניק איז געווען ווען דער העכערער נאַטשאַלניק האָט איהם געזאָגט, אַז ער איז אַ „מאָלאָדיעץ". ער איז געווען זיכער, אַז ער איז אַלעמאָל גערעכט, ווייל ווי קען דען זיין אומגערעכט אַ מענש, וועלכער „פאַרטרעט די רעגירונג". „איך בין דיין צאַר און דיין גאָט" — אַזוי פלעגען די רוסישע טשינאָווניקעס זאָגען. ער, דער רוסישער טשינאָווניק, האָט זיך שטענדיג געפיהלט כמלך בגדוד און אויפ'ן פאָלק געקוקט פון אויבען אַראָפּ. וואָרים ווי קען דאָס דען אַנדערש זיין? ער איז דער שטאַרקער, דער מעכטיגער, דער גלענצענדער, איהם שטיצען די שטאַרקע, די מעכטיגע, די גלענצענדע, און ווער איז דאָס פאָלק? „אַן אָרימער, שמוציגער המון".

און מערקווירדיג איז אָט וואָס: קיין רוסישער שריפטשטעלער, סאַי גרויסע און סאַי קליינע, האָט דעם רוסישען טשינאָווניק ניט גענומען ערנסט. און דאָס קען מען ניט ערקלערען דערמיט וואָס די רוסישע ליטעראַטור איז געווען אַ פּראָגרעסיווע. דער טיפּ גופא איז געווען אַזוי לעכערליך, אַז יעדער שריפטשטעלער האָט אין איהם געמוזט זעהן אויף דעמזעלבען שטייגער. אַ סימן, ווען די לאַגע פון'ם טשינאָווניק איז אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע געוואָרען אַנדערש, מען קען זאָגען, פּאַטעטיש, האָט די רוסישע ליטעראַטור, כאָטש זי איז געווען ראַדיקאַל און פּראָגרעסיוו, דערזעהן אין איהם די מענשליכע זייט פון דער טראַגעדיע. פאַר דער רעוואָלוציע אָבער האָט די רוסישע ליטעראַטור געזעהען בלויז

דאָס לעבערליכע אין׳ם רוסישען טשינאָווניק. געהאַסט האָבען זיי איהם ניט, די רוסישע שרייבער. זיי האָבען בלויז אָפּגעלאַכט פון איהם.

מיר וועלען דאָ ברענגען אויסצוגען פון צוויי רוסישע שריפט־שטעלער, איינער אַ ראַדיקאַל און אַ סאַטיריקער, מ. סאַל־טיקאָוו־שטשעדרין, און דער צווייטער אַ קאָנסערוואַטאָר און אַ פריינד פון דער אַלטער דינאַסטיע, פירסט וולאַדימיר מעש־טשערסקי; און מיר וועלען זעהן, אַז די טיפּען, וואָס זיי האָבען געשילדערט, זיינען פונקט געראָטען איינער אָן דעם אַנדערן.

סאַלטיקאָוו־שטשעדרין שרייבט: *)

פיאָדאָר קראָטיקאָוו האָט זיין צייט מעהרסטענטיילס פאַר־בראַכט אין די רייכע פּעטערבורגער רעסטאָראַנען. געוועזען איז ער אַ גוטער קערל. געלט האָט ער פאַרשווענדעט מיט אַ ברייטער האַנט. אין דערזעלבער צייט האָט ער זיך איינגעהערט צו די באַמערקונגען פון די אַדמיניסטראַטאָרס, וועלכע קומען אין דער הויפּטשטאָדט פון אַלע עקען לאַנד אוןריידען וועגען וויכטיגע ענינים זיצענדיג ביים וויין־טישעל. פיאָדאָר קראָטיקאָוו האָט אויף אַזאַ׳ן אופן דערשמעקט „דעם גייסט פון דער צייט". דערנאָך האָט ער זיך אַזוי לאַנג געדרעהט ביז ער האָט געקראָגען אַ צוטריט צו די וויכטיגע קרייזען, געמאַכט אַ פּאָר שלאָגענדע באַמערקונגען וועגען דער עקסצעסיווער צענטראַליזאַציע און וועגען דער נויטיג־קייט צו דעצענטראַליזירען רוסלאַנד דורך דעם וואָס מען וועט גרעסער מאַכען די מאַכט פון דער לאָקאַלער אַדמיניסטראַציע, ער האָט אויך באַדויערט דעם פאַקט וואָס די רעגירונג גיט זיך אָפּ מיט קלייניגקייטען, בעת די הויפּט אויפגאַבע — די אינערליכע פּאָליטישע סיטואַציע — בלייבט אומבאַמערקט. פיאָדאָר קראָ־טיקאָוו אַליין האָט אַפילו ניט געוואוסט וואָס ער רעדט, די הויכע ווערטער, וואָס ער האָט געברויכט זיינען פאַר איהם אַליין געווען

---

*) „פּאָמפּאַדור" פטער קאַפּיטעל.

אונפארשטענדליך. אבער דערמיט האט ער נושא חן געווען און איז באשטימט געווארען אלס גובערנאטאר.

זיין אדמיניסטראטיווע קאריערע הויבט זיך אן.

ווייסען ווייסט ער גאר ניט. קיין ערפאהרונג האט ער ניט און דארף ניט האבען. ער הויבט ניט אן צו פארשטעהן די אלע פראבלעמען וואס אן אדמיניסטראטאר דארף פארשטעהן, און דאס קימערט איהם ווי די וואנט. די רוטינע ארבייט ווערט געטאן אין די קאנצעלאריעס אויף דעם זעלבען שטייגער ווי פריהער, און וואס שייך אלגעמיינער פאליטיק, דארף מען דאך צו דעם האבען בלויז מוט און לעבעדיגקייט, צוויי זאכען וואס דער יונגער אדמי־ניסטראטאר פארמאגט איבערגענוג.

אין אנפאנג איז ער א „ליבעראל". ער לאזט ארויס א מעמאָ־ראנדום, אין וועלכען ער פארטיידיגט די פרייהייט צו רויכערען אין די גאסען, די פרייהייט פון יעדען איינציגען צו טראגען אזעלכע קליידער ווי ער וויל, די פרייהייט צו טראגען א בארד און לאנגע האר. אין זיין גובערניע איז קראטיקאוו א „ליבעראל" דורך און דורך. ער גיט ארויס באפעהלען צו בויען פאבריקען, צו באזע־צען מיט מענשען און אויך מאכען פרוכטבאר די וויסטענישען, צו ענטוויקלען דעם פארקעהר אויף דער יבשה און אויף די וואסע־רען. ער דריקט אויס זיין פעסטען גלויבען, אז ווען מען וועט גוט באארבייטען די פעלדער און דערצו נאך ענטוויקלען די גערט־נעריי און דעם פיהצוכט, וועט זיין זעהר גוט. צי מען קען אט די באפעהלען דורכפיהרען — דאס קימערט איהם ניט. עס טהוט איהם גלאט הנאה וואס ער איז אן אדמיניסטראטאר, וואס ער האט מאכט. ער האלט רעדעס פאר געשעפטסלייט און פאדערט, אז זיי זאלען אויסבויען פאבריקען, וואו מען מאכט לעדער און זייף; ער האלט דרשות פאר די פריצים וועגען דעם ווי נויטיג ס'איז צו ווייזען א גוטען ביישפיעל. ער ארבייט מעשים. ער שטאטעט אפ וויזיטען אין דער „פאזשארנע קאמאנדע" (פייער לעשער), אין טורמע, אין די פאבריקען, אין די קראמען; ער באַ־קעמפט די חליערע, די פאקען־קראנקהייט און די אלע אנדערע

מגפות און חולאַת'ען, און, פאַרשטעהט זיך, אַז דערביי איז ער זעהט שטרענג און פּינקטליך איינצומאַהנען די פּאַדאַטקעס וואָס מען האָט ניט באַצאָהלט. און דאָס איז דער בעסטער באַוויז, אַז ער איז אַן אמת'ער אַדמיניסטראַטאָר

עס געדויערט אָבער ניט לאַנג און ער איבערצייגט זיך, אַז זיינע אַלע באַפעהלען זיינען אַרויסגעוואָרפען. קיין פאַבריקען האָט מען ניט אויסגעבויט, דעם פאַרקעהר אויף דער יבשה און אויף די וואַסערען האָט מען ניט ענטוויקעלט, די חליערע וויל ניט פאָלגען און שיקט אַלץ אַוועק מאַסען מענשען אויף „דער אמת'ער וועלט", די געשעפטסלייט ריהרען זיך ניט פון אָרט, די ערד באַארבייט מען ניט גוט און עס וואַקסט נאָך אַלץ מעהר פּאָלאָווע ווי קאָרן. עס קומט אויס, אַז קראָטיקאָוו האָט זיך אויסגעצייכענט בלויז אין צוויי זאַכען — אין איינמאַהנען פּאָדאַטקעס און אין איינשטי־לען בונטען. אין די אַלע אַנדערע זאַכען איז ער דורכגעפאַלען.

אונזער אַדמיניסטראַטאָר ווערט מרה־שחור'דיג. ווייל ער פאַרשטעהט ניט פאַר וואָס ער איז דורכגעפאַלען, קומט ביי איהם אויס, אַז שולדיג אין דעם איז דער ליבעראַליזם בכלל. איז ער ענטוישט, מרה שחורה'דיג און הויבט אָן האָבען טענות. אַז ס'איז נישטאָ מיט וועמען צו ארבייטען! — האַלט ער זיך אין איין קלאָ־גען. דאָך מאַכט ער ווידער אַמאָל אַ פאַרזוך עפּעס אויפצוטאָן. ער לאָזט אַרויס אַ צירקולאַר צו די טשינאָווניקעס, וואָס שטעהן אונטער איהם, און אין דעם צירקולאַר שטרייכט ער אונטער ווי נויטיג עס איז צו ענטוויקלען די אינדוסטריע, דעם האַנדעל און דעם פאַרקעהר. ער פאָדערט, אַז זיי זאָלען זיך אָנטאָן אַ כוח דאָס דורכפיהרען. „דאָס לעצטע מאָל, — שרייבט ער, — פאָדער איך פון אייך, איהר זאָלט אויפרודערען דעם געזעלשאַפטליכען גייסט און ברענגען דערצו, אַז ער, דער גייסט זאָל באַקומען די נייגונג צו גרויסע און געוואַגטע מעשים. וועגען די רעזולטאַטען פון אייערע געשפּרעכען און טאַדלונגען מוזט איהר מיר לאָזען וויסען צוויי מאָל אין וואָך". אָבער עס ווייזט זיך אַרויס, אַז

אַט דער צירקולאַר האָט אויך ניט געבראַכט קיין הצלחה און מזל ברכה אין דער גובערניע.

ווערט שוין קראַטיקאָוו אין כעס און גיט אויף דעם „ליבע־ראַליזם" זיינעם. די ציימען האָבען זיך געביטען אין דער גובער־ניע אויך. ער דערשמעקט מיט אַמאָל א „אינטריגעלע". ער הויבט אָן „פאַלען אויף א שפּור". עס פאַלט איהם איין, אז די זעמסטוואָ און דאָס געריכט־הויז זיינען עפּעס ניט קיין כשר'ע זאכען; דאָרטען ליגט די גאנצע צרה פון דעם ליבעראַלען גייסט. איינגאַנצען זיכער אין דעם איז ער אָבער ניט. וואָס ער זאָל טאָן ווייסט ער ניט, ער ווייסט אויך ניט מיט וועמען ער זאָל האַלטען און וועמען ער זאָל באַקעמפען. ער פיהלט נור, אז דער פאַרלאַנג עפּעס צו טאָן איז אין איהם אַזוי גרויס, אז ס'לאָזט איהם אַנש ניט רוהען.

ערשט דאַן הויבט ער אָן זיך אליין צו געפינען. מיט אַמאָל ווערט פאַר איהם קלאָר, אז ער מוז אויסראָטען דעם „בייזען" גייסט"! ער מוז באַקעמפען די שעדליכע אידעען! ער מוז באַ־קעמפען די שונאים פון געזעץ און אָרדנונג! ער האָט זיך אליין, ענדליך, געפונען.

פּיאָדאָר* קראַטיקאָוו איז מלא שמחה. איצט וועט ער שוין זעהן, אז ער זאָל זיין גרעסער פון אַלע אדמיניסטראַטאָרס. זיין אַרבייט וועט אין די „הויכע פענסטער" אָפּגעשעצט ווערען. נעמט ער און זאָגט אָפּ פון די שטעלעס די אַלע טשינאָווניקעס, וואָס האָבען ביז איצט אונטער איהם געאַרבייט, און שטעלט אָן אַזאַ שטאַב וואָס זאָל זיין פעהיג צו טאָן די אַרבייט פון אויסראָ־טען דעם „בייזען גייסט". דער אמת איז, אז אין זיין גובערניע איז גאָר נישטאָ קיין רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. אָבער דאָס מאַכט ניט; קראַטיקאָוו גורט אָן די לענדען און נעמט זיך קעמפען געגען דעם „גייסט". עס זיינען פאַראַן זעמסטוואָ־אַנ־שטאַלטען. עס זיינען פאַראַן געריכטס־הייזער. עס זיינען פאַראַן שוהלעס. אַט די אַלע אַנשטאַלטען זיינען טרפה, זיי זיינען די נעסטען פון בונט און פאַרשווערונג. בילדונג, זאָגט ער, איז

א מעסער מיט צוויי שאַרפען. אויב בילדונג פיהרט ניט דערצו, אַז דאָס פאָלק זאָל זיין געהאָרכזאַם און האָבען דרך ארץ פאַר נאַטשאַלסטווא, דאַרף מען עס האָבען אויף כפרות.

קראַטיקאָוו איז אויפ׳ן זיבעטען הימעל. די ענערגיע האָט זיך אין איהם צופלאַקערט און ער ארבייט מעשים, קעהרט אַ וועלט. זיינען חברה לייט באַפאַלען פּריוואַטע וואוינונגען, מאַכען אָביסקעס, נעמען צו גאַנצע פּעק מיט ביכער און צייטונגען, זעצען אַריין אין טורמע צעהנדליגער אומשולדיגע מענשען.. קראַטי־קאָוו׳ס „ליובאָוניצע“ (יעדער „אנשטענדיגער“ נאַטשאַלניק מוז האָבען אַ „ליובאָווניצע“, וואָס זאָל האָבען אַ חלק אין זיין כבוד און שפּיעלען אַ ראָלע אין דער געזעלשאַפט) העלפט איהם ארויס אין דער ארבייט. צוזאַמען מיט איהר פיהרט אַן אַ קאַמף געגען מאַטעריאַליזם, צוזאַמען מיט איהר און מיט דער הילף פון דער פּאָליציי, צווינגט ער די באַפעלקערונג צו געהן אין קלויסטער.

דאַן ווערט שוין פּיאָדאָר קראַטיקאָוו אנערקענט אַלס אַ געניטער שטאַאַטסמאַן.

עס פאַרשטעהט זיך אַז דאָ איז פאַראַן אביסעל גוזמא, אָבער דער עצם, דער תוך בלייבט אַלץ דערזעלבער. עס איז אַ פאַקט, אַז אַ רוסישער אדמיניסטראַטאָר איז געווען אָדער אַ בלומרשטער „ליבעראַל“ אָדער אַ קאָנסערוואַטאָר. דער „ליבע־ראַל“ האָט אויסגעדריקט זיין „ליבעראַליזם“ דערמיט וואָס ער האָט שטענדיג געהאַלטען אין איין ר ע ד ע ן וועגען דער הצלחה פון׳ם פאָלק, בעת דער קאָנסערוואַטאָר האָט ניט אויפגעהערט צו שיטען פעך און שוועבעל אויפ׳ן פאָלק. עס איז אַ פאַקט, אַז צווישען דעם ליבעראַלען און קאָנסערוואַטיווען רוסישען אדמיניס־טראַטאָר איז קיין אונטערשיעד ניט געווען. אי דער „ליבעראַל“, אי דער קאָנסערוואַטאָר האָט געפייפט אויפ׳ן פאָלק. עס איז אַ פאַקט, אַז קיין רוסישער אדמיניסטראַטאָר האָט אין זיין קאַריערע ניט געקענט שטייגען אויב ער האָט ניט באַקעמפט דעם „בייזען

פירסט וולאַדימיר מעשטשערסקי איז, ווי איהר ווייסט,

געווען אַ געטרייער אַנהענגער פון'ם אבסאָלוטיזם. קיינער האָט אזוי גיפטיג ניט אַטאַקירט די רעוואָלוציאָנערען און ראַדיקאַלען ווי דער אַלטער פירסט אין זיין זשורנאַל „גראַזשדאַנין". אָבער מען מוז צוגעבען, אַז מעשטשערסקי איז געווען א טיעפער באַ־אָבאַכטער, און אין זיינע נאָוועלען געפינען מיר דעם זעלבען טיפּ פון דעם אונוויסענדען, פּאַר'עקשן'טען, זעלבסט־צופרידענעם, און דאָך ערפּאָלגרייכען, רוסישען טשינאָווניק.

פירסט וולאַדימיר מעשטשערסקי שרייבט: *)

גראַף איוואַן אָבעזיאַנינאָוו האָט געדענקט, אַז רעגירונגס־אַנגעלעגענהייטען — דאָס איז זיין באַרוף, „ווייל ער איז א שעה־נער, געקראָגען זיין בילדונג אין איינער פון די אַריסטאָקראַטיש־סטע מיליטערישע שוהלעס, איז אַלט פיער און דרייסיג יאָהר, איז קיינמאָל ניט אָנגעקלאָגט געוואָרען אין געריכט, אויסער רי צוויי מאָל, וואָס ער האָט אויסגעשלאָגען די שויבען אין געוויסע הייזער ווען ער איז געווען אונטער'ן איינפלוס פון בראַנפען". אין פּאָלי־טישע ענינים האָט גראַף אָבעזיאַנינאָוו ליעב געהאַט צו ריידען דוקא וועגען אַזעלכע זאַכען, וואָס ער האָט ניט פאַרשטאַנען. ווער עס האָט נור גערעדט וועגען דער זעמסטוואָ איז ביי איהם שוין געווען פאַררעכענט פאַר אַ „ליבעראַל", כאָטש פאַר וואָס דאָס איז אזוי האָט ער ניט געוואוסט. ווען ער איז באַשטימט געוואָרען אלס גובערנאַטאָר פון קאַמארינא האָט ער ניט געהאַט די מינדסטע ידיעה וועגען דעם געגענד אַפילו אויף דער לאַנדקארטע און וועגען אַזאַ זאַך ווי געזעץ האָט ער ניט אָנגעהויבען פאַרשטעהן אַ וואָרט. דאָך האָט ער באַשלאָסען, אַז ווי ער וועט נור קומען אַהין, וועט ער־דאָרטען הערשען מיט אַן אייזערנער האַנט. „מיין אידעאַל איז ביסמאַרק", — האָט דער גראַף געזאָגט. „דאָס איז דער מאַן וואָס מיר דאַרפען! אַן אייזערנע האַנט, אַ געניאַלען שכל!" זיין אַדמיניסטראַטיווע פּראָגראַם איז געווען „צו גרינדען א גוטע

---

*) וו. פּ. מעשטשאַרסקי. „איינער פון אונזערע ביסמארקס און גראַף אָבעזיאַנינאָוו אויף אַ נייער ־־יעלע."

פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע, אויסראַטען בעטלער י, אַכטונג געבען אויף דער טורמע, איינפיהרען גאַז־באַלויכטונג איבער דער גאַנצער שטאָדט, אויב ס'איז נור מעגליך, און פאַררוקען אין א ווינקעל די זעמסטוואָ און די אַנדערע עהנליכע עלעמענטען". די איינ־צעלהייטען, די פּרטים פון דער אַדמיניסטראַטיווער ארבייט, האָט ער באַשלאָסען איבערצולאָזען פאַר זיינע אַסיסטענטען, און ער אליין וועט זיין דער „פיהרער" פון דעם געזעלשאַפטליכען גייסט.

„די הויפּט אויפגאַבע מיינע, — האָט ער צו זיין אַסיסטענט געזאָגט, — איז צו פאַרבעסערען און פאַרשטאַרקערען די מאַכט פון דער אַדמיניסטראַציע, וואָס איז געוואָרען שוואַך."

„אָבער ווי אַזוי וועט איהר קענען שטאַרקער מאַכען די מאַכט פון דער אַדמיניסטראַציע ניט וויסענדיג די אַלע נויטיגע פּרטים?" — האָט איהם דער אַסיסטענט געפרעגט.

„גאַנץ איינפאַך, — האָט ער געענטפערט, — איך וועל איינ־פיהרען אַן אויסגעצייכענטע פּאָליציי־סיסטעם. איך וועל האָבען אויפריכטיגע, פיינע מענשען, דורך וועלכע איך וועל שוין אַלעם אויסגעפינען. דאָס אַלעם."

„אויב איך פאַרשטעה אייך, מיינט איהר דערמיט צו זאָגען, אַז לויט אייער מיינונג איז די אַדמיניסטראַציע און די פּאָליציי איין און דיזעלבע זאַך?"

„אודאי, איין און דיזעלבע זאַך", — האָט אָבעזיאַנינאָוו גע־ענטפערט.

„אָבער וואָס איז מכח דער זעמסטוואָ? שטעלט אייך פאָר, אַז איהר קומט אין א צוזאַמענשטויס מיט דער זעמסטוואָ, ווי אַזוי קענט איהר דאַן באַנוצען פּאָליציי?"

„וועגען דער זעמסטוואָ, מיין פריינד, זאָלט איהר זיך גאָר ניט זאָרגען. מיט איהר איז גאַנץ לייכט אויסצומיידען א צוזאַ־מענשטויס. איך וועל די הערען פון דער זעמסטוואָ שטענדיג האַלטען אין קלעם. דאָס אַלעם."

מיט אַזאַ פּראָגראַם איז ער אָנגעקומען קיין קאַמארינאָ, וואו מען האָט איהם געגעבען א גרויסאַרטיגען קבלת פּנים. דער פּאָ־

ליצמייסטער האָט זיך געשטרעקט אין דער לענג און אין דער ברייט צו פאַרשאַפן גרויס פאַרגעניגען דעם נייעם גובערנאַטאָר. ווען ער איז אַרויס אין גאַס שפּאַצירען האָט ער געזעהן ווי לעבען הויז איז אויסגעשאַטען זאַמד, כדי עס זאָל אויסקוקען יום טוב'דיי־גער, די פּאָליצייסקע האָבען איהם מיט זייערע פּאַראַדנע יוני־פאָרמעס דערמאָנט אָן די פּעטערבורגער קאָלעגען זייערע, און כדי עס זאָל אויסקוקען גאָר וואַזשנע האָט מען אַרויסגעהאַנגען פאָה־נען איבער די אַלע הייזער, וואָס זיינען געשטאַנען אין דעם געגענד, וואו דער גראַף האָט זיך באַזעצט און אויך איבער די אַלע הייזער פון דער הויפּט גאַס.

אויף דעם חשבון האָט שוין דער גראַף באַשלאָסען, אַז דער פּאָליציימייסטער איז זעהר אַ פיינער מאַן. ווען ער וואָלט זיך אָבער מטריח געווען צו זעהן וואָס ס'טוט זיך אין פּאָליציי־צירקעל, וואָלט ער אויסגעפונען, אַז ערשט נעכטען האָט דער פּאָליצמייסטער אַרעסטירט זעקס בירגער דערפאַר וואָס זיי האָבען זיך געקליבען צו דערלאַנגען אויף איהם אַ קלאַגע פאַר'ן גראַף. ער וואָלט אויך אויסגעפינען, אַז דריי מענשען זיינען אַרעסטירט געוואָרען דערפאַר וואָס זיי האָבען זיך ענטזאַגט אַנטייל צו נעמען אין דעם קבלת פּנים פאַר דעם נייעם גובערנאַטאָר. אָבער אַזוי ווי דער גובערנאַטאָר האָט זיך ניט אינטערעסירט מיט קיין פּרטים, איז ביי איהם געבליבען, אַז דער פּאָליצמייסטער פּערפּענטיעוו איז זעהר אַ פיינער מאַן.

ווען די לאָקאַלע אַדמיניסטראַטיווע קערפּערשאַפטען האָבען אויפגענומען דעם גובערנאַטאָר האָט ער פאַר זיי געהאַלטען אַ פיינע דרשה און געזאָגט, אַז ער וועט זיין שטרענג אין זיין קאַמף געגען די באַהאַלטענע שונאים פון דער אַדמיניסטראַציע.

„מיינע הערען, — האָט ער געזאָגט, — איך אַליין בין אויך אַן אַנהענגער פון פרייהייט, אָבער איך וועל ניט ערלויבען קיין ניט־לאָיאַלע אָדער שלעכט־געמיינטע פרייהייט. עס איז מיין פליכט אַלע מאָל צו ערקלערען אויף וואָס פאַר אַ פרייהייט איך קען געבען מיין הסכמה און אויף וועלכער ניט. דאַריבער בעט איך

איך, אז איהר זאָלט זיך אַלע מאָל באַראַטען מיט מיר און זיך ניט איינהערען צו די מענשען, וועלכע האָבען זיך זייערע אייגענע אוממעגליכע געדאַנקען וועגען פרייהייט". (און דאָ האָט ער מיט די אייגען אָנגעוויזען אויף די פאַרטרעטער פון דער זעמסטוואָ). ווייטער האָט דער גוברנאַטאָר אונטערגעשטראָכען דעם פאַקט, אַז ער און נור ער איז דער איינציגער הערשער אין דער גובערניע, „דער הויפּט בעל הבית, דער שומר פון אָרדנונג, גוטער אויפפיהרונג און גוטע זיטען". איך האָף, מיינע הערען, — האָט ער געזאָגט צו די פאַרטרעטער פון דער זעמסטוואָ, — אז איהר וועט פאַרשטעהן, אז איך בין דער בעל הבית אין דער גובערניע און אז קיינער וועט ניט האָבען דאָס רעכט ארויסצוגעבעי באַפעהלען אין מיין קאָמאַרינאָ".

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבען די אַדמיניסטראַטיווע קאַריערע פון גראַף אָבעזיאַנינאָוו.

„פאַר דער צייט האָבען פּאַסירט אַ סך זאַכען, — דערצעהלט ווייטער דער מחבר, — אָבער דער גוברנאַטאָר אַליין האָט קיין זאַך ניט אויפגעטאָן, ווייל ער איז צו קיין זאַך ניט געווען פעהיג. אין גראַף אָבעזיאַנינאָוו'ס מוח האָבען ניט געקענט געבאָרען ווערען קיין פראַגען וואָס זאָל האָבען אַ נאָהענטע שייכות מיט דעם כאַראַקטער פון דער אַדמיניסטראַטיווער ארבייט, וועלכע זאָלען האָבען אַ טיעפע באַדייטונג און זאָלען זיין זעהר וויכטיג — זיי האָבען אין זיין מוח ניט געקענט געבאָרען ווערען, ווייל זיין מוח איז געווען פּוסט". ביי איהם איז קאָמאַרינאָ געווען אַ געמייזעכץ פון פעלדער, גאַסען, הייזער און אונטערטהעניגע מענשען. ער האָט פיינט געהאַט די זעמסטוואָ דערפאַר וואָס איהר פּרעזידענט איז ניט געווען נענוג געהאָרכזאַם אין פּערזענליכע באַציהונגען; ער האָט ליעב געהאַט די פּריצים און די נאַטשאַלניקעס דערפאַר וואָס זיי האָבען לכבוד איהם אַ באַנקעט געמאַכט, און אויך דערפאַר וואָס זיי זיינען גלאַט וואַזשנע לייט אין דער מלוכה.

איינער פון זיינע ארויסהעלפער איז גראַדע געווען אַן עהרליכער, אויפריכטיגער מענש און קיין מורא ניט געהאַט פראַנק

און פריי אַרויסצוזאָגען זיין מיינונג, האָט ער אויף איהם דערפאַר אַן אום־חן געוואָרפען. די אַנדערע טשינאָווניקעס האָבען איהם אויך ניט ליעב געהאט, האָט מען גלייך געמאַכט אַן אינטריגעלע געגען איהם, מען האָט איהם אָנגעהויבען חושד זיין אין דעם, אַז ער איז אָנגעשטעקט מיט ליבעראַלע טענדענצען, און מען האָט איהם אַזוי לאַנג געטאָן אין טויט אַריין ביז ער האָט געמוזט פאַרלאָזען זיין אמט. דער פּאָליצמייסטער פּערעפּענטיעוו און נאָך אַ בעאַמטער מיט׳ן נאָמען מאַקלאַקאָוו האָבען די גאַנצע אינטריגע אָנגעפיהרט געגען יענעם עהרליכען מענשען, וועלכער האָט געוואַגט צו האָבען אַן אייגענע מיינונג, און דערפאַר זיינען זיי געוואָרען דעם גובערנאַטאָר׳ס ליעבלינגע. דער פּאָליצמייסטער האָט גוט געוואוסט מיט וואָס מען קען אויסנעמען ביים גובערנאַטאָר. ער האָט באַמערקט, אַז דער גראַף האָט ליעב צו זעהן ווי מען באַלעוועט זיין הינטעל, און דערפון האָט ער געדרונגען, אַז ער האָט ליעב ווען מען באַלעוועט איהם אַליין אויך. דער פּאָליצמייסטער איז דעם גובערנאַטאָר אונטער די נעגעל געקראָכען און איהם ניט אויפגעהערט צו חנפ׳ענען. און דער גובערנאַטאָר האָט איהם נעגלויבט. די גאַנצע גובערניע איז געווען אין קלעם ביי פּערעפּענטיעוו׳ן און מאַקלאַקאָוו׳ן, די צוויי פאַרשוינען, וועלכע האָבען געקענט ידי קונץ פון כאַפּען פיש אין מוטנע וואַסער.

צו אַרבייט איז גראַף אָבעזיאַנינאָוו ניט געוועהנט געוואָרען, נאָך מעהר, ער האָט קיין צוטרויען ניט געהאט צו די מענשען, וועלכע אַרבייטען אַ סך. די בעאַמטע פון דער זעמסטוואָ האָט ער פיינט געהאט דערפאַר וואָס זיי אַרבייטען צופיעל; ער האָט זיי געהאַסט דערפאַר וואָס אַפילו נאָך די אַרבייטס־שטונדען פאַרזאַמלען זיי זיך ביים פּרעזידענט אין הויז און ביז שפּעט אין דער נאַכט זיצען זיי דאָרטען און דיסקוטירען וועגען פּלענער ווי אָנצוגעהן מיט זייער טעטיגקייט. קיין אונגעזעצליכע פּלענער זיינען זיי אַפילו אין זינען ניט געלעגען, אָבער דעם גוברנאַטאָר האָט מען איינגערעדט, אַז זיי מאַכען פאַרשווערונגען, און ער האָט נעגלויבט. וואָרים וואָס דען קענען מענשען טאָן שפּעט אין דער

נאכט אויב ניט מאַכען פאַרשווערונגען ווי צוצושטערען די אָרדנונג?

צו זיין אייגענער ארבייט האָט ער זיך באַצויגען זעהר לייכט. זיינע אייגענע פליכטען האָט ער ניט געוואוסט, און מען קען זאָגען, אַז ער האָט גאָר ניט געטאָן. אין זיין קאנצעלאַריע האָט ער אָנגעשטעלט אָהן אַ שיעור טשינאָווניקעס, די פאָליציי האָט ער געמאַכט גרעסער, ער האָט אויך איינגעפיהרט אייניגע נייע קאָמיסיעס, ארויסגעלאָזט אַ גאנצע רייהע ווילדע באַפעהלען צו די לאָקאַלע בעאַמטע פון דער גובערניע. אין איין באַפעהל האָט ער געסטראַשעט די קעפּ פון דער אויעזדנע פּאָליציי, אַז ער וועט זיי אַפּזאָגען פון די אַמטען אויב זיי וועלען אין אַ משך פון צוויי וואָכען ניט איינמאָהנען די פּאָדאטקעס וואָס מען האָט נאָך ניט באַצאָהלט. אין אַ צווייטען באַפעהל האָט ער אָנגעזאָגט דער פּאָליציי צו „האַלטען אַן אויג אויף דעם גייסט און אויף דער שטעלונג פון דער באַפעלקערונג און לאָזען וויסען וועגען די קלענ־סטע ענדערונגען וואָס קומען פאָר“. און דערנאָך האָט ער זיך שוין געפיהלט בארעכטיגט צו לאָזען וויסען דער העכערער נאַ־טשאַלסטוואָ אין פּעטערבורג, אַז ער האָט „איינגעפיהרט אַזוינע רעפאָרמען וואָס פאַרשטאַרקערען די מאכט פון׳ם גובערנאַטאָר אַלס אַ פאַרטרעטער פון דער העכסטער מאכט“. און דאַן, נאכדעם ווי ער האָט שוין דורכגעפיהרט אַזאַ פּראָגראַם, וואָס פּאַסט פאַר אַן אמת׳ען מלוכה־מאַן, האָט ער שוין געהאַט גענוג צייט זיך אָפּצו־געבען מיט עדעלע ליידענשאַפטען. עס האָט געהייסען, אַז די גובערניע באָדט זיך אין נחת און אין פרידען.

זעהר לעבעדיג באַשרייבט מעשטשערסקי, ווי אַזוי דער אויעזדנע נאַטשאַלניק איוואַן ארטאַסעוויטש מאָהנט איין די פּאָ־דאַטקעס אין אַ דאָרף. ווי אַ דונער פון אַ לויטערען הימעל איז ער אריינגעפאַלען אין דאָרף אריין. ווען די פּויערים פון׳ם דאָרף האָבען דערהערט דעם גלאָק פון זיין קאַרעטע איז אַ פּחד אויף זיי געפאַלען. ווי ער איז נור אריינגעפאָהרען אין דאָרף אריין האָט ער גלייך צונויפגערופען אַלע פּויערים און מיט׳ן האַרבען וואָרט

זיי געזאָגט, אַז אויב זיי וועלען גלייך ניט באַצאָהלען די פּאַדאַט־קעס, וועט ער זיי אַרעסטירען. דערנאָך האָט מען זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבייט. מען איז געגאַנגען פון הויז צו הויז און צוגענומען וואָס ס'איז נור געקומען אונטער דער האַנט — עופות, גענז, קעלבלאַך און פערד, און דאָס אַלעס האָט מען דער־נאָך פאַרקויפט. פרויען האָבען געוויינט, קינדער האָבען געבלי־פעט. דער סטאַראָסטע פון'ם דאָרף איז גראַדע געווען אַ גוטער מענש. ער האָט גוט געוואוסט, אַז איצט זיינען די פּויערים נישט אימשטאַנד צו באַצאָהלען; ער האָט געוואוסט, אַז דערמיט וואָס מען נעמט ביי זיי צו די בהמות, די פערד, מאַכט מען זיי אומ־גליקליך, ווייל זיי וועלען אפילו ניט האָבען מיט וואָס די פעל־דער צו באַאַרבייטען. אָבער ער האָט זיין גוטסקייט ניט געטאָרט אַרויסווייזען, אַלא ניט איז זיין שטעלע געווען אין קאָן.

דאָסזעלבע איז פאָרגעקומען אין אַלע אַנדערע דערפער פון דער גובערניע. מען האָט ביי די פּויערים צוגענומען אַלעס וואָס זיי האָבען פאַרמאָגט, אין די אויעזדנע נאַטשאַלניקעס האָבען באַריכטעט, אַז זייער אַרבייט איז געקרוינט געוואָרען מיט ערפאָלג. איין נאַטשאַלניק האָט זיך זאָגאַר ניט געשעהמט צו באַריכטען, אַז ער האָט ביי די פּויערים אַלעס צוגענומען כּמעט עס האָט אין דאָרף געהערשט אַ הונגער איבער דעם וואָס די תבואה איז ניט געראָטען.

אין דער גובערניע האָט מען געדאַרפט מאַכען אַן אייזענבאַהן־ליניע. די זעמסטוואָ האָט די אַרבייט געוואָלט נעמען אויף זיך און איינשפּאָרען הוצאות דער באַפעלקערונג; אָבער מיט דער זעמסטוואָ האָט מען קיין מגע ומשא ניט געטאָרט האָבען, ווייל זי איז ליבעראַל און איז פול מיט'ן „בייזען גייסט". האָט זיך געפונען איינער אַ מיטרידאַטאָוו, וועלכער האָט נושא חן געווען ביים גובערנאַטאָר און איבערגענומען דעם קאָנטראַקט, כּמעט ער האָט געשטעלט אַן אונגעהייער גרויסע פּרייז. פאַר וואָס מיטרי־דאַטאָוו האָט נושא חן געווען ביים גובערנאַטאָר? ער האָט ביי איהם געדונגען אַ אימעניע, פאַר וואָס ער האָט באַצאָהלט אַ גאַנצע

היבשע סומע דיזה־געלד, און דערצו האָט ער איהם, דעם גובער־נאַטאָר, נאָך צוגעזאָגט, אַז ער וועט שוין זעהן דאָס די אייזענ־באַהן ליניע זאָל זיין ניט ווייט פון דער אימעניע. אַזאַ זאַך איז ניט קיין קלייניגקייט, האָט דער גובערנאַטאָר איהם איבערגעגעבען דעם קאָנטראַקט און דערצו האָט ער איהם נאָך געגעבען דאָס רעכט זיך צו באַנוצען מיט דער פּאָליציי אויף צו טרייבען די פּויערים צו טאָן געוויסע סאָרטען ארבייט, וואָס זיי האָבען ניט געוואָלט טאָן.

די פאַרטרעטער פון דער זעמסטוואָ האָבען געפּרואווט זיך בריה'ן. זיי האָבען גע'טענה'ט און באַוויזען, אַז מיטרידאַטאָוו איז אַ שווינדלער און אַז ער וועט די ליניע מאַכען אַזוי, אַז זי וועט קיין ווערטה ניט האָבען. אָבער דער גובערנאַטאָר האָט דאָס ניט גענומען אין אַכט און געענטפערט אַזוי: „מיך געהט ניט אָן וועמעס אינטערעסען איהר פאַטריידיגט, אייערע אייגענע אָדער אייערע זעמסטוואָס. אין קאַמאַרינאַ בין איך בעל הבית, און איך, ניט איהר, האָב אַ רעכט צו טאָן אַלעס. אין קאַמאַרינא איז מיין מאַכט אונבאַגרעניצט, קיין געזעץ און קיין באַפעהל האָט אויף מיר קיין שליטה ניט. אייער בקשה קען גענומען ווערען אין אַכט בלויז דאַן ווען איך געפין, אַז זי איז ווערט דאָס די רעגירונג זאָל זי באַטראַכטען". די זעמסטוואָ האָט אַפּעלירט קיין פּעטערבורג, אָבער, עס פאַרשטעהט זיך, אַז גראַף אָבעזיאַנינאָוו האָט געוואונען געגען דער „ליבעראַלער" אָפּאָזיציע".

גראַף אָבעזיאַנינאָוו מאַכט אַ רייזע איבער דער גובערניע. די לאָקאַלע באַאַמטע זעהן שוין, אַז אויפ'ן וועג זאָל איהם קיינער קיין קלאַגעס ניט דערלאַנגען. די „פאַרדעכטיגע" מענשען פאַר־שפּאַרט מען גלאַט אַזוי אין די טורמעס און מען האַלט זיי דאָרטען ביז דער גראַף פאָהרט אַוועק. די פּאָליציי צווינגט די פּויערים צו באַגעגענען דעם גובערנאַטאָר מיט ברויט און זאַלץ און מיט טייערע מתנות. און דער גראַף פרעגעלט זיך ממש אין נחת און אין פאַרגעניגען. ער שיקט אַוועק קיין פּעטערבורג אַ מעלדונג, אַז די פּויערים פון זיין גובערניע לעבען אין וואוילטאָג. ער

לויבט אין טאג אריין די פאליציי, און רעקאמענדירט זעהר ווארים דעם „פיינעם געשעפטסמאן" מיטרידאטאוו.

אבער סוף כל סוף קומט א צייט ווען אין פעטערבורג האבען זיך אויפ'ן גראף אנגעקליבען אזוי פיעל קלאגעס, אז ער קען שוין מעהר אין קאמארינא ניט בלייבען. פאהרט ער אליין אוועק קיין פעטערבורג און דארטען געפינט ער אויס, אז ער איז זעהר שטארק קאמפראמיטירט. אבער ער ווערט דערפון ניט נתפעל, און צו זיין קאריערע שאדט דאס איהם ניט א האר. ער ווייסט שוין וואו א טהיר עפענט זיך. ער זעהט זיך מיט די פני און די גאר הויכע פענסטער און עס גיט זיך איהם איין נושא חן צו זיין ביי זיי. ער ווערט אן אנגעזעהענער גאסט ביי זעהר א שעהנער גרעפין, וועלכע האלט אונטער איהר פאנטאפעל איינעם אן אלטען פרינץ, וואס האט א גאר גרויסען איינפלוס אין די הויכע ספע־רען — און גראף אבעזיאנינאוו באקומט שוין א נאמען פון א גאר געהויבענעם אדמיניסטראטאר.

„גראף אבעזיאנינאוו, — דערצעהלט מעשטשערסקי, — האט ניט נושא חן געווען אין די אויגען פון דער באפעלקערונג אין קא־מארינא, און דאס איז ניט געווען אומזיסט. גראף אבעזיאנינאוו האט ניט נושא חן געווען אין די אויגען פון זיין גלח, און דאס איז אויך ניט געווען אומזיסט. אבער גראף אבעזיאנינאוו האט יא נושא חן געווען אין די אויגען פון פרינץ סעמיאן איוואנא־וויטש; גראף אבעזיאנינאוו איז געפעלען געווארען דער גרעפין ראווינסקאיא און דעם אלטען פרינץ, ווען זי האט אויטער'ן פאנטאפעל געהאלטען, און די גאנצע געשיכטע איז אפגעטאן גע־ווארען קורציג און גלאט. אזוי האט דער שיקזאל אליין געוואלט. נו, געהט טענה'ט זיך אוים מיט'ן שיקזאל."

גראף אבעזיאנינאוו ווערט דער הויפט פון א דעפארטמענט אין פעטערבורג. אין זיינע הענט גיט מען איבער די שיקזאלען פון מיליאנען מענשען.

19טע קאפּיטעל.

# דריי פוהרלעך מיט ריטער.

זיינען די שרייבער וואָס מיר האָבען אין'ם פריהערדיגען קאפּיטעל ציטירט געטריי צום לעבען? אפשר זיינען אזעלכע אדמיניסטראַטאָרם ווי קראָטיקאָוו און אָבעזיאנינאָוו ניט מעהר ווי א פּראָדוקט פון אַ צוהיצטער פאַנטאזיע?

כדי צו פארענטפערען אָט די פראגע וועלען מיר דאָ איבער-געבען אַ געשיכטע, וואָס איז ניט קיין שילדערונג, ניט קיין אויס-געטראכטע מעשה, נור אַ פאקט. דער פאקט איז אין די צייטונ-גען ניט איבערגעגעבען געוואָרען און דער אלגעמיינער עולם האָט וועגען דעם ניט געוואוסט. עס קען זיין, אַז די דאָזיגע געשיכטע, וועלכע איז זעהר דראַמאַטיש, וואָלט אינגאנצען אוועק אין דער פארגעסענהייט, אָבער עס האָט זיך גראדע געמאכט, אַז מען האָט וועגען איהר דיסקוטירט אין די העכערע רעגיערונגס אנשטאלטען, וואו מען האָט אַלעס פאַרשריבען.

די פּערזאָנען פון דער דראַמע זיינען:

א י וו א ן  פּ ו ש ק י ן, אַ לאַנדבאַזיצער.

ק אָ ל אָ ג ר י וו אָ וו, אַ זעמסקי נאַטשאַלניק.

ז וו ע נ י ג אָ ר אָ ד ס ק י, דער הויפּט פון דער אויעזדנע פּאָליציי.

ס י ע מ אָ וו, דער הויפּט פון דער לאָקאַלער פּאָליציי.

נ ע כ ל י ו ד אָ וו, דער גובערנאַטאָר פון אָריאָלער גובערניע.

פּ ו י ע ר י ם, אַלטע און יונגע. פויערים-מיידלאַך.

ס אָ ל ד א ט ע ן, פון דער 36טער אינפאַנטעריע דיוויזיע.

אָ ר ט: אין דאָרף אָבאָלעשעווא, אָריאָלער אויעזד, אָריאָלער גובערניע.

צ י י ט: 1892.

דער מאטעריאל איז גענומען פון אפיציעלע דאקומענטען, נעמליך, פון דעם רעקארד פון די אונטערהאנדלונגען אין סענאט און פון דער ענטשיידונג פון'ם מיניסטערס קאמיטע. דער מחבר האט דעם מאטעריאל צונויפגעשטעלט אזוי, אז ער זאל זיין קלארער.

דאס איז די געשיכטע:

די פויערים פון'ם דארף אבאלעשעווא זיינען געווען די איי־גענטימער פון דער אבשטשינא־ערד, וואס איז געלעגען בייביידע ברעגען פון'ם טייך טצאנא. וויטער אביסעל פון'ם טייך איז גע־שטאנען די אימעניע וואס האט באלאנגט צו דער מאדאם פושקין. דארטען איז אויך געשטאנען דער מאדאם פושקין'ס וואסער־מיהל. געארבייט האט די מיהל דורך דער וואסער וואס איז אהין געלאפען פון דעם וואסער־רעזערוואואר, וואס מען האט אנגעזאמעלט דורך א דאמבע (גרעבליע). די גרעבליע איבער'ן טייך האט פארבונדען די אבשטשינא־ערד פון די פויערים אויף ביידע ברעגען. אלע יאהר פלעגט די גרעבליא קאליע ווערען פון דער וואסער, און אלע מאל האבען די פויערים זי צורעכט געמאכט פאר א געוויסער בא־לוינונג. ווען די מאדאם פושקין איז, אין 1892, געווארען די אייגענטימערין פון דער אימעניע און פון דער מיהל, האט איהר מאן, איוואן פושקין, אין איהר נאמען ערקלערט, אז די פויערים דארפען די גרעבליע צורעכט מאכען אהן א באלוינונג, ווייל אלס לאנד־באזיצערין איז זיין פרוי געזעצליך א שותפ'טע אין דער אבשטשינא־ערד וואס באלאנגט צו די פויערים. אבער די פויערים האבען אומזיסט די גרעבליע ניט געוואלט צורעכט מאכען. איז איוואן פושקין אוועק צום זעמסקי נאטשאלניק קאלאגריוואוו און האט דאס איהם דערצעהלט. איז קאלאגריוואוו געקומען קיין אבאלעשעווא און ארויסגעגעבען א באפעהל, אז די פויערים זאלען אנפילען דעם לאך פון דער גרעבליע ניט ווארטענדיג אויף דער ענטשיידונג פון'ם געריכט. דאס איז געווען דעם 15טען יולי. דעם 16טען יולי האבען די פויערים צוגעשיקט צו קאלאגריוואוו'ן א בקשה, אז ער זאל זיין באפעהל אפלעגען אויף צוויי טעג, ווייל איך דארף אריין דארף אנקומען א בעאמטער פון'ם אויעזדנע

געריכט. קאָלאַגריוואָוו האָט דאַרויף איינגעשטימט. דערווייל האָט מען צוגעפיהרט אַ וואָגען מיט שטרוי אויף אָנצופילען דעם לאָך פון דער גרעבליע. באַלד זיינען זיך צונויפגעלאָפען די שיקסעס פון׳ם דאָרף אָבאָלעשאָוואָ, זיי האָבען דעם וואָגען שטרוי איבערגעקעהרט און זיינען זיך צולאָפען. דאַן האָט דער זעמסקי נאַטשאַלניק קאָלאַגריוואָוו אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל, אַז מען זאָל די פרויען פון׳ם דאָרף אַריינזעצען אין טורמע אויף דריי טעג, איין פרוי פון יעדע פאַמיליע. וועלכע פרויען מען זאָל אַרעסטירען — דאָס האָט ער אין באַפעהל ניט געזאָגט. דורכפיהרען דעם באַפעהל האָבען די דעסאַטניקעס פון׳ם דאָרף ניט געקענט, ווייל די פויערים האָבען ניט געלאָזט. איז דער זעמסקי נאַטשאַלניק געוואָרען אין כעס און האָט געהייסען דעם סטאַרשינאַ פון באָגדאַנאָווער געגענד, אַז ער זאָל זיך ניט רעכענען מיט קיין זאַך און אַרעסטירען די פרויען. אָבער דער סטאַרשינאַ האָט אויך גאָר ניט געקענט מאַכען. די פויערים האָבען ניט געלאָזט.

דאַן האָט איוואַן פושקין געלאָזט וויסען דעם גובערנאַטאָר, אַז די פויערים אין אָבאָלעשאָוואָ בונטעווען זיך. אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך געלאָזט וויסען דעם אויעזדנע נאַטשאַלניק, אַז דער גובערנאַטאָר ווייסט שוין וועגען די בונטען, און אַז ער, דער אויעזדנער נאַטשאַלניק, זאָל זיין גרייט ווען דער גובערנאַטאָר וועט איהם דאַרפען. דער אויעזדנע נאַטשאַלניק, זוועניגראָדסקי, האָט גלייך אַרויסגעשיקט דעם הויפט פון דער פאָליציי צו מאַכען אַן אונטערזוכונג וועגען דעם. דער הויפט פון דער פאָליציי, סיעמאָוו, האָט די אונטערזוכונג געמאַכט און אָפּגעגעבען אַ באַריכט, אַז די גאַנצע ממשלה איז ניט אמת, אַז די פויערים בונטעווען זיך ניט; עס איז ניט מעהר, זיי ענטזאָגען זיך צו פאָלגען דעם באַפעהל פון׳ם זעמסקי נאַטשאַלניק, ווייל זיי ווילען הערען וואָס פאַר אַן ענטשיידונג דאָס געריכט וועט אַרויסגעבען. דעם 4טען אויגוסט האָט דער גובערנאַטאָר אַרויסגערופען צו זיך דעם אויעזדנע נאַטשאַלניק און איהם אויסגע׳מוסרט דערפאַר וואָס ער האָט איהם ניט געלאָזט וויסען וועגען דעם וואָס עס טהוט זיך

אין אַבאַלעשעווא. אין דערזעלבער צייט האָט דער גובערנאַטאָר אויך אַרויסגערופען צו זיך דעם זעמסקי נאַטשאַלניק קאָלאָגריוואָוו. קאָלאָגריוואָוו האָט דעם גובערנאַטאָר דערצעהלט ווי אַזוי און פאַר וואָס דער גאַנצער סכסוך האָט זיך אָנגעהויבען. און ווען דער גובערנאַטאָר האָט איהם געפרעגט ווי אַזוי ער וועט זיך מיט די פויערים ספּראַווען, האָט ער געענטפערט, אַז ער וועט זיך שוין מיט זיי ווי עס איז ספּראַווען, אַז זיין באַפעהל צו אַרעסטירען די פרויען וועט זיכער דורכגעפיהרט ווערען, און אַז עס איז גאָר ניט נויטיג, אַז מען זאָל זיך אין דעם אַזוי שטאַרק אריינמישען, ווייל די גאַנצע געשיכטע איז גאָר ניט אַזוי ערנסט. ער האָט אויך געזאָגט, אַז ס'איז ראַטזאַם ניט צו פאַרריכטען די גרעבליע איידער עס קומט אַ בעאַמטער פון'ם אויעזדנע געריכט.

אָבער דער גובערנאַטאָר האָט מיט קאָלאָגריוואָ'ס מיינונג ניט איינגעשטימט. ער האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף אויף קיינעם ניט וואַרטען און גלייך זיך נעמען צו דער ארבייט. דאַריבער האָט ער דעם אויעזדנע נאַטשאַלניק געהייסען, אַז ער זאָל גלייך אַוועק קיין אָבאָלעשאָווא און זעהן דורכפיהרען ביידע באַפעהלען — אי אַרעסטירען די פרויען, אי צווינגען די פויערים צו פאַרריכטען די גרעבליע. דעם 5טען אויגוסט איז דער אויעזדנע נאַטשאַלניק, זוועניגאָראָדסקי, אַוועק קיין אָבאָלעשאָווא, דאָרטען האָט ער אַרעסטירט אַכט פויערים, פון די איינפלוסרייכסטע בעלי בתים פון דאָרף, און אַרויסגעגעבן אַ באַפעהל צו פאַרריכטען די גרעבליע און אַרויסגעבען די פרויען. וועלכע פרויען מען זאָל אַרעסטירען האָט מען אַלץ ניט אָנגעגעבען. דער באַפעהל האָט נור געלויטעט, אַז מען זאָל אַרעסטירען צו איין פרוי פון יעדער פאַמיליע, און ווען אין אַ פאַמיליע איז פאַראַן מעהר ווי איין פרוי, זאָל מען אַרעסטירען די וועלכע האָט קיין קינדער ניט. די פויערים האָבען אָבער די פרויען ניט געוואָלט אַרויסגעבען און די גרעבליע פאַרריכטען האָבען זיי אויך ניט געוואָלט. דער הויפּט פון דער לאָקאַלער פּאָליציי, סיעמאָוו, האָט דערנאָך ערקלערט, אַז די פויערים האָבען זיך צו די בעאַמטע גאַנץ העפליך באַצויגען. זיי האָבען קיין איין בעאַמטען

ניט באַליידיגט און ניט געטאָן קיין זאַך געגען דעם געזעץ. זיי האָבן בלויז געזאָגט, אַז זיי ווילען גאָר ניט טאָן איידער דער בעאַמטער פון אויעזדנע געריכט וועט אַרויסגעבען דעם פּסק. „די פּויערים פון אָבאָלעשאָווע — האָט סיעמאָוו געזאָגט, — זיינען ניט געווען קיין בונטאָווששיקעס. זיי זיינען פריעדליכע, בכבוד'ע און געהאָרכזאַמע מענשען, און אַזאַ זאַך ווי גראָבקייט איז זיי גאָר אינגאַנצען פרעמד.״

דער אויעזדנע נאַטשאַלניק און זיינע אַרויסהעלפער האָבן זיך גאָר קיין עצה ניט געקענט געבען. זיי זיינען געווען אַ הויפעלע מענשען און די פּויערים זיינען געווען אַ סך. אָבער ניט קוקענדיג דאַרויף האָבן זיי זיך אַ נעם געטאָן פלייסיג דורכצופיהרען דעם באַפעהל. זיי האָבן געפּרואווט אַרעסטירען יעדע פרוי וואָס זיי האָבן אין גאַס דערזעהן. אָבער די מאַנסבילען האָבן ניט געלאָזט. „קיין סיביר ווילען מיר געהן און די פרויען ווילען מיר ניט איבערגעבען!״ — אַזוי האָבן די פּויערים געשריגען. אויף די פּאָליציייסקע זיינען זיי געווען שטאַרק אויפגעטראָגען, און קיין אַנדער נאָמען ווי „דעם פּריץ'ס משרתים״ האָבן זיי ביי זיי ניט געהאַט. בעת די פּאָליציייסקע האָבן זיך אין גאַס געיאָגט נאָך די פרויען, זיינען אַ סך אַנטלאָפען צום טייך. איבערגעשראָקענע און פאַרצווייפעלטע זיינען זיי, מיט די קינדער אויף די הענט, אין טייך אריינגעלאָפען. און ווען נאַטשאַלסטוואָ האָט געזעהן, אַז מען קען דאָ גאָר ניט מאַכען, אַז עס איז אוממעגליך די פרויען צו אַרעסטירען, האָבן זיי דאָס אָפּגעלאָזט און געפּרואווט צווינגען די פּויערים, אַז זיי זאָלען בלויז פאַרריכטען די גרעבליע. דער אויעזדנע נאַטשאַלניק איז געווען מלא חמה. צום הויפּט פון דער לאָקאַלער פּאָליציי האָט ער אַזוי געזאָגט: „אַ פאָרמעלער ווידערשטאַנד וואָלט געקענט הייסען דאַן ווען די פּויערים וואָלטען זיך געשטעלט אַקעגען די בעאַמטע, אָבער דאָ איז דער פאַל ניט אַזוי״. און כדי צו שאַפען אַ „פאָרמעלען ווידערשטאַנד״ האָט ער געהייסען איינעם פון די פּאָליציייסקע אָנצוטרייבען די פערד וואָס האָבן געפיהרט דעם וואָגען שטרוי. די פּויערים האָבן ביי'ם פּאָליציייסקע אַרויס־

געכאַפּט די לייצעס און גענומען טרייבן דעם וואָגן צוריק. האָט דער אויעזדנע נאַטשאַלניק אַליין אָנגעכאַפּט די פּעדר און פּאַרקי־רעוועט דעם וואָגן צוריק צו דער גרעבליע. די פּויערים האָבן זיך געשטעלט אַקעגן, און דערפון האָט דער אויעזדנע נאַטשאַלניק גאָר אָנגעקוואָלען, ווייל דאָס האָט שוין געהייסן אַ „פּאָרמעלער ווידערשטאַנד". דער הויפּט פון דער לאָקאַלער פּאָליציי, דער פּריסטאַוו סיעמאָוו, האָט געוואוסט, אַז פאַר די פּויערים איז דאָס אַ צרה, און ער האָט זיך ביי זיי געבעטען, אַז זיי זאָלען זיך ניט שטעלען אַקעגן, אָבער עס איז אוממעגליך געווען זיי איינצוהאַל־טען. „וואַשע וויסאָקאָ בלאַגאָראָדיע, — האָבען זיי פאַר איהם געוויינט, — זעהט איהר דען ניט וואָס זיי טוען אונז? זיי דער־שטיקען אונז דאָך."

דער אויעזדנע נאַטשאַלניק האָט געלאָזט וויסען דעם גובערנאַ־טאָר, אַז מען קען מיט די פּויערים גאָר ניט מאַכען. מען האָט אַרויסגעשיקט אַ מעלדונג צום פּראָקוראָר, אָבער דער גובערנאַטאָר האָט די מעלדונג איבערגענומען אין מיטען וועג. גלייך נאָך דעם ווי דער גובערנאַטאָר האָט באַקומען דעם באַריכט פון'ם אויעזדנע נאַטשאַלניק, האָט ער אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל, אַז דער קאָמאַנ־דיר פון דער זעקס און דרייסיגסטער אינפאַנטעריע דיוויזיע זאָל אַרויסשיקען אַ ראָטע סאָלדאַטען קיין אָבאָלעשאָווא. דעם 6טען אויגוסט איז די ראָטע אַוועק קיין אָבאָלעשאָווא, אין דער באַגליי־טונג פון אַ פּריסטאַוו, וועמען דער גובערנאַטאָר האָט אָנגעזאָגט, ער זאָל: 1) אַרויסקריעגען ביים זעמסקי נאַטשאַלניק אַ ליסטע פון די פּרויען, וועלכע מען דאַרף אַרעסטירען; 2) צוגרייטען פּערד און אַ קאַרעטע פאַר'ן גובערנאַטאָר אויף דער סטאַנציע נאָ־רישקינאָ, וואו דער פּריסטאַוו פון יענעם געגענד זאָל אויף איהם וואַרטען; 3) צונויפצורופען קיין אָבאָלעשאָווא אַלע סטאַרשי־נאַס (עלטסטע) פון די אַרומיגע דערפער; 4) צוגרייטען וואָס מעהר ריטער.

אַט די אַלע באַפעהלען האָט דער פּריסטאַוו דורכגעפיהרט פּינקטליך, ער האָט צוגעגרייט דריי פוהרען מיט ריטער. דעם

7טען אויגוסט, אין דער פריה, איז דער גובערנאַטאָר אָנגעקומען אין נאַרישקינאָ, צוזאַמען מיט איהם איז אויך געקומען דער דאָקטאָר פון יענעם געגענד. מיט דעם זעלבען באַהן וואָס דער גובערנאַטאָר איז אָנגעקומען, האָט מען געבראַכט צוריק פינף און צוואַנציג אָבאָלעשאָווער פויערים, וועלכע זיינען געפאָהרען קיין אָריאָל פאָרברענגען די קלאַגע פאַר'ן גובערנאַטאָר. אויפ'ן באַפעהל פון'ם גובערנאַטאָר האָט מען זיי אַרעסטירט, זיי געבראַכט צוריק קיין נאַרישקינאָ און זיי אַוועקגעשיקט צוריק אין דאָרף אַריין אונטער אַ שטאַרקער וואַך. דער גובערנאַטאָר אַליין איז פאַרפאָהרען צו פושקין'ען, דעם לאַנדבאַזיצער, דאָרטען איז שוין פאַר איהם געווען צוגעגרייט אַ געשמאַקער אָנבייסען. און דאָרטען האָט איהם דער אויעזדנע נאַטשאַלניק איבערגעגעבען אַ ליסטע פון די פויערטעס, וועלכע מען דאַרף אַרעסטירען און פון די פויערים, וועלכע האָבען אַרויסגעוויעזען אַ ווידערשטאַנד. דער גובערנאַטאָר האָט זיך געמיטליך אַוועקגעזעצט ביי'ם טיש, גענומען די ליסטע אין דער האַנט אריין און לויט פושקין'ס אָנווייזונג האָט ער ביי יעדער נאָמען אַוועקגעשטעלט וויפיעל שמיץ מען זאָל געבען. די גרעסטע צאָהל שמיץ האָט מען באַשטימט פאַר אַכט פויערים, וועלכע זיינען דעם 5טען אויגוסט אַרעסטירט געוואָרען, דאָס הייסט פאָר די, וועלכע האָבען זיך ניט געקענט שטעלען אַקעגען, ווייל בעת דער צוזאַמענשטויס איז פאָרגעקומען זיינען זיי דאָך גאָר געווען פאַרשפאַרט אין טורמע. נאָך'ן עסען איז דער גובערנאַטאָר אַוועק קיין אָבאָלעשאָוואָ, דריי ווערסט פון פושקין'ס אימעניע.

ווען ער איז אָנגעקומען אַהין האָט ער שוין געטראָפען אַלע פויערים אויפ'ן גרויסען פלאַץ, אַרומגערינגעלט פון סאָלדאַטען. ווי די פויערים האָבען נור דערזעהן דעם גובערנאַטאָר, זיינען זיי אַלע געפאַלען אויף די קניע און איהם געבעטען, אַז ער זאָל רחמנות האָבען אויף זיי. אָבער דער גובערנאַטאָר האָט גאָר ניט געהערט זייער געבעט און גלייך אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל צו געבען שמיץ. לויט דער ליסטע וואָס דער פריץ פושקין האָט אויסגעשטעלט האָט מען אויסגערופען איין פויער נאָך'ן אַנדערען און געצעהלט שמיץ

פאַר אַלעמען אין די אויגען. יעדען איינעם האָט מען געגעבען פון 50 ביז 150 שמיץ אויפ'ן הוילען לייב. דער ערשטער פויער האָט געדאַרפט קריגען 150 שמיץ. אָבער ווען עס איז געקומען צו פיערציג האָט ער גע'חלש'ט אונטער די ריטער, און דער גובערנאַטאָר האָט געהייסען דעם דאָקטאָר קראַסין, ער זאָל איהם באַטראַכטען און זעהן „אויף ווי ווייט ער מאַכט זיך, אַז ער חלש'ט כלומר'שט". דער דאָקטאָר האָט דעם פויער באַטראַכט און געענטפערט, אַז מעהר טאָר מען איהם קיין שמיץ ניט געבען, ווייל ער קאָן נאָך שטאַרבען אונטער די ריטער, אָבער דער גובערנאַטאָר האָט אַ זאָג געטאָן „יערונדאַ!" און געהייסען שמייסען ווייטער. ווען עס איז געקומען צו אַכציג האָט דער פויער ווידער גע'חלש'ט, און דער גובערנאַטאָר האָט ווידער געזאָגט „יערונדאַ!" און געהייסען שמייסען ווייטער. נאָך דעם ווי מען האָט דעם פויער אַריינגעצעהלט די 150 שמיץ איז ער אַ שטונדע נאָכאַנאַנד געלעגען באַוואוסטלאָז און עס איז אוממעגליך געווען איהם צו דערמינטערען. פונקט אַזוי האָט מען געשמיסען די אַלע אַנדערע פויערים, וועלכע פושקין האָט אויף דער ליסטע אַרויפגעשטעלט. מען האָט געגעבען שמיץ מיט אַזאַ רציחה, אַז אפילו דער פריסטאַוו האָט גע'חלש'ט און מען האָט איהם געמוזט אַוועקפיהרען. און גלייך, אויפ'ן פּלאַץ האָט דער גובערנאַטאָר געפאָדערט, אַז דער אויעזדנע נאַטשאַלניק זאָל זיך אָפּזאָגען פון זיין אַמט דערפאַר וואָס ער האָט ניט צוגעגרייט קיין באַנק אויף וועלכער מען זאָל די פויערים שמייסען און וואַסער צו דערמינטערען יענע, וועלכע חלש'ען אונטער די שמיץ. חוץ די שמיץ האָט מען נאָך אַרעסטירט פיער פויערים. נאָך די שמיץ האָט דער גובערנאַטאָר אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל, אַז מען זאָל די פרויען אַריינזעצען אין טורמע אויף דריי טעג, און דערנאָך האָט ער די פויערים געהייסען גלייך געהן צו דער גרעבליע און זי פאַרריכטען. די פויערים האָבען קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און געמוזט פאָלגען. איידער ער איז אַרויסגעפאָהרען פון'ם דאָרף האָט ער פאַר די פויערים געהאַלטען אַ רעדע אויף דער גרעבליע, ער האָט אין זיין רעדע געזאָגט, אַז ער קעהרט

זיך אָן מיט'ן פריץ פושקין און מיט זיין פרוי, אַז ער קען זיי פאַר פיינע מענשען, און אַז אויב די פויערים וועלען ווידער אַמאָל ניט פאָלגען, וועט ער זיי באַשטראָפען נאָך צוויי מאָל אַזוי שטרענג. איין פויער איז געהאַט אַנטלאָפען אין יענעם טאָג ווען מען האָט געגעבען די שמיץ, האָט מען איהם געכאַפט, איהם געבראַכט קיין אָריאָל און דאָרטען געגעבען פינף און זיעבעציג שמיץ.

אין מאָנאַט מאַרט, 1893, האָבען פיער פויערים, פון די געשמיסענע, צוגעקלאָגט דעם גובערנאַטאָר פאַר'ן סענאַט. די קלאַגע האָט געלויטעט, אַז ער, דער גובערנאַטאָר, האָט געהאַנדעלט ניט געזעצליך. זיי האָבען גע'טענה'ט, אַז דערמיט וואָס זיי האָבען זיך ענטזאַגט צו פאָלגען דעם אונגעזעצליכען באַפעהל פון די לאָקאַלע בעאַמטע צו טאָן אַזאַ ארבייט וואָס זיי זיינען ניט מחויב צו טאָן, האָבען זיי קיין שום פאַרברעכען ניט באַגאַנגען. דער כאַרקאָווער אָקרוזשני סוד האָט אויך גע'פסק'ענט, אַז די אָבאָלעשאָווער פויערים האָבען קיין פאַרברעכען ניט באַגאַנגען דערמיט וואָס זיי האָבען די גרעבליע ניט געוואָלט צורעכט מאַכען. דאַן האָט דער סענאַט געפאָדערט, אַז דער גובערנאַטאָר זאָל געבען אַן ערקלערונג. איז דער גובערנאַטאָר ניט נתפעל געוואָרען און געענטפערט, אַז עס איז טאַקע אמת, אַז ער האָט די פויערים געהייסען געבען שמיץ דערפאַר וואָס זיי האָבען זיך געבונטעוועט, אָבער ער איז דערצו געווען באַרעכטיגט אַ דאַנק דער אומרוהיגקייט וואָס ס'האָט געהערשט צווישען די פויערים אין זיין גובערניע אין 1892, ווען דער הונגער און דערנאָך די כאָליערע מגפה האָבען געשאַפען אַ רעוואָלוציאָנערען גייסט. אונטער אַזעלכע אומשטענדען, האָט דער גובערנאַטאָר געשריבען, האָט מען געמוזט זיין שטרענג, ווייל ווען מען שטילט ניט איין אַ בונט פון סאַמע אָנפאַנג, קען ער זיך נאָך צעוואַקסען און ווערען גאַנץ ערנסט.

זיין ערקלערונג האָט אָבער דעם סענאַט ניט צופריעדענגעשטעלט. דער סענאַט האָט פאָרט ניט געקענט באַגרייפען ווי אַזוי מען קען די אָבאָלעשאָווער פויערים באַטראַכטען אַלס בונטאָווטשטשיקעס. אין דער רעזאָלוציע וואָס דער סענאַט האָט וועגען דעם

אָנגענומען, איז בפירוש געשטאַנען, אַז „דער גובערנאַטאָר איז גע־ווען באַאיינפלוסט פון אַזעלכע מאָטיווען, וועלכע האָבען גאָר ניט צו טאָן מיט די אינטערעסען פון זיין שטאַאַטליכען אמט". ווייטער איז אין דער רעזאָלוציע אונטערגעשטראָכען געוואָרען דער פאַקט, אַז דער לאַנד־באַזיצער פּושקין איז דעם גובערנאַטאָר'ס אַן אַלטער פריינד, און אַז ער, פּושקין, האָט דעם גובערנאַטאָר געזאָגט וויפיעל שמיץ מען זאָל געבען יעדען פּויער.

אויף דעם סמך פון אָט די אַלע פאַקטען האָט דער סענאַט געפונען, אַז דער גובערנאַטאָר נעכלודאָוו קען פאַרפאָלגט ווערען פונ'ם געזעץ און דערוואַיטערט ווערען פון זיין אַמט ביז אַ אונ־טערזוכונג וועט ווענען דעם געמאַכט ווערען. אָבער אַזוי ווי ער ווערט פון זיין אַמט ניט דערוואַיטערט און די אונטערזוכונג וואָלט געדאַרפט געמאַכט ווערען פון אַ „סליעדאָוואַטעל" טאַקי אינ'ם גו־בערנאַטאָר'ס גובערניע, און דאָס איז דאָך עפּעס ניט פיין, האָט דער סענאַט דאַריבער רעקאָמענדירט, אַז דער מיניסטאָרען־ראַטה זאָל די גאַנצע אַנגעלעגענהייט פאַרברענגען פאַר זיין קייזערליכער מאַיעסטעט, בעטענדיג, אַז נעכליודאָוו זאָל אויסגעשלאָסען ווערען פון אַ קרימינעלער פאַרפאָלגונג און אַנשטאַט דעם זאָל מען איהם גלאַט אויס'מוסר'ען.

דער מיניסטאָרען־ראַטה האָט אויסגעהערט די קלאַגע, און צו־געגעבען, אַז דער גובערנאַטאָר האָט געהאַנדעלט געגען געזעץ, מען האָט אָבער געפונען אַ דריידעל, אַז ער האָט געהאַט אַ גרונד אַזוי צו האַנדלען.

אַזוי האָט מען זיך געדרעהט און געדרעהט און דער מיניסטאָ־רען־ראַטה האָט אויך איינגעשטימט מיט'ן סענאַט, אַז מען זאָל דעם גובערנאַטאָר נעכליודאָוו אַרויסנעהמען פון קרימינעלער פאַר־פאָלגונג און אַנשטאַט דעם איהם שטאַרק אויס'מוסר'ען, איהם מאַ־כען אַ „וויגאָוואָר".

נעכליודאָוו איז געבליבען גובערנאַטאָר אין דער זעלבער גובערניע.

20טער קאַפּיטעל.

# דער אדמיניסטראַטאָר אונטער אַ האָגעל פון קוילען.

די רעוואָלוציע איז געקומען און די ביוראָקראַטיע האָט דער־זעהן, אַז זי איז פון אַלע זייטען אַרומגערינגעלט מיט שונאים. און די שונאים זיינען דאָס מאָל שוין ניט געווען קיין באַהאַלטענע; ניין, פראַנק און פריי זיינען זיי באוואָפענטע אַרויס צום פאָדער־גרונד. דאָן איז שוין דער קאַמף געווען ניט געגען אַ „בייזען גייסט", נור געגען אַ אונגעהויער גרויסער צאָהל בראַווע און מוטיגע אידע־אַליסטען, וועלכע קוקען דעם טויט גלייך אין די אויגען. ווען די נאַטשאַלסטוואָ האָט פאַר זיך דערזעהן די אַרמעע פון בראַווע קעמ־פער, האָבען זיך איהר די קאַלירען פון פנים גענומען בייטען און זי האָט פאַרלאָרען יעדען ברעקעל פון אַ רחמנות געפיהל. די אַד־מיניסטראַציע האָט מיט אַמאָל דערפיהלט, אַז זי געפינט זיך אין אַ פיינדליכער מדינה. אויף יעדען ציווילען מענשען וואָס טראָגט ניט קיין מעשענע אָדער גאָלדענע קנעפּ האָט מען גענומען קוקען מיט חשד; און אַפילו מיט די „אייגענע מענשען" איז מען אויך ניט געווען זיכער.

די גרויסע טשינאָווניקעס זיינען געווען אויף גרויסע צרות, די קליינע טשינאָווניקעס זיינען גלאַט געלעגען אין דער אדמה. יעדער טשינאָווניק איז שטענדיג געווען אין דער מורא. אויפשטע־הענדיג אין דער פריה, איז ער ניט געווען זיכער צי ער וועט דעם טאָג איבערלעבען; לעגענדיג זיך שלאָפען, האָט ער מורא געהאַט פאַר די יאַטענגס פון פאַרנאַכט. אין דערזעלבער צייט האָבען די העכערע בעאַמטע אַלץ געפאָדערט, אַז מען זאָל אָננעמען וואָס שטרענגערע מיטלען. פון די פאָליציייסקע האָט מען געפאָדערט, אַז

זיי זאָלען וויזען וואָס זיי קענען. די נערווען זיינען געווען אָנגע־צויגען. די שטימונג איז געווען אַ היסטערישע. דערמיט ערקלערט זיך וואָס אַ סך גוטמוטיגע סלאַווען האָבען ארויסגעוויזען אַזאַ שרעקליכע רציחה. דאָס לעבען איז פון זינען ארונטער און משוגע'נערוויז שנעל זיך געגומען גליטשען אין טיעפען תהום אריין. אַלע הערצער זיינען געווען פול מיט אַ בלוטיגען טומאַן. וועגען אַזאַ זאַך ווי יושר און אויסגערעכענטקייט האָט קיין רעדע ניט געקענט זיין.

אין זיין פּיעסע „דער לעצטער" האָט מאַקסים גאָרקי געגע־בען אַן אויסגעצייכענטע כאַראַקטעריסטיק פון אַ רוסישען טשי־נאָווניק אין יענע צייטען. דער הויפּט העלד פון דער פּיעסע, איוואַן קאָלאָמעיצאָוו, איז בשום אופן ניט קיין אויסנאַהם צווי־שען פּאָליצמייסטערס. געבילדעט איז ער ניט. ווארים ווען ער וואָלט יאָ געווען געבילדעט, וואָלט ער דאָך קיין פּאָליצמייסטער ניט געווען. אַ שכור איז ער, געלט גיט ער אויס אַ סך, כאַבאַר נעמט ער. דארויף איז ער דאָך אַ פּאָליצמייסטער. עס איז זעהר ביטער אַ פּאָליצמייסטער צו זיין. די פּאָליטישע אַרעס־טאַנטען בונטעווען זיך. נו, ווי קען מען אַזאַ זאַך פארשווייגען? ווער איז פאראנטוואָרטליך פאר'ן „פּאָריאַדאָק" אויב ניט דער פּאָליצמייסטער? שטילט ער איין דעם בונט, אַ סך ווערען פאר־וואונדעט, און צוויי שטאַרבען. די צייטונגען לעגען איין די וועלט, זיי האַלטען אין איין שרייען וועגען דעם.

„פאר וואָס האָסטו געהייסען שלאָגען די ארעסטאַנטען?" — פרעגט איהם זיין פרוי.

„עס איז ניט אמת, — ערנטפערט ער שטיל, — מען האָט זיי געשלאָגען נאָך איידער מען האָט זיי ארעסטירט. זיי האָבען זיך געשטעלט אנטקעגען.

„אָבער מען האָט זיי דאָך געשלאָגען דערנאָך אויך, ווען מען האָט זיי אין טורמע געפיהרט."

„זיי האָבען זיך געשטעלט אנטקעגען. — ענטפערט דער פּאָ־ליצמייסטער נערוועז. — זיי האָבען געזונגען לידער. ניט גע־

וואָלט פּאָלגען. דו ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ מענש, אַן אויפ־געךעגטער; איך האָב פיינט ווען מען שטעלט זיך אַקעגען. פאַרגעס ניט, אַז דאָס זיינען געווען חוצפּה'דיגע, ווילדע חברה לייט, שונאים פונ'ם צאַר און פון פּאַריאַדאָק". אַזעלכע חברה לייט הענגט מען, אויף קאַטאָרגע פאַרשיקט מען זיי. נו, האָב איך זיי ניט געטאָרט „איינשטילען?"

„אָבער צוויי זיינען געשטאָרבען... צוויי..."

„וואָס זשע מאַכט דאָס אויס? סאַי ווי סאַי זיינען זיי געווען שלעכטע מענשען, איבער דעם וואָס זיי זיינען אַרומגעגאַנגען אָהן אַרבייט און גאַר ניט פאַרדיענט, האָבען זיי שוין קיין כּוח ניט געהאַט אויף די פיס צו שטעהן; מיט איין שנאָל אין שטערן האָט מען זיי געקענט אַוועק'הרגה'נען... די סאָלדאַטען זיינען געווען בייז, — מאַכט ער אַזוי צו איהר, און אין אַ ווײַלע אַרום גיט ער נאָך צו גאַנץ ערנסט: יאָ, עס קען זיין, אַז איך בין טאַקי אין דעם שולדיג — אָבער היינטיגע צייטען איז אַלעס אַזוי איבערגעקעהרט אָרען־קאָרען, אַז דו' פאַרלירסט די קאָנטראָלע איבער זיך, דו לעבסט אין אַ שטענדיגען טומעל... אַלע זיינען שולדיג; יאָ, יאָ, אַלע זיינען שולדיג. אַנדערע באַגעהן נאָך גרעסערע רציחות ווי איך."

איוואַן קאָלאָמעיצאָוו איז איבערצייגט, אַז ער איז ניט ערגער פאַר אַנדערע, און אַזוי איז דאָס טאַקי „אַט די חברה הענגט מען, אויף קאַטאָרגע פאַרשיקט מען זיי." פּאַקטיש זיינען זיי אַוועקגעשטעלט אויס'ן געזעץ. נו, ווי זשע קען מען זיי באַהאַנדלען מיט זיידענע הענדשקעס? איוואַן קאָלאָמעיצאָוו איז אַ ציניקער, יאָגט זיך נאָך פאַרגעניגענס און נאָך געלט; אָבער עס איז מערקווירדיג מיט וואָס פאַר אַ וואַזשנעם, פייערליכען טאָן ער רעדט וועגען זיינע פליכטען. „איך דיען דעם קיסר און דער געזעלשאַפטליכער זיכערקייט. — זאָגט ער מיט שטאָלץ. — „איך בין פאַרטאָן אין וויכטיגע מלוכה־עסקים". „איך בין דער שומר פון דעם סאַמע פונדאַמענט פון לעבען". — זאָגט ער אַ צווייטען מאָל. קאָלאָמעיצאָוו איז געוויסערמאַסען אַ קאָמעדיאַנ...

פאַרמאָגט דעם כאַראַקטעריסטישען שטריך פון יעדען טשינאָווניק אין אַ ביוראָקראַטישער אָרדנונג, וואו מען אורטיילט אַ מענשען ניט לויט דער ארבייט וואָס ער טהוט, נאָר לויט זיין פעהיגקייט צו קריכען אונטער די נעגעל די העכערע טשינאָווניקעס. אין די ווערטער „איך בין דער שומר פון דעם סאַמע פונדאַמענט פון לעבען" איז פאַראַן אַ סך אָנשטעל, פּאָזע. אָבער דאָך איז ער איבערציינגט, אַז ער פאַרטיידיגט אַ גערעכטע זאַך. קיין אייגענעם שכל דאַרף ער ניט האָבען. ער לעבט מיט דער פּסיכאָלאָגיע פון זיין גרופּע.

עס קומט דער טאָג פון נקמה. אַ רעוואָלוציאָנער מאַכט אַ פאַרזוך אויף זיין לעבען. איוואַן קאָלאָמעיצאָוו באַגעהט זיך ווי אַ טרוס. דער פאַרזוך איז אַ סענסאַציע. די צייטונגען דעקען אויף אַ גאַנצע רייהע חטאים וואָס דער פּאָליצמייסטער איז באַגאַנגען. די געזעלשאַפטליכע מיינונג איז אויפגערודערט. ער איז געצוואונגען צו רעזיגנירען פון זיין אמט. אָבער עס זאָל איהם אויפקומען אויפ'ן געדאַנק, אַז ער איז אומגערעכט — דאָס ניט. ער וואַרפט ארויף די גאַנצע שולד אויף די רעוואָלוציאָנערען. די פּאָליציי ארעסטירט איינעם פון די רעוואָלוציאָנערען נאָכדעם ווי דער פאַרזוך איז געמאַכט געווארען. קאָלאָמעיצאָוו איז ניט זיכער צי ער געדענקט זיין פּנים, דאָך טראַכט ער ניט לאַנג און זאָגט, אַז דער ארעסטירטער איז דאָס דער מאַן, וועלכער האָט געמאַכט אַ פאַרזוך איהם צו דער'הרגה'נען. דעם ארעסטירטען ערוואַרטעט דער טויט. די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע לאָזט ארויס אַן ערקלערונג, אַז דער ארעסטירטער איז ניט דער מענש וועלכער האָט דעם פאַרזוך געמאַכט. דער עולם איז אויך זיכער, אַז דער ארעסטירטער איז אונשולדיג. עס איז פאַר אַלעמען קלאָר, אַז קאָלאָמעיצאָוו האָט פאַלש עדות געזאָגט.

און דאָ הויבט זיך אָן אַ פאַמיליען־דראַמע. זיין פרוי האָט איהם קיינמאָל ניט ליעב געהאַט. זי האָט איהם בלויז געדולדעט צוליעב די קינדער, וויסענדיג זיין שוואַכקייט און זיינע חסרונות. זי האָט זיך מיט איהם קיינמאָל ניט געקריעגט, ווייל זי האָט מיט

איהם פּשוט ניט געוואלט אנפאנגען. אָבער איצט האָט זי מעהר ניט געקענט שווייגען, זעהענדיג ווי ס'איז ביי איהם רעכט אומ־צוברענגען פון דער וועלט אן אונשולדיגען אינגעל. און דאָ איז נאָך זיין 18־יעהריגער זוהן, פּיאָטער, א גימנאזיסט, געוואָהר גע־וואָרען וואָס פאר א ראָלע זיין טאטע שפּיעלט אין געזעלשאפט־ליכען לעבען. זיינע חברים אין גימנאזיע הויבען זיך אן דער־וויטערען פון איהם און קיין אנדער נאָמען ווי „דעם רוצח'ס זוהן" האָט ער ניט ביי זיי. דער בחור'ל ליידעט זעהר א סך איבער דעם, און דערפאר הויבט ער אָן פּיהלען א שנאה צו זיין פאָטער. און טאָמער איז דאָס נאָך ווייניג, קומט צו נאָך א צרה: זיין 16־יעהריגע טאָכטער, וועראַ, הויבט זיך אויך אָן אָנצושטויסען וואָס פאר א בריאה איהר פאָטער איז. און צו די אלע צרות קומט נאָך צוגעהן דעם ארעסטירטענ'ס מוטער, א שעהנע, אלטע פרוי, זי רעדט זיך דורך מיט קאָלאָמעיצאָוו'ס פרוי און בעט ביי איהר, אז זי זאָל זעהן ראטעווען דאָס לעבען פון איהר זוהן. נאָך דעם געשפּרעך מיט דער אלטער פרוי איז שוין די מאדאם קאָלאָמעיצאָוו שרעקליך אויפגעבראכט און זי פּארפיהרט א געשפּרעך מיט איהר מאן. זי הויבט אָן מיט באמערקונגען וועגען די כא־ראקטערע פון איהרע קינדער. זי זאָגט:

„הער זיך איין, דו אליין האָסט צעהן יאָהר נאָכאנאנד אנ־געפיהרט א קאמף געגען קינדער."

ק אָ ל אָ מ ע י צ אָ ו ו (מיט א שמייכעלע). וואָס מיינסטו דערמיט?

מ א ד א ם ק אָ ל אָ מ ע י צ אָ ו ו א (מיט כעס). דו האָסט געזוכט, געכאפּט, ארעסטירט — וועמען?

ק אָ ל אָ מ ע י צ אָ ו ו (איבערראשט). פון וואנען קומט צו דיר אזא ליבעראליזם אין מיטען דערינען? דו מאכסט זיך נאריש, אלטיטשקע. פּלאפּל ניט קיין שטות'ערייען. —

מ א ד א ם ק אָ ל אָ מ ע י צ אָ ו ו א. דו האָסט ער־מאָרדעט אינגלאך. איינער פון די אינגלאך איז איינגאנצען זיבע־צעהן יאָהר אלט געווען. היינט די מיידעל וואָס דו האָסט געשאָ־

סען ווען דו האָסט געמאכט אַן אָביסק ביי איהר אין צימער! דו ביסט אינגאַנצען איינגעטונקען אין בלוט, דאָס בלוט פון קינדער איז אויף דיר, דאָס בלוט פון יונגע מענשען, יאָ! האָסטו אליין דען ניט געזאָגט עטליכע מאָל, אַז זיי זיינען נאָך אינגלאָך?

קאָלאָמעיצאָוו (אַן איבערגעשראָקענער). וואָס טהוט זיך דאָ מיט דיר, סאָפיע? דאָס איז דאָך שרעקליך.

מאדאם קאָלאָמעיצאָווא. יאָ, עס איז שרעקליך.

קאָלאָמעיצאָוו. דו האָסט צונויפגענומען אַלע בלבולים און ליגענס. עס איז ניט אמת, אַז צווישען די שונאים פון אָרדנונג געפינען זיך בלויז אינגלאָך. און חוץ דעם איז גלאַט געפעהרליך דאָס וואָס דו זאָגסט. ווען פּיאָטער און ווערא וועלען פון דיר אַזעלכע ווערטער דערהערען —

מאדאם קאָלאָמעיצאָוו. איבער דעם וואָס דו ביזט אַ פּייגלינג, ודער איבער דעם וואָס דו ביזט געווען אין כעס האָסטו אפּגעטאָן אַ שרעקליכע זאַך.

קאָלאָמעיצאָוו (מיט כעס). סאָפיע, פאַרגעס ניט, אַז איך בין ניט אבי ווער, און אַזעלכע זאכען וועל איך ניט ער־לויבען. —

מאדאם קאָלאָמעיצאָווא. דו האָסט אָנגעוויזען אויף אַ יונגען מאַן, אַז ער האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך דיך צו ערמאָרדען. ביזטו טאַקי זיכער, אַז דאָס איז דער זעלבער יונ־גערמאַן, וועלכער האָט אויף דיר געשאָסען? האָסטו אליין גע־זעהן, אַז ער האָט דאָס אויף דיר געשאָסען?

קאָלאָמעיצאָוו. איצט פאַרשטעה איך שוין! דאָס האָט דיך דעם יונגען מאַן׳ס מוטער אַנגערייצט אויף מיר —

מאדאם קאָלאָמעיצאָווא. קענסטו געבען דיין עהרן־וואָרט, אָט דאָ, פאַר די הייליגע בילדער, קוקענדיג מיר גלייך אין די אויגען, אַז ער איז דאָס דער פּערזאָן, וועלכער האָט אויף דיר געשאָסען?

קאָלאָמעיצאָוו (בייז). איך האָב שוין איצט

געגוג געהאט! איך פארשטעה וואָס דאָ טהוט זיך! איך וועל איהר שוין ווייזען!

מ א ד א ם  ק אָ ל אָ מ ע י צ אָ ו ו א (געהט צו נעהענטער צו איהם). איוואַן, דו מוזט זאָגען די זשאַנדאַרען, אַז דו האָסט אַ טעות געהאַט, אַז דער יונגערמאַן, וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרען, איז ניט דער וואָס האָט אויף דיר געשאָסען. דו וועסט דאָס זאָגען!

ק אָ ל אָ מ ע י צ אָ ו ו (אַן איבעררא‌שטער פאַר איהר טאָן) און אויב ניט?

מ א ד א ם  ק אָ ל אָ מ ע י ו ו נ א. דו וועסט דאָס יאָ זאָגען. אין כריסטוס'עס נאָמען בעט איך דיך —

ק אָ ל אָ מ ע י צ אָ ו ו. דאָס איז שרעקליך! און אויב למשל איך בין איבערצייגט אין דעם, אַז ער איז דער שולדיגער?

מ א ד אַ ם  ק אָ ל אָ מ ע י צ אָ ו ו א. דאָס אַ‏ז ניט אמת! אָבער סאַי ווי סאַי אַפּעליר איך ניט צו דיין הארץ, ווייל דאָס וואָלט געווען אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבייט. איך וויל דיר בלויז זאָגען אָט וואָס: אויב דו וועסט ניט צוגעבען דיין טעות, וועל איך דאָס דערצעהלען פּיאָטער'ן און וועראַ'ן... איך בעט דיך, איוואַן, טהו דאָס צוליעב די קינדער!

ק אָ ל אָ מ ע י צ אָ ו ו (פאַרצווייפעלט). דו ווילסט מיך צווינגען צו טהאָן אַזאַ זאַך, וואָס איך קען ניט טהאָן. דאָס איז דאָך וואַהנזין!

מ א ד א ם  ק אָ ל אָ מ ע י צ אָ ו ו א (ווערט ווייכער). טהו וואָס איך היים דיר און וועסטו אליין פיהלען, אַז דו ביזט אַ בעסערער מענש. איך בעט דיך, טהו דאָס.

ק אָ ל אָ מ ע י צ אָ ו ו (גיט זיך אונטער). לאָמיר מאַכען אַ סוף דערצו. ס'פאַרשטעהט זיך, אַז פאַר מיר איז דאָס אַביסעל שווערליך — אָבער זאָל ער געהן צום טייוועל, דער פאַסקודנער לומפּ. עס איז אמת, אַז איך אליין בין טאַקי ניט איבערציינגט אין דעם, אַז ער איז דאָס דער מאַן וואָס האָט אויף מיך געשאָסען, אָבער אימיצער האָט דאָך געשאָסען! נו, וועל איך צוגעבען, אַז

דאָס איז ניט ער; אָבער זאָג אליין, לוינט זיך דען צו מאַכען אַ סצענע איבער אזא קליינינקייט? דאָס איז וואהנזין, סאָפיע!

מאַדאָם קאָלאָמעיצאָווא (פארמאטערט פון דער אָנשטרענגונג; שטיל). מיין גאנצער לעבען איז איין לאנגע קייט פון וואהנזין, און דיין לעבען אויך.

טראכט אייך נאָר אריין אין די ווערטער: „אימיצער האָט דאָך געשאָסען!״ דאָס איז דער יושר געפיהל פון א ווילדען שבט, וואָס פאָדערט, אז אויב אַ מיטגליעד פון איין שבט האָט געשלאָגען אַ מיטגליעד פון אַ צווייטען שבט, דארף מען דערפאר דעם גאנצען שבט אויסראָטען. קאָלאָמעיצאָוו אליין האָט ניט פאר־שטאנען די גרויזאמקייט פון זיינע ווערטער. ער האָט געוואוסט בלויז איין זאך: דאָס גאנצע לאנד געפינט זיך אין אַ לאנגע פון קריעג. נו, וואָס זשע פאר אַ אונטערשיעד איז צי איהר וועט דער׳הרגה׳נען דעם אָדער יענעם שונא אייערן? „אימיצער האָט דאָך געשאָסען!״

פון זיין אייגענעם שטאנדפונקט איז קאָלאָמעיצאָוו אַ פיי־נער מאַן און אַ גוטער פאָטער. ער האָט ליעב זיינע קינדער, באַ־זונדערס דעם עלטערען זוהן, אלעקסאנדער, און די עלטערע טאָכ־טער, נאדיעזשדא, וועלכע איז פארהייראַט פאר דעם דאָקטאָר פון דער טורמע. אַ פאָליציי בעאמטער איז ער געוואָרען צוליעב דער פאמיליע זיינער, און ער איז שטאָלץ דערמיט. וואָס וואָלט ער דען פאר זיין פאמיליע ניט געטהאָן. עס טהוט איהם וועה ווען ער ווערט געוואָהר, אז זיין זוהן פיאָטער איז ניט צופריעדען פון זיינע האנדלונגען. דאכט זיך, אַ פיינער מענש, האָט אַ הארץ און האָט ליעב די קינדער. אָבער וועגען דעם האָט ער זיך זיין אייגענעם באגריעף: דאָס זיינען זיינע קינדער, זיי געהערען צו זיין שבט, די אנדערע אָבער, די אמת׳ע און פארדעכ־טיגטע רעוואָלוציאָנערען, זיינען די שונאים פון זיין שבט!

נאָכדעם ווי קאָלאָמעיצאָוו האָט פארשפּראָכען זיין פרוי, אז ער וועט צוגעבען זיין טעות און אויף אזא׳ן אופן ראַטעווען אן אומשולדיגען מענשען פון טויט, האָט זיך גראדע געמאכט אזא

זאַך, וואָס האָט צורודערט דעם גאַנצען ענין. עס איז געווען אַזוי: מיט דער הילף פון זיין אײדעם האָט זיך איהם איינגעגעבען צו געפינען אַן אַמט אַלס הויפּט פּאָליצמײסטער אין אויעזד. דאָס איז אַפּילו אַ קלענערער אַמט פון דעם פריהערדיגען, אָבער ער האָט גוטע אויסזיכטען צו שטייגען העכער און העכער. זיין אײדעם טענה'ט צו איהם: „איהר זיינט אַ מענש מיט אַ נאָמען, אייער רעפּוטאַציע איז אַ גוטע. אָט די אַלע מיספּאַרשטענדניסען הויבען אָן ווערען אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט. די איינציגע זאַך וואָס איהר דאַרפט איצטער טהאָן איז — זיך האַלטען פעסט. די צייטען פון אַנאַרכיע הויבען שוין אָן פאַרשווינדען; די רעגיערונג פיהלט זיך שוין אין כוח איינצופיהרען אָרדנונג, און זי פאָדערט פון איהרע אַגענטען, אַז זיי זאָלען זיך האַלטען פעסט.” ווערט קאָלאָמעיצאָוו אינגאַנצען צוטומעלט און ווייסט ניט וועמען צו פאָלגען. ער שלאָגט זיך מיט דער דעה, קען זיך קיין עצה ניט געבען, דרעהט זיך אַהין און דרעהט זיך אַהער און ווייסט ניט וואָס צו טהאָן. „ווי קען איך זיך איצטער גאַר מישען אין אַזאַ געשיכטע? — פרעגט ער פאַרצווייפעלט. — ווי פּאַסט דאָס גאַר פאַר מיר? שטעלט זיך נאָר פאָר: דער הויפּט פּאָליצמײסטער פון'ם אויעזד, ערקלערט עפענטליך, אַז ע ר האָט געהאַט אַ טעות! דאָס וועט דאָך מאַכען זעהר אַ שלעכטען איינדרוק!” זיין זוהן, אַלעקסאַנדער, און אויך דער אײדעם זיינער ריידען איהם איין, אַז ער מוז זיך האַלטען פעסט און בשום אופן ניט צוגעבען, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות. זיי זאָגען איהם, אַז אַזאַ מענש ווי ער טאָר ניט זיין סענטימענטאַל, און אַז ער דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז אויב ער וועט זיינע ווערטער ציהען צוריק, וועט דאָס זיין אַ קלאַפּ פאַר דעם זשאַנדאַרמסקי פּאָלקאָווניק, וואָס האָט אָנגעפיהרט דעם פּראָצעס, און דערצו טאָר מען ניט דערלאָזען, ווייל דער זשאַנדאַרמסקי פּאָלקאָווניק איז אַ גוטער שותּף אין אַ קאָרטען־שפּיעל. און חוץ דעם, זאָגט זיין אײדעם, האָט „אײמיצער דאָך געשאָסען, און אָט די אַלע שיסער זיינען איין בנופיא.”

דער שיקזאל פון דעם ארעסטירטען יונגענמאן איז שוין פאר'חתמ'עט. קאלאמעיצאוו טרייסעלט זיך אינגאנצען אפ פון דעם פראצעס. ער קען ניט ביישטעהן דעם נסיון ווען איהם ווייזט זיך א נייער אמט, וואס וועט איהם געבען מאכט. עס איז דאך אזא פארגעניגען צו זיין א מענש מיט מאכט! א גאנצע שטאדט מיט מענשען ציטערט פאר דיר! און וואס נאך דארף האבען אזא מענש ווי קאלאמעיצאוו? וועגען אנדערע זאכען וויל ער גאר ניט קלערען. „מיר — זאגט ער — זיינען קרבנות פון די איצטיגע שרעקליכע צייטען. דער גייסט פון די דאזיגע שרעקליכע צייטען פאר'סמ'ט אלעס און מאכט חרוב אלע יסודות.״ און ער באשליסט זיך צו האלטען פעסט אין באקעמפען דעם „בייזען גייסט״. זיין באשלוס פיהרט ער דורך, אבער די גאנצע צייט איז ער אין דער מורא, די הויט ציטערט אויף איהם און ער שרעקט זיך אלץ, אז אט־אט וועט מען איהם אפראמען פונ'ם וועג.

דעם געפיהל פון שטענדיגער מורא ביי א רוסישען בעאמטען ווערט זעהר לעבעדיג געשילדערט אין לעאניד אנדרעיעוו'ס ערצעהלונג „דער גובערנאטאר״. דער העלד פון דער ערצעהלונג, דער גובערנאטאר אליין, איז אין תוך גענומען א שעהנע פערזענליכקייט. ער האט אן ערדלע הארץ, א לעבעדיגע פארשטעלונגסקראפט, א ברייטען בליק אויפ'ן לעבען. ער האט אויך א געפיהל פון גערעכטיגקייט. ער איז בראוו, מוטהיג. אזעלכע זאכען ווי קנאה און קליינליכע אמביציעס זיינען איהם פרעמד. אבער ניט קוקענדיג אויף די אלע מעלות זיינע לעבט ער דאך אין א וועלט פון אילוזיעס, וואו בלויז געצעהלטע מענשליכע באשעפענישען זיינען ווירקליך און די איבעריגע זיינען ניט מעהר ווי שפיעלכלאך. עס ווערט אין דער ערצעהלונג איבערגעגעבען, אז מיט פינף יאהר צוריק האט ער אין א דארף ארויסגעגעבען א באפעהל צו שמייסען די פויערים מיט ריטער, און אז דאן איז איהם דער עסק גאר געפעלען געווארען. אין יענעם דארף האבען די פויערים צוגענומען תבואה ביי די פריצים און זיך

אָנגעהויבען בונטעווען, איז ער, דער גובערנאַטאָר, אוועק אהין מיט סאָלדאטען און פּאָליציייסקע, און ארויסגעגעבען א באַפעהל, אַז מען זאָל צוריק אפּנעמען די תבואה ביי די פּויערים. די סאָלדאטען האָבען דעם באַפעהל דורכגעפיהרט, און דער גובערנאַטאָר האָט גאָר אָנגעקוואָלען זעהענדיג ווי די „אָרימע טייוואָלים" טשעפּען זיך אָן אָן די זעקלאַך תבואה, וואָס די סאָלדאטען נעמען ביי זיי אָפּ, און לאָזען זיך שלעפּען איבער דער ערד צוזאמען מיט די זעקלאַך תבואה. ער האָט הנאה געהאַט צוקוקענדיג ווי זייערע באוועגונגען זיינען אזוינע אומגעלומפּערטע, און ער האָט זיך אמוזירט צוקוקענדיג ווי עס בייטען זיך די קאָלירען אין די פּנים'ער פון די פּויערים, וועלכע קריגען שמיץ. דאן האָט איהם זיין געוויסען ניט געפּלאָגט. דאָס איז ביי איהם געווען א געוועהנליכע זאך, אָדער ווי עס האָט אין רוסלאנד געהייסען „וו' קורסיע דיעל". די רעגיערונג האָט איהם דערפאר געדאנקט. זיין זוהן, אן אָפיצער אין דער ארמעע, איז צוליעב דעם אויך דערהויבען געוואָרען. דער גובערנאַטאָר איז געווען גליקליך, און קיין טרויעריגע געדאנקען האָבען איהם ניט געפּלאָגט.

אָבער דערנאָך איז געקומען א צייט ווען דער גובערנאַטאָר האָט פארגאָסען מענשליך בלוט. „פּאסירט האָט דאָס גאנץ איינפאך — דערצעהלט אנדרעיעוו — די ארבייטער פון א נאָהענטער פאבריק, וועלכע האָבען שוין געהאט געסטרייקט דריי וואָכען צייט, זיינען געקומען צום גובערנאַטאָר פאָדערען אזעלכע זאכען, וואָס זיינען ניט געווען אין זיין מאכט זיי צו געבען. זיי זיינען געווען עטליכע טויזענט אין צאָהל, — מענער, פרויען און קינדער, געהאַלטען האָבען זיי זיך צום גובערנאַטאָר פרעך און אונגעהאָרכזאם. זיי האָבען געשריגען, געליארעמט, באליידיגט די בעאַמטע, און איין פרוי, וועלכע האָט אויסגעקוקט ווי א וואהנזיניגע, האָט איהם, דעם גובערנאַטאָר אליין, א שלעפּ געטאָן ביים ארבעל אזוי שטאַרק, אז די נאָט האָט אַזש געפּלאצט. שפּעטער, ווען די טשינאָווניקעס פון זיין סוויטע האָבען איהם ארויפגעפיהרט אויפ'ן באַלקאָן און ער האָט זיך נאָך אלץ געסטארעט

איינצושטילען דעם עולם, האבען די ארבייטער אנגעהויבען וואר־
פען שטיינער, אויסגעקלאפט די שויבען אין זיין הויז און פאר־
וואונדעט דעם פאליצמייסטער. דאן האט דער גובערנאטאר פאר־
לארען די קאנטראלע איבער זיך און א פאבע געטהאן אין דער
לופטען מיט'ן פאטשיילבעל.

„דער עולם איז געווען אויפגערעגט און דערפאר האט מען
געמוזט אויסשיסען נאך אמאל, און עס זיינען דער'הרג'עט גע־
ווארען זיבען און פיערציג מענשען. צווישען די דער'הרג'טע
זיינען געווען 9 פרויען און 3 קינדער. די צאהל פון די פארוואונ־
דעטע איז געווען נאך גרעסער."

פון דאן אן האט זיך עס אנגעהויבען; דער גובערנאטאר
איז מיט אמאל געווארען אן אנדערער און אנגעהויבען קוקען אויף
דער וועלט מיט גאר אנדערע אויגען. דער געוויסען האט אין
איהם ערוואכט און ער האט גענומען חרטה האבען אויף זיינע
מעשים. עפעס מיט אמאל האט ער דערפיהלט, אז זיין זינד
איז אזוי גרויס, אז עס איז גאר קיין פארגעבונג פאר זיי ניטא.
די שאטענס פון די טויטע האבען איהם גאר פלוצלונג גענומען
פארפאלגטען, טאג ווי נאכט האבען זיי איהם פאר די אויגען גע־
שוועבט און איהם קיין רוה ניט געגעבען, כאטש ער איז קיין
טרום ניט געווען.

מיר וועלען זיך דא ניט אפשטעלען אויף דער זעעלען־דראמע
פון דעם גובערנאטאר וואס אנדרעיעוו שילדערט אזוי מייסטער־
האפט. דאס געהט ניט אריין אין אונזער טעמע. וואס אונז אינ־
טערעסירט איצט איז דער פאקט, אז נאך דער שחיטה איז דער
גובערנאטאר פאר'משפט געווארען צום טויט און אז ער האט זיך
פון דעם אורטייל ניט געקענט ראטעווען.

אן אונ'רחמנות'דיגער שיקזאל, אן אייזערנער געזעץ, א בלינ־
דע מאכט, וואס גיט זיך ניט אפ קיין חשבון און שפארט זיך מיט
עקשנות, פונקט ווי די מאכט פון דער נאטור — אזוי שילדערט
אנדרעיעוו די שטארקע האנט פון דער רעוואלוציע, וואס פאר
פאלגט דעם מענשען, וועלכער האט פארגאסען מענשליך בלוט.

„דעם פריהמאָרגען נאָך דער שחיטה, — דערצעהלט אַנ־דרעיעוו, — האָט שוין די גאַנצע שטאָדט געוואוסט, אז מען וועט דעם גובערנאַטאָר דער׳הרג׳נען. קיינער האָט וועגען דעם ניט גערעדט, אָבער יעדער איינער האָט דאָס געוואוסט, גלייך אין דער שטילקייט פון דער נאכט, בעת די לעבעדיגע זיינען אומרוהיג געשלאָפען און די טויטע זיינען שטיל אין שטאַהל געלעגען, וואָלט עפּעס א שווארצע באַשעפעניש איבער דער שטאָדט געלויערט און זי איינגאנצען איינגעהילט מיט די שווארצע פליעגלען.

„און ווען מענשען האָבען אָנגעהויבען ריידען וועגען דעם אז מען וועט דעם גובערנאַטאָר דער׳הרג׳נען — איינינע פריהער און די שטילערע שפּעטער — האָבען זיי דערפון גערעדט ווי וועגען א גזר וואָס מוז דורכגעפיהרט ווערען. די מעהרסטע האָבען וועגען דעם גערעדט גלייכגילטיג, פּונקט ווי מען רעדט וועגען א לקוי חמה, וואָס מען וועט זעהן בלויז אויף דער אַנדערער זייט פונ׳ם ערד־קוגעל. אַנדערע האָבען זיך געקאָכט און באַשפּראָכען די פראגע צי דער גובערנאַטאָר פארדיענט טאַקי אזא שטראָף און צי ס׳איז גלאַט א שכל אָפּצוראַמען פונ׳ם וועג איינצעלנע פּערזאָנען, ווי שעדליך זיי זאָלען ניט זיין, בעת דער גאַנצער טעראָר פון לעבען בלייבט ניט געענדערט. די מיינונגען זיינען געווען פארשיעדען, אָבער קיינער האָט קיין באזונדער אויפרעגונג ניט ארויסגעוויזען, גלייך דאָ וואָלט זיך גאָר ניט געהאַנדעלט וועגען אן ערשיינונג, וואָס האָלט אין קומען, נאָר וועגען א פאַקט וואָס איז שוין אָפּגעטאָן געווארען און קיין פּריוואטע מיינונג קען שוין גאָר ניט העלפען און גאָר ניט ענדערען.

„אין די געשפּרעכען וועגען דעם האָט זיך ארויסגעוויזען, אז דער גובערנאַטאָר האָט אייגענטליך מעהר פריינד ווי פיינד, אז אפילו די מענשען, וועלכע זיינען פאר פּאָליטישע הינריכטונגען האָבען אויך געפונען אן ענטשולדיגונג פאר איהם. ווען עס וואָלט געווען מעגליך, אז מען זאָל אין שטאָדט שטימען וועגען דעם, וואָלט א גרויסע מאַיאָריטעט זיכער געשטימט נעגען דעם.” און דאָך האָבען אלע געוואוסט, אז מען וועט דעם גובערנאַטאָר דער׳־

הרג׳נען. „אי די פריינד אי די פיינד פונ׳ם גובערנאַטאָר, סאַי די, וועלכע האָבען אויף איהם געפונען אַ זכות און סאַי די, וועלכע האָבען אויף איהם קיין זכות ניט געפונען, זיינען געווען אונטער׳ן איינדרוק פון דער עפּענטליכער מעלדונג, אַז דער טויט וועט געווים קומען. זיי האָבען געהאַט פאַרשיעדענע געדאַנקען און פאַרשיעדענע ווערטער, אָבער דער געפיהל איז געווען דערזעלבער ביי זיי אַלע, אַ שטאַרקער, אַן ארייננדרינגענדער, מעכטיגער געפיהל, וואָס איז לחלוטין גלייכגילטיג צו ווערטער, ווי נאָר דער טויט קען זיין. עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָס אַלטע גרייז גרויע געזעץ, וואָס צאָהלט מיט טויט פאַר טויט — דאָס געזעץ, וואָס איז שוין לאַנג פאַרשימעלט געוואָרען, וואָס איז שוין כמעט טויט אין די אויגען פון די מענשען וואָס זעהען ניט — האָט איצט מיט אַמאָל די קאַלטע אויגען געעפענט, דערזעהן די דער׳הרג׳טע מענער, פרויען און קינדער און גלייך אויסגעשטרעקט די שרעקליכע האנט אויף דעם מענשען, וועלכער איז שולדיג אין דעם.״

דער גובערנאַטאָר באַקומט אַנאָנימע בריעף. אין איינינע בריעף באַדויערט מען איהם אַלס אַ קרבן פון אומשטענדען, און אין אַנדערע גיסט מען אויף איהם פּעך און שוועבעל און מען זידעלט איהם; אָבער די אַלע שרייבער זיינען איבערציינט, אַז דער׳הרג׳נען וועט מען איהם. אין די פאַבריקען, אין די שענקען און אין די הייזער רעדט מען וועגען דעם, אַז מען וועט איהם דער׳הרג׳נען. אגענטען פון דער געהיים פּאָליציי גיבען אויף איהם אַכטונג, קאָזאַקען פאָהרען איהם נאָך און באַוואַכען איהם, אָבער דאָס אַלעס ווערט געטאָן עפּעס ווי גלאַט אַזוי. אי דער גובערנאַטאָר, אי זיין שטאַב ווייסען, אַז דער טויט איז נאָהענט, אַז עפּעס אַ מעכטיגעס וועזען, וואָס טרעפט אַלע מאָל אין ציעל, וועט זיך אין גיכען נוקם זיין אין איהם. אַ קלאַנג האָט זיך שוין אפילו פאַרשפּרייט, אַז מען האָט איהם שוין דער׳הרג׳עט. פאַר זיינע חברים און פריינד איז ער פּאַקטיש שוין טויט. עס מאַכט ניט אויס וואָס ער גיט נאָך אַרום באַפעהלען, עס מאַכט אויך

ניט אוים וואָס ער איז צייטענווייז גוט און צייטענווייז שלעכט ; פאר זיינע פריינד, פאר זיין פאַמיליע און אויך פאר זיינע אונ־טערטעניגע איז ער שוין טויט. לעבען גובערנאַטאָר'ס הויז האָט מען שוין איינמאָל געכאַפּט עפּעס א פאַרדעכטיגען מענשען, און כאָטש מען האָט ביי איהם גאָר ניט געפונען, איז דאָך פאַר אלע־מען געווען קלאָר, אז ער, דער פאַרדעכטיגער מענש, האָט גע־האַט בדעה צו דער'הרג'נען דעם גובערנאַטאָר.

אין די ארבייטער קוואַרטאַלען איז עפּעס צו שטיל געווען. מענשען האָבען ווידער אָנגעהויבען ארבייטען ; עס האָט זיך גערוכט, אז אלעס איז שוין ווידער געוואָרען געוועהנליך, אז מען האָט שוין אינגאַנצען אָן דער שחיטה פאַרגעסען, אָבער אין דער אמת'ען האָט די וואונד נאָך געבלוטעט און אָנגעפילט אלעמענס הערצער מיט האַס, אומעט און פאַרצווייפלונג. און א פרוי, וועמעס קינד ס'איז דער'הרג'עט געוואָרען, איז פון זינען ארונטער, און איהרע ווילדע געשרייען און פאַרצווייפעלטע בליקען האָבען ביי אלעמען ארויסגערופען א וועלט מיט רחמנות.

צוויי וואָכען איידער מען האָט איהם דער'הרג'עט האָט ער דורך דער פּאָסט באַקומען א פּעקעלע, אין וועלכען עס איז געלעגען א באָמבע. די באָמבע איז אָבער געווען שלעכט געמאַכט און זי האָט ניט געפּלאַצט. דאָס האָט דעם אומגליק נאָך גרעסער געמאַכט. „עס האָט זיך גערוכט, — שרייבט אנדרעיעוו — אז דער בלינדער טויט האָט די דאַרע פינגער אויסגעשטרעקט, טאַפּענדיג אין דער פינסטער" דער פּאָליצמייסטער איז געוואָרען אונרוהיג, דעם גובערנאַטאָר'ס פרוי האָט געפאָדערט, אז איהר מאַן זאָל גלייך בעטען אורלויב און אוועקפאָהרען ערגיץ אין אַן אַנדער שטאָדט. דער גובערנאַטאָר אליין האָט דאָס אויך גע־וואָלט, אָבער מערקווירדיג ! עפּעס מיט אמאָל איז ער גאָר אַן אַנדערער געוואָרען ; ער האָט אַראָפּגעוואָרפען פון זיך די גאַנצע מוט און אָנגעהויבען קוקען אויף אלעמען מיט דעם צוטרויען וואָס האָט איהם געפעהלט פריהער, ווען ער איז נאָך געווען ווי אַן אייגענער צווישען די לעבעדיגע. ער אליין האָט שוין גאר

אויפ'ן טויט ארויסגעקוקט, און עפּעס ווי ער וואָלט געוואָלט וואָס גיכער פּטור ווערען פון דער אונבאַשטימטער לאַגע, איז ער אָהן אַ וואָך דוקא געגאַנגען אין די פּאַרוואָרפענסטע גאַסען.

דער'הרג'עט האָט מען איהם אויף אַ גאַנץ געוועהנליכען אופן. צוויי אָרים געקליידעטע מענשען, מיט אויסגעבלייכטע פּנים'ער, האָבען איהם געפּאַקט ערגיץ אין אַ פּאַרוואָרפען געסעל. איינער האָט איהם דערלאַנגט אַ בריעף און באַלד ארויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער און איהם דערשאָסען אויף טויט.

דער גאָט פון נקמה האָט זיינס אויסגעפיהרט.